STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01875

ER VARFT A RIZN SHOTN

Ted Berkman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעד בערקמאַן

☆

ער וואַרפט אַ ריזן שאָטן

פרייז 16 ל״י — אין אויסלאַנד 6 $

טעד בערקמאַן

ער ווארפט
א ריזן שאטן

פון ענגליש: יוסף שוואַרץ

רעדאַגירט : מ. זאַלצמאַן

פאַרלאַג : ב. שאַפיר ת"א
נוה שרת, רח' רמה 14 א
טעל.: 771610

תשל"ב — 1972

TED BERKMAN

"CAST A GIANT SHADOW"

B. Shafir Publishing house
Tel Aviv
Phone . 771610

Printed in Israel

נדפס בישראל

אַלע רעכט רעזערווירט פון י. שוואַרץ

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שדר' הר־ציון 104, טל. 822481

דוד (מיקי) מאַרקוס

ערשטער ישראל־גענעראַל זינט די ביבלישע צייטן

טד ברקמן

בצלו של ענק

מאנגלית: יוסף שורץ

ע ו ר ך: מ. זלצמן

הוצאת ספרים: ב. שאפיר, ת"א
נוה שרת, רח' רמה 14 א', טל. 771610

מיין ברודער אין ירושלים, מיינע שוועסטער אין ניו־יאָרק, אַלע מיינע ברידער און שוועסטער וועמען אונדזער מדינה איז טייער און חלומען צו באַזעצן זיך אין זייער אויסגעבענקט לאַנד — געווידמעט.

דער איבערזעצער

אלע רעכט געזיכערט פון י. שוואַרץ

פונעם איבערזעצער

ס'איז אייגנטלעך נישט קיין הקדמה אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. גיכער איז עס אַן אויסגעשריי פון אַן איבער־געפּולט מיט ווייטיק האַרץ ווענן מצב פון אונדזער באַליבט מאַמע־לשון — יידיש.

בעת כ'האָב אָנגעהויבן לייענען די ענגליש־ווערסיע פונעם דאָזיקן דורך און דורך יידישן בוך, באַלד נאָך זיין דערשיינען, אין 1962, איז פון בלאַט צו בלאַט געשטיגן מיין באַגייסטערונג. דאָס איז געשען ראשית, צוליב דער אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט פון דער הויפּט־גע־שטאַלט זיינעם, מיקי מאַרקוס — און זיין טראַגישן אומ־קום ; שנית, צוליב דער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער געשיכטע פונעם אויפקום פון אונדזער מדינה און — שלישית — צוליב דער שיינקייט פון דער שפּראַך פונעם מחבר — טעד. בערקמאַן — ועלכער האָט דאָס אַלץ אַרויסגעבערענגט.

נאָך איידער כ'האָב דאָס בוך פאַרענדיקט לייענען, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק איבערצוזעצן עס אין יידיש, נישט מחמת דער תאווה צו „רווחים", פאַרשטייט זיך, נאָר פשוט, כ'האָב געטראַכט, אַז אַזאַ, וויכטיק און אינטערעסאַנט בוך דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידישער היים, ווו ס'טליעט נאָך דער שוואַכסטער פונק פונעם א"ג „פּינטעלע ייד".

צוויי זאַכן האָבן מיך געמאַטערט בעתן נעמען זיך צו דער אַרבעט : ערשטנס, צי וועט מיר די איבערזעצונג געלינגען ;

צווייטנס, צי האָט שוין ווער פון אונדזערע באַרימטע שרייבער נישט אויסגעכאַפּט מיר די בכורה ? ווען כ'האָב נאָך לאַנגע חדשים פיבערדיקער אַרבעט די איבערזעצונג פאַרענדיקט און אויסגעפונען, אַז קיינער פון אונדזערע שרייבער־גדולים האָט זיך נישט „צעריסן דעם פעלץ" צו פאַרלויפן מיר דעם וועג, האָב איך אָפּגעאָטעמט לייכטער און געווען זיכער, אַז איצט וועט מען זיך אָנהייבן רייסן איבער דעם אבן־טוב בבחינת : „עלי ינוח צדיק את ראשו"... ווי די אַמאָליקע חסידים איבער שיריים — אָבער אַ נעכטיקער טאָג...

כ'האָב זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיטן דאָזיקן אבן־טוב ווי כביכול מיט דער תורה. אָבער דאָס האָט קיינעם נישט אינטערעסירט. כ'האָב אומעטום באַקומען אַ קאַלטע באָד... אפילו אין דער „אידישער אַגענטור" — לייען : „סוכ־נות" האָט מען מיר גאַנץ העפלעך געענטפערט : „מיר פאַרנעמען זיך נאָר מיט ענגליש און עברית". יידיש — הס מלהזכיר ! אַז די דאָזיקע אָנשטעקנדיקע „ענגליש־קרענק" האָט אויך געטראָפן צו אונדזערע ישראלדיקע מנהי־גים, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, ווען כ'האָב באַ־שלאָסן צו באַזעצן זיך אין לאַנד. — אָבער לאָמיר זיך נישט אַליין פאַרלויפן דעם וועג...

איז מיין איינציקע האָפענונג פאַרבליבן „דער טאָג", ע"ה — זיי וועלן אוודאי דאָס בוך דרוקן אין טעגלעכע המשכים.

אין „טאָג" האָט מען מיר נישט געזאָגט : „ניין". מ'האָט מיר געהייסן קומען אין אַ צייט אַרום נאָך תשובה. אין באַשטימטן טערמין האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז „ס'וועט גיין"... נאָר ס'דאַרף נאָך דויערן דאָס אויספאַרריכטן (רע־דאַגירן) און געהייסן מיר קומען אין אַ צייט אַרום. בין איך אַזוי געגאַנגען אַ צווייט־מאָל, אַ דריט־מאָל, אַ צענט־מאָל און שטענדיק אַהיימגעקומען מיט האַרץ־ווייטיק און מיט עפּעס אַ תירוץ : „מען דאַרף נאָך אַריינקוקן", „אי־

בערקוקן", „דורכקוקן"... כ׳געדענק שוין איצט נישט גענוי וויפל פאַר שיך כ׳האָב צעריסן מיטן גיין... כ׳געדענק בלויז, אַז נאָך דריי יאָר גיין איז מיר דער ענין נמאס געוואָרן, מיין געדולד האָט געפּלאַצט און כ׳האָב די איבערזעצונג אָפּ־גענומען.

ביז איצט קען איך נישט געפונען קיין ווערטער פאַר מיין אַנטוישונג: די איינציק גרויסע נאַציאָנאַלע, פּראָ־ציוניסטישע יידיש־צייטונג אין אַמעריקע, וואָס האָט באַראַ־באַנעוועט טאָג־איין, טאָג־אויס וועגן יהדות, יידנטום, ציוניזם און — ישראל, האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַביסל צו באַמיען און אָפּצודרוקן אַזאַ וויכטיק יידיש ווערק — אפילו אָן אַ וועלכן ס׳איז האָנאָראַר.

אָבער אין גאַנצן האָב איך די זאַך נישט אויפגעגעבן, מחמת כ׳האָב זיך דעמאָלט געגרייט צו באַזעצן אין ישראל און אין לאַנד פון נסים — האָב איך געטראַכט — וועט אפשר געשען אויך דער נס פון אַרויסגעבן דאָס בוך.

שמועסנדיק אין לאַנד מיט געוויסע מענטשן וועגן מיין „אויפטו", האָבן זיי געקוקט אויף מיר ווי כ׳וואָלט גערעדט פון היץ... „וואָס? — האָבן זיי זיך געוווּנדערט — אַן איבערזעצונג אין יידיש?... ווען דאָס זאָל זיין טאַטעריש, טערקיש, די זולו־שפּראַך, אָבער יידיש? — ווער לייענט היינט יידישע ביכער?

הקיצור, כ׳האָב אָנגעהויבן אַרומגיין פון איין פאַר־לאַג צום צווייטן. מ׳האָט מיר געלייגט שטיינער אויפן האַרץ, אָפּגעצויגן מיך לאַנגע חדשים און וואָס לענגער די זאַך האָט זיך פאַרצויגן — אַלץ מערער האָט מען געהעכערט דעם פּרייז מיטן אויסרייד: אינפלאַציע, דעוואַלואַציע, מאַ־כינאַציע א. אַנד. „אַציעס"... ביז מיין פאַרצווייפלונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט און כ׳בין שוין גרייט געווען אויפצוגעבן דעם גאַנצן ענין.

אָבער לא ינום ולא יישן שומר היידיש...

אַ צופאַל האָט מיך צונויפגעפירט מיטן זעלטענעם סטיליסט פון יידישן פוילן, דעם דיכטער **מ. זאַלצמאַן,** וועלכער האָט ווי איך זיך איבערגענומען מיטן תוכן פון דעם בוך און זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט פון רעדאַגירן און אַרויסגעבן עס. וויל איך דאָ, ביי דער געלעגנהייט פונעם סיום־הספר, אויסדרוקן אים מיין האַרציקסטן דאַנק און טיפסטע אָנערקענונג פאַר זיין אומדערמידלעכער אָנגע־שטרענגטער אַרבעט וואָס האָט דערפירט צום דערשיינען פון דעם בוך.

דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון אַ בוך, אַ יחיד במינו — און פון אַ פשוטן יידן, וועלכן ס'איז פלוצעם, אין אַ מינוט פון שוואַכקייט אָדער באַגייסטערונג, באַפאַלן אַ חשק איבערצוזעצן פון ענגליש אַ בוך, וואָס לויט זיין מהות, טעמאַטיק, מעשים פון זיינע העלדן און דעם אָרט פונעם סיפור־המעשה — ארץ־ישראל — איז עס דורכויס יידיש, און צוליב וועלכן ער האָט געליטן שבעה מדורי גיהנום במשך גאַנצע ניין יאָר.

אַזאַ איז דער מצב פון יידישן וואָרט, פון אונדזער טויזנט יאָריקער ירושה — די ירושה פון די שאַרפסטע מוחות אונדזערע, גאונים און קינסטלער פון אומצאָליקע דורות וועלכע האָבן אינוועסטירט אין אונדזער לשון זייער האַרץ און נשמה.

י. ש.

אַרײַנפֿיר

הויך איבערן רואיקן האַדסאָן־טייך, ווו דער באָדן פֿון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן טונקט זיך אין די שאָטנדיקע פֿאַלדן פֿונעם שטורעם־קעניג־באַרג, געפֿינט זיך דער מיליטערישער בית־עולם פֿון וועסט־פּאָינט. די עלטסטע מצבה דאָרט, וועלכע איז העכער אַכציק יאָר עלטער פֿון יעטוועדער אַנדערער אינעם נאַציאָנאַלן קברות־פֿעלד אין אַרלינגטאָן, פֿאַראייביקט אַ יונגן לייטע־נאַנט פֿון דער אַרמיי פֿון דער רעוואָלוציע, ביי וועמענס לוויה אין וועסט־פּאָינט, אין האַרבסט 1782, ס'איז אָנ־וועזנד געווען גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

אַנדערע שטיינער, צעזייטע איבערן פֿעלד, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנער וואַנט, טראָגן נעמען טיף־פֿאַרקריצטע אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון אַמעריקע: גענעראַל א. דזשאָרדזש קאָסטער פֿונעם באַרימטן לעצטן שטאַנד; מאַיאָר ראָבערט אַנדערסאָן, פֿאַרטיידיקער פֿון דער סאָמטער פֿעסטונג; „קאַפּיטאַן מאַללי" קאָרבין — די „פֿעכטנדיקע מאַללי" וועלכע האָט אין דער אומאָפּהענ־גיקייטס־מלחמה אויפֿגעהויבן די ביקס פֿון איר געפֿאַלענעם מאַן און פֿאַרגעזעצט שיסן ביז זי אַליין איז געפֿאַלן אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטע. די פֿאַרקריצטע אויף די מצבות נעמען פֿון שלאַכטפֿעלדער שטעלן צונויף אַ לעקסיקאָן פֿון דער מיליטערישער געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן:

יאָרקטאַן; וועראַ־קרוז; בול־ראַן, סאַן דזשואַן, ווערדון, נאָרמאַנדיע און קאָרעאַ.

מאַיאָר פרענסיס דעיד, וועלכער איז געטויט געוואָרן מיט אַלע זיינע סאָלדאַטן אין דער פלאָרידער סעמינאָלער שחיטה, איז באַערדיקט צווישן הויכע סאָסנעס און שפּע־דיקע קאַשטאַנען. אַזוי אויך לייטענאַנט־גענעראַל ווינפילד סקאָט וועלכער האָט פאַרענדיקט זיינע לעצטע טעג אין ווסט־פּאָינט און איז דאָרט באַזוכט געוואָרן פון פּרעזי־דענט אייברעהעם לינקאָלן.

צווישן אָט דער גאַלעריע פון מיליטערישע אומשטערב־לעכע איז פאַראַן איין קבר אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער. דאָס קבר געפינט זיך ביים אַריינגאַנג פון בית־עולם, עטלעכע יאָרד פונעם קוסטן־באַזעצטן וועג וואָס שלענגלט זיך צו מערב פונעם אַלטן קאַדעטן־טשאַפּל.

דאָ איז אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אין אַ וואַרעמען טאָג פון אָנהייב זומער 1948. צווישן זיינע באַגלייטער: דער גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק שטאָט, דער ניי־באַצייכנטער רעפּובליקאַנישער קאַנדידאַט פאַר דער פּרעזידענטשאַפט; דער פינאַנץ־מי־ניסטער פון קריגסצייט אינעם קאַבינעט פון פרענקלין ד. רוזוועלט; די הויפּט־באַאַמטע פון דער שטאָט ניו־יאָרק; דער אונטערערדישער פירער פון דער לעגענדאַרער פלי־טים־שיף „עקסאָדוס״ און צוויי וועטעראַנען פעלד־קאָ־מאַנדירן וועלכע האָבן אין גיכן געזאָלט צעשיידט ווערן אויף אַ שטרעקע פון אַכט טויזנט מייל — די קעפּ פון דער וועלטס עלטסטע און נייעסטע אָפּערירנדיקע דעמאָ־קראַטיעס.

וואָס אָבער עס טיילט באַזונדערס אויס דאָס דאָזיקע קבר פון די אַנדערע, זענען נישט די אָנערקענונגען, צוגע־טיילטע יענעם טאָג דעם געפאַלענעם, אויך נישט די פיל

שלאַכטפעלדער און די אַלגעמיינע לויבגעזאַנגען, פאַרבונדענע מיט זיין העלדנטום. דאָס איז דער איינציקער פון אַלע דריי טויזנט פאַרשידנאַרטיקע קברים אין וועסט־פאָינט, וואָס איז דער רופלאַץ פון אַ סאָלדאַט אַ געפאַלענעם אונטער אַן אויסלענדישער פאָן.

די מצבה איז אַ סאָלידע, קלין־פאָרמיק ווי ס'איז געווען דער מאַן וואָס רוט אונטער איר. די אויפשריפט אויף איר האָט מיט רעכט געקאָנט זיך לייענען:

„דאָ ליגט אַ מאַן, וועלכער האָט נאָך לאַנגער איבערגעגעבענער דינסט פאַר זיין שטאַט און לאַנד, געפילט אַז די דעמאָקראַטיע האָט נישט פאַרענדיקט איר מיסיע מעבר־לים. אַזוי ווי לאַפאַיעט פאַר אים, האָט ער אַריבערגעפירט זיין קאַמף פאַר מענטשלעכער חשיבות צו אַ יונגער קעמפנדיקער רעפּובליק, ווייט פון זיין היים, העלפנדיק פאָרמירן פון אירע בירגער אַן אַרמיי. אונטער דער נאָז פונעם שונא, האָט ער אין נאַקעטע, שטיינערנע בערג אויסגעהאַקט אַ ניט־פאָרויסזעענדיקן וועג, וואָס האָט געראַטעוועט די מענטשן פונעם באַלאַגערטן ירושלים, פאַלנדיק אַליין ביי די טויערן פון דער שטאָט. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט באַקומען דעם גענעראַל־ראַנג פון דער ישראל־אַרמיי, זינט די ביבלישע צייטן".

אָנשטאָט דעם, טראָגט אויף זיך די מצבה אין טיף־איינגעקריצטע אותיות, שטאַנדהאַפטיקע קעגן שניי, ווינט און רעגן די שטילע לעגענדע: **„קוירנעל דוד מאַרקוס — אַ סאָלדאַט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט".**

קאַפּיטל איינס

דער בלייכער, יונגער, ענגלישער סערזשאַנט, שטייענדיק ביים איינגאַנג פון זיין מאַיאָרס געצעלט אין צענטראַל־פּאַלעסטינע, האָט אַ הויב געטאָן די האַנט צום שפּיץ פון זיין בערעט אין שאַרפן סאַלוט:

— יידישע געפאַנגענע, סער!

— נו גוט, ברענג זיי אַריין.

דריי מענער אונטער אַ שטרענגער וואַך זענען איינציקווייז אַריין פון דער דרויסנדיקער זון אין דער פרימאָרגן־קילקייט פונעם געצעלט. די ערשטע צוויי — אַ ביינערדיקער, רויטהאָריקער און אַ דינער בלאָנדער יונג מיט אַ שראָם אויף זיין לינקער באַק — אין דער טיפּישער הלבשה פון די יידישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעס־טינע: כאַקי־העמדלעך און קורצע הייזלעך פון די ענגלישע מיליטערישע איבערפלוסן. דער דריטער געפאַנגענער, אַ קורץ־געפּאַקטער און עלטער פון די אַנדערע, מיט אַן אָפענער, בראָנזענער מעכטיקער ברוסט. ער האָט געשפּרייזט מיט אַ לייכטן, כמעט זיך וויגנדיקן טראָט פון אַ וועטעראַן־אַטלעט.

— מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער חברה לעצטע נאַכט!

— האָט דער סערזשאַנט געמאָלדן — אין אַ דזשיפּ אָן באַלייכטונג, אויף אַ זייטן־וועג הינטער רמלה.

דער מאַיאָר — אַ הויכער שאָטלענדער, מיט פאָרשנדיקע בליקן — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטול ביי זיין אימפּראָוויזירטן שרייבטיש.

— האָבן זיי געהאַט געווער?

— נייך, סער! זיי האָבן אָבער געהאַט צייט צו פאַרשטעקן עס צווישן די מאַראַנצן־ביימער...

דער מאַיאָר האָט זיך געווענדעט צו דער „טראַיקע״:

— פאַרוואָס זענען אייערע ליכטער געווען פאַרלאָשן?

דער רויטהאָריקער האָט עפּעס געזאָגט שנעל אויף העברעיש. דער בלאָנדער האָט עס איבערגעזעצט: „באַטעריע־שטערונג״.

אַ סקעפּטישער שאָקל מיטן קאָפּ. דער ענגלישער אָפיציר האָט אַרויסגעצויגן אַ דערלויבעניש־קאַרטע פון רויטהאָריקנס פּאַפּירן. שווייגנדיק, האָט ער דורכגעקוקט אַ פּעקל פּאַפּירן, פאַרשנדיק זיי.

— אַ מוזיקאַנט, אַ? — האָט קאָמענטירט דער מאַיאָר — האָסט אוודאי געזוכט דעם פאַרלוירענעם ניגון ביי אַ סטראַטעגיש־אַראַבישער שטאָט אין מיטן נאַכט...

— מיר האָבן באַזוכט פריינד אין באר־יעקב — איז געפאַלן אַ שנעלער ענטפער פונעם יינגען פירשפּרעכער. מיר האָבן געפּרווּוט געפונען דעם הויפּט־וועג צוריק קיין תל־אביב.

— דורך אַ מיליטערישער אויסשפּיר־געגנט, אַרום רמלה?...

אַ גאָרנישט־זאָגנדיקער אַקסל־צי: „איך בין אַ פאַרמער״.

— דער דזשיפּ האָט געהאַט אַ לאָך פון אַ קויל, סער! — האָט זיך אַריינגעמישט דער סערזשאַנט — אין דער הינטערשטער לינקער אַקס.

ווידער אַ מאָל אַ שנעלע רויִקע דערקלערונג: „פון אַ יאַגד־אינצידענט״.

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן מאַיאָרס געזיכט. ס׳זענען נישט געווען קיין יאַגד־חיות אין פּאַלעסטינע אינעם ווינטער פון 1947/48. בלויז אַראַבער און יידן אין אומענדלעכע איבערפאַלן איינע אויף די אַנדערע און מאַנעווּרירונגען צו באַהערשן וואָס מער סטראַטעגישע פונקטן — פאַר דעם אַנטשיידענעם קאַמף, וואָס וועט זיכער קומען נאָך דעם ווי אין מאי וועלן די ענגלישע קרעפטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דעם פאַרגאַנגענעם נאָוועמבער האָבן די „פאַראייניקטע־נאַציעס״

אָפּגעשטימט וועגן דער צעטיילונג פון פּאַלעסטינע אויף צוויי באַזונ־דערע אַראַבישע און יידישע שטאַטן. אַראַבישע פּאָליטישע פירער, געהעצטע דורכן פּאַרשיקטן, געוועזענעם הויפּט־מופטי פון ירושלים, האָבן זייערע מפּלות דערטרונקען אין אַ מוראדיקן אויסגוס פון לאָזונגען וועגן „דערשטיקן דעם ציוניזם״. זייערע ווערטער האָבן זיך פאַרשפּרייט ווי אַ וואַלד־שריפה; גלייך האָבן אָרטיקע אַראַבישע באַנדעס געעפנט שיסערייען, אָנגעהויבן מינירן און אונטערצינדן יידישע קאָלאָניעס און רעזערוו־טראַנספּאָרטן, אומעטום ווי זיי האָבן זיך נאָר געקאָנט אַרויסדרייען אומבאַשטראָפט.

אין פּריוואַטן לעבן האָט דער מאַיאָר ביז אַ געוויסער מאָס באַוווּנדערט די האַרטנעקיקייט פון די קיבוצניקעס וואָס זאָגן זיך אָפּ אָפּצוגעבן אַפילו איין אינטש ערד, נישט געקוקט אויף די אומאויפהערלעכע דראָונגען און איבערפאַלן אויף זיי מצד די אַראַבער. אַזוי לאַנג אָבער ווי ענגלאַנד פאַרבלייבט די מאַנדאַטן־מאַכט, איז ער, דער מאַיאָר, דער אונטערטאַן פונעם קעניג אונטער ספּעציפישע באַפעלן פאַרפליכטעט אָפּצונעמען פון די יידן יעדן מין געווער און צו אויסוואָרצלען די פירערשאַפט פון דער היימיש־וואַקסנדיקער פאַרטיידיקונגס־מאַכט — די הגנה.

דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע: די הגנה האָט פּאַקטיש אַרומגענומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג; מענער און פרויען, וואָס אַ גאַנצן טאָג זענען זיי געווען דענטיסטן, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און לערער, האָבן אין די נעכט זיך פאַרוואַנדלט אין קעמפער, באַוואָפנטע מיט „סטען״־געווער און ביקסן, אַקעגנשטעלנ־דיק זיך די אַראַבער און זייערע גאָרילע־צענטערן.

איצט האָט דער מאַיאָר דורכגעבלעטערט די פּאַפּירן פונעם בלאָנדן געפאַנגענעם. ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק:

— ווו האָסטו באַקומען דעם שניט, בן־רב?

— פון אַ דייטשישן באַיאָנעט, אין דער יידישער בריגאַדע — די קרעפּטן פון זיין מאַיעסטעט...

דער מאַיאָר איז געווען זשעניִרט. פּיל, זייער פּיל פון די דאָזיקע

מענטשן האָבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געקעמפט אויף דער זייט פון די אַליִירטע, בעת די אַראַבישע פירער, ווי קעניג פאַרוק פון עגיפּטן, זענען געווען אויף דער זייט פון דער „אַקס".

— און איצט ביסטו אַ פאַרמער? — האָט דער מאַיאָר אים אַ פרעג געטאָן אומדערוואַרט — לאָז מיך זען דיינע הענט.

בן־רב איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס.

דער דריטער פון דער „טראָיקע" האָט שווייגנדיק באַטראַכט אַלעמען אויפמערקזאַם. זיינע לעבעדיקע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן פון די באַטייליקטע אין דער „דראַמע". אַצינד, נאָכן מאַיאָרס לעצטן באַפעל, האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיין בליק, די מוסקלען אַרום זיין דיקער פעסלדיקער ברוסט האָבן זיך פאַרשטייפט. פונעם פערטן פינגער פון זיין לינקער האַנט האָט אַראָפּגעגליט דער רובין פון אַ גרויסער רינג. דער סיגנעט האָט געהאַלטן אפשר אַ דריי פערטל אינטש אין דיאַמעטער, אָבער דאָ, אין קאָמאַנדירס געצעלט אין ענגלישן לאַגער פון סאַראַ־פאַנד, האָט ער פלוצעם אָנגענומען דעם אויסזען פון אַן אייזבאַרג, און דער רויטער, גלאַנציקער שטיין איז אין זיין צענטער געווען אַזוי צוציענדיק, ווי דאָס פאַרקערליכט אויף טיימס־סקווער אין ניו־יאָרק. די רינג וואָלט געקענט אידענטיפיצירן זיין באַזיצער אויף אַזאַ אופן, וואָס וואָלט צעשטערט די געמיטלעכקייט פונעם קאָלאָניאַלן אָפיס אין לאָנדאָן.

דער קורץ־געפּאַקטער מאַן האָט געפּאָרשט דאָס צימער. די וועכטער זענען אין גאַנצן געווען קאָנצענטרירט אויף זיין בלאָנדן קאָלעגע, וועלכער איז איצט געשטאַנען פאַרן מאַיאָר מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, ווי זיך גרייטנדיק אַרונטערצוטויכן אין וואַסער אַריין פון אַ שפּרונגברעט.

דער מאַיאָר האָט פאַרטראַכטערהייט פאַרשטעקט זיין בליק אינעם דיל, ווי ער וואָלט באַטראַכט די אוזאָרן וואָס די זיך דורכגע־ריסענע דורך די ווענט־שפּאַלטן זון־שטראַלן האָבן געצייכנט אויפן זאַמדיקן באָדן פונעם געצעלט. גאַנץ רויִק האָט דער מאַן פונעם

סיגנעט אָנגעהויבן איבערדרייען אים אויף זיין פינגער, מיטן פּנים אַראָפּ, אַזוי, אַז ווי באַלד ער וועט ווערן אויסגעשטעלט צו אַן ענלעכער אינספּעקציע, זאָל דער רובין לפּחות נישט גלאָצן דעם מאַיאָר אין פּנים אַריין.

ענדלעך האָט דער מאַיאָר אויפגעהויבן זיין בליק:

— ניין, ניין — האָט ער בייזלעך געזאָגט צו בן־רבן — די האַנט פלאַכן אַרויף — כ'וויל זען וויפל אַרבעט האָסט אַריינגעלייגט אין די פעלדער...

...די האַנטפלאַכן אַרויף, האָט דער בעל־הסיגנעט אַ טראַכט געטאָן, דאָס איז שוין אַן אַנדערע געשיכטע...

בן־רב האָט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל, ווייזנדיק זיינע פּאַרמע־רישע פאַרהאַרטעוועטע מאָזאָליעס. דער בעל־הסיגנעט האָט גיך צוריקגעדרייט דעם רינג צו זיין נאָרמאַלער פּאָזיציע. און טאַקע באַלד־נאָך דעם האָט דער מאַיאָר אים געפרעגט:

— וואָס עפּעס וועגן דיר? קאָנסט ריידן ענגליש?

דער ענטפער האָט אַרויסגעפּלאַצט קלאָר און צאָרנדיק: „וואָס, דו מאַכסט שפּאַס? וואָס איז עס פאַר אַ פּראָצעדור? כ'בין אַ יו־עס־עי־בירגער און כ'גיב דאָ די לצים לעקציעס וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ שטאָל־גיסעריי".

דעם באַקלאָגערס הויך־טאָניקע באַנדזשאַ־שטים האָט אַרויסגע־בראַכט אַ ציין־שטשירנדיקן שמייכל ביי די ענגלישע וועכטער. קיין זאַך אין זיין האַלטונג האָט נישט אָנגעדייט אויף דעם „באַשולדיקטנס" דריי אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען. אַ מער־וויניקער ליבעראַלע אָפּשאַ־צונג וואָלט אים געגעבן העכסטנס אַ יאָר־צוויי היי־סקול. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון טאַש אַ פאַרשמירטן טייסטער, אַרויסגעצויגן פון דאָרט פּאַפּירן און שנעל זיי דערלאַנגט דעם מאַיאָר.

— „מייקל סטאָן" — האָט דער שאָטלענדער הויך אַרויסגעלייענט — שטאָל־פאַבריק אויפזעער אָנגעשטעלט ביי דער סולל־בונה־קאָר־פּאָראַציע.

— גאַנץ ריכטיק, פריינד. ווילסט זען מיינע הענט? נישט

וואַרטנדיק אויף קיין תשובה האָט מייקל סטאָן אויסגעשטרעקט זיינע ברייטע פּירעקיקע האַנטפלאַכן. זיי זענען געווען באַדעקט מיט אַ שיכט פון אַרבעט־פאַרהאַרטעוועטע פּענכערס. „דאָס קומט נישט פון קיין טיי־טרינקען, בעלאַבאָס!". אַ ברויזנדיק געלעכטער האָט אַרויסגעפּלאַצט פון דעם קורץ־געפּאַקטן מאַן און בהדרגה איבערגע־גאַנגען אין אַ זעלבסט־צופרידענעם כיכיקען, וואָס האָט אָפּגעפּרישט די „טראַיקע" ווי נאָך אַ זייפנשוים־באָד.

דעם מאַיאָרס אויגן האָבן זיך באַוויגן אַרום די שטאַרקע הענט־מוסקלען ביז אַרויף צום פעסטן ברוסט־געבוי און דעם דיקלעך ווי מיט שטריק אָנגעצויגענעם האַלדז פונעם בעל־הסיגנעט. ס'איז געווען נישט־שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דער דאָזיקער מאַן שמעלצט און גיסט שטאָל. ס'איז פּאַקטיש געווען אָנצונעמען אַז ער איז ווי געבוירן פאַר אַזאַ סאָרט אַרבעט. מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע נישט מער ווי אַן אומשולדיקע עקספּעדיציע. אלנפּאַלס איז נישט פאַראַן קיין גענוגנ־דיקע סיבה די מענטשן צו פאַרהאַלטן. ער האָט אומגעקערט דעם אַמעריקאַנער זיינע פּאַפּירן, מאַכנדיק אַ זשעסט ווי זיי פריי צו לאָזן: „נו גוט, יענקי — גיב נאָר אַכטונג מיט וועמען דו חברסט זיך..."

— אָט די חברה? — האָט געזאָגט דער שטאָל־גיסער — זיי וועלן אפילו אַ פליג נישט אָנרירן.

דער שאַטלענדישער מאַיאָר האָט נישט געקאָנט נישט אויסנוצן די געלעגנהייט: „און וואָס דענקסטו וועגן ענגלענדער?".

— וואָס, מאַכסט שפּאַס? ווער אויף וועמען האָט דאָ געפּאַכעט מיטן שווערדל?

דער מאַיאָר האָט זיך גלייך געווענדעט צום סערזשאַנט: „לאָז זיי גיין".

אָפּפאָרנדיק אין זייער דזשיפּ, מיטן רויטהאָריקן ביים רעדל, האָט חברה נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט. זיי האָבן אויך דערווייל זיך נישט אומגעקערט צום מאַראַנצן־וועלדל, ווו זיי האָבן אַ נאַכט פריער, בעת זיי האָבן דערזען דאָס ליכט פון אַן אָנקומענדיקער פּאַטרול־קאַר, פאַרשטעקט דאָס געווער — אַ סטען־

ביקס און אַ רעוואָלווער, הגם דאָס געווער איז געווען צו קאָסטבאַר; אָבער דאָס איז געווען ווי אַ נס, ס'האָט געפעלט אַ האָר אַז דער נס זאָל נישט געשען.

אינעם זעלבן נאָכמיטאָג איז מייקל סטאָן געשטאַנען איינזאַם ביי אַ פּאַרצייטיקן ים־ברעג, טיף אונטער די קראַטער־צעלעכערטע בערג פון ירושלים. הינטער אים, פּאַזע דעם פלאַכלאַנד פון יריחו, האָט געפלאָסן דער ירדן. נישט ווייט האָט זיך געפונען די פּאָטאַש־קאָלאָניע פון בית־הערבה, איינע פון די פיל אָפּגעזונדערטע יידישע קאָלאָניעס, שוין אָפּגעשניטענע פונעם האַרץ פון לאַנד, ווייט צו מערב, צו וועלכער מען קען צוקומען איינציק מיטן קאַנוואָי פון דעם מין וואָפן־טראַנספּאָרט, וועלכער האָט אים נאָר־וואָס אַהערגעבראַכט. אַ שעה שפּעטער האָט ער באַדאַרפט זיך צוזאַמענטרעפן מיט די פירער פון דער שווער־געליטענער קאָלאָניע, כדי דורכצוקוקן פאַרטיידיקונגס־פּלענער.

אָבער דערווייל האָט ער באַדאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן רינג מיטן איינגעפאַסטן רובין, וועלכן ער האָט נישט גערן אַרונטער־געשלעפּט פונעם פינגער. דער רינג האָט מיט אים אַרומגערייזט בערך 150.000 מייל דורך צענדליקער לענדער איבער פינף קאָנטינענטן. ער האָט גלימירט אויפן ים־ברעג פון האָנאָלולו; ער האָט גערוט אויף גלאַנציקע קאָנפערענץ־טישן אין ניו־יאָרק־סיטי־האָל און אין ווייסן הויז, אין קוויבעק, אין יאַלטאַ און פּאָטסדאַם; ער האָט געדריקט די פון דער נאַכט אָפּגעקילטער רער פון אַן אויטאָמאַטישער ביקס אין נאָרמאַנדי — און דאָך, ווען ער וואָלט דאָ באַמערקט געוואָרן אויף אים, וואָלטן די קאָנסעקווענצן געקאָנט זיין זייער טרויעריקע. וועגן דיין אייגענער זיכערקייט האָט ער זיך נישט גענאַרט. בלויז אַ טאָג פריער האָט ער געשריבן צו אַ פריינד קיין אַמעריקע:

„די שפּיל איז דאָ אַ טויט־ערנסטע. אויב די ענגלענדער כאַפּן ביי אַ יידן געווער אויף אַראַבישער טעריטאָריע, קאָנ־פיסקירן זיי עס און אים אַליין גיבן זיי איבער צו די אַראַבער

און אויב ער האָט מזל — ווערט זיין האַלדז שנעל איבער־געשניטן״.

וואָס ס׳האָט מייקלען אַממיינסטן געקימערט איז געווען די געהיימע מיסיע, צו וועלכער ער האָט זיך פאַרפליכטעט. דאָס טאָר נישט ריזיקירט ווערן. אַמבעסטן וואָלט געווען דעם פראָוואָקאַטיוון רינג איבערצולאָזן דאָ אין דער פאָטאָש־געדיכטעניש אויפן גרונט פון ים־המלח.

נישט געקוקט אויף זיין, כ׳וואָלט געזאָגט, קאָסמישער לאָגיק, איז ער צייטנווייז באַהערשט געווען פון אינטויטיווע־סענטימענטן. פאַרזיכערונגס־מיטלען האָבן דאָך, נאָך אַלעמען, געקאָנט אָנגענומען ווערן דורכן באַהאַלטן דעם רינג אין אַ פאַרשלאָסענעם סייף פון אַ תל־אביבער באַנק.

אָבער קוירנעל דוד מאַרקוס — מיקי — ווירטואָז־אַטלעט, „הייליקע מלחמה״־פירער, באַאַמטער פון שטאָט ניו־יאָרק, טרענירער פון די פאַסיפישע דזשונגל־קעמפער „רענדזשערס״, פענטאַגאָן־פּלאַנירער, פרייוויליקער פאַראַשוטיסט אין נאָרמאַנדיע — האָט אַראָפּגעצויגן פון פינגער דעם מיט אַ ים־הינט באַצירטן אוניווערסיטעט־רינג און אַריינגעלייגט אים אין קעשענע. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט אים אַראָפּגענומען פון פינגער זינט דער גראַדויִרונג זיינער פון דער יו.עס. מיליטערישער אַקאַדעמיע אין 1924.

— ווי גייטס, באַלעבאָס!

בן־גוריון, דער צוקונפטיקער פרעמיער פון ישראל, האָט אויפגעהויבן זיין בליק פונעם שרייבטיש, הערנדיק די אומקאָנווענציאָנעלע, אָבער שוין פאַמיליאַרע באַגריסונג.

— מיקי, קום אַריין!

מיקי מאַרקוס האָט אַריינגעשטורעמט אין צימער און אַ שליידער געטאָן אויף אַ שטול זיין לעדער־פּאָרטפעל.

— אַ שיינע שטאָט ביי אייך! — האָט מיקי אויסגערופן!

אין ציוויל־קליידער — אַ ספּאָרט־ראָק פון קאַווע־קאָליר און

ברוינע וואָלענע הויזן — האָט ער אויסגעזען ווייניקער מעכטיק ווי אין אוניפאָרם, אָבער נאָך אַלץ פול מיט ענערגיע. געריעדט האָט ער הויך ווי פריער, אָבער וואַרעמער און געמיטלעכער, נאָר אָן דעם קאָמישן קוויטש, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט בעת דער פאַרוואַנדלונג זיינער אין מייקל סטאָן, דעם שטאָל־גיסער.

— כ׳בין שוין אויף די פיס זינט 6.30 פרי — האָט מיקי געזאָגט — כ׳האָב שוין אַריינגעכאַפּט אַ שווים, אַ זונבאָד, זיך אַ ביסל דורכגעאיבט אויף די שטאַנגען. איר ווייסט, ווען כ׳בין דאָ אויפגעשטאַנען דעם ערשטן פרימאָרגן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ׳בין אין מיאַמי־ביטש. שפּעטער, ווען כ׳האָב פאַרבראַכט אין די קאַפעען און באַטראַכט די שיינע מיידלעך, האָב איך געטראַכט, אַז כ׳בין אין פּאַריז... פּאַריז מיט טייטלביימער.

מיקי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ ווייך לאַטשענדיק ברומען טיף אין האַלדז, איבערגייענדיק אין אַ שטורמישער הייטערקייט. אייך זאָך אין זיין פאַרוואַנדלונג אַלס מייקל סטאָן איז שוין גאָרנישט געווען געקינצלט: זיין שטורעמדיק געלעכטער. דאָס עכטע הייטערע געלעכטער איז געווען זיין קענצייכן.

די געשפּאַנטע געזיכטס־מוסקלען פונעם ווייסהאָריקן בן־גוריון, הגם פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט ענינים פון פּאָליטישער דרינגלעכקייט, זענען זיך צעגאַנגען אין אַ שמייכל פון דער גוט־ברודערשאַפט פון דעם אַמעריקאַנער. אָבער דער ראש פון דער צייטווייליקער ישראל־רעגירונג האָט געהאַט אַנדערע זאַכן אויפן קאָפּ.

בן־גוריון איז צוגעטראָטן צום עיקר־ציל פון מיקיס באַזוך:

— נו, מיקי, האָסט זיך שוין אַרומגעקוקט? וואָס טראַכסטו?

מיקיס לעבעדיק אָוואַל פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט ערנסטקייט:

— איר ווילט דאָך כ׳זאָל זיין מיט אייך אָפנהאַרציק — נישט?

— געוויס.

— נו, גוט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מיר זענען אויף צרות.

— כ׳מיין אויך אַזוי. ווי שלעכט האַלט עס?

— אַלץ הייסט שלעכט! — מיקי האָט געקליבן די ווערטער פאַרזיכטיק — וואָלטן די אַראַבער געהאַט אַ ריכטיקן קאַמפּספּלאַן — און זיי קענען מיט שטאַרקע קרעפטן אַטאַקירן אפילו מאָרגן — וואָלטן זיי איינגענומען תל־אביב אין צען טעג.

בן־גוריון האָט פאַרמאַכט דעם ספר תנ״ך, וואָס איז געלעגן אויף זיין טיש אָן אָפּענער.

— מעסטנדיק די כוחות לויט זייער רעאַלן באַשטאַנד — האָט מאַרקוס פאַרגעזעצט — קענען זיי באַלאַגערן דאָס לאַנד פון אַלע זייטן, אָפּשניידן פון דרום דעם נגב, פאַרפלייצן די גליל־קאָלאָניעס אויף צפון, זיך דורכברעכן צום ים־ברעג ביי נתניה און דאָ טאַקע ביים ים־ברעג וואָלט איך, אויף זייער אָרט, געמאַכט דעם הויפּט־אָנגריף. אין ירושלים...

— יאָ, יאָ, וואָס איז מיט ירושלים?

— ירושלים קען ווערן דערשטיקט.

— קיין מאָל! — האָט דער מאַסיווער קאָפּ שאַרף צוריק־געענטפערט.

— כ׳האָב נישט געזאָגט, אַז זיי וועלן עס טאָן. דאָ זענען פאַראַן פיל פאַקטאָרן. איר האָט געוואָלט הערן מיין מיליטעריש־סטראַטעגישע מיינונג, זאָג איך זי אייך — אויפן באַזיס ווי דער מצב זעט אויס היינט צו טאָג.

בן־גוריון איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, צוגעגאַנגען צום פענצטער, זיך פאַרקוקט אויפן ווייטן ברעג פונעם בלוי־גרינעם ים, וואָס האָט געפינקלט אין דער פעברואַר־זון. זיינע פאַרזונקענע ברוינע אויגן האָבן זיך פאַרלוירן אין די אַרומיקע קנייטשן פון זיין פנים. מיקיס מיליטערישער אַנאַליז האָט אים נישט איבערראַשט, אָבער זינט אַ לענגערער צייט באַציט ער זיך מיט רעזערוו צו די מיינונגען פון עקספּערטן. ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט מיט די „אוממעגלעכס״. מיקי האָט אים געשטעלט אין פאַרלעגנהייט, פונקט ווי אַמאָל דער פּראָ־ציוניסטישער ענגלישער גענעראַל ווינגייט. דאָס זענען געווען צוויי קאָנטראַסטן: ווינגייט, דער

סודותפולער שוויגער און מיקי, דאַקעגן, איז גוט־ברודעריש, זאָרג־לאָז — אַ זאָרגלאָזיקייט וואָס גרענעצט שיר־נישט מיט לייכטזין... מיקיס רעפּוטאַציע ווי אַ דערפאַרענער האַרטנעקיקער שלאַכטמאַן און געניאַלער אָרגאַניזאַטאָר, האָט נישט געפּאַסט מיט זיין אַ ביסל צו לייכטער אויפפירונג. זי איז געווען צו אונטערהאַלטעריש און אָן דיסטאַנץ אויף צו זיין שטרענג מיליטעריש. אפילו זיין קליידונג איז נישט געווען פּאַסיק פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן סאָלדאַט. ווי ערנסט קען מען אים נעמען? — טראַכט בן־גוריון. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, זאָגנדיק:

— דו האָסט נישט געזען אונדזערע ייִנגלעך אין קאַמף! קיינער איז נישט אימשטאַנד זיי צו באַזיגן!

— איר מאַכט אַ טעות, כ׳האָב יאָ געזען.

— מ׳האָט דאָך עס דיר פאַרווערט...

— אין קאַמף פּנים אל פּנים — האָט מיקי עמפּאַטיש אַקצענטירט — זענען זיי אויסגעצייכנט. פון די בעסטע וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען. זיי פאַרמאָגן געוואַגטקייט און פאַנטאַזיע, דרייסטע גאָרילאַ־קעמפער! אָבער דערוויַיל איז דאָס נאָך נישט קיין אַרמיי.

מיקי האָט צוגערוקט זיין שטול צו בן־גוריונס שרייבטיש, אַרויסגעצויגן אַ נאָטיצבוך און מיטן אויפגעהויבענעם בלייער אין האַנט געזאָגט:

— די הגנה איז אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. און כל־זמן ענגלאַנד הערשט אין לאַנד, מוז אַזוי זיין. איר הויפּט־אויפגאַבע איז צו באַשיצן די קאָלאָניעס, דורכצופירן נקמה־אַקטן דאָ און דאָרט, צו צעבלוטיקן די אַראַבער די נאָז אין זייער צעווילדעווטקייט. די הגנה באַשטייט פון קליינע קאַמף־־גרופּעס: פון קאָמפּאַניעס, פּלאַטונען און אפילו פון סעקציעס צו זעקס אָדער אַכט מאַן. אָבער דאָס, וואָס ס׳שטייט אונדז פאַר איצט איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש... מיקיס איבערגאַנג פון „אייך״ אויף „אונדז״ איז געווען פאַר אים כאַראַקטעריסטיש, און דאָס האָט אים באַליבט געמאַכט ביי די ייש־

ראלים. — אַזוי גיך ווי די ענגלענדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד — האָט מיקי פאָרגעזעצט — וועלן אונדז אויף אַלע גרענעצן איבערפאַלן מאָדערן־אָרגאַניזירטע אַרמייען, אויסטרעניִרטע דורך ענגלישע און פראַנצויזישע אָפיצירן, נישט כדי אָנצוגרייפן עפּעס אַ דערפל, נאָר אויפצושטעלן אַ לאַנגן, קאָאָרדינירטן פראָנט אפשר אויף הונ־דערטער מיילן, אָפּצושניידן גאַנצע טעריטאָריעס און צעברעקלען אונדזערע קרעפטן. וואָס האָבן מיר קעגנצושטעלן אַזאַ מין אָנגריף? אפשר אַריבערוואַרפן הגנה־גרופּעס פון אָרט צו אָרט לענג־אויס די ליניע און פּרוּוון פאַרשטאָפּן די לעכער? דאָס קען נישט געמאַכט ווערן — בשום אופן נישט.

בן־גוריון האָט אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, זאָגנדיק:

— זינט איך בין אין לאַנד, צוויי און פערציק יאָר שוין, האַלטן אונדז שטענדיק די עקספּערטן אין איין זאָגן: — אוממעגלעך, דאָס קען מען נישט מאַכן. מיר האָבן אויסגעהערט און ווייטער געטאָן דאָס אונדזעריקע.

—באַלעבאָס, מיין גרעסטער כבוד פאַר אָט דעם מוט. ס׳איז דאָס טייערסטע וואָס מיר פאַרמאָגן. כ׳וויל אָבער נישט, אַז ס׳זאָל צענטרענצלט ווערן.

בן־גוריון האָט שווערלעך זיך אָנגעלענט אויף זיין שטול און זיך פאַרטראַכט. אויפן גרונט פון זיינע אויספאָרשונגען האָט ער געוווּסט, אַז דאָס לאַנד שטייט אַן אָפּנס פאַרן שונא. כדי עס זאָל ביי זיינע מענטשן נישט פאַלן די מאָראַל, האָט ער דאָס געהאַלטן בסוד און די גאַנצע אחריות געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס. איינער אַליין האָט ער במשך צוויי יאָר צייט געקעמפט פאַר דער מאָדערניזירונג פון דער אַרמיי.

— נו גוט! — האָט ער געזאָגט — כ׳ווייס, מיר זענען נישט צוגעגרייט. דערפאַר האָבן מיר איינגעלאַדן דיך. ביז איצט האָב איך אַליין אויסגעטראָגן אַלע דאגות...

— זאָרג איז נישט מיין ספּעציאַליטעט — האָט מיקי גע־ענטפערט מיט זיין שטשירענדיקן שמייכל — העלפן, אפשר יאָ

— ער האָט אויפגעהויבן זיין לינקע האַנט, צעשפּרייט די פינגער פאַרן פּנים פון בן־גוריון — די הגנה איז ווי מיין האַנט. מען קען נישט אַוועקלייגן אַ מענטש מיט איין פינגער, אפילו נישט מיט פינף, ווען זיי זענען צעשפּרייט. מיר מוזן צוזאַמענדריקן אַלע פינגער אין אַ מאַסיווער שלאָגנדיקער פויסט.

מיקי האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער רעכטער פויסט אין זיין לינקער האַנטפלאַך. אַ געניגטער צו רעטאָריק, וואָלט זיך אפשר באַנוצט מיט אַ מער־פּאַסיקער און פינקטלעכער טערמינאָלאָגיע. מיקי, דאַקעגן, האָט זיין מיינונג אויסגעדריקט בילדלעך — און דערמיט דורכגעבראָכן בן־גוריונס רעזערווירטע האַלטונג.

— מיקי איז אַ רעטעניש — האָט בן־גוריון געטראַכט. וואָס אַזוינס האָט אים געבראַנגט אַהער אין אַ לאַנד אָן לוקסוסן — אין דער צייט, ווען דער עלטערער אָפיציר האָט געקאָנט בלייבן אין זיין שיינער היים, ביי זיין שיין ווייב און געניסן די פּרוכט פון זיין לאַנגיאָריקער מיליטערישער דינסט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ציוניסטישע איבערצייגונגען, ניין. רעליגיעזע געפילן — אויך נישט. אפשר די דערפאַרונג פון זיין דינסטצייט אין אָקופּירטן, נאָך־מלחמהדיקן דייטשלאַנד? — טויזנטער האָבן געזען די קאַצעטן, אָבער וויניק פון זיי האָבן זיך צוליב דעם אויסגעשטעלט אויף נייע געפאַרן ווייט פון זייערע היימען. דערצו נאָך אַן אָפיציר פון אַזאַ הויכן ראַנג...

איינס איז אָבער קלאָר, זיין צוגאַנג איז אַ דינאַמישער — און דאָס האָט בן־גוריונען — דעם לעגענדאַרן „שטאַרקן אָרעם" פונעם ציוניזם — געצירט. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און געזאָגט:

— הייסט עס, אַז מיר דאַרפן זיך לערנען צו אַטאַקירן אין מעכטיקע פאָרמאַציעס — דאָס שריי איך דאָך שוין זינט 1945. ווי אַזוי מאַכט מען עס, מיקי?

— ס׳איז אַ שווערע אויפגאַבע. קודם־כל דאַרף מען אַ טרעני־רונגס־קורס פאַר אָפיצירן צו לערנען זיי סטראַטעגיע, לאָגיסטיק,

קאָאָרדינירטע אָפעראַציעס און אַ שטאַבן־סטרוקטור. ווייטער — פּראָוויאַנט־פאַרגרייטונג, קאָמוניקאַציע־מיטלען און... רעזערוון.

— רעזערוון, ביי אונדזער מאַנגל אין מענטשן?

כ׳וויס, דער גרעסטער טייל פון אייערע קאָמאַנדירן באַטראַכט דאָס פאַר אַ לוקסוס. דאָס איז אָבער אַ נויטווענדיקייט. מלחמות ווערן נישט געווינען דורכן בלויזן אויפהאַלטן די פּאָזיציעס. נאָך דעם ווי מען שטעלט אָפּ דעם שונא, דאַרף מען קענען דערלאַנגען אים דעם ריכטיקן, ענטגילטיקן קלאַפּ.

בן־גוריון האָט זיך פאַרטראַכט:

— מיר וועלן שוין געפינען אַן אויסוועג! — האָט מיקי פאַרגעזעצט — דיין פאָלק פאַרמאָגט געוואַגטקייט, באַלעבאָס, און אַ גלויבן אינעם טרוים פון יידישער זעלבשטענדיקייט. פּאַקטיש האָבן זיי דאָס לאַנד שוין דעראָבערט מיט זייער שוויס. דערצו פאַרמאָגט איר נאָך אויסגעצייכנטע יונגע מיליטערישע טאַלאַנטן, ווי ידין, לאַסקאָוו, דיין, שמיר און אַלון.

בן־גוריון האָט אָפּגעמאָסטן דעם אַמעריקאַנער מיט אַ דורכ־דרינגנדיקן בליק.

גאַנץ מעגלעך אַז אונטער מיקיס זאַרגלאָזער אויסערלעכקייט איז פאַרבאַהאַלטן טיפע מענטשן־קענטעניש. די דערמאָנטע דורך אים נעמען, האָט ער דאָך אַליין ביי זיך אָנגעמערקט.

— פיינע טאַלאַנטן — האָט בן־גוריון באַמערקט. אייניקע פון זיי האָבן שטאַב־דערפאַרונג פון דער ענגלישער אַרמיי, אָבער נאָר ביז צו קאָמפּאַניע־פירונג.

— זיי וועלן זיך שוין אויסלערנען אָפּערירן מיט באַטאַליאָנען און בריגאַדעס.

— דו ווייסט? — האָט בן־גוריון געזאָגט, אויסציענדיק די ווערטער — אונדזערע פּלמחניקעס האַלטן נישט צו שטאַרק פונעם באַזונדערן ענגלישן אָרגאַניזיר־סיסטעם. זיי האָבן זייערע אייגענע באַגריפן וועגן מיליטער.

— אויך אונדזערע קאָמאַנדירן פון דער נאַציאָנאַלער וואַך איז

שווער געווען זיך צוצופּאַסן צום מיליטערישן רעזשים, בעת מ׳האָט זיי רעקרוטירט אין דער פעדעראַלער אַרמיי — און יאַקאָש האָבן מיר אויסגעגלייכט די מיינונגס־פאַרשידנקייטן. מיקי האָט געשמייכלט מיט אַנטוואָפּנדיקער זעלבסטזיכערקייט:

— און פאַרגעסט נישט, אַז אינעם אַליִירטן קאָנטראָל קאָנסיל אין אָקופּירטן בערלין זענען מיר געווען פאַרשטייער פון פיר לענדער...

ער האָט נישט דערמאָנט, אַז אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער גרופּע האָט ער געשפּילט אַ הויפּט־ראָל ביים אויס־גלייכן אַנטשטאַנענע קאָנפליקטן. דאָס וואָלט שוין ביי אים געהייסן פּוסטע באַרימעריי.

בן־גוריון האָט אָנגענומען מיקין פאַרן אָרעם. ער האָט באַ־טראַכט זיין אַליוו־באַוועגלעך פּנים, פעסטע גאָמבע, די פון אַ פוטבאָל־עקסידענט ברייט־צעפלאַטשטע נאָז, די געדיכטע שוואַרצע ברעמען איבער שטרענגע, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן.

— קענסטו אונדז העלפן אויסהאָמערן אַן אַרמיי, מיקי?

— איר ווייסט דאָך — האָט מיקי זיך צעשמייכלט — כ׳בין אַהערגעקומען נישט בלויז כדי זיך אַ ביסל דורכצושווימען... איך קען גאָרנישט גאַראַנטירן, אָבער כ׳וועל פּרווון אַ רודער טאָן...

— ווי לאַנג וועט עס דויערן?

מיקי האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן אַ ווײַלע. אַ מינוט שפּעטער: „דריי חדשים — אויב מיר וועלן האָבן מזל".

בן־גוריון האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— דריי חדשים! — דאָס איז אויסגעשלאָסן, מיקי. אין דריי חדשים אַרום וועלן אונדז די אַראַבער האַלטן פאַרן גאָרגל! מיר מוזן עס מאַכן אין טעג, וואָכן — אָבער נישט אין חדשים. מיר וועלן אייך געבן יעדע מעגלעכע הילף אין מענטשן, מיר, אַרבעטן טאָג און נאַכט — אָבער די צייט מוז פאַרקירצט ווערן.

מיקי האָט געשמייכלט. זיינע גראָ־שוואַרצע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן:

— באַלעבאָס, כ׳וויל אייך עפּעס פרעגן.

— פּרעג.

— ווי לאַנג דויערט ביז אַ פרוי האָט אַ קינד?

— וואָס, ווי לאַנג עס געדויערט ביי אַ פרוי צו האָבן אַ קינד? ניין חדשים.

— און אַז זי האָט אין פיר חדשים, וואָס פּאַסירט?

בן־גוריון האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביסט גערעכט, מיקי. ווי אַזוי הייבן מיר עס אָן?

— מיקי האָט געעפנט זיין פּאַרטפעל:

— ראשית־כל...

אַ טעלעפאָן־קלונג האָט איבערגעריסן זייער שמועס. בן־גוריון האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל, געענטפערט און צוריק זיך אומגעקערט צו מיקין.

— צרות אויפן פוד. זיי ווילן כ׳זאָל קומען צו אַ מיטינג. קענסט צוּוואַרטן?

ווען בן־גוריון איז אַרויס פון צימער, האָט מיקי אין אָפענעם פּאַרטפעל, צווישן די אומצאָליקע נאָטיץ־פּאַפּירן, מיליטערישע האַנטביכלעך, אַנטאָלאָגיעס, אויסגעזוכט אַ לידער־באַנד און גענומען מישן אין די היפש שוין אָפגעריבענע בלעטלעך. ער איז שוין געווען געוווינט מיט די שטענדיקע איבעררייסן דווקא אין צייטן פון פיבערהאַפטע צוגרייטונגען. ווי אַ געניטער ניו־יאָרקער סאָבוויי־פאָרער, האָט ער אויסגענוצט די צייט ביז בן־גוריונס צוריקקומען און געפרווט זיך פאַרטיפן אין לידער.

אָבער דאָס מאָל איז אפילו די קלאַסיק נישט געווען קיין באַלזאַם.

מיקי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאַרטראַכט: ס׳איז די שווערסטע מיסיע וואָס ער האָט ווען עס איז גענומען אויף זיך. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געהאַט אויסצושטיין געפערלעכע סיטואַציעס. נאָך אַלס אויסגעמאָגערט בחורל אין ברוקלין, האָט ער זיך באַדאַרפט באַשיצן קעגן שכנישע כוליגאַנעס. מיטן כוח פון זיין פענאָמענאַלן אַטלעטישן היי־סקול־רעקאָרד, האָט ער זיך דורכגעשלאָגן דעם וועג צו וועסט־פּאָינט און געגאַנגען פאַרויס צו ווייטערדיקע

ספּאָרט־טריומפן. אין די ווייטערע יאָרן, האָט ער אַלס אַדוואָקאַט פון פינאַנס־דעפּאַרטמענט זיך פאַרמאָסטן קעגן די פּראָהיבישן־גענגסטער. ער האָט צעשמעטערט די הערשאַפט פון דער אונטער־וועלט אין די ניו־יאָרקער טורמעס. ער האָט אָרגאַניזירט די ערשטע גרויס־פאַרנעמיקע ים טראַנספּאָרטאַציע פון אַמעריקאַנישע טרופּן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט טרענירט שטאָטישע רעקרוטן, צוגרייטנדיק זיי צום אינדזל־קאַמף קעגן די יאַפּאַנער. גענעראַל דזשאָן ה. הילדרינג האָט אים באַצייכנט מיטן טיטל: „דער שאַרפסטער מוח אין פּענטאַגאָן". ער האָט באַוויזן אויסצוגלייכן די פאַרפּלאָנטערסטע ענינים פון דער נאָך־מלחמהדיקער אָקופּאַציע. מיקי האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די אַנטאַגאָניזמען פון אַזעלכע פאַר־ביסענע קעגנער ווי פיאָרעלאָ לאַ גוואַרדיאַ, ד. ד. ברעדאַק, הערי האָפּקינס און דעם סאָוויעטישן מאַרשאַל זשוקאָוו. אויף זיין חשבון איז פאַרשריבן געוואָרן די געוואַגטע פּאַראַשוט־לאַנדונג אין נאָרמאַנדיע און אויך אַ דרייסטע אַוואַנטורע פון אַן אַנדער מין מיטן באָס פאַר ספּאָרט־אונטערנעמונגען, פאַר וועלכן ער האָט אויפגעדעקט הינטער־קוליסן סודות פון דער מעטראָפּאָליטן־אָפּערע.

מיקי מאַרקוס האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון קאַמף־אַרויספאָדערונגען, באַזונדערס דאָרטן, ווו ס'זענען געשטאַנען אין קאָן וואָגיקע מאָראַלישע פּרינציפּן. אָבער דאָס מאָל האָט ער געוווּסט איז די מיסיע אַ באַזונדערס־שווערע און די שאַנסן פאַר זיין צד — צוויפלהאַפטע. אויב אין מלחמות וואָלטן דעצידירט סטאַטיסטישע ציפערן, ווי דאָס איז אַ מאָל פּראַקטיצירט געוואָרן אין כינע, וואָלטן די יידן שוין באַדאַרפט אַוועקלייגן דאָס געווער. פון איין זייט — זעקס אַראַבישע מדינות מיט אַ באַפעלקערונג פון זעכציק אויף איינעם, וואָס גרייטן זיך אַרויסצושטעלן אַן אומגעהויער גרויסע פייער־קראַפט און פון דער צווייטער זייט — די יידן, וועלכע האָבן נישט קיין טאַנקען, קיין קריגס־אַעראָפּלאַנען, אפילו נישט גענוג ביקסן. די אַרטילעריע זייערע איז אַ היימיש־פאַבריצירטע... זייערע

פראָנטן, באַזונדערס די פון דרום און מזרח, שטייען כמעט אָפּענע. די מערב־גרענעץ — בלאָקירט פון דער ענגלישער ים־מאַכט און צו דעם אַלעמען — אַ מאַנגל אין שפּייז, ברען־מאַטעריאַלן און אַמו־ניציע. מיט איין וואָרט: אַ מאַנגל אין אַלץ — אויסער אין פלאַמיקער קאַמפס־גרייטקייט.

אָבער זיי האָבן פאַר זיך אַ ציל אַ שטרעבונג, פאַר וועלכן זיי זענען גרייט און אפילו נייגעריק אָפּצוגעבן דאָס לעבן. זיי פאַרטיידיקן אַ לאַנד וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן ממש מיט די הוילע נעגל פון נאַקעטע, שטיינערנע בערג, מיט אַן אומברחמנותדיקער זון איבערן קאָפּ און הונדערטער יאָרן פאַרנאַכלעסיקונג. סאָלדאַטן פון קאיר און דמשק, וואָס גרייפן אָן ווייט פון זייער היים, וועלן נישט און קענען נישט קעמפן מיטן זעלבן ברען.

דער דערפאַרענער טאַקטיקער, דער אָריענטירטער אין די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען פונעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאַמף, האָט לעצטנס געמאַכט זיין אייגענעם אַנאַליז פונעם מצב:

פאַראַן צווישן די אָרטיקע אַראַבער אַן ערנסטע אינטעלעקטועלע גרופּע, וואָס איז אַ טייל פון דער אַנטי־קאָלאָניאַלער־באַוועגונג אין אַזיע און אַפריקע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיקיס יורידיש־אַנאַליטישער מוח פאַרשטייט זייער שטרעבונג צו זעלבס־שטענדיקייט, אָבער די יידישע אַרגומענטאַציע איז פיל שטאַרקער און גערעכטער, באַזונדערס זינט היטלערס דערשיינען אויף דער אַרענע פון דער וועלט־פּאָליטיק.

אַבסטראַהירנדיק פון די צווייִדייטיקע און ווידערשפּרעכלעכע הב־טחות פון ענגלאַנד צו ביידע צדדים, איז אָבער אַ פאַקט, אַז בלויז די יידן האָבן פון די עיפּושדיקע זומפּן און מדבריות געשאַפן אַ פריש באַגרינט לאַנד און נאָך דעם היטלער־גיהנום איז דאָס דער איינציקער מקום־מקלט פאַר זייערע לעבנגעבליבענע ברידער. זיי מוזן קומען אַהער!

לויט מיקיס אויפפאַסונג, שטייען מיר דאָ פאַר אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי חלומות: אַ יידישן און אַן אַראַבישן. דער יידישער חלום איז

אַן אוראַלטער און אַ נויטוועגדיקער און דער אַראַבישער — אַ נייער און באַדינגלעכער.

די אַראַבער האָבן די ברירה צו בלייבן אין לאַנד אַלס נאַציאָ־נאַלע מינדערהייט מיט פּאָליטישע רעכט זיך אויסצולעבן פריי אין דער יידישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אָדער צו עמיגרירן אין די נאָענטע מוסולמענישע לענדער, וועלכע זענען רייך אין נאַפט און אין נישט־אויסגענוצטע טעריטאָריעס און קענען לייכט אויפנעמען דעם נייעם עמיגראַציע־שטראָם.

אָבער די יידן, די אָפּגעראַטעוועטע פון די נאַצישע שעכט־הייזער, פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע האָבן נישט די דאָזיקע ברירה. פאַר זיי איז נישט פאַראַן קיין אַנדער מקום־מנוחה, קיין אַנדער אָרט, ווו זיי זאָלן קענען היילן די ווונדן און לעבן אַ ווירדיק לעבן צווישן זייערע ברידער. מיקי האָט גוט פאַרשטאַנען די ווער־טער פון גענעראַל לוסיוס ד. קלעי — זיין שעף פון דער יו. עס. אין דער אָקופּאַציע־הויפּט־קוואַרטיר אין דייטשלאַנד. נאָך אַ באַזוך אין אַ פּליטים־לאַגער, האָט גענעראַל קלעי געזאָגט:

— די דאָזיקע מענטשן זענען באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייגן לאַנד. ס'איז וויניקסטנס דער חוב וואָס די וועלט איז זיי שולדיק...

אויב פרעמדע מענטשן האַלטן אַזוי, אַ פּשיטא שוין — יידן. זיי מוזן זיין אַנטשלאָסן ביי זיך צו האַלטן אָפן די טויערן פון לאַנד פאַר זייערע שווער־געליטענע ברידער.

מיקי האָט גוט אָבסערווירט דעם אונטערשיד פון דער מאָראַל ביי בן־גוריונס נאַכט־אַטאַקירער און ביי די אַבערגלויביקע אַראַבישע „פרייוויליקע", וואָס האָבן לעצטנס זיך אַריינגעשמוגלט אינעם לאַנד אַריין. דערצויגענע אין דער אַטמאָספער פון פעאָדאַלער אָפּגעשטאַ־נענקייט, וועלן די דאָזיקע גאָרילע־מענטשן זיין אפשר גוטע האַנט־פעכטער, פנים אל פנים, זיי פאַרמאָגן אָבער נישט די דיסציפּלין פון גרופּן־קאַמף און אויך דעם חשק צו נאַכט־געשלעגן, וועלכע פאַרגרעסערן זייערע אַבערגלויבערישע פּחדים. אַ שוואַכקייט וואָס די פּלמחניקעס נוצן אויס מיט דערפאָלג.

די געפֿאַר פֿאַר די יידן באַשטייט אין די רעגולערע אַרמייען, וועלכע זאַמלען זיך לענג־אויס זייערע גרענעצן, באַזונדערס אין די פֿון עגיפּטן און עבר־הירדן. זיי זענען בעסער דערנערט און בעסער אויסטרענירט — איז שווער צו דערוואַרטן, אַז אויך זיי וועלן אויפֿנעמען אַזוי פּרימיטיוו די טאַקטיק פֿון פּסיכאָלאָגישער קריגס־פֿירונג.

וואָס שייך קאַמפּס־מוט, האָבן יידן די איבערהאַנט. מיקי מאַרקוס האָט זיך מיט דעם גערעכנט. דערווייל איז נישט געווען עפּעס אַנדערש אויף וואָס מ׳זאָל זיך קענען סומך זיין.

פֿון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט איז די הויפּט־זאָרג — אין דעם מאָמענט — ירושלים. פֿאַר די אַראַבער איז ירושלים די רייפֿע פֿלוים, וואָס באַמבלט זיך אויפֿן שפּיץ פֿון אַ שוואַך, דין צווייגל, נאָר זי אָפּצורייסן. די היסטאָרישע הויפּטשטאָט אין די בערג פֿון יהודה איז ווייט פֿון תל־אביב און אַרומגערינגלט פֿון אַראַבישע שטעט און דערפֿער. איר איינציקע פֿאַרבינדונג מיטן קאָמפּאַקטן יידישן ישוב ביים ים־ברעג, איז דער שלענגלדיק באַרגיקער וועג, וועלכער איז שוין איצט באַזעצט פֿון אַ שטאַרקער נעץ פֿונעם שונאס פּאָזיציעס ביים הויפּטפּונקט אין לאַטרון און אונטערן שטענדיקן פֿייער פֿון צענד־ליקער אַנדערע פּונקטן. ברעכט נאָר אויס די מלחמה, וועט שוין, אפֿשר, נישט מעגלעך זיין צו האַלטן דעם וועג אָפֿן. די שטאָט וועט ווערן אָפּגעשניטן און אירע הונדערט טויזנט יידישע איינוווינער וועלן זיין אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פֿון דער שווערער אַרטילעריע פֿונעם אַראַבישן לעגיאָן.

די אַראַבישע קוואַרטאַלן אין ירושלים שניידן זיך אַריין אין די יידישע שכונות און ס׳וועט זיין זייער שווער צו פֿאַרטיידיקן זיי. און דאָך, די עמאָציאָנעלע געפֿילן ביי יידן פֿאַר אָט דער שטאָט, מאַכן אומדענקבאַר אַז מ׳קען זי, חלילה, פֿאַרלירן. איז נישט פֿאַראַן עפּעס אַ וועג צו פֿאַרמיידן די געפֿאַר? גאַנץ מעגלעך אַז יאָ, אַז אַן אויס־וועג זאָל געפֿינען ווערן...

פון קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן בן־גוריונס שאַרפע, אומגעדולדיקע שטים:

— גענוג מיט די וויכוחים! איצט איז די שעה פון טאָט! בן־גוריון איז אַריין אין צימער.

— נו מיקי, האָסט שוין אַלץ באַרעכנט?

— מיקי האָט אויפגעכאַפּט בן־גוריונס האַלב־שפּאַסיקן טאָן.

— געוויס, באַלעבאָס! איך דאַרף נאָר איין קלייניקייט — האָט ער זיך אויך געוויצלט.

— וואָס?

—אַ נס! ווי האַלט איר מיט אייערע עסקים?

די קנייטשן אויפן פּנים פונעם אַלטן חלוץ האָבן זיך פאַר־טיפט.

— ביז איצט זענען מיר קיין מאָל נישט דורכגעפאַלן — האָט ער געזאָגט איינגעהאַלטן — מיר זענען אָבער שטענדיק גרייט אויפצונעמען נסים.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיקיס אַקסל:

— מיר האָבן אויפגעבויט דאָס לאַנד ציגלוויז, און אַזוי, מיקי, וועלן מיר עס שוין פאַרטיידיקן.

— מענטשן אין ניי־ענגלאַנד זענען אַמאָל אויך געפאַלן אויפן זעלבן געדאַנק און דאָס האָט זיך זיי גוט אויסגעצאָלט — האָט געזאָגט מיקי.

כ׳האָב דערציילט אונדזערע אַרמיי־לייט וואָס דו גרייטסט זיך צו טאָן — האָט בן־גוריון ממשיך געווען — זיי וואַרטן אויף דיר.

מיקי האָט איינשטימיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען זיין פּאָרטפעל. בן־גוריון האָט אים צוגעפירט צו דער טיר.

— קאָלאָנעל מאַרקוס, פאַרזיכטיק!

— מאַרקוס?...

— מיקי אַ פאַרווירטער — אָ, איר מיינט אוודאי דעם חברה־מאַן וואָס זיצט אויף זיין וועראַנדע אין פלעטבוש און לייענט דעם טיימס?

נו, גוט, מיקי סטאָן. הער זיך איין, מיקי, מ׳האָט מיר דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר נעכט פריער ביסטו געווען אַרעסטירט. מיר קענען זיך נישט דערלויבן אַזעלכע ריזיקעס.

— איר אַליין האָט, דאַכט זיך, נישט איין מאָל ריזיקירט... ס׳איז געווען אַלגעמיין־באַקאַנט, אַז בן־גוריון זאָרגט זיך נישט פאַר זיין פּערזענלעכער זיכערקייט.

— אפשר. אָבער מיין זיין דאָ איז נישט קיין אינטערנאַציאָנאַלער סוד... זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מער נישט אַרומקריכן צווישן די פראָנט־ליניעס.

מיקיס בליק האָט געענישטערט דעם ביכער־שראַנק הינטער בן־גוריונס פּלייצעס.

— באַלעבאָס, „בעסער נישט צוזאָגן איידער צוזאָגן און נישט מקיים זיין".

בן־גוריון איז געווען פאַרבליפט.

— ביסט באַקאַנט אין קהלת?

— איינער פון מיינע באַליבטע מחברים.

— ווי מיר איז באַקאַנט ביסטו נישט קיין רעליגיעזער מענטש.

— פאָרמעל — נישט.

בן־גוריון האָט זיך געקווענקלט. אַרבעט האָט ער געהאַט איבערן קאָפּ. אָבער אַן אומגעריכט אַבסטראַקטער שמועס מיט אַ מיליטער־מאַן האָט אים געלאָקט.

— און וואָס עפּעס מכוח ציוניזם? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזן — איז עס אמת וואָס כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז ביז דיין קומען אַהער האָסטו קיין מאָל נישט געהערט וועגן הערצלען דעם גרינדער פון דער באַוועגונג?

מיקי האָט אים אָנגעקוקט ערנסט און אָנטשלאָסן.

—כ׳בין געווען אין דאַכאַו. די קערפּערס זענען געווען אָנגעהויפט ווי קלעצער. נאָך דאַכאַו איז ציוניסטישע פראָפּאַגאַנדע איבעריק. זיין געזיכט איז געווען שטייף און פאַרביסן. נאָך דעם

קאָבן זיינע ליפּן זיך ווידער געעפנט מיטן כאַראַקטעריסטישן פאַר אים ציין־שטשירנדיקן שמייכל.

— אויב מיר מוזן אין דריי מאָנאַטן באַווייזן צו מאַכן די אַרבעט פון דריי יאָר, וועל איך זיך בעסער אַ נעם־טאָן צו דער אַרבעט.

— נו גוט, מיקי, לאָז מיך וויסן וואָס דו דאַרפסט. — ווידער האָט בן־גוריון אַרויפגעלייגט זיין קליינע אויסדרוקספולע האַנט אויף מיקיס אַקסל — און כ׳בעט דיך נאָך איין מאָל: קיין אומנויטיקע ריזיקעס.

— געוויס, באַלעבאָס. — זיין בליק האָט זיך ווידער אָנגעטראָפן מיט דער ספרים־שאַנק:

— „בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב״...
(...כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת״. — קהלת ט׳ ד׳).
מיקי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק.

ווען ער איז שוין געווען אויף דער ראָטשילד־אַלייע האָט ער נאָכגעטראַכט: נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז זיין אומגעוויינלעכע אויפפירונג אַלס סאָלדאַט שאָקירט זיינע שעפן. מיט פיר יאָר פריער האָט דאָס אים פאַסירט מיט גענעראַל הילדרינג. דעמאָלט, אַזוי ווי איצטער האָט מיקי באַרעכטיקט זיין שעף. אָבער דאָס האָט נישט געענדערט זיין אויפפירונג. הילדרינג איז געווען אַן אויס־געצייכנטער אָפיציר. ער האָט שטענדיק באַווירצט זיין מיליטערישע שטעלונג מיט אַ שאַרפן הומאָר. דער אוניפאָרם האָט נישט פאַר־דעקט זיינע מענטשלעכע געפילן. מיקי דערמאָנט זיך מיט הנאה וועגן יענער אומגעוויינלעכער אַוואַנטורע. ס׳איז געשען אין אַ זוניקן פרימאָרגן פון יאָר 1944 ביי אַ טעפל קאַווע אין פענטאַגאָן.

קאַפּיטל צוויי

אין די לעצטע וואָכן פאַר דעם „ד־טאָג" (דער טאָג פון דער לאַנדונג אין נאָרמאַנדיע) איז וואַשינגטאָן אין פיל הינזיכטן געווען דער מיטלפּונקט פון די אַליִירטע קריגס־אָנשטרענגונגען. אין מזרח האָט געפלאַקערט דאָס פייער פון דעם קאָלאָסאַלן געראַנגל צווישן די דייטשישע און סאָוויעטישע אַרמייען. אין לאָנדאָן — דער אָפּע־ראַטיווער צענטער פון די אַליִירטע כוחות — האָט מען געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען פאַר דער דערעפענונג פון צווייטן פראָנט, דער פראָנט וואָס וועט אַנטשיידן דעם גורל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די מלחמה קעגן היטלערס נאַצישע באַנדעס. אַלע האָבן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, אָפּגעוואַרט די אינסטרוקציעס פון וואַשינגטאָן, ווייל אַמעריקע איז געווען נישט נאָר דער אַרסענאַל פון די אַליִירטע אַרמייען, נאָר אויך דער רעזערוואואַר פון פרישע מיליטערישע כוחות.

אין ווייסן הויז — באַראַטונגען אָן אויפהער. טאָג און נאַכט האָבן געקלונגען טעלעפאָנען איבערן אַטלאַנטיק. די לעצטע גע־היימע אינסטרוקציעס און ענדערונגען פאַר דער דערעפענונג פונעם אַזוי געגאַרטן צווייטן פראָנט. יאָרן האָט מען געוואַרט אויף דעם.

דער פּענטאַגאָן איז געווען דער צענטער פון אַלע אָנשטרענגונ־גען; ער איז פאַרוואַרפן געוואָרן מיט ביולעטינען פון אַלע עקן וועלט. אַרמיי־פירער האָבן פאַרלאַנגט פּריאָריטעט פאַר די אַרמיי־באַריכטן איבער די שפּיאָנאַזש־באַריכטן. די איבערגעלאָדענע טעלע־פאָן־דראָטן האָבן געקנאַקט אָן אויפהער אונטער די צודרינגלעכע

אָנפּראַגעס וועגן די לעצטע פראָנט־קאָמוניקאַטן און קריגס־אינס־טרוקציעס.

אין צענטער פון וואַקסנדיקן שטורעם איז געשטאַנען די C. A. D. — ס. עי. ד.־אָפּטיילונג פאַר ציווילע ענינים ביים קריגס־מיניסטעריום וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו אָרגאַניזירן דאָס פאַרוואַלטן מיט די באַפרייטע שטחים. די ס. עי. ד. וועט באַלד האָבן די שליטה איבער דריי הונדערט מיליאָן מענטשן און דעם קאָפּווייטיק מיט זיי צו פאַרוואַלטן — אָן אויפגאַבע אָן אַ פּרעצעדענס. אין די אַרמיי־אַרכיוון האָט זיך עפּעס יאָ געפונען אַ דאָקומענט, 96 יאָר אַלט, פון גענעראַל ווינפילד סקאָט, וואָס באַהאַנדלט די אָקופּאַציע פון מעקסיקאָ פון יאָר 1848. דער דאָקומענט איז אָבער נישט געווען אָנווענדבאַר פאַר פאָרגעשריטענע אינדוסטריע־לענדער פון מיטן פון 20־טן יאָרהונדערט, אַ סיטואַציע פול מיט געפאַרן פון יוריס־טישע און צווישנאַמטלעכע צוזאַמענשטויסן — צוזאַמענשטויסן, וואָס גענעראַל הילדרינג, דער שעף פון ס. עי. ד. האָט געוואָלט פאַרמיידן אָדער צום ווינציקסטן פאַרקלענערן.

גענעראַל הילדרינג, אַ הויך־ראַפינירטער וועסט־פּאָינט אינטע־ליגענט, האָט פאַרקערט מיט דער זעלבער זעלבסטזיכערקייט און עלעגאַנץ אין די הויכע קרייזן פון וואַשינגטאָן, סיי ציווילע און סיי מיליטערישע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערפאָלג און דורכפאַל איז אָפּהענגיק פון דעם, צי וועט ער געפינען אַ געניאַלן פּלאַנירער, וועלכער וועט קענען אַריינדרינגען אין די עווענטועלע פאַרפּלאָנ־טערטע פּראָבלעמען. ווען ער האָט איבערגענומען זיין אַמט, אין יאָר 1943, האָט ער גלייך דעפּעשירט צו דער מיליטערישער פאַרוואַל־טונג פונעם האַוואַי־אינדזל אויפן פּאַסיפיק, אַז מען זאָל אים צו־שטעלן אַלס געהילף מיקי מאַרקוס.

אינעם יאָר פון זייער צוזאַמענאַרבעט איז מיקי געוואָרן הילד־רינגס רעכטע האַנט און פאַרטרויאונגס־מאַן. אָפיציעל האָט די ציווילע אָפּטיילונג געזאָלט אינטערפּרעטירן די רעגירונגס־באַשלוסן פאַר די פעלד־קאָמאַנדירן. פאָרמולירן די באַשלוסן אין קלאָרע

טאַקטישע גענג, און נאָך דער חתימה פון פּרעזידענט, עס איבער־שיקן ווי דירעקטיוון צו די אַרמיי־פירער.

פאַרמעל האָבן די פּלענער באַדאַרפט באַאַרבעט ווערן דורכן סטייט־דעפּאַרטמענט, דורכן קאַבינעט אָדער אַנדערע פון דער ציווילער מאַכט. אָבער די צוגרייטונגען צום „ד־טאָג״ און דער וואַקסנדיקער דרוק פון מעבר־לים, האָבן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט אַלע רעגירונגס־דעפּאַרטמענטן, און זיי האָבן אויפגענומען מיט דאַנקבאַרקייט יעדע איניציאַטיוו, וואָס האָט זיי באַפרייט פון דעם, אַבי די אַרבעט זאָל געטאָן ווערן אָן צווישנאַמטלעכע קאָמפּעטענץ־קאָנפליקטן.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען די ווינשל־ריחות האָבן זיך צעטראָגן איבער דער הויפּטשטאָט, איז מיקי אין געאייל דורכן לאַנגן קאָרידאָר אַריין אין הילדרינגס קאַבינעט און אַוועקגעלייגט אַ פּאַק באַשריבענע געלע פּאַפּירן.

— וואָס איז דאָס, מיקי ?... — האָט הילדרינג געפרעגט.

— רעקאָמענדאַציעס וועגן נאָרוועגיע, ערשטע פּאַזע.

הילדרינג האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אַ דערשטוינטער :

— ערשט נעכטן שפּעט נאָך מיטאָג, האָט איר עס גענומען — ווען האָט איר געהאַט צייט פאַר דעם ?

— כ׳האָב געהאַט פאַר זיך די גאַנצע נאַכט, סער !

הילדרינג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— שלאָפט איר איבערהויפּט נישט, קאָלאָנעל מאַרקוס ?

— זיכער שלאָף איך, סער ! אָבער נישט דאַן ווען דאָס ווייסע הויז וואַרט אויף מיין ראַפּאָרט.

הילדרינג האָט גענומען דעם ראַפּאָרט.

— לאָמיר גיין טרינקען קאַווע.

אויפן וועג האָט ער איבערגעגעבן די פּאַפּירן זיין סעקרעטאַרשע.

— בלויז פיר קאָפּיעס, פריילין אַדאַמס, שטרענג געהיים.

דאָס מיידל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מיקי האָט גוטמוטיק אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל.

— קאָרעגיר מיין אָרטאָגראַפיע, קראַסאָוויצע, וועל איך דיר ברענגען אַן עפּל — ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף איר פרישער גלאַנציקער פריזור.

— העי, לייטענאַנט דזשאָנסאָן איז, ווייזט אויס, שוין צוריק־געקומען — האָט ער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט און אים געענטפערט מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל.

די קאַפעטעריע אויפן 4טן שטאָק איז ווי שטענדיק געווען איבערפולט. — אַהאַ, האָט מיקי געזאָגט, „דאָס שלאַכט־פעלד פון פענטאַגאָן". ביידע האָבן זיך ווי ס'איז דערשלאָגן צו אַ שטייפּלאַץ ביי אַ טישל אין אַ ווינקל, אַריינגעקוועטשט זיך צווישן אַ רויט־באַקיקן קאָרפּאָראַל און אַ באַוואָנצעטן מאַיאָר פון לופטפלאָט. מיקי האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז מאַראַנצן־זאַפט.

— איז שוין פאַראַן אַ באַשלוס וועגן דער פראַנצויזישער וואַ־לוטע ?

הילדרינג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— גענוג קאָפּדרייעניש פאַר אייקן (אייזנהאַוער). ער וויים נעבעך נישט צי זאָל ער דרוקן פראַנקן אָדער באַנוגענען זיך מיט אונ־דזערע גרינע בלעטלעך... און אפשר גאָר איבערלאָזן דעם גאַנצן עסק צו די פראַנצויזן ? ווייס איך וואָס, ס'איז דאָך נאָר געלט, — האָט זיך מיקי געוויצלט.

— הלוואי וואָלט עס זיך געהאַנדלט נאָר אין געלט — האָט הילדרינג געענטפערט — דאָס איז אַ פּרעסטיזש־פראַגע. דע־גאָל און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דע־גאָל באַשטייט אויף דעם, ער טענהט, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון ראַטעווען פראַנקרייך פון היט־לערס הענט.

— און אונדזער פּרעזידענט וויל ראַטעווען פראַנקרייך פון דע־גאָלן — האָט מיקי געזאָגט און געזופּט זיין קאַווע.

— איר ווייסט, בעלעבאָס, די וועגדונגען פון לאָנדאָן וועלן זיך פאַרמערן, און זיי וועלן ווערן אַלץ דרינגענדיקער. מיר וועלן האָבן דאָס ריכטיקע שטיקל אַרבעט מיט די ענטפערס...

— וואָסזשע שלאָגסטו פאָר, מיר זאָלן אָפּשטעלן די פאַרבינ־דונג מיט לאָנדאָן?

— ניין, נאָר פאַרבעסערן זיי.

— ווי אַזוי?

— דורך שיקן אַ ס. עי. ד. ראַטגעבער. אין איין שעה אויפן אָרט קען מען אָפּטאָן מער ווי דורך טעלעגראַמעס אין אַ גאַנצער וואָך דאָ.

— מיך קיין לאָנדאָן? דער גענעראַל־שטאַב ווערט אויסער זיך, ווען כ׳טרעט בלויז איבער די גרענעץ פון שטאַט ווירדזשיניאַ.

—דאַרפן מיר שיקן עמעצן אַנדערש, האָט מיקי זיך פאַרעקשנט, אַ מענטש וואָס איז אויסגעבונדן אין די ענינים. ער וועט פאַר־לייכטערן די לאַסט, וואָס ליגט אויף אייך.

הילדרינג האָט אָנגעשטעלט אַ שאַרפן בליק אויף זיין באַ־וועגלעך, אָפּן פּנים. דאָס איז ווידער געווען ווי אַן אָנצוגעהערעניש אויף מיקיס נאָמינאַציע מעבר לים.

דער גענעראַל האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער פאַרשטייט נישט:

— ווער איז עס למשל פּאַסיק פאַר דעם?

מיקי האָט אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע:

— כ׳מיין, אַז איך וואָלט געווען דער פּאַסיקער מענטש, סער!

הילדרינג האָט געקוקט אויף מיקיס קורץ־געשוירענע שוואַרצע האָר, די שטעכיקע האָר־וואָרצלען אויף זיין גאָמבע, די לעבעדיקע, לייכטנדיקע שוואַרצע אויגן. ער געדענקט זיי גוט, די אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פלאַם, ווי פון אַן אָנגעהייצטן שמעלצ־אויוון, בעת זיי זענען געזעסן אויף נאַכט־קאָנפערענצן. איצטער האָבן זיי געשאָטן גליענדיקע פונקען וועלכע ס׳איז אים שווער געווען זיך קעגנצושטעלן.

— איך וועל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, מיקי. גיב מיר אַ ביסל מער צייט.

הילדרינג האָט זיך געוואַקלט. די צוזאַמענאַרבעט מיט מיקין

איז געווען פאַר אים פול מיט איבערראַשונגען, די מערסטע פון זיי אָנגענעמע. זיינער צייט האָט ער אַרויסגעפּאָדערט מיקין — דאַן אַ לייטענאַנט־קוירנעל — אויפן סמך פון שטאַרק־געלויבטע רעקאָ־מענדאַציעס פון די קאָמאַנדיר־גענעראַלן פון דער פּאַציפישער 27־סטער דיוויזיע. ווי אַ דיוויזיע־ריכטער און קאָמאַנדיר פון דער רענ־דזשער־שולע, האָט מיקי זיך דערוואָרבן די רעפּוטאַציע אַלס קענער פון דער ציווילער געזעצגעבונג און אַלס מיליטערישן גאון. דערפאַר איז ער דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט פאַר דער ס. עי. ד.־אָפּטיילונג. הילדרינג האָט מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען אין פּענ־טאַגאָן פון נייעם קאַנדידאַט. ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען איין מאָל נאָך מיטאָג האָט זיך אַריינגעשלייכט אין זיין קאַבינעט אַ קאָרפּולענטער מאַן אין פאַרנאַכלעסיקטער הלבשה מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אַ זאָג געטאָן:

— באַלעבאָס, ווי גייט׳ס? ווו פאַרנעם איך מיין פּלאַץ?

דער פּריש־„אימפּאָרטירטער״ קוירנעל האָט כלל נישט אויס־געזען ווי אַן אַבסאָלווענט פון וועסט־פּאָינט. די קנעפּ אומפּאָלירט, דער שניפּס — פאַררוקט אָן אַ זייט, די אַרבל — צו לאַנג. זיין פּשוטע האַלטונג האָט אויך פאַרדעקט די דינאַמיק פונעם מענטשן! גאָר־נישט קיין וועסט־פּאָינטער, אָבער אַ דינאַמישער מענטש, פּראָמינענט און באַקאַנט, וואָס שמט ווי אַ גענילאַלער אָרגאַניזאַטאָר און אויס־גלייכער פון סכסוכים, ממש אַ ווירטואָז, דער טרוים פון יעטוועדן מיליטערישן אָרגאַניזאַטאָר.

הילדרינגס צווייטער שאָק איז געקומען בעת מאַרקוס האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. ממש אַ דינאַמאָ־מאַשין. די מאָדיפי־קאַציע פון ציווילע געזעצן פאַר גריכנלאַנד, וואָס איז געבליבן שטעקן וואָכנלאַנג, האָט מיקי פאַרטיק געמאַכט אין צוואַנציק מי־נוט. אַ גאַנצע פּאַק פון פינאַנץ־דעפּאַרטמענט, אַנאַליזן וועגן אייראָפּע, עקאָנאָמישע סיסטעמען האָט מיקי קאָנצענטרירט אויף זיבן בלעטלעך. דאָרטן ווו אַנדערע האָבן נאָך דעבאַטירט, האָט ער שוין צוגעשטעלט לייזונגען. פּלענער איבער פּלענער האָבן געשטראָמט פון זיין שרייב־

טיש. ווען די וויכּוחים וועגן די באַדינגונגען פון איטאַליעס קאַפּי־טולאַציע האָבן זיך איבערגעטראָגן פון איין אַמט צום צווייטן, איז מיקי געווען דער יעניקער, וועלכער האָט אַריינגעדרונגען אין תּוך פונעם פּראָבלעם און אויסגעאַרבעט דערויף אַן איינפאַכן, פאַר־שטענדלעכן פּלאַן. אויב דער קנייטש אין מיקיס הויז האָט צייטנ־ווייז נישט פאַרמאָגט די שאַרפקייט פון אַ ראַזירמעסער, איז אָבער זיין מוח געווען גאָר שאַרף. ער איז געווען דיסציפּלינירט, וואַכזאַם, און האָט שטענדיק געטראָפן אין פּינטל אַריין. מיקיס אַרבעטס־ענערגיע האָט הילדרינגען פאַרבליפט. אָפט, זייער אָפט, האָט זיין אַרבעטסטאָג זיך פאַרצויגן אויף זעכצן שעה אָן הפסקה. האָט ער געענדיקט פריער, פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן, אין גימנאַסטיק־זאַל אויף אייניקע שעה אָפּרישנדיקע גימנאַסטיק. הילדרינג פלעגט זאָגן, וועגן מיקין: ער איז דער אומדערמידלעכסטער מענטש, וואָס כ׳האָב ווען עס איז באַגעגנט. זיינע געדאַנקען זענען פּונקט אַזוי פריש אין מיטן נאַכט ווי אין פרימאָרגן. צוזאַמען מיט זיינע אומדער־שעפּלעכע פיזישע כּוחות, האָט ער אויך געהאַט אַן עקשנותדיקן ווילן צו נעמען זיך צו אַלץ. הגם אומצאָליקע פּראָבלעמען האָבן געלאַסטעט אויף דער סי.עי.די. און באַשווערט אַזוי־אַרום מיקיס אַרבעטסטאָג, האָט זיך הילדרינג נישט דערמאָנט קיין איינציקן פאַל אַז מיקי זאָל פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פון דער אַרבעט דורך תּירוצים. מיקי האָט זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע, אַז קיין צופעליקייטן זענען נישטאָ. אַלץ האָט זיין סיבה. ווען דו דערגרונטעוועסט זיך צום תּוך פון דעם פּראָבלעם, האָסטו שוין כּמעט דעם ענטפער. טייל מאָל דאַרף מען זיך באַראַטן מיט אַ ספּעציאַליסט, אָבער די ריכטיקע טעכניק פון לייזן פּראָבלעמען איז אויפצודעקן זיי און איצטער — האָט הילדרינג נאָכגעטראַכט — בעט זיך זיין געהילף, דער הויפּטזייל פון זיין שטאַב, מען זאָל אים שיקן מעבר לים.

הילדרינג פלעגט אָפּטערן די פאַרשידענע פאָרשלאָגן צו שיקן מיקין דאָ אָדער דאָרט, אויף דעם אָדער יענעם קריגספּלאַץ מיטן

תירוץ, אַז מיקי איז אַ צו־ווערטפולער שטאַב־אָפיציר, מ׳זאָל אים שיקן אויף צווייפלהאַפטיקע שליחותן.

אָבער דאָס מאָל האָט הילדרינג געמוזט מסכים זיין, אַז מיקי איז ביז אַ געוויסן גראַד גערעכט. דער קריגסשטאַב האָט זיך גע־פונען אונטער אַ האָגל פון ווידערשפּרעכיקע אינסטרוקציעס וואָס שייך דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג מיט די באַפרייטע שטחים. אייזנהאַוער אַליין האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז „ס. עי. ד.״ איז נישט ווייניקער וויכטיק פאַר דעם נצחון ווי ראַדאַר, למשל. אָבער אין שטאַב זענען געווען רייבונגען צווישן די ס. עי.ד.־באַאַמטע און שטאַב־אָפיצירן וועגן דעם אַדמיניסטראַטיוון פאַרוואַלטן די באַ־פרייטע שטחים. די וואַשינגטאָנער צירקולאַרן און האַנטביכער וועגן דעם האָבן נאָך מער צעטומלט די פעלד־גענעראַלן. די מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די אַלייִרטע האָבן דעם ענין נאָך מער קאָמפּליצירט. די ענגלענדער האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו די אַזוי־גערופענע „לינקע רוזוועלטישע צילן״. די פראַנצויזן, באַהערשט פון ווילן צו באַנייען זייער זעלבשטענדיקייט, האָבן געצויגן אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג.

ס׳איז קלאָר, אַז די אָנוועזנהייט פון אַ געניטן און דערפאַרענעם ציוויל־באַאַמטן אין הויפּטשטאַב איז נויטווענדיק נאָך פאַר דער געפּלאַנטער אינוואַזיע אין אייראָפּע. און מיקי איז, אָן שום צווייפל, דער פאַסיקסטער מענטש דערצו. הילדרינג האָט געוווסט, אַז מיקיס באַציִונג צום קריג קעגן די נאַציס איז אַ פּערזענלעכע. ער האָסט זיי פון גאַנצן האַרצן, און ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם מאָ־מענט, ווען ער וועט מיט לייב און לעבן קענען אָנטיילנעמען אין דאָזיקן קריג. הגם ער האָט זיך קיין מאָל אָפן נישט באַקלאָגט וועגן זיין צוגעבונדנקייט צום שרייבטיש, איז אָבער געווען צו זען, אַז ער ליידט יסורים פון דעם. די ווענט פון זיין אָפיס זענען באַדעקט מיט מלחמה־מאַפּעס, אויף וועלכע שפּילקעס באַצייכענען מיט ציי־טערדיקן פאַרזיכט אַלע שנויים אויפן פראָנט. קאָלאָנעל וויליאַם טשאַנדלער, מיקיס ביוראָ־שכן פלעגט איבערראַשט ווערן פון זיין

התלהבות און אַנגסט — אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע אויף די פראָנטן — בעת מען האָט דיסקוטירט וועגן די העלדנטאַטן פון זיינע וועסט־פּאָינטער קלאַס־חברים אויפן שלאַכטפעלד.

הילדרינג האָט זיך געישובט. איינס איז אים קלאָר געווען: מיקי איז מער ווי אומצופרידן פון זיין ראָלע ביים שרייבטיש. אויפן פּאַסיפיק האָט ער טרענירט די רענדזשערס און זיי צוגעגרייט צו דזשונגל־קאַמפן קעגן די יאַפּאַנער. אַלס ריכטער, איז אים נישט דערלויבט געווען צו פירן זיין מאַנשאַפט אינעם קאַמף קעגן די יאַפּאַנער. זיין טעמפּעראַמענט, אויסשולונג און פערזענלעכער איינגע־גלויבטקייט האָבן אים געצויגן צום שלאַכטפעלד. די אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר אין לאָנדאָן וועט אים דערמעגלעכן כאָפּן אַ בליק אויף די שלאַכטפעלדער.

פון דער צווייטער זייט אָבער וויל ער אים האָבן לעבן זיך. ער האָט, פונקט אַזוי ווי פאַר אים די פּאַסיפיק־גענעראַלן, זיך מיט אַלעם פאַרלאָזט אויף קאָלאָנעל מאַרקוס, נישט נאָר צוליב זיין אויס־סערגעוויינלעכער אַרבעטס־קראַפט, נאָר אויך צוליב זיין צוציענדיקער און איינדרוקספולער פערזענלעכקייט, ווער נאָך ווי ער קען זשאָנגלירן צווישן די מיליטערישע ציווילע אַמטן? ווער נאָך ווי ער קען האַלטן אין צוים דעם גאַנצן שטאַב פון ס. ע. ד.? צי וועמען נאָך קען מען זיך ווענדן וועגן אַן עצה אין אַלגעמיינע און פּריוואַטע ענינים, ווי צו אים? קריזיסן האָבן אים קיין מאָל נישט אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. פונקט פאַרקערט, זיי האָבן אַנט־פּלעקט זיינע פילפאַכיקע טאַלאַנטן.

שווער, זייער שווער וועט דאָ זיין אָן אים. עס איז אָבער נישט אָנשטענדיק צו שטיין אים אין וועג צוליב אייגן־נוצן.

מיט אַ געפיל פון באַזאָרגטקייט האָט הילדרינג אַריינגערופן אַ סערזשאַנט און אים געהייסן צוגרייטן די רייזע־פּאַפּירן פאַר קאָ־לאָנעל מאַרקוס קיין לאָנדאָן אויף דעם 8־טן מאַי, מיטן נאָענטסטן טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַן. קאָלאָנעל מאַרקוס ווערט באַשטימט אַלס

צייטווייליקער פֿאַרבינדונגס־אָפֿיציר פֿון SHEAF ביים גענעראַל־שטאַב פֿון די אַליִירטע".

לויט די פּאַפּירן, האָט מאַרקוס באַדאַרפֿט זיין עטלעכע וואָכן בלויז אין אייזנהאַוערס הויפּט־קוואַרטיר, אין לאָנדאָן. ער וועט דאָרט וואַרטן ביז נאָך דער לאַנדונג, און שפּעטער זיך אַריבערכאַפּן אויפֿן אָקופּיר־שטח, כדי צו קאָנטראָלירן די פֿונקציאָנירונג פֿון דעם אַד־מיניסטראַטיוון רעזשים.

ווען הילדרינג האָט אָוועקגעלייגט די רייזע־פּאַפּירן אויף מיקיס שרייבטיש, האָט מיקי גאָרנישט געזאָגט, ער האָט בלויז אַ שטשירנדיקן שמייכל־געטאָן — דער בריטסטער גליקלעכסטער שמייכל וואָס הילדרינג האָט ווען עס איז באַמערקט ביי מיקין.

— בעסער נעם צונויף דיינע זאַכן — האָט הילדרינג אים גע־ראָטן — און פֿאַרגעס נאָר נישט, ווו דו אַרבעטסט.

מיקי האָט סאַלוטירט:

— צום ווידערזען, באַלעבאָס, אַ גרויסן דאַנק.

פֿיר און צוואַנציק שעה שפּעטער איז מיקי געווען אין דער ענגלישער הויפּטשטאָט. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און זיין אויפֿ־האַלט אין לאָנדאָן האָט געגעבן רעזולטאַטן: אין פֿאַרלויף פֿון דריי טעג זענען די ווענדונגען צו דער סי. עי. די. שטאַרק רעדוצירט גע־וואָרן. מיט דער צייט — כמעט אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. די ווייניקע דעפּעשן וואָס זענען יאָ אָנגעקומען, זענען מערסטנטייל געווען ווענדונגען פֿון מיקין וועגן אַ באַשטעטיקונג פֿאַר זיינע אָנווייזונגען צום שטאַב אין לאָנדאָן.

הילדרינג האָט זיך געפּאַטשט אין בויך: „מיקי באַווייזט שוין וואָס ער קען".

די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פּענטאַגאָן האָט זיך איצט שוין קאָנצענטרירט אויף דער אינוואַזיע גופֿא. ס'איז געווען קלאָר, אַז די זעראָ־שעה דערנענטערט זיך. די געוויינלעכע טעלעפֿאָן־געשפּרעכן זענען געוואָרן געהיימעניספֿול. מ'האָט געוואַרט אויף אַ גינסטיק וועטער.

סוף־כל־סוף האָט די שעה געשלאָגן. די טויערן פון גיהנום האָבן זיך געעפנט. אַ פייער שטראָם האָט פאַרפלייצט דעם ים־ברעג, וואַ־שינגטאָן האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. נאָך אַ וואָך פון ווילדע געשלעגן — איז דער „בריקנקאָפּ" אין נאָרמאַנדיע געווען גע־זיכערט. דער „ד־טאָג" האָט שוין באַלאַנגט צו דער געשיכטע.

בלעטערנדיק דעם באַריכט פון דזשאָרזש מאַרשאַל וועגן דער אינוואַזיע אין נאָרמאַנדיע, איז הילדרינג געוואָרן אומרויִק. קיין וואָרט פון מיקין זינט סוף מאַי. ער האָט טעלעגראַפירט צו מיקין אין SHAEF־הויפּט־קוואַרטיר אין לאָנדאָן. קיין ענטפער.

אַן אָנפראַגע אין גענעראַל־שטאַב האָט מיטגעטיילט: מיקי האָט פאַרלאָזן דעם SHAEF נאָך מיט צען טעג צוריק. ער געפינט זיך וואַרשיינלעך ערגעץ אין אייראָפּע. הילדרינג האָט באַשלאָסן צוּוואַרטן.

אַ צווייטע וואָך איז אַריבער, און אַ דריטע — און קיין סימן פון מיקין. דער גענעראַל איז געוואָרן נערוועז:

— וואָס צום טייוול גייט אָן אין שטאַב, פאַר וואָס קען קיינער נישט געפינען אַ שפּור פון מאַרקוסן. ער האָט ווידער טעלעגראַפירט צום גענעראַל־שטאַב:

— וואָס פאַר אַ באַלאַגאַן איז דאָס ביי אייך? ווייס טאַקע קיינער נישט ווו מיקי געפינט זיך?

— דאָס איז דאָך געווען אייער אייגענער אָפּמאַך — האָט מען אים געענטפערט — נאָר איר אַליין און אייער געהילף, קאָלאָנעל טשאַנדלער, דאַרפן באַשטימען דעם אַרבעטספּלאַץ פון קאָלאָנעל מאַרקוס.

וואָס אמת איז אמת, האָט הילדרינג נאָכגעטראַכט. ער האָט פאַרלאַנגט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט וואָלטער בעדעלל סמיט, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב אין פראַנקרייך. דאָס מאָל האָט ער געהאַט מזל. סמיט האָט נאָר וואָס געהאַט גערעדט מיט גע־נעראַל מאַרשאַל און די פּענטאַגאָן־ליניע איז נאָך געווען אָפן. ער האָט באַקומען די פאַרבינדונג.

— בעדעלל? דאָ רעדט דזשאָן הילדרינג. הער זיך איין — איך זוך איינעם פון מיינע חברה־לייט, קוירנעל מאַרקוס, אין לאָנדאָן. ווייסטו אפשר ווו ער געפינט זיך?

— מ׳קי מאַרקוס? ער איז דאָ ערגעץ פאַראַן, דזשאָן, ער האָט געלאַנדעט מיט דער 101־טער לופט־אַרמאַדע.

— ער האָט... וואָס?!

— ער איז אָנגעקומען מיט מאַקס טיילאָרס גרופּע, גלייך דעם ערשטן טאָג.

— דעם ערשטן? דאָס איז דאָך געווען מיט דריי וואָכן צוריק

— האָט הילדרינג אָ פאַרווירטער וויטער גערעדט, ווו איז ער איצטער?

— דזשאָן, כ׳קען דיר נישט העלפן. כ׳האָב אַ מלחמה אויף מיינע פּלייצעס. איך קען זיך נישט אַרומניאַנטשען מיט דיינע קאַ־לאָנעלן.

— כ׳פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, בעדעלל. אָבער הער זיך איין, קענסט מיר טאָן אַ שטיקל טובה, בעדעלל?

— וואָס איז דאָס?

— געפין מיר אויס מאַרקוסן.

— ער איז דאָ אויסגעוועזן אומעטום, דזשאָן.

— אַרעסטיר אים, אויב דו מוזסט, אָבי שיק מיר אים צוריק.

☆

ווען מיקי איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן האָט ער זיך גלייך אַריינגע־וואָרפן אין דעם ים פון פאַרשידענע פּאַפּירן אין דער הויפּט־קוואַרטיר. אין אַ קורצער צייט האָט ער דורכגענישטערט די ווידערשפּרעכיקע אָנווייזונגען און אַרויסגעבראַכט עטלעכע פונדאַ־מענטאַלע אויספירן צו וועלכע אַלע האָבן צוגעשטימט.

— די איבעריקע פּרטים וועלן באַשטימט ווערן אויפן פלאַץ, אָפּ־העגגיק פון די לאָקאַלע באַדינגונגען.

ער האָט זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיינע פליכטן און זיך אַרויסגעלאָזט אויספאָרשן אינטערעסאַנטערע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט געמאַכט אַ גרינטלעך־פּאַרזיכטיקע אונטערזוכונג וועגן די אָפּטיילונגען, וואָס וועלן גאַנץ וואַרשיינלעך באַנוצט ווערן אין דער ערשטער אינוואַזיע־כוואַליע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס וועלן זיין די פאַראַשוטיסטן, אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן: מאַקס טיילאָר און דזשיימס גאַווין.

— מאַקסוועל ד. טיילאָר, געוועזענער אַרמיי־הויפּט, איצט, פאַרזיצער פון די פאַראייניקטע גענעראַל־שטאַבן, אַ הויכער מאָגערער מאַן, אַ וועסט־פּאָינטער פונעם טיפּ פון פאַרשטאָרבענעם געריי קופּער, איז געווען מיקיס אַ שול־קאָלעגע אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. זיי האָבן נישט געוווינט אין זעלבן באַראַק, אין יענער צייט פלעגט מען גרופּירן די קאַדעטן לויטן וווּקס און מיקין האָט אַ סך געפעלט צום וווּקס פונעם זעקס־פוסיקן טיילאָר. טיילאָרן זענען פאַרבליבן אָנגענעמע דערינערונגען פון מיקיס אויפטריטן אויף דער באָקס־אַרענע און אין טאַנצזאַל.

מיקי איז דעריבער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן בעת ער איז אַריין אין גענעראַל־קאָמאַנדירס אָפיס אין ניו־בעררי — די באַזע פון דער 101־טער לופטמאַכט־דיוויזיע.

די פערזענלעכע באַרירונג מיט טיילאָרן האָט זיך מער נאָך אַקצענטירט אַ דאַנק טיילאָרס לאַנגיאָריקער פריינדשאַפט מיט מיקיס שעף, גענעראַל הילדרינג.

אין זייער שמועס האָט מיקי ווי כלאחר־יד אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז לויט דער דירעקטיוו פון ס. ע. ד. איז ער פריי צו האַנדלען אויף זיין אייגענער אחריות. ס׳איז הילדרינגס ווילן, האָט ער באַטאָנט, אַז ער זאָל צום שנעלסטן זיין אין נאָרמאַנדיע פאַר דירעקטער אָבסערוואַציע. ער, און אויך זיין שעף הילדרינג, האָפן אויף דער הילף פון טיילאָרן.

— געוויס — האָט טיילאָר געזאָגט — כ׳וועל דיך פאַרבינדן

מיט מיינע שטאַב־מענטשן און זיי וועלן שוין עפּעס מאַכן. פאַר וואָס זאָל מען נישט טאָן קיין טובה אַלטע גוטע באַקאַנטע!

דער „עפּעס" האָט געזאָלט זיין, לויט טיילאָרס מיינונג, אַ גע־ווינלעכער „פּאָסט־אָפּעראַציאָנעלער" באַזוכער־טור אין אַ דזשיפּ מיט דער באַגלייטונג פון אַ שטאַבס־באַאַמטן. אַזוי האָט געטראַכט טיילאָר. אָבער נישט מיקי! ער איז אַוועק צום שטאַבס־פאַר־זאַמלונגס־פּונקט, מיט דער ברכה פונעם קאָמאַנדיר־גענעראַל און מיט זיין אייגענער עלאַסטישער אויסטייטשונג פון די אינסטרוקציעס פון וואַשינגטאָן. און אַלס צוגאָב —אַ בריוו פון דזשאָן מעקלאָו, אַסיסטענט־סעקרעטאַר פון קריגס־צייט, מיט דער פאַרטרוילעכער ווענדונג „טייערער מיקי". דעם בריוו האָט ער, פאַרשטייט זיך, אַליין פּראָדוצירט...

מיקי האָט געהאַפּט אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך מיט די אינ־וואַזיע־טרופּן.

— האָט איר דורכגעמאַכט אַ פּאַראַשוטיסטן קורס? — האָט מען אים געפרעגט.

מיקי האָט נאַכלעסיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — כ'בין געווען קאָמענדאַנט אין אָהאַו. דאָס איז טאַקע געווען אַן אמת. ער האָט בלויז נישט צוגעגעבן, אַז אינעם רענדזשער־קורס איז נישט אַריינגענומען געוואָרן לופט־שפּרינגעריי.

דער זעלבסט־זיכערער טאָן פון מיקין האָט אָפּגעווישט יעדן צווייפל. זיי האָבן אין פּרינציפּ באַשלאָסן, אַז מיקי וועט מיטפליען מיט דער ערשטער כוואַליע פון דער 101־טער דיוויזיע, אויב ס'וועט נאָר זיין פּלאַץ.

דאָס איבעריקע איז שוין אָנגעקומען מער־ווייניקער לייכט. אינעם טאָג פון דער אינוואַזיע ווען דער יונגער קאָרפּאָראַל פון דער 101־טער דיוויזיע, טרייסלענדיק זיך פון קעלט אויפן פליפעלד פון דרום־ענגלאַנד, האָט אַרויפגעפּאַקט אויף אַ C־46 טראַנספּאָרט־עראָפּלאַן אַ גרופּע פון איבערגעוואַקסענע, שווערוואַגיקע סאָלדאַטן, איז פּלוצים אָנגעלאָפן מיקי. פּאָכנדיק מיט אַ פּאַק פּאַפּירן פול מיט

איינדרוקספולע חתימות פון קריגס־דעפּאַרטמענט.

עס איז נישט געווען דער גינסטיקער מאָמענט אויף לאַנגע געשפּרעכן. דער פּיפּיקער קליינער קאָלאָנעל פון פּענטאַגאָן איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין אַעראָפּלאַן.

☆

פינפטער יוני 1944. בין־השמשות. דער הימל איבערן ענגלישן קאַנאַל איז אָנגעפילט מיט אַ זשומעריי. ביסלעכווייז ווערט דאָס זשומעריי פאַרוואַנדלט אין אַן אומאויפהערלעכן גרילצנדיקן ברומען.

אויף די פּאַשע־פעלדער פון נאָרמאַנדיע האָבן פּעטע קי אויפגעהערט קייען און אַרויפגעקוקט צום הימל. די דאָרפישע געגנט איז פול געווען מיט דייטשישע טרופּן, באַזעצטע אויף פּאָסטנס פון אַנטי־אַוויאַציע קאַנאָנען.

די לופט־אַרמאַדע איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. צען טויזנט אויסגעקליבענע פאַראַשוטיסטן אין הונדערטער אַעראָפּלאַנען און גליטשערס. צווישן זיי האָבן זיך געפונען נאָר צוויי, וועלכע זענען פריער נישט געשפּרונגען: איינער אַן אָפיציר, לעצטנס צוגעטיילט צו גענעראַל טיילאָרס שטאַב און דער צווייטער — מיקי מאַרקוס.

☆

נאָך האַלבער נאַכט פון זעקסטן יוני 1944 איז מיקי מאַרקוס אַרויסגעשוווּמען לויט דער ריי דורך דער אָפענער טיר פונעם שוועבער־איבערגעלאָדענעם C־46. די פיס פאָראויס, די הענט אויסגעשטרעקט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט — ער האָט געציילט: „איין טויזנט, צוויי טויזנט, דריי" — אין דעם מאָמענט האָט זיין פאַראַשוט זיך צעעפנט און זיך אָנגעשלאָגן אין דער פולער קראַפט פונעם

פּראַפּעלערס ווינטשטויס. פון אַ שנעלקייט פון 120 מייל אַ שעה איז ער פלוצעם אַריבער צו אַ פולשטענדיקער שטילשטאַנד — דער געפּערלעכער עפענונגס־שאָק איז אַריבער און ער האָט אָנגעהויבן פאַלן לייכט, רויִק, 18 פוס אין אַ סעקונדע.

דאָס זשומעריי פון אַעראָפּלאַן האָט זיך דערווייטערט. ער האָט זיך געפילט באַפרידיקט און רויִק. ער האָט געהאַט דאָס זעלבע געפיל, ווי ביים העלדישן איבערדריי צווישן די טראַפּעזן. ער האָט אַרונטערגעקוקט פון אַ הויך פון 900 פוס צו דעם נאַצי־אָקופּירטן פראַנקרייך, זוכנדיק אין דער נאַכט פינצטערניש דעם אָנגעצייכנטן אָרט פאַר זיין לאַנדונג. אויף דער לאַנדונגס־קאַרטע איז געווען אָנגעצייכנט אַ מאַסיוו־שטיינערנע בריק, אַ קרייצוועג, אַ קירכע־טורעם. פון דעם אַלעם קיין זכר — עס האָט זיך בלויז געזען אַ שמאָלער וואַסערפּאַס צווישן פעלדער. אין דער לעצטער מינוט האָט מען געענדערט דעם מאַרשרוט צוליב ידיעות וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דייטשישע טרופּן. די פאָרמאַציעס זענען זיך צעפאַלן און אָפּגעקערט פון די ריכטיקע שיינוואַרפער. אין רעזולטאַט האָבן פּאַראַשוטיסטן זיך צעשפּרייט אויף מרחקים, נישט האָבנדיק דעם מינדסטן באַגריף ווו זיי געפינען זיך און ווער עס זענען זייערע נאָענטע שכנים. דאָס לאַנד איז געווען באַדעקט מיט קוסטעס, גערטנער און בליענדיקע פעלדער, צעשניטן פון שמאָלע, שלענגלדיקע סטעזשקעס און וואַסער־אָפּציענדיקע קאַנאַלן. און דאָס האָט פאַרשאַפט גענוג קאָפּווייטיק. אַ קוסט קען זיין אַ רויזנקוסט אָדער אַ פאַרשטעלטער דייטש. ווען אַ קוסט שיסט איז שוין צו שפּעט.

מיקי האָט געלאַנדעט אויף אַ פריי פעלד. אויף זיין ראַנד זענען געשטאַנען איינצלנע ביימער באַצווייגט מיט שאַרסטקע שפּיצן (די דעמבעס און קאַשטאַנביימער פון נאָרמאַנדיע) און דאָס פייער פון מאַשין־געווער האָט יענע נאַכט פאַרשלונגען גענוג קרבנות.

מיקיס לאַנדונג איז דורך גלאַטיק. ער האָט זיך באַפרייט פון געשפּאַן פון פאַראַשוט. אַרויסגענומען זיין אויטאָמאַטישע ביקס. אויסער אַ לייכטן ווייטיק אין די אַקסלען און פלייצע פון דעם

עפענונגס־שאַק, האָט ער זיך געפילט ווי נאָך אַ ים־רייזע אויף „קווין־מערי".

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין צפון האָט ער באַמערקט די קאָנטורן פון אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן און עטלעכע דאָרפישע הייזער. פון לינקס — קוסטעס. הינטער אים ביימער. פון רעכטס אַ באַרג־שיפּוע, וואָס פירט אפשר צו אַן אָפּצו־קאַנאַל. פון לינקס האָט ער דערהערט אַ גערויש. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

אַ טויטע שטילקייט.

ער האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס און אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קעסטעלע און עס אַ דריק געטאָן. אַ שאַרפער גרילץ פון אַ פעלדגריל האָט דורכגעשניטן די שטילקייט. פון לינקס האָט זיך דערהערט אַן ענלעכער גרילץ — זיך שנעל איבערחזרנדיק. פויזע. מיקי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פון די פּאַראַשוטיסטן. לויט דער עצה פון אַן ענטאָמאָלאָג האָט מען באַזאָרגט יעטוועדן פּאַראַשוטיסט מיט אַזאַ אַפּאַראַטל כדי צו סיגנאַליזירן איינער צום צווייטן.

מיקי איז פאָרזיכטיק געקראָכן פאָרויס. פון דער פינצטערניש האָט זיך אַרויסגעשיילט די פיגור פון אַ יונגן פּאַראַשוטיסט, אַ סערזשאַנט. אַן אויסטויש פון שטילע באַגריסונגען. קאָלאָנעל מאַרקוס איז אַריין אין עסק... ס'איז געווען דער אָנהויב פון אַ קאַמף־מאַנשאַפט. אין די נאָענטסטע שעהן האָבן זיי אָנגעטראָפן פּאַראַשוטיסטן פון פאַרשידענע פאָרמאַציעס. מיקי האָט זיי אַלעמען פאַרזאַמלט אונטערן שוץ פון די ביימער און זיי צעטיילט אין צוויי פּאַטראָלן. איינער אָנ־געפירט דורך אים אַליין און דער צווייטער — פון אַ G־2 מאַיאָר. וויזט אויס, אַז זיי געפינען זיך עטלעכע מייל פון דעם באַשטימטן זאַמלונגס־פּונקט. באַגין האָט ער דעם מאַיאָרס פּאַטראָל געשיקט דרום־צו, זוכן אַנדערע פאַרלוירענע אָפּטיילונגען, און ער אַליין איז געגאַנגען מיט זיין פּאַטראָל אין דער ריכטונג פון נאָענטן דאָרף.

אַרויס פון צווישן די ביימער, האָט זיך גלייך געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי. ס'איז טאַקע געווען ווי מיקי האָט פאַרדעכטיקט. דער

קאַנאַל ווייט אויף רעכטס איז געווען באַזעצט פון אַ נאַצישע מאַשין־געווער־מאַנשאַפט. מיקי האָט איינגעזען, אַז ס׳איז נייטיק צוצוקומען וואָס נאָענטער צום שונאס נעסט. אַ שורה קוסטעס האָט זיי געקענט פאַרשטעלן. ער האָט אויפגעקלערט דעם פּאַטרול זיין פּלאַן. איינציק־ווייז, איין ריי הינטער אים, זענען זיי געקראָכן צום קאַנאַל. ער האָט געהייסן דעם סערזשאַנט מאַכן אַן אומוועג ביי אַן ערד־אַנגעשאָטענער שוצוואַנט און פון דאָרטן צוקומען צום שונא פון הינטן. ער אַליין איז געבליבן צווישן די קוסטעס און אָנגעהויבן שיסן אויף די דייטשן. די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט זייער פייער אויף דעם שיסנדיקן, און אַזוי, בייטנדיק זיין פּאָזיציע, האָט ער נישט אויפגעהערט צו באַשיסן די דייטשן. דאָס איז געווען אַ קלאַסישער ביישפּיל פון קאָמבינירן באַוועגונג און שיסעריי. די דייטשן זענען געווען פאַרנומען מיט מיקיס טרעפלעכע שאָסן ווען דער פּאַטרול איז אויף זיי אָנגעפאַלן פון הינטן.

אין „פּאָינטער", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אין אַמעריקע, האָט מען געשילדערט מיקיס גרעאַנגל מיט די נאַציס בזה הלשון:

„אַ קלאַס־חבר האָט אָנגעטראָפן מיקין ווען ער האָט געגעבן אַ לעקציע אַ באַשאָסענעם פּאַטרול, ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון אַ מאַשין־געווער נעסט. ווען דער פּאַטרול האָט דערגרייכט דעם שונאס פּאָזיציע האָט ער דאָרט געפינען זעקס טויטע".

אין דערזעלביקער צייט זענען אויסגעבראָכן לאָקאַלע קאַמפן צווישן די דייטשן און די אָנגרייפנדיקע פּאַראַשוטיסטן אין צענדליקער פלעצער. דאָס האָט אין גאַנצן צעמישט די דייטשן. זיי האָבן געמיינט, אַז זעקס דיוויזיעס זענען אויף זיי אָנגעפאַלן. אין דער אמתן זענען דאָס געווען פאַראיינצלטע און צעשפּרייטע גרופּן פון צוויי דיוויזיעס.

נאַצישע מאָטאָריזירטע רעזערוון האָבן געאיילט איבער די וועגן. די פּאַטרולן האָבן געגישטערט און געזוכט אין די גערטנער און הייף. ס׳זענען אויסגעבראָכן געשלעגן אומעטום. אַרומוואַנדערנדיקע

פאַראַשוטיסטן־גרופּן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשן. די דייטשן האָבן אויסגענוצט די סיגנאַל־צייכנס פון די אַמעריקאַנער. זיי האָבן זיי צוגענומען ביי די געפאַנגענע כּדי צו פאַרנאַרן די פאַראַשוטיסטן. איינע אַזאַ גרופּע האָט מיקי, ממש אין לעצטן מאָמענט, אַרויסגעראַטעוועט פון אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

מיקי האָט זיך געשלייכט אויף אַלע וועגן. איין מאָל האָט אים אַ קאָמאַנדיר פון דער אינפאַנטעריע נאָמינירט אַלס פאַרבינדונגס־אָפיציר פון אַ קאָרפּוס וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין אַ שלאַכט. אַ רעגולערער אָפיציר פון דער 101־טער דיוויזיע האָט שפּעטער דערציילט טשאַנדלערן, הילדרינגס געהילף, אַז דער ס. עי. ד.־אָפיציר, מיקי, אַנשטאָט פּרוּוון אָרגאַניזירן אַ ציטוויליקע פאַרוואַלטונג, האָט ער אָרגאַניזירט אַ מאַשין־געווער־נעסט און איינגעהאַלטן דעם שונא ביז עס איז אָנגעקומען הילף און אין צווישנצייט האָט ער ליקווידירט פיר דייטשן. לעגענדעס האָבן צירקולירט אויפן פראָנט וועגן אַ קאָלאָנעל פון סי. עי. ד. וואָס שפּרינגט ווי אַ יונגער לאַשעק אויף אַלע ליניעס. דאָ באַגלייט ער אַ קאָמפּגרופּע און דאָרט פאַרבלייבט ער אין אַ פריש־אָקופּירטן דאָרף און העלפט איינשטעלן אַ מיליטערישע אַדמיניסטראַציע.

מיקיס אַ גוטער פריינד, אויך אַ וועסט־פּאָינטער, האָט דערציילט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פרייהייטס־פייערונג ביי סיגיני ~~אויף איינעם אַ סאָלדאַט~~ מיט אַ מאַשין־געווער און אַ קריגל פיינעם אַלטן קאָניאַק. אַ מלחמה־קאָרעספּאָנדענט האָט דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן מיקין, מאַכנדיק אַ פּלאַן פאַר אַ קעמפנדיקן פּאַטראָל וועגן אַן איבערפאַל אויף די דייטשן אויף יענער זייט פון נאָרמאַנדישן האַלב־אינדזל.

אַ קאַפּיטאַן מיט זיין גרופּע זענען באַלד דעם צווייטן טאָג פון דער אינוואַזיע אַריין אין אַ באָמבאַרדירטן דאָרף נאָך דעם ווי דאָס דאָרף איז באַפרייט געוואָרן דורך אַן אינפאַנטעריע־אָפּטיילונג פונעם יוטאַ ים־ברעג שפּיץ. ער האָט צעשטעלט זיינע סאָלדאַטן און געוואַרט אויף אַ פאָרשטייער פון דער ס. עי. ד. כּדי איינצושטעלן

אַ פֿאַרוואַלטונג. ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען פּלוצעם האָט אויפגעטויכט אַ באַשטיוולטער פֿאַראַשוטיסט, באַשפּריצט מיט בלאָטע, מיט אַן אויטאָמאַטישער ביקס אין האַנט, און מיט אַ צייכן פֿון אַ קאָלאָנעל פֿון גענעראַל־שטאַב אין וואַשינגטאָן. דאָס איז געווען מיקי מאַרקוס.

אָבער די נאָענטסטע פּאָזע איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. נאָך זעקס און דרייסיק שעה פֿון שווערע שלאַכטן זענען די אַלייִרטע בריקנקעפּ ביי אָמאַהאַ און יוטאַ אָפּגעטיילט געוואָרן איינער פֿון צווייטן דורך אַ געפֿערלעכער עפּענונג. גענעראַל אייזנהאַוער האָט באַפֿוילן צו אַטאַקירן מיט אַלע מעגלעכע כוחות די שליסל־פֿאַרבינדונג פֿון קאַרענטאַן.

ערשט זעקס טעג נאָך „ד.־טאָג", דעם 12־טן יוני האָט גענ. טיילאָר שוין געקענט באַריכטן, אַז זיין 327־סטער גליטשער־אינפֿאַנטעריע האָט ענדלעך פֿאַרכאַפּט דעם אַדמיניסטראַטיוון שטאָט־צענטער. פֿונעם הויכלאַנד, אויף מערב פֿון שטאָט, האָבן שטאַרק־באַפֿעסטיקטע נאַצישע קרעפֿטן די זעלבע נאַכט געשטורעמט מיט שווערער אַרטילעריע אַמעריקאַנישע פּאָזיציעס. די דראָענדיקע געפֿאַר פֿון אַ דייטשישער טאַנקען־אָפֿענסיווע האָט געקאָנט צו נישט מאַכן אַלע דערגרייכונגען.

גענעראַל טיילאָר האָט זיך אַרומגעיאָגט אויף זיין דזשיפּ פֿון פּונקט צו פּונקט. דער געראַנגל איז געווען אַ בלוטיקער און עקשנות־דיקער. אין איינעם פֿון די פּונקטן האָט זיך גענעראַל טיילאָר אָנגעשטויסן אויף אַ קאָרפּולענטן קאָלאָנעל מיט אַ ביקס אין האַנט ביי אַ מאַשין־געווער־פּאָסטן, וועלכער באַפֿעלט רויק: „אָט דאָ נאָך צוויי זעקלעך זאַמד, חברה! בחורעץ, הייב דעם פּאַק!"

— וואָס טוסטו דאָ צו אַלדע שוואַרצע יאָר, מיקי? — האָט גענעראַל טיילאָר איבערגעשריגן דעם רעש פֿון דער שיסעריי און שראַפּנעלן.

— אָ, איך קוק זיך בלויז אַרום — האָט מיקי געענטפֿערט.

— האָסט זיך אויסגעקליבן דעם פּאַסיקן פּלאַץ זיך אַרומצוקוקן.

דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר ס. עי. ד.־באַאַמטע — האָט גענעראַל טיילאָר געדונערט.

— מוז איך צוריקגיין ? — האָט מיקי תחנונימדיק געפרעגט.

אַ קראַך פון אַן אַרטילעריע שאָס. אַלע האָבן זיך אינסטינקטיוו אַראָפּגעבויגן. גענעראַל טיילאָר האָט מיט פאַרווּנדערונג אָנגעקוקט דעם קאָרפּולענטן קאָלאָנעל, וועלכער בעט זיך ביי אים ער זאָל אים דערלויבן צו זיין אין סאַמע מיטן פון דער מלחמה אָנשטאָט צו זיצן אין אַ באַקוועמען האָטעל־צימער אין לאָנדאָן.

— ניין, דו דאַרפסט נישט צוריקגיין — האָט ער געזאָגט.

מיקיס פּנים האָט אויפגעלויכטן :

— אָט באַלד וועלן מיר אויסגעפינען דעם פּלאַץ פון דער אַרטילעריע־באַטעריע — האָט מיקי געזאָגט.

— אויף ווידערזען, מאַקס ! — און ער איז פאַרשוווּנדן אין אַ באַשאָסענער עפּענונג.

יענעם נאָכמיטאָג האָבן די דייטשן געעפנט אַ טאַנקען־אָפענסיווע. אין טומל פון אַטאַקעס און קאָנטער־אַטאַקעס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די שפּורן פון דעם אַרומוואַנדערנדיקן קאָלאָנעל פון ס. עי. ד. אָבער ווי נאָר די מיליטערישע פּאָליציי האָט אים דערטאַפּט, איז ער גלייך אויפן באַפעל פון גענעראַל בעדעלל סמיט אַרעסטירט געוואָרן. געטריי דעם ווּנטש פון הילדרינג האָבן זיי אים אַפילו נישט דערלויבט איבערצובייטן דעם אוניפאָרם. מ׳האָט אים אין איילעניש אַרויפגעזעצט אויף אַן אַעראָפּלאַן קיין לאָנדאָן און פון דאָרט — ווי ער שטייט און גייט, אין פאַרבלאָטיקטן פאַראַשוטיסטן־מונדיר אים איבערגעשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַן דירעקט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. מיקיס מאַרש אויף בערלין האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַמווייניקסטנס ציטווייליק.

מיקין האָט אָבער געעקבערט עפּעס אַנדערש : וואָס זאָל ער זאָגן זיין אויפגעבראַכטן באַלעבאָס ?

צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָט אים גענעראַל הילדרינג געטראָפן

אין קאָרידאָר פון זיין אָפיס אַן אויסגעפוצטן אין ציכטיק־ריינעם אוניפאָרם.

— קאָלאָנעל מאַרקוס מעלדעט זיין צוריקקום פון אייראָפּע, סער!

— האָט מיקי סאַלוטירט.

— כ׳בין צופרידן וואָס איר האָט דאָס ענדלעך באַוויזן, קאָלאָנעל

— האָט הילדרינג געזאָגט טרוקן. — ווילט איר אפשר אַריין אין ביוראָ?.

מיקי איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ „פּלעבע" אין ערשטן ווערסט־פּאָינטער פּאַראַד.

— זיך צעשטרייען, קוירנעל! ווי איז עפּעס צוגעגאַנגען אייער רייזע?

— גאַנץ קאָנסטרוקטיוו, סער. כ׳האָב אָנגעשריבן אַ פולן ראַפּאָרט. מיקי האָט אַוועקגעלייגט דעם ראַפּאָרט אויף הילדרינגס טיש.

— כ׳האָף אַז מען האָט אייך נישט צוגעאיילט.

— אָ, ניין, כ׳האָב געהאַט גענוג צייט, סער!

— זייער גוט, זייער גוט. ס׳וואָלט געווען פאַרדראָסיק אויב ס׳וואָלט געווען אַנדערש...

מיקי האָט געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָט הילדרינג אויסגעשריען:

— וואָס צו אַלדע שוואַרץ יאָר, האָט איר געוואָלט באַווייזן, קוירנעל? האָט איר דען נישט געוווסט, אַז מיר זוכן אייך שוין וואָכן לאַנג?

— ס׳טוט מיר זייער לייד, סער! מיין אויפגאַבע איז געווען צו אָבסערווירן די איינשטעלונג פון אַ מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, נו, האָב איך אָבסערווירט.

— פונעם עק פון אַ פּאַראַשוט?

— די טראַנספּאָרטן קיין נאָרמאַנדיע זענען געווען איבערגע־פּאַקט, סער! און איך האָב געדענקט, אַז אין אונדזערע אינטערעסן

איז צו באַגלייטן די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציע גלייך פון ערשטן מאָמענט פון דער באַפרייונג.

— האָט איר, הייסט עס, אויפגעהויבן אַן אויטאָמאַטישע ביקס און געזוכט וועמען צו באַפרייען?

— ס'האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנץ גלייכער געדאַנק, סער!

הילדרינג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין מיר צו דערקלערן, ווי אַזוי אַ ס. עי. ד.־אָפיציר ווערט פאַרמישט אין „ד.־טאָג״?

— אַ צופאַל.

— אַ צופאַל?

— יאָ. איין מאָל בין איך אומגערן צוגעקומען צו דער באַזע פון דער 101־טער דיוויזיע, אין ניו־בעררי. כ'האָב געוווּסט אַז מאַקס טיילאָר איז אייערער אַ גוטער פריינד, האָב איך געטראַכט, מ'דאַרף איבערגעבן אַ גרוס פון אייך.

— זייער פיין, אַ טיפּזיניקער געדאַנק. און וואָס ווייטער?

גענעראַל טיילאָר איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. האָבן מיר זיך פאַרשמועסט, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ס'וואָלט געווען גאַנץ גלייך ווען אַ ס. עי. ד.־אָפיציר וואָלט געלאַנדעט צוזאַמען מיט די פּאַראַשוטיסטן און געפינען זיך גלייך אויפן פּלאַץ.

— און איר האָט דאָס איינגערעדט טיילאָרן?

— ער האָט נישט איינגעזען פאַר וואָס ער דאַרף זיך קעגנשטעלן, אויב איר פאַרלאַנגט עס.

— ס'הייסט, אַז איר האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז מיין פאַרלאַנג?

מיקי האָט געצויגן מיט די אַקסלען!

— כ'האָב בלויז געזאָגט, אַז כ'האָב אַזאַ געפיל.

— איר האָט דאָך אָבער נישט דורכגעמאַכט קיין פּאַראַשוטיסטן־איבונגען, קוירנעל!

— ריכטיק. לכתחילה האָבן מיר באמת געטראַכט וועגן אַ

גליטשער. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז צו קאָמפּליצירט. דאַקעגן אַ פּאַראַשוט־שפּרונג...

דער גענעראַל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דאַקעגן צו אַ פּאַראַשוט־שפּרונג דאַרף מען האָבן בלויז אַ טיִוולאָנישע געוואַגטקייט און אַ... לויזן שרייפּל אין קאָפּ...

וואָלט זיך עס געהאַנדלט וועגן אַן אַנדערן וואָלט דאָס געווען אַ סקאַנדאַל. אָבער וועגן מיקין וואָלט זיך קיינער נישט געחידושט אַפילו ווען מ׳וואָלט זיך דערוווסט אַז קאָלאָנעל מאַרקוס האָט דער־גרייכט פראַנקרייך אַריבערשווימענדיק דעם לאַמאַנש־קאַנאַל.

— איר ווייסט — האָט דער גענעראַל צוגעגעבן, מ׳קען מיינען, אַז איר האָט דאָרטן געזוכט גיכער אַ פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע איידער צו דערפילן אייער פליכט.

— כ׳לייקן נישט, אַז כ׳האָב געהאַט אַ פּערזענלעכע באַפרידי־קונג. אָבער איך האָב אויך אויסגעפילט מיין אויפגאַבע אַלס ס. עי.ד.־אָפיציר. — האָט מיקי אַנגעוויזן אויפן ראַפּאָרט. — איך דענק אַז איר וועט עס אויסגעפינען...

דעם גענעראַל איז געווען אומבאַקוועם אָנצוהאַלטן ווייטער דעם שטרענגן טאָן, אָבער ער האָט געוואָלט מיקין אָנלערנען.

— איר, אַלס אַבסאָלוועט פון וועסט־פּאָינט, ווייסט דאָך אוודאי דעם פּרינציפּ, אַז אָפיצירן פון העכערן ראַנג איז שטרענג פאַרבאָטן צו ריזיקירן זייער לעבן, ווען ס׳איז נישט נייטיק.

— פאַראַן אָבער אַ וויכטיקער פּרינציפּ, סער, — אַ גוטער קאָמאַנדיר פירט פּערזענלעך זיין מאַנשאַפט.

הילדרינג האָט זיך אונטערגעגעבן.

— נו גוט, מיקי, גייט צו אייער שרייבטיש. אין איין וועגס קענט איר שוין אַ ביסל צעקנייטשן אייערע הויזן. כ׳וויל נישט, אַז ווער פון מיינע אָפיצירן זאָל באַקומען אַ שאָק פון אייער עלעגאַנץ...

אַ יאָר שפּעטער האָט מיקי באַקומען דעם „מעדאַל פאַר אויס־געצייכנטער דינסט" — פאַר זיין נאָרמאַנדישער אַוואַנטורע. מ׳האָט אָפיציעל באַמערקט, אַז די אויסצייכענונג איז צוליב זיין דירעקטער

דערפאַרונג בעת דער אינוואַזיע, אַ דערפאַרונג, וואָס האָט געבראַכט זייער וויכטיקע מאָדיפיקאַציעס פון די ס. עי. ד.־פּראָצעדורן אין די באַפרייטע געביטן.

דער רוב מענטשן פּטרט אָפּ זיינע פאַרלאַנגען און חלומות מיטן אָפליגן זיי אויף שפּעטער. אַ מאָל, וועט קומען דער ריכטיקער טאָג און דאַן... אָבער מיקי האָט שטענדיק געהאַנדלט לויט זיינע חלומות און איבערצייגונגען. דער אימפּולס צו טאָט איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון זיין כאַראַקטער. קיין גרענעץ צווישן טראַכטן און טוען, ווי די אַמעריקאַנער פּראַזע זאָגט: „וואָס ער האָט ווירדיק פאַרטראַכט, האָט ער מוטיק דורכגעפירט".

אַ שטיצע אין זיינע אידעאַליסטישע אימפּולסן האָט ער געפינען אין זיין פרוי עמאַ. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט שטענדיק באַשטעטיקן זיינע באַשלוסן און זיך נישט באַקלאָגן... זי וועט קיין מאָל נישט באַקלאָגן זיך, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע היים־פליכטן. זי האָט דערלויבט אים זיך נאָכצויאָגן נאָך זיינע חלומות. און דאָס האָט אים, דריי און אַ האַלב יאָר שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג פון פראַנקרייך, צוגעצויגן צו אַ קליינעם האָטעל ביים ים־ברעג פון תל־אביב, די שטאָט וואָס האָט געפיבערט פון אומרו און דערוואַרטונג.

קאַפּיטל דריי

תל־אביב, ישראל
16 פעברואַר 1948.
„טייערער סניפּפּי,

איך קלייב זיך אין וועג אַריין. די אויפגאַבע דאָ איז אַ גיגאַנטישע. „איינער איז קיינער" — זאָגט דאָס פאָלק. פּופּ־ציק שטאַב־אָפיצירן וואָלטן אפשר געקענט דאָס דורכפירן. אָבער עמעצער מוז דאָך גראָבן די ערד פאַר די פונדאַ־מענטן אויפצובויען אַן „עמפּייער־סטייט"־געביידע. איך וועל אָנהייבן מיט איינצלנע ציגלען, אפשר וועט פון דעם אויס־וואַקסן די געביידע.

אין ערגעץ אין דער וועלט איז מיר נישט אויסגע־קומען אָנצוטרעפן אַזאַ פּראַקטיקן מענטש, ווי דאָ אין פּאַלעסטינע. סאַראַ מוט, סאַראַ ענערגיע. נישט צעבאַלע־וועט. נייגעריק צום לערנען, וויסן. ערנסט, אָבער העפלעך. זיי באַגרייפן גענוי זייער לאַגע. זיי קוקן אין דער צוקונפט אָן פּחד. און דערצו — אמתדיק באַשיידן.

אַ נייער מין ייד וואַקסט אויס אינעם לאַנד. זיי דאַרפן אָבער הילף, און די הילף דאַרף קומען באַלד, איצטער. ווי ס'זעט אויס, קוקט די גאַנצע וועלט אַרויס אויף אַמעריקע. אַלץ קומט צום לעבן ווען אַמעריקע וואַרפט צו אַ שמייכל".

מיקי האָט אָפּגעקערט זיין בליק פונעם העפט אויף זיין שויס. ער איז געזעסן אויפן באַלקאָן פון זיין צימער אין האָטעל „גת־רימון" און זיך פאַרקוקט אויפן ים. אַ זאַנפט־ווינטל האָט

גערונצלט זיין אויבערפלאַך, אַ פאַרגאַסענע מיט פורפור־ראָזעווע קאָלירן פון דער שקיעה. פון דרום האָט זיך אויסגעשיילט די אַראַביש־מאָלערישע אַלטשטאָט יפו, מיט אירע צעוואָרפענע געס־לעך און מינאַרעטן. ווייט־ווייט אויפן ים האָבן געפינקלט ליכטער פון פישער־שיפלעך. אַ גלאָק האָט געקלונגען צו וואָרענען די ים־לייט פאַר דעם שפּיציקן אַנדראָמעדאַד־פעלדז, ווו די פרינ־צעסין פון דער גריכישער לעגענדע, איז געווען געפאַנגען פון אַ ים־מאָנסטער ביז פּערסעאוס — איר מאַן — האָט זי באַפרייט.

אַ נאָמענלאָזע בענקשאַפט האָט אַרומגעכאַפּט מיקין. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין בריוו, אָנשטרענגענדיק זיינע אויגן אין דער וואַקסנדיקער פינצטערניש און געשריבן ווייטער:

„כ׳בענק נאָך דיר זייער, זייער שטאַרק. שוין צוויי וואָכן זינט כ׳האָב דיך דאָס לעצטע מאָל געקושט, מיין טייערע. מיין ליבלינג, וואָס פאַרקערפּערסט מיט זיך אַלץ וואָס איז אָנ־שטענדיק, זיס און ליבלעך. כ׳וואָלט זיך געפילט שטאַרק שולדיק ווען נישט דער געדאַנק, אַז מיין זיין דאָ איז נויט־ווענדיק אין די איצטיקע קריטישע טעג. מיט ליבשאַפט — דיין מיקי״.

ווען ער איז אַריין אין צימער האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט און נאָך אַ מאָל דורכגעלייענט דעם אָנגעשריבענעם בריוו. זינט דער גורל האָט זיי צעשיידט, פלעגט ער טאָג־טעגלעך שרייבן אַ בריוו זיין פרוי. זינט 1940 ווען ער איז אַוועק אין דער מיליטערישער באַזע אין אַלאַבאַמאַ איז זייער צו־זאַמענזיין געווען אַ זעלטנקייט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן גאַנצע זיבן יאָר פון זיין דינסט. ער האָט אויפן קאָנווערט אָנגעשריבן דעם צוריק־אַדרעס: „מייקל סטאָן, האָטעל גת־רמון״. ער האָט געעפנט דעם קאָנווערט און צוגעגעבן אונטער זיין חתימה:

„מיר וועלן זיגן! איך צווייפל, אויב כ׳האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געטאָן עפּעס, וואָס איז געווען מערער געוווּנטשן. און איך האָף אַז אויך דו, טראָץ די קרבנות פון דיין זייט,

וועסט זיך אַזוי באַציען צו מיין איצטיקער אויפגאַבע. כ׳בין זיכער, אַז מיר וועלן דערפאַר מיט וואָס עס איז באַלוינט ווערן. איך וועל זיך באַנוגענען דערמיט, אַז מיין באַלוינונג וועט זיין צו בלייבן מיט דיר אָן איבעררייס״.

מיקי האָט פאַרמאַכט דעם קאָנווערט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן רוקן. אויף זיין שרייבטיש זענען אין אַ לעדער־ראָם געשטאַנען צוויי קאָפּ־פאָטאָגראַפיעס פון עמאַן. זי האָט זיי אים צוגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין 1945. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אירע שמייכלענדיקע אויגן, הויכע אָריענטאַלישע באַקנביינער, און זיסע געשניצטע ליפּן. ער האָט אַ קרעכץ געטאָן.

לאַנג, זייער לאַנג האָט זיך געצויגן זייער צעשיידונג. נאָך דעם פּאַסיפיק־פראָנט און נאָרמאַנדיע — אַ רייע קאָנפערענצן: דומבאַרטאָן אָהאָקס, קוויבעק, יאַלטע און פּאָסטדאַם. און דאַן די אַרבעט אין אַלייִרטן קאָנטראָל־ראַט אין דייטשלאַנד, איטאַליע און סקאַנדינאַוויע. אין 1946 — אָנשטאָט אומצוקערן זיך צום ציווילן לעבן — ווערט ער שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר מלחמה־פאַרברעכנס: ער מאַכט דורך רייזעס איבער איראָפּע און אַזיע, כדי צו רעקרוטירן דאָס פּערסאָנאַל פאַר די פּראָצעסן אין נירנבערג און אינעם אָריענט.

אין אַ בריוו צו עמאַן אין 1945 שרייבט ער:

„דאגות און ערגערנישן אָן אַ שיעור. ווי שווער ס׳איז מיר, איז דיר אפשר נאָך שווערער. לאָמיר זיך טרייסטן דערמיט, אַז אַ בעסערע וועלט־אָרדענונג שטייט אונדז פאָר אין דער צוקונפט. אויף איינס נאָר וואַרט איך, אויפן אומקערן זיך צו „סיט׳ס״. און דעמאָלט וועסטו שוין זיין די הויפּטן פון מיין שטאַב, מיין קריגס־אָפּטיילונג און מיין גענעראַל, וואָס גיט די באַפעלן״.

אויך נאָך נירנבערג האָט דער פּענטאַגאָן אים געלאָקט מיט דעם גענעראַל־שטערן. בלייבט ער אין מיליטער, וועט ער אים באַקומען — דעם חלום פון יעטוועדן וועסט־פּאָינטער. אַלס גענעראַל־

בריגאַדיר וואָלט ער זיכער באַקומען דעם פּאָסטן פון יו. עס מיליטערישן אַטאַשע איי מאָסקווע — אַ כאמת לאָקנדיקער פאַרשלאָג. אַלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט — איז פאַרבלייבן אין אוניפאָרם. אַלץ וואָס אים האָט געשטערט — זענען זיינע הבטחות צו עמאַן. דער נסיון האָט אָנגעהאַלטן 20 מינוט.

די יאָרן פון זיין מיליטערישן דינסט האָבן אים באַשאָנקען מיט אַ סך אויסצייכענונגען: „מעדאַל פאַר אויסגעצייכנטער דינסט," „בראָנזענער שטערן", דער בכבודיקער מעדאַל: „קאָמאַנדיר פון דער ענגלישער אימפּעריע", און 7 אַנדערע. אָבער אין עלטער פון 45 יאָר איז שוין געקומען די צייט צו זאָגן סטאָפּ. עד כאן.

און אַזוי איז ער אָנגעקומען אין פרילינג 1947 אין ברוקלין אַלס אַדוואָקאַט. די ערשטע דאגה — אַ פּאַסיקע דירה, אַן אָרט פאַר עמאַס באַלעבאַטישקייט, אַן אָנגעקליבנס אין פאַרלויף פון יאָרן, וואָס זאָל אויך זיין געענוג רחבותדיק אויפצונעמען די גאַנצע פאַרצווייגטע משפחה, ווי זיין שטייגער איז געווען.

ער האָט געפונען אַ פּאַסיק הויז: אַ הילצערנע צווייִשטאָקיקע געביידע אויף וועסטמינסטער ראָאוד אין ברוקלין — אַ גאַס אַ שטילע מיט 2 שורות דעמבעס, אין אַ געגנט פון לאָנקעס און ברייטע פראָנט־גאַניקעס און אַרום און אַרום — די היימישע אַטמאָספער פון אַלט־פלעטבוש, מיט די הויכע וויקטאָריאַנישע פענצטער און אַלמערס — אַ באַקוועמער היימישער פלאַץ.

מיקי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אייזענהאַוער־ראָק, אָנגעפילט זיין קליידער־אַלמער מיט ציווילע בגדים, צו דער מאָס פון זיינע איבערגעוואַקסענע פּלייצעס; ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ אין דער איבערגעפּאַקטער מאַנהעטן.

זיין אַהיימקומען איז באַגריסט געוואָרן מיט אַ מענגע פריינד־לעכע בריוו: פון גאָווערנער טהאָמאַס ע. דיואי, פון די ריכטער דזשאָן ס. נאַקס, סיימאָן ריווקינד, א. ד. בענדזשאַמין און טהאָמאַס דאַוונס.

דער פריערדיקער שטאָט־פּרעזידענט לאַ־גוואַרדיאַ האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ „לחיים". אין זיין איינלאַדונג האָט ער אָפן

און כמעט נביאיש באַמערקט: „ס׳טוט מיר זייער לייד, וואָס דו גייסט פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור. דו וואָלסט בעסער געדאַרפט געפינען אַ פּלאַץ, ווו דיינע טאַלאַנטן וואָלטן געבראַכט מער נוצן״.

ענדלעך האָט ער געפונען אַ פּאַסיקע ביוראָ אויף 545 פינפטער עוועניו. ער האָט אָנגעהויבן זוכן קליענטן. וויכטיקע משפטים זענען נישט גלייך אַריינגעפאַלן צו מיקין. אָבער ביסלעכווייז, האָבן זיך באַוויזן אין זיין ביוראָ קליענטן פון פאַרשידענע קאָרפּאָראַציעס וועלכע האָבן אים פאַרשאַפן גאַנץ גוטע פאַרדינסטן.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז דעצעמבער 1947. אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז אַריינגעקומען אין ביוראָ אַ נידעריקער פולברוסטיקער מענטש און זיך נאָכגעפרעגט אויף קאָלאָנעל מאַרקוס.

מיקי איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געפירט אַ שמועס מיט זיין פריינד, לייטענאַנט קאָלאָנעל מאַרטאָן שטראַוס.

— איך בין מיקי מאַרקוס. וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

דער פרעמדער האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע בלאָע ערנסטע אויגן.

— מיין נאָמען איז שמיר. כ׳בין געקומען אינעם נאָמען פון דער יידישער צייטווייליקער רעגירונג אין ארץ־ישראל.

דער אַמעריקאַנער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. צען טעג פריער האָבן די „פאַראייניקטע פעלקער״ באַשלאָסן וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה.

— זעצט זיך, הער שמיר.

דער גאַסט האָט צוגעגעבן העפלעך: מאַיאָר שמיר.

— אַנטשולדיקט! — אַ געשפּאַנטער האָט מיקי זיך אַריבער־געבויגן פאָרויס — יאָ, מאַיאָר!

שמיר איז גלייך אַריבער צום עיקר:

— איך איז מן־הסתם באַוווּסט דער באַשלוס פון די „פאַר־אייניקטע פעלקער״ וועגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל אויף צוויי מדינות: אַ יידישע און אַן אַראַבישע — אַ חלום פון דורות. די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות דראָען אָבער אָפּצווישן די

יידישע מדינה נאָך מאַי, ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די „פּאַראייניקטע פעלקער" רעאַגירן נישט אויף די אַראַ־בישע דראָונגען. די יידן זענען אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות — די הגנה. עס איז אַ גרויסער ספק אויב די הגנה, ווי זי איז איצטער, וועט קענען אָפּהאַלטן די אַראַבישע אַטאַקע. מ׳האָט מיך געשיקט קיין אַמעריקע צו געפינען אַן עקספּערט, אָדער עטלעכע עקספּערטן, וועלכע זאָלן אונדז געבן אַן עצה ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אונדזערע כוחות. אַמעריקאַנער ציוניסטישע אויטאָריטעטן האָבן געעצהט זיך צו ווענדן צו אייך. איר, מיט אייער ברייטער באַקאַנטשאַפט אין די אַמעריקאַנער מיליטערישע קרייזן, וועט קענען געפינען דעם פּאַסיקן עקספּערט.

מיקי האָט זיך פאַרטראַכט:

— כ׳מיין, אַז כ׳האָב פאַר אייך דעם ריכטיקן חברה־מאַן — ער האָט אַריינגערופן זיין סעקרעטאַרין.

— עלסי, קלינג אָן צום גענעראַל... ניין, מ׳דאַרף נישט... ער האָט זיך אויסגעדרייט צו שמירן — ס׳איז אַ צו וויכטיקער ענין צום באַהאַנדלען טעלעפאָניש.

— קענט איר פאָרן קיין סאַן־פראַנציסקאָ? — האָט מיקי געפרעגט.

— ווען?

— איצטער, גלייך!

שמיר האָט אויפגעשטראַלט. מ׳האָט אים דערציילט, אַז מאַרקוס דעצידירט שנעל. אָבער אויף אַזוינס האָט ער זיך נישט געריכט.

— געוויס! — האָט ער געענטפערט.

מיקי האָט זיך געווענדעט צו שטראַוסן:

— וואָס זאָגסטו צו דעם, משה? האָסט עפּעס אַ וויכטיקערן ענין, ווי צו באַפעסטיקן אַ היימלאַנד פאַר די יידן?

— כ׳וויס, אויב דו באַטראַכסט דאָס פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, מיקי...

מיקיס הויכער טענאָר האָט זיך צעקייקלט איבערן צימער.

— עלסי, רוף אָפּ דעם לאַ־גוואַרדיאַ־אַעראָדראָם... דריי בילעטן קיין סאַן פראַנציסקאָ מיט דעם ערשטן אַעראָפּלאַן. טעלעפאָניר דער מאַדאַם מאַרקוס, אַז כ׳בין אָוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג. שפּעטער, אין אָוונט, וועל איך זיך מיט איר פאַרבינדן טעלעפאָניש.

מיקי האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין שטול צופרידן, ווי אַ גע־ניטער באָקסער, ווען ער דערהערט ביי זיך אין צימער דעם טומל און רעש פון אומגעדולדיקן פּובליקום און פילט שוין כמעט דעם באָדן פון דער אַרענע אונטער זיינע פיס.

פיר טעג שפּעטער, אין מיטן נאַכט, האָט זיך די טיר פון אַ טאַקסי פאַרמאַכט מיט אַ פּראַל ביים הויז אין פלעטבוש און מיקיס שנעלע און לייכטע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף די טרעפּ. עמאַ, וועלכע האָט געהערט ראַדיאָ אין פאַרטונקלטן שלאָפצימער, איז איילִיק אַראָפּ. זי האָט געטראָפן מיקין שפּרייזן אויף די שפּיץ־פינגער צווישן טעפּ און פענדלעך, זוכנדיק קאַווע. זי האָט אים אַ קוש געטאָן, אַוועקגעזעצט אים ביים טיש, און גלייך דערלאַנגט אַ געטראַנק.

— זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָס פאַר אַן „אינטערנאַציאָנאַלע אַפערע״, וואָס דו האָסט זיך אַזוי געהיט מיט איר אין אונדזער טעלעפאָן־שמועס ?

מיקי האָט איר דערציילט וועגן שמירס ווענדונג און וועגן זיין „געפיל״, אַז דער גענעראַל־מאַיאָר פון מערב־ים־ברעג וואָלט מעגלעך געקענט זיין דער פּאַסיקער קאַנדידאַט.

— נו, און ווי האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט ?

— אַ גרויסאַרטיקער אָנהייב און אַ מיאוסער סוף — האָט מיקי געענטפערט, זופנדיק זיין הייסע שוואַרצע קאַווע — דער גענעראַל איז ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געדאַנק. שמיר איז געווען באַגייסטערט פון גענעראַל. ער האָט גלייך געוואָלט טעלע־פאָנירן בן־גוריונען, אַז די זאַך איז דערליידיקט. דער גענעראַל האָט אים אָפּגעשטעלט מיט דער באַמערקונג, אַז ער וויל נישט

ריזיקירן זיין פענסיע אַלס רעגולערער אַרמיי־אָפיציר. ווען מ׳וואָלט דאָס געקענט פאַרזיכערן...

מיקי האָט אָנגעשפּאַרט ביי די גדולים אין פענטאַגאָן — זיך געוואָנדן צו אַלטע פריינד און באַקאַנטע. אַ טייל פון זיי האָט סימפּאַטיזירט מיטן געדאַנק, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גאַראַנטירן די פענסיע. און ביי דעם איז דאָס געבליבן. מ׳האָט געזוכט קאָמפּראָמיסן, אָבער ס׳האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די יידן שטייען אויפן זעלבן פּלאַץ ווי מיט פיר טעג צוריק. זעקס הונדערט טויזנט מענטשן זוכן אַ מיליטערישן בעל־יועץ, סניפּפּי!

— דו האָסט געטאָן אַלץ, וואָס דו האָסט נאָר געקענט — האָט עמאַ צאַרט געזאָגט און ארויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

אָבער דאָס איז נישט גענוג. די מיליטערישע לאַגע פון די יידן איז אַ סך געפערלעכער ווי כ׳האָב דיר דערציילט. ס׳ווייזט זיך אַרויס — לויט שמירס רייד — אַז די יידן האָבן איבערהויפּט נישט קיין אַרמיי ווי ס׳דאַרף צו זיין. פאַראַן אַ געפאַר, אַז די אַראַבישע אינוואַזיע, אַ באַוואָפנטע מיט ענגליש געווער, וועט זיי אין גאַנצן צעשמעטערן. פאַרשטייסט, וואָס דאָס באַדייט פאַר די פליטים פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אויך פאַר די „פאַראייניקטע פעלקער״?

מיקי האָט זיך אויפגעהויבן און אומרויִק געשפּרייזט איבערן צימער:

— ס׳איז אַ גרויסע עוולה, סניפּפּי! סוף־כל־סוף איז אונדז געלונגען בייצוקומען די פאַשיסטן און די יאַפּאַנער. מיר פּרוּוון צו שאַפן אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג, אַ באַזירטע אויף גערעכטיקייט און פרייהייט, אויף די גרויסע אידעאַלן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. מיר שאַפן די „פאַראייניקטע פעלקער״ אָנשטאָט דער פריערדיקער מאַכטהערשאַפט. און וואָס געשעט מיטן ערשטן קאָ־לעקטיוון באַשלוס? מאַכטהערשאַפט שלייכט זיך אַריין דורך דער הינטערטיר, אויב אַזוי, צו וואָס האָט געלוינט דער גאַנצער בלוטיקער געראַנגל?

עמאַ האָט געננוי געוווּסט ווי שטאַרק מיקי איז פאַרבונדן מיט דער אידעע פון די „פאַראייניקטע פעלקער", וויפל מי און פאָר־שונג ער האָט אַריינגעלייגט כדי אויסצושמידן די פרינציפּן פון דער אידעע אין דאָמבאַרטאָן אָהאַוקס און אין לאָנדאָן. אין זיינע מלחמה־בריוו האָט ער שטענדיק אָבער און ווידער באַטאָנט, אַז מ'מוז אויפשטעלן אַ נייע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט געשטאַלטן נייע באַציִונגען צווישן פעלקער. מער קיין מלחמה. אַלע סכסוכים וועלן דערליידיקט ווערן אין בשותפותדיקע באַראַ־טונגען. דעם נאַטירלעכן פּאַטראָן פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער געזען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

— און מ'דאַרף נישט פאַרזעען די צווייטע זייט פון דער מטבע — האָט מיקי ווייטער געזאָגט — בעת דער מלחמה האָבן טויזנטער יידן פון פּאַלעסטינע געקעמפט צוזאַמען מיט אונדז — אין נאָענטן מזרח, אין אַפריקע און אין איראָפּע. אין דער זעלבער צייט זענען פאַרוק און זיינע גוטע־ברידער געזעסן אין זייערע פּאַלאַצן און געוואַרט.

— און דער מופטי פון ירושלים האָט מיטגעאַרבעט מיט היט־לערן — האָט עמאַ צוגעגעבן. — ס'איז באמת אַן עוולה. אָבער וואָס נאָך קענען מיר טאָן?

— האָבן נישט די יידן קיין רעכט אויף אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע מדינה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה?

— די „פאַראייניקטע פעלקער", מיקי, האָבן דאָך אָפּגעשטימט לטובת אַ יידישע מדינה.

— געוויס, זיי האָבן געשטימט. דאָס איז געננוי דאָס זעלבע, ווי דורכפירן אַ געזעץ קעגן איינבּרעכעריי און נישט שאַפן קיין פּאָליציי, וואָס זאָל אָפּהיטן דאָס געזעץ. איראָניע פון גורל! מיר צעשמעטערן די אַקס, מיט גאָט ווייסט וויפל קרבנות; מיר שטעלן אויף אַ יו.ען.־אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף פאַרבאָטן אַגרעסיע, שיצן מענטשן־ און פעלקער־רעכט, פּראָטעזשירן קליינע מדינות,

ווי גרויסע; מיר אַנטשיידן אַ דעמאָקראַטישע אָפּשטימונג אומצו־קערן אַ פאַרפאָלגט פאָלק צו זיין היימלאַנד און — מיקי האָט אָנגעהויבן אויסקנאַקן די פינגער — און ביי דער ערשטער פּראָבע, ביי דער ערשטער אַרויספאָדערונג, מאַכן מיר די גאַנצע זאַך צו נישט. דאָס אַלץ, הייסט עס, איז געווען נאָר סתם פּלוי־דעריי...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן עמאַן און איר ערנסט אַריינגע־קוקט אין פּנים.

— ס'איז נישט גוט, סניפּפּי! עמעצער דאַרף עפּעס טאָן.

— ווער, מיקי, דו? ס'הייסט, אַז דו ווילסט פאָרן קיין פּאַלעסטינע?

מיקי האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער.

— איך? — ער האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם טיש און זי אַרומגענומען — ניין, סניפּפּי! צו לאַנג זענען מיר געווען צע־שיידט. ס'זענען דאָ אַנדערע מענטשן. כ'וועל זיי געפינען, איך מוז זיי געפינען!

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַרויף אין שלאָפצימער. אין פינף מי־נוט אַרום איז ער איינגעשלאָפן. זיין פּנים איז געווען רויִק און זאָרגלאָז.

אָבער נישט אַזוי עמאַ. זי האָט שוין געקענט די סימנים: די התלהבות, דעם אויפברויז פון זיינע פאַרבאָרגענע כוחות. זיי וועלן אים פירן צו ווייטערדיקע באַשלוסן.

אין די נאָענטע טעג האָט זיך מיקי עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט שמירן. די לאַגע אין פּאַלעסטינע איז פאַר אים געוואָרן קלאָר און דייטלעך. די הגנה פאַרמאָגט איבערהויפּט נישט קיין אַרטילעריע. עפּעס היימישע קליינע גראַנאַטן־וואַרפערס. די אַוויאַ־ציע — כמעט ווי נול. דאָס הויפּטגעווער — היימיש־פאַבריצירטע „סטענס", און דערצו אַ ביסל ביקסן, גראַנאַטן און מאַשין־ביקסן פון דער גאָרער וועלט. דאָס געווער איז אומלעגאַל. די ענגלענדער

קאָנפיסקירן יידיש געווער אָנשטאָט צו באַשיצן זיי פון די אַראַ־בישע אָנפאַלן.

אָרגאַניזאַציאָנעל איז די לאַגע נאָך טרויעריקער. קיין שום שטאַב־פּלענער, אָפיציעל זענען די מאָביליזירטע כוחות אָרגאַני־זירט אין צוועלף בריגאַדעס, יעדע איינע — פון 2.500 ביז 3.000 מענטשן. אָבער נאָר אויפן פּאַפּיר. פּאַקטיש און אָפּעראַטיוו זענען פאַראַן בלויז קאָמפּאַניעס און פּלאַטונען. זייערע אָפיצירן — וועטעראַנען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָבן דערפאַרונג נאָר פון קאָמפּאַניע־פירער; די ענגלענדער האָבן נישט צוגעלאָזט יידן פון פּאַלעסטינע צו העכערע ראַנגען מחמת מורא, אַז זיי וועלן דאָס שפּעטער אויסנוצן אין קאַמף קעגן די ענגלענדער.

שמיר האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט שאלות. ער האָט געגעוי אויסגעפאָרשט ווער ס׳איז מיקי און וואָס ער איז. נישט אומזיסט איז שמיר געווען בן־גוריונס ליבלינג און בריגאַדע־קאָ־מאַנדיר אין דער הגנה. ער איז געווען אַן עקשנותדיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, אָן פּחד. ער האָט געגעוי געוווּסט, וואָס ער זוכט אין אַמעריקע, ער זוכט אַ מענטש וואָס וועט דע־צידירן דעם גורל פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה. דאָס דאַרף זיין אַ מענטש — אַ קאָמבינאַציע פון אַ שטאַבס־אָפיציר, טאַקטיקער און לערער. אַ מענטש, וואָס זאָל קענען אָנפירן מיט אַ סעקציע און מיט אַ דיוויזיע און אויסער טעכנישער געשיקטקייט, דאַרף ער באַזיצן אַ נייגונג צום אינדיווידואַליסטישן גייסט פון די הגנה־לייט.

שמירס אינסטרוקציעס פון תל־אביב האָבן פאַרצייכנט זעקס פּאָטענציעלע קאַנדידאַטן, צווישן זיי אויך מיקין. אין די שמועסן מיט אים האָט ער פאַרשוויגן זיין קאַנדידאַטור, מחמת פאַרזיכטיקייט. די הגנה־לייט זענען געווען זייער אויפמערקזאַם און וואַך אין ענין פון זיכערקייט. מיקי איז נישט געווען קיין ציוניסט. דעריבער האָט שמיר געגעוי אויסגעפאָרשט זיין כאַראַקטער.

דערווייל האָט ער איינגעשפּאַנט מיקין אין זוכן אַנדערע קאַנ־

דידאַטן. די רעזולטאַטן זענען געווען גאָרנישט קיין דערפרייענדיקע. צוויי פון די קאַנדידאַטן זענען נישט געווען אין אַמעריקע, אַ דריטער האָט ערשט נישט לאַנג אָנגענומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער אינדוסטריע, אַ פערטער איז געווען מיד פון די מלחמות, גענוג געקעמפט.

ס'האָבן זיך געפונען נייע פּרייוויליקע, אָבער שמיר האָט זיי געפּסלט. זיי האָבן נישט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס פאַר דעם הויכן פּאָסטן. מיקי האָט איינגעשטימט.

די געהיימע באַריכטן וועגן מיקין זענען געווען זייער גינסטיקע. די אינטימקייט צווישן שמירן און מיקין איז געוואַקסן. אַלץ האָט באַשטעטיקט, אַז מיקי איז דער ריכטיקער מענטש; אויסער אים איז נישט געווען קיין פּאַסיקער קאַנדידאַט.

אין מיטן יאַנואַר האָבן זיי זיך באַגעגנט ביי אַ מאָלצייט מיט משה שרת, פּאָליטישער פאַרטרעטער פון דער יידישער אַגענץ אין אַמעריקע. זייער שמועס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט נאָך מיטאָג. אין אָוונט, ביי זיך אין דער היים, האָט מיקי געשוויגן. ווען עמאַ האָט אָנגעהויבן שפּילן שאָפּען, האָט זיך מיקי פאַררוקט אינעם ווינקל פון סאַלאָן און זיך פאַרטיפט אין אַ בוך: „די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן" פון ד. ט. אַדאַמס.

צוויי שעה שפּעטער האָט ער מיט אַ קלאַפּ פאַרמאַכט דאָס בוך און איז אַרויף אין שלאָפצימער.

— סניפּפּי, זיי ווילן אַז איך זאָל פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

עמאַ האָט זיך אויסגעדרייט פון איר טואַלעט־טישל. דער קאַם מיט וועלכן זי האָט געקעמט אירע לאַנגע שוואַרצע האָר איז לאַנגזאַם שטיין געבליבן.

— און וואָס האָסטו זיי געזאָגט?

— כ'האָב געזאָגט, אַז דאָס איז אָפּהענגיק נישט בלויז פון מיר, נאָר אויך פון דיר.

— און דו ווילסט פאָרן?

מיקי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דער פראַסטיקער נאַכט.

— עס איז מיר שווער, זייער שווער זיי אָפּצוזאָגן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו עמאַן און זי ערנסט אָנגעקוקט.

— אַמעריקע איז באַזעצט געוואָרן דורך פּליטים, וועלכע זע־נען אַנטלאָפן צוליב רעליגיעזע רדיפות, סניפּפּי!

עמאַ איז געזעסן שטילשווייגנדיק, מיט אַ האָפענונגסלאָזער הכנעה צו די באַשטימונגען פון איר גורל. זי האָט זיך דערמאָנט אין מיקיס אַרגומענטאַציע אין 1940, ווען ער האָט פאַרלאָזן אַ גלענצנדיקע פּאָליטישע קאַריערע און פון דאָס ניי אַריינגעטראָטן פּרייוויליק אין דער אַרמיי.

— ס'איז נישט דערפאַר, וואָס היטלער רודפט יידן. כ'וואָלט געענוי דאָס זעלבע געפילט, ווען ער וואָלט גערודפט קאַטאָליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן.

מיקי האָט אויסגעשטרעקט אַדאַמס בוך ווי מען דערלאַנגט אין אַ געריכט אַ דאָקומענט.

— וואָס וואָלט געווען ווען אַלע וואָלטן זיך אָפּגעקערט פון די קאָלאָניסטן? וואָס וואָלט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געטאָן אָן דער הילף פון פראַנקרייך, אָן חיים סאָלאָמאָנס געלט, אָן לאַפאַיעט, קאָשטשושקאָ און וואָן סטובען? ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף עמאַס באַקן. ער האָט זי אַרומגענומען:

— טייערע סניפּפּי, טו דאָס נישט!

— וואָס וואָלסטו געוואָלט איך זאָל טאָן, זיך פרייען?

— מיין זיין אין פּאַלעסטינע וועט לאַנג נישט דויערן.

— ס'איז נישט בלויז דאָס, ס'איז... ס'אַראַ ווערט איך האָב ביי דיר.

— סניפּפּי! — מיקיס שטים האָט אָנגענומען אַן אומנאַטירלעכע עמאָציאָנעלע שאַרפקייט — קיינמאָל זאָלסטו אַזוי נישט רעדן, קיינמאָל! אויב איך האָב אַ שטאַרק געפיל פאַר די ענינים, איז

עס בעיקר צוליב ד״ר, פאַר ד״ר, פאַר די זאַכן, אין וועלכע מיר ביידע גלויבן.

ער האָט זי צאַרט געקושט, זיך איינגעגנורעט אין איר האַלדז־אויסבייג.

— פאַר וואָס מוז עס שטענדיק זיין דו, מיקי? אַ סך מענטשן גלייבן אין דער פרייהייט און דאָך פירן זיי אויך אַ פריוואַט לעבן. טו אַ קוק אויף דיין פריינד...

— איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַנדערע מענטשן, סניפּפּי, איך מוז לעבן לויט מיינע געפילן.

— און פאַרלאָזן די היים יעדעס מאָל ווען עמעצער רופט נאָך הילף? שטענדיק וועלן זיין צרות אויף דער וועלט, מיקי. וועסטו גיין קעמפן אין בולגאַריע, אין כינע, אין אַרגענטינע, אויב עמעצער וועט אַנטרעטן אויף דיינע אידעאַלן?

— דאָס זענען נישט בלויז אידעאַלן, סניפּפּי! דאָס זענען מענטשן... כ׳האָב דיר קיין מאָל נישט דערציילט וועגן דאַכאַו.

— כ׳וועל דיך נישט לאָזן. כ׳האָב געהאַט גענוג קאָשמאַרן פון די „נייעס־בילדער״.

— די „נייעס־בילדער״ האָבן אפילו נישט אָנגעהויבן דאָס איי־בערצוגעבן. איך בין געקראָכן איבער בערג טויטע קערפּערס, סניפּפּי — קערפּערס פון יינגלעך, מיידלעך און מוטערס נאָך קלאַמערנדיק זייערע עופעלעך...

עמאַ האָט זיך דערמאָנט אין אַ גליווערנדיקע פראַזע פון מיקיס אַ בריוו נאָך אַ באַזוך אין אַ פליטים־לאַגער: „ס׳זעט אויס, אַז קיין יידישע יוגנט איז מער נישטאָ״...

איצט האָט מיקי גערעדט וועגן די לעבן־געבליבענע. איינ־געהילטע אין שמאַטעס, הינטער שטעכעדיקע דראָטן האָבן זיי געחלומט איין חלום — ארץ־ישראל. וווהין דען? ווידער אָנהייבן אַרומוואַנדערן? בלייבן אין דייטשלאַנד, ווו דער ריח פון טויט הענגט נאָך אין לופט? ניין! קיין מאָל נישט מער! אויב מיר גלייבן באמת אַז יעדער מענטש האָט זיין רעכט צו לעבן אין

פרייהייט און יעטוועדעס פאָלק — דאָס רעכט אויף אַ פּלאַץ אונטער דער זון, איז ווי קענען מיר זיך אַנטקעגנשטעלן זייער ווילן?

— ביסט דאָך קיין מאָל נישט געווען קיין ציוניסט, מיקי.

— ס'איז נישט קיין פראַגע פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. מיר האָבן זיך אונטערגענומען נישט נאָר צו ליקווידירן היטלערן, נאָר אויך איינצושטעלן אַן אָנשטענדיקן שלום. כ'האָב פיינט האַלבע אַרבעט.

— אָבער ס'אַרט דיך נישט מיך איבערצולאָזן!

— ס'אַרט מיך נישט, סניפּפּי! כ'בעט דיך, פּיל מיר מיט, צע־ברעך מיך נישט אויף שטיקלעך, דו הערסט!

מיקי האָט זיך אַ פּאַרמאַטערטער אַוועקגעזעצט אויפן בעט.

— לאָמיר דאָס דערוויל אָפּלאָזן, טייערינקע! כ'האָב זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן וואַרטן עטלעכע טעג.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז עמאַ געלעגן וואַך, נאַכטראַכטנדיק נאָך מיקיס ווערטער, פּרוּוונדיק אויפצופלאָנטערן אירע קעגנזעצ־לעכע עמאָציעס. איר האָט זיך געבאָמבלט אין קאָפּ זיין באַמער־קונג וועגן „האַלבער אַרבעט". ריכטיק! מיקי האָט פיינט האַלבע אַרבעט. אַלס בייזבאָל־שפּילער איז זיין ציל געווען „דער לויף אין פולן קרייז", אַלס באָקסער — דער „נאָקאַוט". זיינע אָנצוגן האָט ער געקויפט טוצנווייז. שנאַפּס האָט ער געטרונקען אויף דער קוואָרט. ער האָט אויסגעראָטן ביזן שורש די הערשאַפט פון דער אונטער־וועלט אין די ניו־יאָרקער תפיסות. פאַרוויילונג, מוזיק און שפּייז — מיטן פולן מויל. די טייערסטע פליישן, די בעסטע וויינען, די שטורעמדיקסטע מוזיק. ניין! ביי מיקין איז קיין זאַך נישט געווען אין קליינעם מאָסשטאַב. און צו דעם — אַן אומגעווייגלעך־אויסגעצייכנטער מאַן צו זיין פרוי. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט צוליב עקאָנאָמישע אומשטענדן אין די ערשטע יאָרן פון זייער הייראַט און שפּעטער — מחמת דער אָפטער סעפּאַראַטקייט זייערער בשייכות מיט זיין מיליטער־דינסט.

זי האָט מיקין אַזוי ווינציק געהאַט פאַר זיך צוליב זיינע אָפטע אַמטלעכע רייזעס איבער דער וועלט — אַלאַבאַמאַ, האַוואַי, בערלין, קאַיִר און קאָרעאַ — און דאָך, אַזוי פיל פון אים: די קוואַליקע פרייד אין זיינע קורצע, וויכערדיקע באַזוכן, די אויסערסט־אומ־פראַקטישע מתנות פון אַלע עקן וועלט, די דורך אים אונטערגעשטראָכענע טעקסטן אין די בייכיקע שעקספּיר־בענדער. די צאָל־רייכע גוטע פריינד, וועלכע האָבן זי באַזוכט און בעיקר, זיינע טעגלעכע בריוו — אינטימע, ראָמאַנטישע, קאַפּריזע — אַ פולער אויסדרוק פונעם מאַנסביל.

מיקי האָט געקענט זיין צאַרט און סענסיטיוו. אונטער זיינע שטראַלנדיקע בליקן האָט זיך איר זעלבסטווירדע שטאַרק צעבליט. אויף זיין אייגענעם שטייגער, ווי זי האָט דאָס אַ מאָל אויסגעדריקט פאַר אַ פריינד, האָט ער דיך געקענט „אַרויפהייבן פון דער זינדיקער ערד, באַשאַפנדיק אַן אייגענע וועלט, אין וועלכער דו הערשסט אַלס קעניגין — גאַנץ אַליין. איין טאָג מיט אים האָט געגעבן איר נשמה חדשים לאַנג.

אין זיינע אויגן איז זיין סניפּפּי געווען אַן אויסנאַם, אַן די געוויינלעכע ווייבערישע שוואַכקייטן. און דערפאַר האָט ער געקענט זיין גראַד אַזוי נאַכלעסיק, ווי באַצויבערנדיק, אַזוי עקשנותדיק, ווי ווייכהאַרציק. אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער, אַ ספּאָרטסמאַן, און ער איז מסוגל געווען צו פליִען דריי הונדערט מייל כדי צו הערן אַן אָפּערע. אַ חברישער שטיפער — און פלוצעם פאַרטיפט ער זיך שעהן לאַנג אין בראַמינישער מעדיטאַציע, אַ דזשודאָ־מייסטער און פילאָסאָף, אַ מאַן, וואָס טרינקט שנאַפּס, ווי אַ טרעגער, און ציטירט קיטס׳ן, ווי אַ פּרינסטאָן־פּראָפעסאָר.

מיקי איז געווען אַ פייער־פליג, אַ באַוועגלעכער ליכטשטראַל: אָט זיצט ער ווי אַ סאָלידער רייפער עקזעקוטיוו־באַאַמטער און אַ מינוט שפּעטער וועט ער זיך בעטן: טאָפּ נאָר אַן מיינע מוס־קלען, ברודערקע...

ער האָט געשפּילט פּאָקער מיט ריכטער, דיסקוטירט איבער

פילאָסאָפיע מיט ציגל־לייגער און זיך צוגעהערט צו די פאַמיליע־צרות פון ביליקע האַזאַרד־אַגענטן.

מיקי האָט געלעבט לויט פעסטע עטישע פּרינציפּן. ער איז גרייט געווען צו גיין אויף מסירת־נפש פאַר מענטשלעכע רעכט און ווירדע. אינעם יאָרהונדערט ווען דעם רוב מענטשן „גייט גאָר־נישט ניט אָן" איז מיקי מאַרקוסן שוין גאָר „אָנגעגאַנגען". ווען אַלע האָבן זיך צוגעפּאַסט צום אַרום, איז ער געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג, קעגן שטראָם. אין אַ וועלט פונעם געיעג נאָכן דאָלאַר, האָט מיקי געזוכט עפּעס אַנדערש...

עמאַ האָט געוווּסט אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטש וואָס איז פול מיט ליבע צו דער גאַנצער וועלט, אַ מענטש פון מעשים טובים. טיף אין האַרצן איז זי געווען שטאָלץ דערויף. אין דעם קאָכיקן קעסל פון קאַמף און דערפאַרונג האָט זיך אויסגע־פאָרעמט אַ וויברירנדיקער מוטיקער גייסט, אַ מאָדערנער דאָן־קישאָט, נאָר מיקי, נישט ווי דער טעמפּער „דאָן", האָט געוווּסט דעם אונטערשייד צווישן אַ דראַגאָנער און אַ ווינטמיל. ער האָט געגלייבט, אַז פרייהייט און דעמאָקראַטיע זענען נישט קיין פאַר־צערטלטע קינדער, וואָס מ'דאַרף אָפּהיטן אַז קיין צוגווינטל זאָל זיי נישט כאַפּן... פאַרקערט, זיי זענען דינאַמיש און קעמפעריש.

ס'איז גאַנץ לייכט צו באַוווּנדערן אידעאַליזם איידער צו לעבן מיט דעם אין דערווירקלעכקייט. אינעם עמאַנציפּירטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט עמאַ געמוזט אין איינזאַמקייט היטן איר שלאָס ווי אַן אַמאָליקע געטרייע פּרינצעסין. אָבער ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי איינגעזען, אַז מיקי איז ווי אַ מעכטיקער דעמב צווישן וואַלד־קוסטעס. — העכער פון אַלע, נישט באַקוועמלעכקייט איז געווען זיין שטרעבונג, נאָר דער גלויבן אינעם כוח פון יחיד. טרויעריק, באמת טרויעריק וואָלט געווען צו לעבן אין אַ וועלט אָן די מיקיס, וועלכע פירן אַן אומדאַנקבאַרן געראַנגל, בעת אַנדערע באַהאַלטן זיך הינטער די „באַריקאַדן" פון עגאָיזם, גלייכגילט און זעלבסטצופרידנקייט.

זי האָט פּלוצים דערפילט, אַז זי איז אַ טייל פון מיקין, פּונקט

ווי ער איז אַ טייל פון איר. ער איז אַ רעטעניש מיט קאַפּשווינדלדיקע פאַנטאַסטישע ענדערונגען, וועלכע זי קען נישט באַגרייפן, מיט אימפּולסן, וואָס שטאַמען פון טיף־פאַרבאָרגענע קוואַלן, וועלכע זי קען נישט דערגרונטעווען. אָבער אַ רעטעניש, וועלכן זי ליבט.

— העי, סניפּפּי! פאַראַן עפּעס נייס? קלויבסט זיך ערגעץ צו פאָרן? — האָט מיקי געפרעגט אין פרימאָרגן, שטייענדיק אין דער טיר אָנגעטאָן אין אַ דיק אויבערהעמד און לויזע הויזן.

— ניין, נישט איך — האָט עמאַ געענטפערט אויפשליסנדיק דאָס רענצל אויפן בעט — דו! ווילסט אפשר דעם העלבערוינעם זשאַקעט? מ׳זאָגט, אַז ס׳איז קאַלט אין די ירושלימער בערג.

מיקי האָט זיך צעשמייכלט און פריי אָפּגעאָטעמט. זיין פאַר־שטעלונג וועגן דער אויסנאַמקייט פון זיין סניפּפּי האָט זיך אויך דאָס מאָל באַשטעטיקט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם מוסקלען־ציער אויף אַ שטול.

— קענסט זיך נישט דערוואַרטן פּטור צו ווערן פון מיר, האַ?

— געוויס! איך קען זיך פּשוט נישט דערוואַרטן — עמאַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם ציטער פון איר שטים.

— ס׳וועט נישט לאַנג דויערן. דער אַלטער דאָקטאָר מאַרקוס וועט באַטראַכטן דעם חולה, פאַרשרייבן אַ רעצעפּט און באַלד צוריק־קומען. וועסט זיך קוים כאַפּן, אַז כ׳בין געווען אַוועקגעפאָרן. קום, קום סניפּפּי, הייב אויף דעם קאָפּ.

זי האָט געהאָרכזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ער האָט איר אַ קוש געטאָן.

— ווען — האָט עמאַ געטראַכט פאַר זיך אַ דערשלאָגענע, — ווען וועט מען שוין אָנהויבן צו געבן מעדאַלן אויך אונדז פרויען...

פּונקט אַזוי ווי מיקי וואָלט זיך נישט געריירט אָן דער צושטי־מונג פון זיין פרוי, אַזוי האָט ער אויך געזוכט די ברכה פונעם אָנקל סעם. נישט צוליבן מעגלעכן פינאַנסיעלן שאָדן, ווי דאָס איז

דער פאַל מיטן גענעראַל פון סאַן־פראַנציסקאָ, נאָר ווייל ער וואָלט קיין מאָל נישט געטאָן עפּעס, וואָס זאָל אָנרירן די אינטערעסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער הינזיכט איז ער געווען אַן פשרות.

לויט זיין איינזען, איז דאָ נישט פאַראַן קיין צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן. דורך העלפן דער יידישער רעפובליק, פראָקלאַמירט דורך די „פאַראייניקטע פעלקער", וועט ער שטאַרקן די דעמאָקראַ־טישע כוחות און פאַרגרעסערן דעם אַמעריקאַנער פּרעסטיזש אין אַ געגנט, וועלכע איז זייער וויכטיק פאַר די מערב־לענדער. ער האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער אין דער צושטימונג פון וואַשינגטאָן, האָט ער שוין געזאָרגט, אַז די ידיעה זאָל דערגרייכן דעם פּענטאַגאָן.

דער ענטפער פון וואַשינגטאָן איז געקומען דורך אַ פּאַרזיכטיקן שליח: היות ווי מיקי פאָרט דאָרטן פּריוואַט און נישט אָפיציעל, און ער פאַראַדירט נישט מיט זיינע פאַרבינדונגען אין די מיליטערישע און רעגירונגס־קרייזן, האָבן זיי גאָרנישט קעגן דעם.

איינער אַ הויכער רעגירונגס־פאָרשטייער איז געגאַנגען נאָך ווייטער. אין אַ פּריוואַטן טעלעפאָן־געשפּרעך פון וואַשינגטאָן האָט ער געלויבט מיקיס באַשלוס, וואָס איז „טריי די טראַדיציעס פון זעלנערישן פּאַטריאָטיזם" (לאַפאַיעט וואָלט געטוי אַזוי געהאַנדלט), און געבעטן ער זאָל נאָך זיין צוריקקומען פון דאָרט אים צושטעלן אַ געהיימען ראַפּאָרט וועגן דער מיליטערישער לאַגע דאָרטן. דאָס איז זייער וויכטיק פאַר דער אינפאָרמאַציע־דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

וואָלט ער מיט אַזאַ התלהבות געגאַנגען קעמפן לטובת טשעכיע, ניגעריע אָדער קאָרעאַ? אפשר. זיין האַרץ איז געווען אָפן פאַר די ליידן פון אַלע מענטשן. זיין מיטגעפיל צו יענעמס ליידן וואָלט אים זיכער באַוועגט זיך איינצושטעלן אויך פאַר אַנדערע. אָבער דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידן. אים האָט באַגלייט דער איינדרוק פון דאַכאַו, די טויטע קערפּערס פון דאָרט זענען געווען יידישע, בלויז עטלעכע צענדליק יאָר אָפּגעטיילט פון זיינע אייגענע עלטערן, וואָס האָבן געפינען אַ מקום מקלט אין אַמעריקע. פיל פון די נאָך לעבעדיקע

סקעלעטן, יידן אין זיין עלטער, האָבן געקוקט אויף אים שווייגנדיק. פון שוואַכקייט האָבן זיי נישט געקענט ריידן. ווי ביי פיל יידן פאַר אים — און נאָך אים — איז אין מיקין אויפגעקומען דער נערוון־דערשיטערנדיקער געדאַנק: „כ׳וואָלט דאָך געקענט זיין אויף זייער פּלאַץ ווען נישט דיין חסד, גרויסער גאָט!”. זיין קרבנות־גרייטקייט, זיין אָפּן האַרץ פאַר דער גאַנצער וועלט און מענטשהייט, זיין לעבנס־דערפאַרונג, דער איינדרוק פון דאַכאַו — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן, אויסגעפאָרעמט, צוגרייטנדיק אים צו זיין איצטיקער ראָלע אויפן שיידוועג פון דער געשיכטע.

איצט האָט עס שוין געהאַלטן ביי די לעצטע הכנות. פון זיינע געשפּרעכן מיט שמירן האָט זיך ביי אים דערוועקט דער פאַרדאַכט, אַז דער הגנהס טרעניררונגס־פּראָגראַם, באַזונדערס פאַר אָפיצירן, איז ווייניקער ווי צופרידנשטעליק. קלאָר און בולט איז פאַר אים געשטאַנען זיין אויפגאַבע: קודם־כל, אַן אָפיצירן־קורס. אינסטינקטיוו האָט ער זיך געווענדט צו די מיליטערישע האַנטביכער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי: אַ פולער קורס פאַר אינפאַנטעריע, איבונגען, קריגס־פירונג און אַפילו מעטעאָראָלאָגיע. אָבער ווי שמוגלט מען עס אַריין אין לאַנד? וועלן די ענגלענדער דאָס נישט קאָנפיסקירן אין לוד? האָט ער אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק גאַנצע טיילן פון די ביכער. דאָס איבעריקע וועט שוין זיינער אַ פריינד איבערגעבן שמירן, ער זאָל דאָס אַריבערשיקן מיט זיינע אונטערערדישע קאָמוניקאַציע־וועגן קיין תל־אביב.

די זאָרגן פאַר דער נסיעה האָט עמאַ גענומען אויף זיך. מיקי האָט פאַר די לעצטע טעג זיך קאָנצענטרירט אויפן לערן־מאַטעריאַל: אונטערגעשטראָכן, געמעקט און רעדוצירט ביז צום סאַמע עיקר, אָדער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן: „אויסקוועטשן דעם זאַפט פון דער לימענע”. אַן אַרבעט וואָס האָט אים שפּעטער אין ישראל געבראַכט אַ סך נוצן.

אויס פאָרזיכטיקייט, כדי נישט צו פאַרשאַרפן די ענגליש־אַמעריקאַנישע באַציִונגען, האָט ער געדאַרפט אויסזוכן פאַר זיך אַ

פסעוודאָנים. אַ טאָג פאַר זיין אָפּפלי האָט אַ שליח געבראַכט צו אים אַ פּאַק פּאַפּירן אויפן נאָמען פון מייקל סטאָן. אויס מאַרקוס! און ענדלעך, ער פאַרלאַנגט נישט קיין שכירות, ער איז אַ פריייוויליקער.

די לעצטע נאַכט איז פאָרגעקומען לכבוד אים אַ געזעגענונגס־אָוונט אין הויז פון ד״ר עמנואל ניומאַן, פירער פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן. צווישן די געסט זענען געווען: דער פאַרשטאָרבענער פּראָקוראָר באַרטליי קראָם, ריכטער אַרטור שוואַרץ, יוסף מייזער פון דער האָדסאָן־פּאַפּיר־געזעלשאַפט און מעלווין קרולעוויטש, איצט פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר אַטלעטיק אין ניו־יאָרק. טרערן האָבן געפלאָסן. נישט עמאַ האָט פאַרגאָסן די טרערן — זי איז דווקאַ געווען דער „גוטער סאָלדאַט״ וואָס וויינט נישט — נאָר די מענער. מ׳האָט זיך געהאַלדזט און געקושט און געווונטשן „זיי געזונט״.

אין אַ רויִקן, אומעטיקן נאָכמיטאָג פון סוף יאַנואר 1948, האָט עמאָס ברודער, אַלפרעד א. טשייסאָן, אָפּגעפירט מיקין, עמאַן און שמירן צום פלי־פּלאַץ לאַ־גוואַרדיאַ. ס׳איז געווען אייזיק־קאַלט און סומנע. מיקי האָט פּלוצעם אַרומגעכאַפּט עמאַן, זי געדריקט צום האַרצן און איינגערוימט אין אויער, אַז נאָך דעם זיג וועט ער אַלץ גוט מאַכן און שנעל אַרויפגעלאָפן אויפן לייטער. עטלעכע מינוט שפּעטער איז דער אַעראָפּלאַן אָפּגעפלויגן אין דער וואַקסנדיקער פינצטערניש.

דאָס איז געווען מיקיס צוועלפטע נסיעה מעבר לים.

קאַפּיטל פיר

דער ציל — באַרג 38 — האָט אויסגעשריגן דער הויכער קורץ־געשוירענער יונגער אָפיציר, אין אוניפאָרם פון דער ייִדישער בריגאַדע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. טעאָרעטיש איז דער באַרג געווען באַזעצט פון אַראַבער, אומגעפער 20 מאַן — איר האָט צייט פיר מינוט — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין האַנטזייגער.

אויפן צייכן פון זיין אויסגעשטרעקטן רעכטן אָרעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ קליינע גרופּע סאָלדאַטן פאָרויס איבער די זאַמדיקע בערג. פון איין אָקאָפּע לינקס האָט זיך דערהערט אַ קורצער ראַט־טאַ־ראַ־ראַט פון אַ ליידיקער מאַשין־געווער. די סאָלדאַטן האָבן בליצשנעל זיך אויסגעצויגן אויפן באָדן, זיך צעשפּרייט און געקראָכן פאָרויס ביז צום שטעכלדראָט־פּאַרקאַן, צופוסנס פון באַרג. אַן איבונגס־גראַנאַט איז געשליידערט געוואָרן אין אַ הויכן האַלב־קרייז צום „שטאַרקן אַראַבישן פּונקט".

די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין מיליטערישן לאַגער אליהו, ביים ים־ברעג, צפון פון תּל־אביב. דאָס איז געווען דער ערשטער מיליטערישער לאַגער וועלכן די ענגלענדער האָבן עוואַקויִרט און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפיצירן־שולע פון דער הגנה. די באַפעלן האָט געגעבן חיים לאַסקאָוו — קאָמענדאַנט פון דער שולע. לאַסקאָוו — אַ פעסט־געבויטער פלאַכנאָזיקער מאַן אין די צוואַנציקער — האָט אויסגעזען ווי אַן ערשטקלאַסיקער פוטבאָל־שפּילער. לעבן אים איז געשטאַנען מיקי אין אַ געלער ספּאָרט־מאַרינאַרקע און העל־ברוינע הויזן און אָנגעשטרענגט זיך צוגע־קוקט. דאָס איז געווען מיקיס דריטע וואָך אין ישראל. ער האָט זיך

פיבערהאַפטיק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט פון בויען די „געביידע"
(אַ רעגולערע אַרמיי) וועגן וועלכער ער האָט געשריבן צו עמאָן.

דער דראַטפּאַרקאַן איז געווען איבערגעריסן און עס האָבן אָפּגע־
הילכט די ביקסן־שאָסן פון די אַטאַקירער.

לאַסקאָוו האָט צוגעשטעלט זיינע הענט צום מויל און אַרויס־
געדונערט:

— אַלע מיט אַ מאָל, צום טייוול! ער האָט זיך אויסגעדרייט
צו מיקין — איך לערן זיי אַטאַקירן. ביז איצטער האָבן זיי זיך נאָר
פאַרטיידיקט. איצט לערן איך זיי פירן אַ קאָנסאָלידירטע אַטאַקע.

מיקי האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „שאָק־אַקציע"...

— ריכטיק. און איצטער קומט דער באַיאָנעטן־אָנגריף — סעקציע
צוויי, פאָרויס!

די צווייטע אָפּטיילונג וועלכע האָט געהויערט אין גראָז, האָט
אַרויפגעשטורעמט אויפן שפּיץ באַרג אונטערן שוץ פון דער ביקסן־
שיסעריי, אַריבער אויף דער אַנדערער זייט און דאָס פּנים־אל־פּנים־
געפעכט האָט אויסגעבראָכן.

מיקי האָט פאַרזשמורעט די אויגן:

— וואָס פאַר אַ געהיימען געווער האַלטן זיי אין די הענט?

— פאַלקעס — האָט לאַסקאָוו געענטפערט פאַרלעגן — מיר
האָבן נישט גענוג באַיאָנעטן...

— זייער פיין — האָט מיקי אים האַרציק איבערגעריסן —
אין יאָר 1940 אין אַלאַבאַמאַ האָבן מיר טרענירט מיט בעזעמער.
ס'איז נישט וויכטיק וואָס מען האַלט אין האַנט ביים אַטאַקירן: אַ
מעסער, אַ שטעקן, אַ פלאַש. דער עיקר איז דערגרייכן דעם ציל.

לאַסקאָוו האָט געשמייכלט:

— מיר האָבן נישט קיין צייט פאַר שפּילערייען. גאַנץ־מעגלעך,
אַז שוין מאָרגן וועלן זיי שטיין אין פראָנט אין דער שפּיץ פון
קאָמפּאַניעס.

מיקי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען לאַסקאָווס שוועריקייטן. ער,
דער ענגליש־טרענירטער מאַיאָר, דאַרף אין געציילטע חדשים

איינשטעלן אַ העכסט־קאָאָרדינירטע מעטאָדע פון קאַמף, וועלכע איז אַבסאָלוט פרעמד דער אונטערערדישער הגנה און באַזונדערס, דעם האַרטנעקיקן פלמח. דער פלמח האָט גאָרנישט וואָס אויסצוזעצן קעגן פּרינציפּ פון שאַרפער אַטאַקע — אַדרבא, דאָס איז דער תמצית פון זיין פילאָזאָפיע, אָבער נישט אין גרעסערע פאָרמאַציעס און אָן דער דיסציפּלין פון אַ קאָאָרדינירטן פּלאַן.

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן לאַסקאָוון אין פּלייצע:

— חיים! דו גייסט אויפן ריכטיקן וועג. האַלט נאָר ווייטער אָן אַזוי.

לאַסקאָוו איז געווען אָנגענעם־אויפגעברויזט. די באַגעגעניש מיטן מיסטעריעזן „סטאָן" האָט אים געהאַט באַאומרויִקט. פון דער־פאַרונג האָט ער געוווּסט, אַז עלטערע אָפיצירן מאַכן זיך וויכטיק און קריטיקירן. דערצו נאָך איז ער אָן אַמעריקאַנער. ביי זיי זענען גאַנץ אַנדערע איבונגס־מעטאָדן, ווי ביי די ענגלענדער. אָבער מיקי האָט זיך אויפגעפירט פשוט. ווי אַ חבר פאַר איין געמיינזאַמען ציל.

— האָסטו עפּעס האַנט־ביכער? — האָט מיקי געפרעגט.

— ניין, נאָר אייניקע פראַגמענטן פון ענגלישע פּובליקאַציעס — האָט לאַסקאָוו געענטפערט. מיר קענען נישט אַדורכפירן קיין ריכטיקן אָפיצירן־קורס. מיר האָבן נישט די פאַסיקע טרעניִרער דערצו.

מיקי האָט געקנייטשט דעם שטערן.

— די אַקטועלע דאגות פון דער שולע זענען די דיסקוסיעס יעדע נאַכט צווישן די אָנהענגער פון דער ענגלישער אַרמיי־פירונג און די חסידים פון דער טראַדיציאָנעלער פּאַרטיזאַנישער קריג־פירונג פון דער הגנה, — האָט לאַסקאָוו געזאָגט.

— דו האַלט זיך ביי דיינע מעטאָדן — האָט מיקי שאַרף באַ־מערקט — זיי וועלן שוין קומען צום שכל.

זיי זענען אַוועק איבער אַ שטויביקער אַלעע צו לאַסקאָווס הויפּט־קוואַרטיר. מיקי האָט דערווייל אַנטוויקלט זיינע טעאָריעס וועגן דער קינפטיקער ישראל־אַרמיי:

— מענטשן פאַרגלייכן דיינע מעטאָדן צו די פון דער רויטער

אַרמיי. ס'איז אָבער אַ טעות. דער רוסישער צוגאַנג איז אַ מאַסיווער, שווערלאַפּיקער. דיין אַרמיי דאַרף זיין ווי אַ ראַזיר־מעסער: לייכט, שאַרף און שנעל אַנגרייפנדיק. דאָס קלינגל — גלויב איך — האָסטו שוין — די פּראָנט־סאָלדאַטן. ס'פעלט נאָר דאָס הענטל — דער שטאָב. ווּעסטו האָבן דעם שטאָב, וועסטו קענען קעמפן.

מיקי האָט דערזען בלומען־בייטן פאַר דער קוואַרטיר־געביידע. אין שאָטן האָט מיקי פּלוצעם זיך אַ שנעלן דריי געטאָן, אָננעמענדיק אַן אָנגרייפנדיקע באָקסער־פּאָזיציע. אויטאָמאַטיש האָט לאַסקאָוו זיך געשטעלט אין אַ פאַרטיידיקונגס־פּאָזע. מיקי האָט זיך צעכיכיקעט:

— ווי כ'זע ביסטו בקי אין פויסטנקאַמף.

— אַ ביסל.

— גוט — מיקי האָט אָנגעהויבן קרייזן אַרום דעם העכערן לאַסקאָוון און פּלוצעם אים אַ שטאַרק געטאָן מיט זיין לינקער האַנט. לאַסקאָוו האָט געשיקט געהעמט דעם קלאַפּ מיט זיין אונטעראָרעם.

— פּאָקטיש, אַ היפּש ביסל — האָט מיקי באַמערקט און אײַ־בערגעריסן דאָס פעכטן. ער איז צו צום אייז־קאַסטן.

— אַ באָקסער־קורס וואָלט געווען זייער נוצלעך פאַר דיינע קאַדעטן. אַזוי לערנט מען טאַקטיק. די לינקע האַנט זוכט אַן אומ־באַשיצטע עפענונג און דאַן דערלאַנגט די רעכטע אַ כמאַל מיט דער גאַנצער קראַפט... ער האָט עס דעמאָנסטרירט מיט אַ זעץ פון זיין רעכטער אין דער לינקער האַנטפּלאַך.

— און איך האָב געטראַכט אַז פוטבאָל איז די הויפּטשפּיל אין ווּעסט־פּאָינט — האָט לאַסקאָוו באַמערקט.

— פוטבאָל איז אויך זייער וויכטיק. דאָס אַנטוויקלט דעם גייסט פון חברשאַפט. דאָס יונגוואַרג איבערצייגט זיך, אַז אַן איינצלנער מענטש אין אַ קריטישן מאָמענט איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. דאַקעגן אַ גרופּע, וועלכע אַרבעט האַנט־אין־האַנט, קען כמעט אַלץ דערגרייכן — האָט מיקי אויפגעקלערט.

נאָך מיטאָג האָבן זיך אַלע אינסטרוקטאָרן פאַרזאַמלט ביים טיש אויף אַ שמועס מיט מיקין. מיקי האָט גערעדט ענגליש. ער האָט

אַנגענומען, אַז זיי וועלן אים פאַרשטיין. ער האָט דערציילט וועגן גענעראַל נ. ב. פאָרעסט, קאָנפעדעראַציע־קאַוואַלעריסט אין בירגער־קריג, וועלכער האָט פאָרמולירט די טאַקטיק פון מלחמה־נצחון אין אַן איינפאַכן זאַץ: „זיי פון די ערשטע מיט די מערסטע" — גראַמאַטיקאַליש אפשר פעלערהאַפט, אָבער מיליטעריש זייער קלוג. מ׳זוכט אויס דעם שוואַכן פונקט פון שונא, מען קאָנצענטרירט כוחות און מען דערלאַנגט — ווידער האָט זיין שטייפע פויסט אַריינגעקראַכט אין דעם האַנטפלאַך — ס׳איז ווי אין פוטבאָל־ אָדער שאַך־שפּיל בעת מען קאָנצענטרירט די שטיקער אויף איין זייט ברעט. מעק־אַר־טור אינעם פּאַסיפיק. ער האָט קאָנצענטרירט אינפאַנטעריע, לאַנ־דינג־שיפן, ים־קאַנאָנען, אַוויאַציע צוליב איין קליין אינדזל און אין קאַמף האָט אים קיינער נישט געקענט אָפּשטעלן...

מיקי האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אָפּצוהאַלטן עווענטועלע באַ־מערקונגען:

— כ׳ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן: „מיר האָבן דאָך אָבער נישט קיין אַרטילעריע, קיין אַוויאַציע, און אַפילו ביקסן האָבן מיר נישט גענוג. אמת. אָבער דער פּרינציפּ פון קאָנצענטראַציע קען אָנגעווענדט ווערן אין יעטוועדער סיטואַציע. אין פאַרלויף פון וואָכן וועט איר האָבן אייער שווערע אַרטילעריע. אָבער פאַרגעסט נישט, אַז נאָר די אינפאַנטעריע און פּנים אל פּנים געפעכטן האָבן דערגרייכט דעם זיג אויף די פּאַסיפישע אינדזלען, אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד. זי איז נאָך אַלץ דער קערן פון יעטוועדער אַרמיי.

איינער פון די בריגאַדע־אָפיצירן האָט אויפגעהויבן אַ האַנט:

— הער סטאָן...

— זאָגט איינפאַך: מיקי.

— נו, גוט, מיקי. מיינט איר, מיקי, אַז אונדזער טרעניר־פּראָגראַם לייגט גענוג אַכט אויף געשלעגן פּנים אל פּנים?

— טאַקטיש — יאָ, אָבער אייער קורס דאַרף אויסגעברייטערט ווערן. פאַר דעם סאָרט קריג וואָס איך מיין, ווען אַ סאָלדאַט באַנוצט זיך מיט אַ מעסער, מיט פויסטן, מיט אַ באַיאָנעט, מיט אַלץ וואָס

קומט אים אונטער דער האַנט, כדי צו פאַרניכטן דעם שונא, מוז ער זיין פיזיש גוט צוגעפּאַסט. אויסדויער־קראַפט, וועט דעצידירן וועגן לעבן, טויט, נצחון אָדער מפּלה.

פון אַן אַנדער ווינקל:

— וועלכע אַרמיי איז געווען די בעסטע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויסער דער אַמעריקאַנער?

אַ געשעפּטש: „די ענגלישע", „די נאַציס", „די רוסישע". מיקיס ענטפער איז געווען אַן איבעראַשונג.

— איך וואָלט געזאָגט — די יאַפּאַנישע. זיי האָבן דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון אויסדויער־קראַפט און אָרגאַניזאַציע. באַשאַפט אַזאַ אַרמיי — און דאָס לאַנד איז אייערס.

אין פּלמח־ווינקל איז געוואָרן אַן אויפרודערונג.

— און וואָס טראַכט איר וועגן דער נויטווענדיקייט פון... דער פרעגער, אַ בלאָנדער בחור אין די צוואַנציקער, האָט געזוכט דאָס ענגלישע וואָרט — איניציאַטיוו?

— עלאַסטישקייט, — האָט אונטערגעכאַפּט איינער פון זיינע חברים.

— זייער וויכטיק; — איז געפאַלן אַ שנעלער ענטפער. איך און חיים האָבן גערעדט וועגן דעם היינט נאָך מיטאָג בעת מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די איבונגען מיט די פאַלקעס. אַ גוטער פירער איז נישט געבונדן דורך קאָנווענץ, דורך אָנגענומענע פאָרמען פון דענקען. אַן אַרמיי מוז צופּאַסן איר טאַקטיק צו די געגעבענע מעג־לעכקייטן. קען זי נישט אימפּראָוויזירן, איז זי אַזוי גוט ווי טויט. דאָס איז אויך ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם איינצלנעם סאָלדאַט.

די פּלמחניקעס האָבן אויפגעשטראַלט און מיט לייכטען חוזק אַריבערגעקוקט צו די ענגליש־אָריענטירטע.

לאַסקאָוו האָט געפרעגט:

— און וואָס, מיקי, איז מכוח דער וויכטיקייט פון דיסציפּלין?

מיקי האָט פאַמעלעך געענטפערט:

— ס'איז נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז קיין שום אַרמיי קען

נישט פונקציאָנירן עפעקטיוו אָן אויטאָריטעט, אָן דיסציפּלין.

די פּנימער פון די פּלמחניקעס האָבן זיך פאַרכמורעט.

— ווען כ׳רעד וועגן אויטאָריטעט, מיין איך נישט די גאווהדיקע האַלטונג פון די העכערע ראַנגעס, נאָר כ׳מיין, אַז אַ באַפעל מוז אויסגעפירט ווערן, כדי צו פאַרמיידן אַנאַרכיע ביים ד׳ערפאָלגרייכן דורכפירן פון גרויס מאַסשטאַביקע אָפּעראַציעס, וועלכע מיר דער־וואַרטן אין די נאָענטע חדשים.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

— נישטאָ קיין קעגנזאַץ צווישן דיסציפּלין און עלאַסטישקייט. אַ גוטע אַרמיי באַלאַנסירט מיט אָט די צוויי כוחות. צום ביישפּיל: כ׳בין געווען אין אַ לאַגער פון אונטעראָפיצירן, וווּ מ׳האָט זיי געלערנט ענטפערן אויף די באַפעלן אין כאָר. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז לעכער־לעך. דאָס האָט געפּאַסט פאַר די סאָלדאַטן פון 18־טן יאָרהונדערט אין לעקסינגטאָן — די סאָלדאַטן מיט די רויטע זשאַקעטן, אָבער נישט פאַר סאָלדאַטן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פון דער צווייטער זייט, האָב איך געזען די פאַטאַלע קאָנסעקווענצן פון גערילאַ־טאַקטיק אַנטקעגן אַ מאָדערנער אַרמיי. לויט מיין פעסטער איבערצייגונג דאַרף אונדזער ציל זיין: צופּאַסונג־פעיִקייט אונטער דער שוץ פון אייזערנער דיסציפּלין און אויטאָריטעט.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער וויכוח. ער האָט געגעבןביידע צדדים, די פּלמחניקעס און די פון דער יידישער בריגאַדע מאַטעריאַל אויף נאָכצוטראַכטן און אפשר אויך אויף צו רעווידירן זייערע ביז איצטיקע מיינונגען.

מיקיס פאָרמולירונגען אין לאַסקאָווס טרענירונגס־שולע האָבן זיך באַזירט אויף אַ פאָרזיכטיקן אַנאַליז פון פיל פאַקטאָרן — אויף די פּאָליטישע, היסטאָרישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פונעם לאַנד.

אויפן ערשטן בליק איז די קומענדיקע יידישע מדינה געווען ענלעך צו קאַליפאָרניע, אַ קאַליפאָרניע אין מיניאַטור. אַ גאָלדענער שטאַט רעדוצירט צו דער גרייס פון ווערמאָנט. ווי זיין צעשפּרייטער

אַמעריקאַנער פּראָטאָטיפּ, איז דאָס אַ זוניק לאַנד אַ גאַנץ יאָר, כמעט, אויסער די רעגנדיקע ווינטער־טעג. אַ לאַנד פון פּאָמעראַנצן און ווייגערטנער, מיט גרויסע שטעט ביים ים־ברעג צו מערב; באַרג־קייטן, וואָס רינגלען אַרום פּרוכטבאַרע טאָלן אין צפון און גליענדיקע מדבריות אין דרום. (דער נגב איז גענוי ווי דער טויטער טאָל סקאָטטי).

די וויכטיקסטע שטאָט, דער וווּנדער וואָס איז אויסגעוואַקסן „איבער נאַכט" איז תל־אביב, אַ פאַרקלענערטע אויסגאַבע פון לאָס־אַנדזשעלעס, אַ פאַרפלייצטע פון ריחות פון בליענדיקע פּרדסים אַרום און אַרום, אָן דעם רויך־נעפּל. הונדערט קילאָמעטער צו צפון צו, ליגט חיפה, די סאַן־פראַנציסקאָ פון מיטעלן־מזרח, מיט אירע קוואַרטאַלן ביים ים און די זיך־שלענגלדיקע וועגן צום כרמל־באַרג — אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון ים־אויסגאַס, נאָר אָן דער גאָלדענער טויער־בריק. אויפן רוקן פון די בערג פון יהודה ליגט די אוראַלטע הויפּטשטאָט ירושלים, גענוי ווי סאַקראַמענטאָ אין קאַליפאָרניע. דער פאַרגלייך וואַרפט זיך אין די אויגן, אָבער פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז ער פאַרפירעריש.

דאָס לאַנד איז אַזוי קליין אין שטח, אַז אַ מאָדערנע אַרמיי קען עס פאַרנעמען אין פאַרלויף פון אייניקע טעג. אין איין אָרט ביי חיפה איז דער שטח נישט ברייטער ווי צען מייל. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג לעבט ביים שמאָלן ים־ברעג. אין לאַנד זענען פאַראַן ווייניק פּרוכטבאַרע פעלדער און די ישובים זענען צעשפּרייט. אין נגב איז די צעשפּרייטונג פון די ישובים נאָך אַ גרעסערע.

דערווייל איז דאָס לאַנד אין גרעסטן טייל וויסט — אַ רעזולטאַט פון הונדערטער יאָרן פאַרנאַכלעסיקונג. נייע וואַסער־קוואַלן וועלן דאָס לאַנד מאַכן פּרוכטבאַר. דאָס לעבן איז שווער און אָן באַקוועמלעכקייטן, דערצו געפינט זיך די קליינע יידישע מדינה אין מיטן פון אַ ים פון אַראַבער, אַ סאָציאַל־צוריקגעשטאַנענע און פאַרביטערטע באַפעלקערונג פול מיט שנאה און קנאה, אויפגערייצטע דורך זייערע הערשער, וועלכע האָבן געשווירן די יידן צו פאַרניכטן. פּאַקטיש

איז די אויפרייצונג אין לאַנד אין אַ גאַר גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון די אַמביציעס און קאָנקורענץ צווישן צוויי מענטשן: דער הויפּט־מופטי פון ירושלים און דער קעניג אַבדאַללאַ פון עבר הירדן, די מאַריאָנעטקע פון ענגלאַנד.

דערווייל זענען די אַראַבישע אָנפאַלן נאָך נישט קיין רעגולערע. די אַראַבער באַטראַכטן זיך, פּונקט ווי די בירגער פון די דרום־שטאַטן אין אַמעריקע אין דער צייט פון בירגער־קריג, פאַר אַ מיליטעריש פאָלק. זיי זענען זיכער, אַז די אומרעגולערע כוחות זענען אין שטאַנד צו באַזיגן דאָס פאָלק פון קליינהענדלער. זיי וועלן שפּעטער אַנדערש אויסגעפינען... די „אַראַבישע ליגע" האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זי וועט די יידן דער־טרינקען אין ים. צוליב פּרעסטיזש אַליין וועלן זיי דאָס פּרווון טאָן. זייערע מיליטערישע כוחות זענען געוואַלדיק גרויס אין פאַרגלייך מיט די יידישע — און די געפאַר איז נאָענט.

דערווייל פאַרטיידיקן זיך די יידן קעגן די אָרטיקע אַראַבער, וועלכע זענען טאָפּלט גרויס אין צאָל. די אַראַבער רייסן איבער די יידישע קאָמוניקאַציע־ליניעס. דער ערשטער אַראַבישער ציל איז די צעשניידונג פון דער יידישער טעריטאָריע. אין צענטער פון לאַנד מאַכן זיי בלאָקאַדעס און לויערונגען לענג־אויס די וועגן פון לאַנד און אין דרום ווילן זיי איזאָלירן די יידישע ישובים און זיי אויסהונגערן. די קיבוצים אין נגב, אָפּגעשניטענע פון לאַנד, וועלן ווערן דערשטיקט ווי נאָר דאָס וועט זיך פאַרגלוסטן די אַראַבער.

באַלד נאָך דער אָפּשטימונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער", דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן אונטער־צונדן און ו׳אַבעוועץ יידישע קוואַרטאַלן אין ירושלים. „פרייוויליקע" אינפילטראַנטן האָבן געשטראָמט אין לאַנד אַריין פון עבר־הירדן, עגיפּטן, סיריע און איראַק. אין דער שפּיץ פון די „פרייוויליקע" איז געשטאַנען פאַוזי־על־קאַאוקדזשי, אַן אַוואַנטוריסט פון לבנון, אַ פאַר־טרויעכער פריינד פונעם הויפּט־מופטי וועלכער האָט אָנטיילגענומען

אין די אומרוען פון 1936 און אַ היטלעריסטישער קאַלאַבאָראַטאָר אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

סוף פעברואַר 1948 האָבן די אַראַבער שוין געציילט 12 טויזנט קעמפער. 7.000 — פון דער „באַפרייאונגס־אַרמיי" אין צפון, אָנגעפירט פון קאַאוקדזשי און פון זיין סירישן געהילף שישקאַלי: 4.000 — אין ירושלים אין צענטער פון לאַנד. זייער אָנפירער איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער אל־חוסייני, הויפּט־מופטי פון ירושלים, און אין נגב — 1.000 פון די עגיפּטישע „מוסולמענישע ברידער".

די הגנה האָט קאָנצענטרירט 3.000 פּלמחניקעס און אומגעפער 3.000 „חיש"־סאָלדאַטן*) די רעזערוון זענען באַשטאַנען פון „חים"־לייט**). ביי די יידן איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין געווער.

דאָס הויפּטגעווער איז געווען אַ היימיש־פּראָדוצירטע „סטען"־ביקס, זיין שיס־שטח — 50 יאַרד. די צווייטע „חיש"־בריגאַדע א"נ „כרמל" האָט פאַרמאָגט ביקסן בלויז פאַר אַ דריטל פון אירע סאָלדאַטן. די כלומרשט־„נייטראַלע" ענגלענדער האָבן סיסטעמאַטיש קאָנפיס־קירט יידיש געווער, אָפּגעשטעלט די יידישע אַטאַקעס און פאַרמאַכט די אויגן אויף די אַראַבישע באַזעס, געבויטע אונטער זייער נאָז. די ענגלישע באַציִונג צו די יידן איז געווען אַ טראַגישער חוזק אינעם כאַאָטישן מצב פון פּאַלעסטינע. די באַאַמטע פון דער מאַנדאַט־מאַכט, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט די באַלפור־דעקלאַראַציע, די ערשטע אונטערשטיצערין פון אַ יידיש היימלאַנד אין פּאַלעסטינע, האָבן אַרויסגעוויזן אָן אָפּענעם ווידערווילן צו די יידישע פּיאָנערן, די קיבוצניקעס. די יידן זענען נישט אַזוי הכנעהדיק ווי די ראָמאַנטישע בעדויִנער. נאַפט־אינטערעסן האָבן אויפגעוועקט דעם פאַרבאָרגענעם אַנטיסעמיטיזם פון די באַאַמטע. ערנסט בעווין, דער נייער אויסערן־מיניסטער פון דער אַרבעטער־רעגירונג זינט 1945, האָט פולשטענדיק געשטיצט די אַנטיסעמיטישע באַאַמטע. כאָטש די חלומות פון די

---

*) „חיש": פעלד־אַרמיי.

**) „חים": אַרטיקע וועכטער־טרופּן.

ענגלישע אימפעריאַליסטן זענען צערונען געוואָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט דאָס נישט געענדערט זייער צוגאַנג צום פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. אויך די אָנפאַלן פון די יידישע עקסטרעמיסטן אויף ענגלענדער האָבן נישט געווירקט.

די גאַנצע ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין לאַנד, מיט געציילטע אויסנאַמען, איז געווען פּראָ־אַראַביש. קאָלאָנעל ריטשאַרד מאַ־נערצהאַגען, אַמאָליקער בעל־יועץ פון גענעראַל אַלענבי, עקס־פּערט פאַרן נאָענטן מזרח פון קריגס־מיניסטעריום האָט פאַר־צייכנט אין זיין טאָגבוך: געוואַלדטאַטן און מערדערייען זענען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין פּאַלעסטינע. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו אַנטוואָפענען די יידן, זענען מיר גרייט איצטער זיי איבערצולאָזן צו זייער גורל, און דאָס הייליקע לאַנד — אין אַנאַרכיע־צושטאַנד, דאַקעגן די אַראַבער וועלן מיר באַוואָפענען מיט אַלעם מעגלעכן.

אויסגעשטעלט אויף זייערע אייגענע כוחות, פּלעגן די יידן מיט זייערע היימיש־פאַבריצירטע פּאַנצער־וועגענער זיך דורכרייסן דורך דער אַראַבישער בלאָקאַדע און אויך דורכפירן נקמה אָנפאַלן אויף אַראַבישע באַזעס.

וועגן יידישע גרויסע אַקציעס האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין צוליב די ענגלישע טאַנקען־פּאַטראָלן, וועלכע האָבן זיך געפונען אומעטום. מיקין האָט צום מיינסטן געערגערט דער מאַנגל אין געווער און די נישט געשולטקייט פון די יידישע אָפיצירן אויף אָנצופירן מיט גרויסע פאָרמאַציעס, הגם פלענער אַזעלכע זענען געווען אין גענעראַל־שטאַב פון דער הגנה. עס האָט זיי אויך געפעלט די טראַדיציע פון אַן אייגענער מדינה, עס זענען אויפגעשטאַנען עקס־טרעמיסטן ווי „אצ״ל״ און „לח״י״, וועלכע פּלעגן אָנפאַלן אויף ענגלענדער, געוואָלט זיי פאַרטרייבן פון לאַנד מיט כוח, און זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט די פּאָליטישע קאָנסעקווענצן פון זייער טאַקטיק.

דער פלמח האָט נאָך מער קאָמפּליצירט די סיטואַציע. אָפיציעל איז דער פלמח געווען אַ טייל פון דער הגנה, קאָמאַנדאָ־גרופּעס פון דער הגנה. אָבער פּאַקטיש, צוליב זייערע אָפּגעזונדערטע באַזעס און זייער אינטימער חברשאַפט, אַן אויסגעוואַקסענע אין די בלוטיקע נאַכטקאַמפן, זענען זיי געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך. זיי האָבן אָפּגע־חוזקט פון ראַנגען און שכירות, ס'איז ביי זיי אויסגעוואַקסן דער „עספּרי־דע־קאָרפּס" (דער גלויבן אין זייער קערפּערשאַפט), האָבן זיך באַצויגן צו זייערע אָפיצירן ווי צו פּאָליטישע קאָמיסאַרן — אַ מין מיליטאַנטישע פּאָליטישע גרופּע, וועלכע פלעגט נישט אַלע מאָל אָפּגעבן דין־וחשבון דעם גענעראַל־שטאַב אין תל־אביב.

אינסטינקטיוו האָט מיקי שטאַרק באַוווּנדערט די געוואַגטקייט און דעם מוט פון פלמח. די פריינדשאַפט זיינע מיט לאַ־גוואַרדיאַן האָט זיך באַזירט אויף זייער גלייכן צוגאַנג צום לעבן. טאַט איז וויכטיקער פון צערעמאָניע. פלמח, האָט מיקי געפילט, קען זיין דער שליסל צום יידישן נצחון, אָבער בתנאי, אַז זייער קאַמף־קוואַליטעט וועט איינגעשפּאַנט ווערן אין אַ דיסציפּלינירטער מיליטערישער מאַשין, וועלכע איז אַזוי נויטיק דער צוקונפטיקער יידישער מדינה.

אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן קענען קעמפן מיט זייערע הערצער, אָבער גרויסע אַרמייען מוזן קעמפן מיט זייערע קעפּ. „און ס'איז שוין די העכסטע צייט, האָט מיקי געזאָגט בן־גוריונען, אַז די הגנה זאָל אָנהייבן דענקען ווי אַן אַרמיי".

מיקיס הויכע אַכטונג צו דיסציפּלין האָט זיך ממשותדיק אַרויס־געוויזן באַלד ביי זיין ערשטער קאָמאַנדירונג; ווען ער האָט פאַרענ־דיקט דעם וועסט־פּאָינט איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס איינהייט־פיר'ער פון אַ מגושמדיקער זשאַנדאַרמעריע גרופּע פון דער ערשטער אינפאַנטעריע־דיוויזיע. דעם 23־יאָריקן לייטענאַנטס שטימבעבנדער זענען נישט געווען געגנוג הילכיק פאַרן גרויסן איבונגס־פּלאַץ. אויף זיין באַפעל: „פרע־זענ־טירט דאָס געווער!" האָבן עטלעכע בורלאַקעס אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. ער האָט גלייך אָוועקגעפירט די איינהייט הינטערן באַראַק און באַפוילן: „צעשטרייען זיך!" ער האָט אָנגעוויזן

אויף איינעם פון די גרעסטע: „העי, דו, הער נאַר, האָסט נאָך אַלץ חשק צו כאַכאָטשען?״

— בלויז ווען ס'איז שפּאַסיק, סער! — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער קאָרעקטקייט געזאָגט. און ווידער האָבן זיך דערהערט פאַרשטיקטע געלעכטערס.

מיקי האָט אים צוגערופן צו זיך:

— פאַרטיידיק זיך מיט דיינע לאַפּעס!

— כ'קען זיך דאָס נישט דערלויבן, סער! איר זענט דאָך אַן אָפיציר!

דער סאָלדאַט האָט געוויגן צוויי הונדערט פונט און געווען מי... אַריבער זעקס אינטש העכער פון מיקין.

מיקי האָט אַראָפּגעצויגן זיין מונדיר מיטן גאָלדענעם שטענגל אויפן אַקסל און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ באָקסער־פּאָזע.

— איך וועג מיט אַ וואָסערע פּופּציק פונטעלעך מערער פון דיר, זינעניו — האָט דער מגושמדיקער זשאַנדאַרם צוגעוואָרפן אַ כיטרען בליק זיינע חברים.

— באַווייז־זשע, וואָס דו קענסט מיט זיי אויפטאָן — האָט מיקי שאַרף דערווידערט.

דער סאָלדאַט האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, ווידער אַ מאָל זיך איבערגעקוקט מיט זיינע חברים, ווי ער וואָלט זיי זאָגן, „איר הערט, חברה?״ ער האָט אָנגעשטעלט זיינע גרויסע לאַפּעס און געוואַרט, אַז דער קליינער לייטענאַנט זאָל זיך מאַכן לעכערלעך.

דאָס געפעכט האָט זיך אָנגעהויבן, און איידער וואָס־ווען איז דער חוצפּהדיקער זשאַנדאַרם געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד באַוווסטלאָז.

מיקי האָט צוגערופן אַ קאָרפּאָראַל: — נעם אים אין קליניק אַריין. ער האָט דורכגענומען מיטן בליק זיין איינהייט:

— אויב ווער פון אייך צווייפלט ווער עס גיט דאָ די באַפעלן, קענען מיר דאָס גלייך אויפן אָרט פעסטשטעלן.

די דיסציפּלין פראַגע אין 2־טן פּלאַטון איז געווען דערליידיקט.

☆

ווען מיקי האָט זיך אַריינגעמישט אין פּאַלעסטינע־פּלאָנטער האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס וויכטיקסטע איז העלפן בן־גוריונען אויפבויען אַ מאָדערן־אָרגאַניזירטע אַרמיי, און צוליב דעם פלעגט ער אָפּט באַזוכן לאַסקאָווס טרענירונגס־שולע, די שולע פון די קינפטיקע קאָמאַנדירן פון דער יידישער אַרמיי. די קאָאָפּעראַציע פון די אַרמיי־פירער מיט זיינע פּלענער איז געווען זייער וויכטיק. ער אַ פרעמדער, וויל מאַכן אַ רעוואָלוציע אין דער מלחמה־פירונג, אַ זאַך, פאַר וועלכער די הגנה און די פּלמח־לייט האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן. וויל ער דורכפירן זיינע פּלענער, מוז ער שאַפן אַ לעבע־דיקן קאָנטאַקט מיט די מענטשן און ווי צום שנעלסטן. אומצופרידענע, קענען זיינע פּלענער גאַנץ לייכט צו נישט מאַכן.

מיקי האָט גוט געקענט די שטרויכלונגען אויף זיין וועג. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט צו טאָן מיט שטאָלצע און סענסיטיווע מענטשן, אַ סענסיטיווקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קליינע נייע פעלקער, וועלכע זענען פילבאַר אויף זייער פרישער אומאָפּ־הענגיקייט. די יידישע אָפיצירן זענען פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן זייער וועג און באַצאָלט פאַר דעם אַ הויכן פּרייז. זיי האָבן פיינט די אַמעריקאַנער יידן, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, הגם אַמעריקאַנער דאָלאַרן האָבן געהאָלפן בויען דאָס לאַנד, און זענען נישט גרייט אויסצוהערן די עצות פון די עלטערע און רייכערע געזעלשאַפטן, לויט זייער מיינונג — פאַרצערטלטע געזעל־שאַפטן. זיי ווילן קיינעם גאָרנישט נישט שולדיק זיין.

מיקיס פאַרגאַנגענהייט האָט דאָ קיין ווערט נישט. זיין ראַנג און נאָמען וויסן בלויז געציילטע מענטשן. מ׳שטעלט אים פאַר אַלס מיסטער סטאָן, אַ פרעמדער, וואָס פאַרשטייט נישט זייער לשון. עפּעס כאַפּט ער אויף, אַ זכר פון די קינדער־יאָרן, ווען ער האָט געלערנט יידישקייט. ער איז נישט קיין גרויסער שפּראַכן־קענער... ווען ער איז געווען דער „אויפזיכטס־קאָמיסאַר" אין ניו־יאָרק, האָט

ער אַ סך געהאַט צו טאָן מיט נייע עמיגראַנטן, פלעגט ער מיט אַן ערנסטער מינע אָנהויבן אַ געשפּרעך אין שפּאַניש מיט אַ צעבראָכענעם אַקצענט, אַ ביסל שפּאַניש האָט ער געלערנט אין וועסט־פּאָינט, און אַזוי אַרום פלעגט ער דערקענען די חברה־לייט, וועלכע האָבן געוואָלט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויפן קאָמיסאַר דורך ענטוזיאַסטיש אויפנעמען זיין פלאַפּעריי אין שפּאַניש.

איינס איז געווען קלאָר. מיט שפּראַך וועט אים נישט געלינגען אָנקניפּן באַציִונגען דאָ אין לאַנד און באַזונדערס מיט די פּלמחניקעס.

צום גליק האָט ער פאַרמאָגט די מעלה פון „נאַטירלעכער, ספּאָנטאַנישער גוטברודערישקייט", ווי בן־גוריון האָט עס פעסטגע־שטעלט. ער האָט זיך באַצויגן סימפּאַטיש צו יעדן איינעם, ווי זיין פריינד טאָם דיואַי האָט זיך אויסגעדריקט: „ער האָט באמת אַלעמען ליב פון גאַנצן הארצן". אין יעדער געזעלשאַפט האָט ער באַלד געשאַפן אַן אינטימן קאָנטאַקט מיט די אַרומיקע. זיין אָפענער לויטע־רער בליק, זיינע לעבעדיקע פריילעכע אויגן און זיין אָפנהאַרציקייט האָבן אים דערנענטערט צו מענטשן אין משך פון געציילטע מינוטן. איז ער אַריין אין אַ שטוב „האָבן זיך דאָרטן אָנגעצונדן אַלע ליכטער" — ווי זיין שוואָגער אַל. טשעיסאָן האָט קאָנסטאַטירט.

אין איינעם אַ רעגנדיקן אָוונט פון חודש פעברואַר, איז ער אַריינגעקומען אין וויכטיקסטן פּונקט פון דער יידישער פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען אַ קעלער־צימער אין רויטן הויז, דער זיצפּלאַץ פון יגאל ידין, הויפּט־אָפיציר פאַר אָפּעראַציעס פון דער הגנה. ידין איז געווען אַ יונגער מאָגערער מאַן מיט לאַכנדיקע אויגן און אַ סענסיטיוו איינדרוקספול פּאָעטיש פנים — היינט, אַ וועלטבאַ־רימטער אַרכעאָלאָג. ידין איז געווען פאַרטיפט אין די מאַפּעס פון לאַנד און געענטפערט אויף די טעלעפאָן־רופן פון גאַנצן לאַנד. שמיר האָט פאַרגעשטעלט מיקין. מיקי האָט זיך צוגעקוקט ווי ידין לויפט, דאָ צום טעלעפאָן, דאָ צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ידין איז באַרימט געווען אַלס בעסטער קענער פון נאָענטן מזרח. צוליב זיין נייגונג צו פאַרציען נעמען פון מענטשן און אויך צוליב דער שווערקייט אַרויסצוזאָגן

ריכטיק די העברעיִשע נעמען, פלעגט מיקי געבן די פּאַלעסטינע־פירער נעמען לויט זיין אייגענעם געשמאַק. ער האָט באַשלאָסן, אַז דער אויסגעצויגענער און פליכטוואַטער ידין הייסט נישט יגאל, נאָר „איגל״ (אָדלער).

יגאל האָט זיך שווער אָוועקגעזעצט אין אַ שטול און געווישט זיין נאַסן שטערן.

— הער זיך נאָר איין, איגל — האָט מיקי אויסגערופן, — וויפל וועגסטו ?

— אַ ? אַרום 160 פונט.

— אין אַ חודש אַרום וועסטו וועגן 120 פונט און דאָס ערשטע ווינטל וועט דיך אַריינבלאָזן אין ים אַריין. ווילן זיי דאָרטן אויבן פּטור ווערן פון זייער פעִיקסטן מענטש ?

ידין האָט געשמייכלט... דער אַמעריקאַנער ווייסט וואָס ער רעדט.. אַלץ גייט דורך דורך זיינע הענט, ידיעות, אָפּעראַציעס אאז״וו. ס׳איז אַן אויסמאַטערנדיקע אַרבעט.

— דאָס איז נישט קיין צימער אויף צו פּלאַנירן מיליטערישע אָפּעראַציעס, נאָר אַן אָפּעראַציע־צימער אין אַ שפּיטאָל און דו ביסט דער קרבן. מען שניידט פון דיר שטיקער.

— מיר האָבן נישט קיין ברירה — האָט ידין געצויגן די אַקסלען — מיט איין האַנט קעמפן מיר און מיט דער צווייטער — בויען מיר אויף אַן אַרמיי.

— אָבער מען קען דאָך אויפשטעלן באַזונדערע שטאַבן פאַרן צפון, פאַרן דרום און צענטער. כ׳וועל שוין מאָרגן כאַפּן אַ שמועס מיטן באַלעבאָס — האָט מיקי דערוואַרט.

זיין שנעלע אָריענטאַציע אין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען האָט אים זייער באַליבט געמאַכט ביי ידינען. ער האָט רעזומירט: „מיקי איז מיט שטורעם אַריין אין אונדזער געהיימען גענעראַל־שטאַב, אַלע האָבן אים באַוואונדערט, רעספּעקטירט און ליב געהאַט״.

מיקיס שנעלע באַליבט ווערן האָט געשטאַמט פון זיין אויפמערק־זאַמקייט צו אַלעמען, ער איז שטענדיק גרייט געווען אָנטייל צו

נעמען אין די שמחות פון די אַרומיקע און אויך אַרויסהעלפן זיי אין זייערע צרות. אַלע האָבן דאָס גלייך געפילט און אָפּגעשאַצט.

ידין האָט צוזויפגעפירט מיקין מיטן שעף פונעם גענעראַל־שטאַב יעקב דורי, אַן אינזשיניער; אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַן אינסטרוקטאָר פון אויטאָמאַטיש געווער אין אַן ענגלישער מיליטערישער באַזע אין עגיפּטן. שפּעטער — טעכנישער דירעקטאָר פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג ביי דער יידישער אַגענץ. ביי דער גרינדונג פון נייע ישובים פלעגט ער נעמען אין אַכט אויך זייער סטראַטעגישע פּאָזיציע. צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד איז די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון דער הגנה איבערגעגאַנגען אין די הענט פון ידינען.

דורי האָט גלייך איינגעזען, אַז מיקי איז נישט עפּעס אַן אַוואַנטוריסט, וועלכער זוכט אַן אויסגאַנג פאַר זיין אומגעהויערער ענערגיע און וויל זיך באַקרוינען מיט אַ נייעם לאָרבער־קראַנץ, נאָר אַ מיליטערישער גאון אינעם נוסח פון די ביבלישע העלדן יהושע, שמשון אָדער דוד.

דורי האָט באַשטימט זיין געהילף, אהרן יריב, אַלס באַגלייטער פונעם אַמעריקאַנער. זיי האָבן באַזוכט די געהיימע באַזעס פון דער הגנה. מיקי פלעגט אַלץ אויסהערן, מאַכן נאָטיצן און גלייך עפּעס פאָרשלאָגן. דורך אומוועגן האָבן זיי דערגרייכט אומעטום. זייער פּערזענלעך געווער איז געווען דער רעוואָלווער. אויב זיי וועלן זיך אָנשטויסן אויף אַן ענגלישן פּאַטראָל, וועלן זיי לייכט קענען פון אים פּטור ווערן.

מיקי איז דערשטוינט געוואָרן ווען ער האָט אויסגעפונען אַז נישט נאָר פעלט די יידישע אַרמיי־פירער אַ שטאַב־סיסטעם און די קענטשאַפט פון באַגיין זיך מיט שווערער אַרטילעריע און פּאַנצער־געווער, נאָר זיי באַגרייפן אַפילו נישט, אַז זיי נייטיקן זיך אין אונטערשטיצונג־דינסט, ווי רעזערוון, טראַנספּאָרט אאז״וו.

אין קיבוץ דגניה, אַ שליסל־פּאָזיציע אין דער געגנט פון כנרת,

האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ צוויי און צוואַנציק יעריקן באַטאַ־ליאָן־קאָמאַנדיר.

— האָט דיין באַטאַליאָן טראַנספּאָרט־מיטלען ?

— יאָ, זיכער !

— וויפל ?

—צוויי לאַסט־אויטאָס.

דער באַטאַליאָן איז באַשטאַנען פון 700 מאַן. די „טראָקס" האָבן געקענט אויפנעמען הונדערט מענטשן.

— און וואָס איז מכוח ראַדיאָ — כ'מיין דראָטלאָזע ?

— גאַנץ פיין, מיר האָבן פיר אַפּאַראַטן.

מיקי האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ :

— דו האָסט אַ סך סאָלדאַטן, אברהם, אָבער נישט קיין באַטאַליאָן. דו מוזט האָבן מער באַוועגלעכקייט, מער טראַנספּאָרט־אויטאָס און אַ געהעריקן סיגנאַל־סיסטעם.

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם בחור אין פּלייצע — איך וועל שוין זאָרגן פאַר דעם. מיר וועלן דערלאַנגען די סיריער אַזאַ קלאַפּ, אַז זיי וועלן פאַרפליען ביז כינע.

אין אַ צווייטער באַזע, דרום פון ירדן־טאַל, האָט מיקי געפרעגט דעם אָפיציר פון דער באַזע :

— ווי אַזוי פאַרבינדסטו זיך מיט דיינע טרופּן ?

— דורך טעלעפאָן.

— און אויב די אַראַבער וועלן איבערשניידן די טעלעפאָן־ליניעס ?

— וועלן מיר זיי פאַרריכטן.

— און אַז די אַראַבער וועלן אויפרייסן די צענטראַלע ?

דער הגנה־אָפיציר האָט פאַרקנייטשט זיין שטערן :

— אין אַזאַ פאַל וועלן מיר שיקן שליחים.

מיקי האָט געוואָלט אויסשרייען : „האָסטו קיינמאָל נישט געהערט וועגן פעלד־ראַדיאָס ? ער האָט זיך באַהערשט און שטיל און געלאַסן געזאָגט :

— ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען שנעלער און זיכערער. כ׳וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט זיי קריגן.

ער האָט געטרייסט דעם פאַרזאָרגטן אָפיציר:

— דיין פּאָזיציע איז זייער אַ שטאַרקע. האָסטו ראַדיאָ, איז זי נישט איינצונעמען.

אין דער אמתן איז שוין גאָר געווען וועגן וואָס זיך צו זאָרגן, אָבער מיקי האָט דאָס קיין מאָל נישט געלאָזט פילן די אומדערפאַרענע אָפיצירן. ס׳איז נישט קיין צייט אויף צו פאַרשפרייטן ספקות.

ס׳איז געווען עמאָ, ווי אַלע מאָל, די פּאָר וועלכע ער האָט אויסגעגאָסן זיינע טיפסטע זאָרגן, זיין וואַקסנדיקע באַאומרויִקונג וועגן דעם מאַנגל אין געווער, וועגן צוזאָגן, וואָס מ׳איז נישט מקיים. אין אָנהויב מערץ האָט ער געשריבן:

„אַנטוישונגען, אַנטוישונגען און ווידער אַנטוישונגען. די רעזולטאַטן פון מיין אַרבעט זענען גאַנץ קליינע. די פּאַלעסטינער־קאָמיסיע פון די „פאַראייניקטע פעלקער" האָט געמאָלדן, אַז זי וועט נישט קענען פאַרגרעסערן איר אַחריות פאַרן גורל פון לאַנד נאָך דעם 15טן מאַי, ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. און דאָך דערלויבן זיי נישט די יידן זיך צו באַוואָפענען".

עטלעכע טעג שפּעטער:

„כ׳האָב באַלד צוריקצוקומען און אָרגאַניזירן 25 געהילפן. דאַרפן דאַרף מען דאָ מינדעסטנס הונדערט. אַלע ביז איצטיקע הילפסרופן זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. ס׳איז אוממעגלעך איינער אַליין צו טאָן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט, אָבער מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן. די מענטשן אין אַמעריקע האָבן נישט קיין באַגריף ווי פאַרצווייפלט די לאַגע איז דאָ. פון דער ווייטנס קען מען נישט פילן דאָס, וואָס מיר פילן דאָ אויפן פּלאַץ".

„כ׳בין געווען די לעצטע נאַכט אין גענעראַל־שטאַב און האָב געזען בחורים, וואָס זענען צוריקגעקומען פון אַן איבערפאַל. די מערסטע פון זיי זענען געווען פאַרוווּנדעט און

זיי האָבן געבראַכט מיט זיך זייערע טויטע. ס׳איז שווער אויפצוּווּעקן דאָס געוויסן פון דער וועלט. טאָג־טעגלעך פאַלן יידישע קרבנות. ס׳איז אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, און די וועלט שווייגט״.

געוועזן אָבער אין זיינע בריוו אויך אַ פריילעכער טאָן:

„ס׳איז אַ נחת צוצוקוקן, ווי דאָס יונגוואַרג נעמט אָן דעם מיליטאַנטישן צוגאַנג. ממש אַ וווּנדער!״

אין אַן אַנדערן בריוו שרייבט ער:

„ס׳איז שווער אויפצוקלערן וואָס אַן אייגענע מדינה באַדייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג דאָ. אַלע זענען נייע עולים אָדער קינדער פון עולים. זיי האָבן איבערגעלאָזט די רדיפות אין צאַרישן און סאָוויעטישן רוסלאַנד און אין פוילן. אַ פאַר־גלייך מיט די ערשטע עמיגראַנטן פון אַמעריקע קען דאָס אפשר קלאָר מאַכן. אַ לאַנגער אַרבעטסטאָג איז ביי זיי אַ קלייניקייט. די שווערסטע אַרבעט ווערט באַטראַכט פאַר אַ כבוד. פּאַלעסטינע איז פאַר זיי ווי אַמעריקע פאַר אונדזערע עלטערן: אַ לאַנד פון געלעגנהייט און זיכערקייט״.

נאָך זיין באַזוך אין די קיבוצים אין צפון האָט ער געשריבן:

„דער גרעסטער כוח פון די מענטשן דאָ איז זייער מוט. ביז וואַנען מ׳זעט דאָס נישט מיט די אייגענע אויגן, קען מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי שווער ס׳איז דאָס לעבן אין פּאַלעסטינע. אַ משפחה האָט דאָ איין צימער, אָרעם אויסמעב־לירט. די קינדער לעבן אין קינדערהייזער. די עלטערן אַרבעטן ביידע שווער צען שעה אַ טאָג. זיי פאַרמאָגן גאָרנישט. — קיין שום פּריוואַטקייט אין יעדן הינזיכט. זיי זענען ווי טיילן פון אַ מאַשין. און דאָך, ווי דאַנקבאַר זענען די יוגנטלעכע, וועלכע זענען אָנגעקומען פון ציפּערן — 17־18 יעריקע מיט די אויסגעברענטע נומערן פון די היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויף זייערע אָרעמס. זיי אַרבעטן שווער און מיט חשק און זיי זענען משוגע־גליקלעך״.

פונקט אַזאַ איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט די קיבוצים אין נגב.

„דער נגב באַשטייט פון זאַמד, פעלדז, זון, היץ און קאַלטע נעכט. נישטאָ קיין וואַסער, און דאָך האָבן די קיבוצים באַוויזן צו באַאַרבעטן שטיקער באָדן, אויפבויען הייזער און דערציען קינדער. די אַרבעטן שווער, אָבער זיי האָבן ליב יעדעס קערנדל זאַמד. געלט, קליידער, פּאַרווײַלונגען, אַ העכערער לעבנס־סטאַנדאַרט — איז זיי פרעמד, דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט לעבט ווי אַ קעניג אין פאַרגלייך מיט זיי. לוין? וואָס איז דאָס אַזוינס? ווען מען זאָל זיי נאָר לאָזן באַאַרבעטן זייער באָדן, באַקעמפן דעם מדבר און שאַפן אַ היימלאַנד פאַר זייערע מיטברידער, וואָלטן זיי געווען גליקלעך. 200.000 יידן וואַרטן אין לאַגערן פון אייראָפּע אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן שוין קענען אָנקומען אין לאַנד. ווען מ׳קוקט זיך צו צו דעם לאַנד אין פאַרגלייך מיט די גרויסע אַראַבישע מדינות אַרום, איז שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס די וועלט העלפט נישט די יידן אויפבויען זייער מדינה״.

נאָך אין אַמעריקע האָט אים זייער אינטערעסירט דער נייער טיפּ ייד אין פּאַלעסטינע. ער האָט געפרעגט שמירן: זאָג מיר נאָר, מיט וואָס זענען די יידישע פּיאָנערן אין פּאַלעסטינע אַנדערש פון די יידן אין ברוקלין אָדער אין אייראָפּע?״ דאָ אין לאַנד האָט ער באַקומען דעם ענטפער אויף זיין פראַגע. ער איז דערשטוינט געוואָרן צו געפינען אַ מוטיק פאָלק, אַ באַוואָפנט פאָלק. נאָך צוויי טויזנט יאָר רדיפות האָבן זיי געזאָגט צו זייערע פאַרפאָלגער: גענוג! עד כאַן! **און זיי באַוואָפנען זיך, כדי צו נעמען מיט כוח דאָס וואָס עס קומט זיי.**

דאָס איז מיקין שטאַרק געפעלן געוואָרן. פון קינדווייז אָן איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרטיידיקן זיין כבוד מיט די אייגענע פויסטן. יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוויטערט פון יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, פלעגט ער זיך שרעקלעך אויפרעגן ווען

מ׳פלעגט באַשמוצן די יידישע רעליגיע. זיינער אַ געהילף אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־אַדמיניסטראַציע האָט אַ מאָל געזאָגט: „מיקי האָט קיין מאָל נישט געזוכט קיין אַמפּערייען און געשלעגן, אָבער קוים האָסטו אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ייד״ שפּאָטיש, איז ער גלייך געווען ביי דיין גאָרגל״.

ווען ס׳זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן דער אויסראָ־טונג פון די יידן אין אייראָפּע, האָט זיך מיקי געפילט פאַרשעמט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן לאָזן זיך פירן צו זייער אומקום אָן ווידערשטאַנד. אָפט מאָל פלעגט ער זאָגן צו עמאַן: „אויב אַ היטלער וועט באַהערשן אַמעריקע, וועט מען אונדז קיין מאָל נישט פירן צו דער שחיטה. מיר וועלן זיך פאַרבאַריקאַדירן אין הויז מיט געוועער אין האַנט און וועלן אַריבערשיקן אויף יענער וועלט געַנוג אויסוווּרפן איידער מיר וועלן שטאַרבן״.

און דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אַ פאָלק, וואָס מאַניפעסטירט זיין ווילן צו לעבן אין פרייהייט, אָן מורא און איז גרייט אויף אַלעם.

אַלץ דאָ האָט אים דערמאָנט אָן די ערשטע קאָלאָניסטן פון אַמע־ריקע מיט דער ביבל אין האַנט, ווי ער האָט געשריבן צו זיין פריינד יאבלאק: „דאָ הערשט אַזאַ אַטמאָספער, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין קיין שום פּלאַץ אויף דער וועלט. דו אָטעמסט דאָ מיטן גייסט פון דער אַמעריקאנער רעוואָלוציע״.

אין דעם האַלב־וויסטן לאַנד פּאַלעסטינע וואַקסט אַ מדבר־פלאַנץ פון דעם קאַקטוס־שטאַם — די סאַברע. פון דרויסן איז זי צייַנערדיק און ווי אַ זעג און אינעווייניק — אַ ווייכע פליישיקייט וואָס איבערראַשט מיט איר צאַרטער זיסקייט. די ניי־געבוירענע אין לאַנד רופט מען „סאַברעס״. שטעכיק און שאַרסטקע פון דרויסן און זיס — אינעווייניק. זי טראָגן מיט שטאָלץ דעם צונאָמען. זיי ווייסן נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס זיך אונטערגעבן. זיי זענען פריי און אַנטשלאָסן. יאָ סאַנקציעס, נישט סאַנקציעס — דאָס לאַנד איז זייערס. זיי קענען נישט קיין אַנדער לאַנד.

אין די דרייסיקער־יאָרן האָט דער ענגלישער גענעראַל אָרדע

ווינגייט געשאַפן פון אַט די דאָזיקע „סאַברעס” די באַרימטע נאַכט־עסקאַדראָנען. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַראַבישע כנופיות.
אין די פּערציקער יאָרן האָבן זיי געשאַפן דעם פּלמח. זייער טאַקטיק איז: דורכפירן אַ שנעלע נאַכט־אַטאַקע און אַוועק. זיי האַלטן נישט פון סטאַטישער פאַרטיידיקונג. זייער אָפּעראַטיווע איינהייט איז די סעקציע אָדער דער פּלאַטון. יעדער איינער פון זיי איז אַ זעלבסט־שטענדיקער קעמפער, גרייט צו אימפּראָוויזירן און פאַרלירט זיך נישט ביי פּראָגנאָזעדערונגען. דערצו זענען זיי פּאָליטיש רייף. אַן אָפיציר פון פּלמח דאַרף „וועגן און מעסטן ווי אַזוי עס וועלן אָפּהילכן אין די „פאַראייניקטע פעלקער” זיינע שאָסן און „מיגעס”. די דיסציפּלין ביי זיי איז אַן אינערלעכע און נישט קיין סובאָרדינירטע. דאָס איז אַ פּריוווילִיקע מכבייער אַרמיי, פריי פאַר אָפּענער, דעמאָקראַטישער דיסקוסיע. די פּלמח־פירער זענען קאָלירפולע מוטיקע חברה־לייט. זייערע נעמען — קורץ: אַלון, רבין, דיין, כרמי — היימיש ווי זיי וואָלטן באַלאַנגט צו איין שבט, פאַראייניקט נישט נאָר דורך זייער בשותפותדיקן פּיאָנערישן לעבן, נאָר אויך דורך זייער געמיינשאַפט־לעכער פּאָליטישער פילאָזאָפיע. זייערע טירן זענען נישט געווען ברייט־צעעפנט פאַר זייטיקע. מ׳האָט זיך געדאַרפט דערדינען צו דעם ווי זיי.

טיפּיש פאַר דעם פּלמח־שטאַם איז זייער אָפּעראַציע־אָפיציר, יצחק ראַבין, איצטער אין גענעראַל־שטאַב, אַ פאַרהאַרטעוועטער פּולברוסטיקער מאַן, אַ מענטש פון פעלד־אַרבעט, מיט זאַמדקאָליר־האָר און אַ פּנים פול קלייען. ער האָט דיקע פלינקע פינגער און דעם חוש פאַר אָריענטאַציע פון אַ חלוץ, אַן ערד־אַרבעטער.

ראַבין איז געשטאַנען בראש פון אַ באַוואָפנטער וואַך, וואָס פלעגט באַגלייטן די טראַנספּאָרטן קיין ירושלים — איינע פון די אויפגאַבעס פון פּלמח. ווען מען האָט אים געמאָלדן מיקיס באַזוך איז ער ווייניק וואָס געווען באַגייסטערט.

ראַבין האָט שוין געקענט אויסלענדישע עקספּערטן. אַלע קוקן אויף דיר פון אויבן אַראָפּ, שטאָלץ אויף זייער ראַנג. זיי מאַכן

פאַרשלאָגן, גוטע פאַרשלאָגן, פאַסיקע פאַר דער מיליטערישער אַקאַ־דעמיע, אָבער פרעמד פאַר די באַגרענעצטע אָרטיקע באַדינגונגען. דער האָלענדישער גענעראַל האָט פאַרגעלייגט אַ „צעשמעטערנדיקע אַרטילעריע־באָמבאַרדירונג״; דער ווענעצועלער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געניאַלן געדאַנק, אַז צוויי גוט באַוואָפנטע דיוויזיעס אין די בערג, לענג־אויס די וועגן, וואָלט געווען אַ גאַנץ גלייכע זאַך... און איצטער קומט דער פון אַמעריקע, דאָס רייכסטע לאַנד פון דער וועלט. ראַבין האָט געוווסט שוין פאָרויס, וואָס ער וועט פאָרשלאָגן. צום אָנהייב אַ טאַנקען־אָפענסיווע אונטערשטיצט פון אַ געפּאַנ־צערטער אינפאַנטעריע... זייער שיין! די פּלמחניקעס האָבן דאָס געזען נאָר אין די „בייעס־בילדער״.

ראַבין איז געווען באַוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. זיינע פאַרלוסטן לעצטנס זענען געווען שווערע. און אַחוץ דעם שטאַמלט ער אַ ביסל ענגליש. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דעם באַזוכער, אויסהערן זיינע באַמבאַסטישע פראַגן, זיינע קלוגע עצות — און אַראָפּ פון מארק. זאָל ער שוין וואָס שנעלער צושטעלן זיין קלוגן ראַפּאָרט אין תל־אביב, אומזיסט קאַליע געמאַכט פּאַפּיר.

גלייך ביים ערשטן צונויפטרעף האָט מיקי אים איבערראַשט:

— כ'בין געקומען אַהער לערנען, יצחק. דו ביסט דאָך אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט־געשעפט לענגער ווי יעדער אַנדערער. ווו אַטאַקירן די אַראַבער אַממערסטן — און ווען? וואָס פאַרא טאַקטיק קעגן זיי איז עפעקטיוו? וואָס פאַראַ געווער האָסטו — און וועלכע נאָך דאַרפסטו האָבן?

ראַבין האָט אויסגעגלאָצט די אויגן. מיקי האָט שטשירנדיק געשמייכלט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ראַבינס אַקסל:

— אויף וואָס האָסטו זיך געריכט? אויף אַ שנעלער רעצעפּט, טריי די טעאָריעס פון וועסט־פּאָינט? דאָס וועט אונדז ביידן נישט ברענגען קיין נוצן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זעט ער אַזאַ נישט קאָנווענ־ציאָנעלן צוגאַנג פון אַן אויסלענדער. אין גאַנצן נישט טעאָרעטיש!

נישט גערן און פּאַמעלעך האָט ראַבין אַרויסגענומען פון זיין אונטערשטער קעשענע אַ מאַפּע. ער האָט זי אויסגעשפּרייט אויף אַ שטיין און אָנגעוויזן אויף איר די אומוועגן, מיט וועלכע פּלמח באַנוצט זיך. מיקי האָט אים פאַרבליפט מיט זיין שנעלער אָריענ־טאַציע און זאַכלעכע פראַגן. ער איז לחלוטין נישט קיין הינטער דער הרובע־טעאָרעטיקער, נאָר אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך אויפן גאַנג פון דער מלחמה.

— מיר זענען דאָ פאַרשטעקט ווי... — ראַבין האָט גענומען פאָכען מיט זיינע אָרעמס, — ווי רופט מען זיי אויף ענגליש? — אָט די גרויסע פייגל...

— זיצנדיקע קאַטשקעס — האָט אים מיקי געפּרוווט אַרויס־העלפן.

— יאָ. מיר האָבן נישט קיין געפּאַנצערטע וועגענער כדי דורכ־צוברעכן די אַראַבישע בלאָקאַדע.

— גלייך נאָך פּערל־האַרבאָר האָבן מיר אויך נישט געהאַט דאָס געווער, אין וועלכן מיר האָבן זיך געניטיקט אויפן פּאַציפיק — האָט מיקי באַמערקט. ווייסטו וואָס מיר האָבן געטאָן?

— וואָס?

— מיר האָבן אימפּראָוויזירט. — ער האָט אויפגעהויבן אַ ברעט פון דער ערד — מען נעמט אַ געוויינלעכן לאַסט־אויטאָ, מען פאַרדעקט אים מיט טאָפּלטע ברעטער, מען פילט אָן דעם חלל צווישן זיי מיט זשוויר און האָסט שוין אַ פּאַנצער־וואָגן, גענוג פּאַסיק קעגן ביקסן־ און מאַשין־געווער. אמת, נישט אפשר קיין שיינע פאַבריקס־מאַרקע, אָבער גוצלעך פאַר זיין צוועק...

„ער טראַכט דאָך ווי אַ סאַבּרע" — האָט זיך ראַבין געחידושט. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט פרעגן אַן עצה ביי אַן אויסלענדער.

— מיר זענען זייער באַגרענעצט אין געווער, אמת?

— אמת — האָט מיקי באַשטעטיקט, שמייכלענדיק.

— דאָך ווילן אייניקע פון אונדז אַטאַקירן — אפילו איצטער,

נאָך איידער די ענגלענדער גייען אַוועק. ווי מיינט איר?

— פּרינציפּיעל בין איך פאַר דעם. אָבער פריער וויל איך זען דיינע סאָלדאַטן אין אַקציע אויפן פראָנט.

— אַט האָסטו דיר. אַן אַמעריקאַנער קאָלאָנעל וואָס וויל גיין אויפן פראָנט! — האָט זיך ראַבין געחידושט.

מיקיס דערפאָלג ביי זיינע באַגעגענישן מיט די פּלמחניקעס האָט געשטאַמט פון זיין פּילבאַרקייט. ער איז געווען — לויט דער באַצייכענונג פון זיין סעקרעטאַרשע, איירין בראַזאַ, — „אַ ראַדאַר־אַנטענע, וואָס כאַפּט אויף דעם מינדסטן ניואַנס פון שטימונג און פּערזענלעכקייט". די יידישע קעמפער האָבן באַוווּנדערט זיין פעיִקייט צו געבן באַפעלן און נישט דיקטירן, צו שטעלן פראַגן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן שוין אַנטהאַלטן אין זיך די ענטפערס.

זיין אייגנשאַפט צו שאַפן קאָנטאַקטן מיט מענטשן האָט זיך אַרויסגעוויזן עטלעכע טעג שפּעטער אין אַ מילכיקן תנובה־רעסטאָראַן. ער איז דאָרט געזעסן מיט עטלעכע אָפיצירן פון הגנה און, ווענלדיק אילוסטרירן אַ פּונקט אין טאַקטיק, זיך אַוועקגעלייגט אויפן דיל און... די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריין אַ ריזיקער וייסבאָרדיקער מאַן. דער אַריינגעקומענער האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע זיך איינגעקוקט ווי אַזוי מיקי באַווייזט, אַז ס'איז מעגלעך דורך אַ לייכטן, אַקראָבאַטישן מאַנעווער אומצוּוענדערן אַ קאַנאָן קעגן אַעראָפּלאַנען פון הויכער שנעלקייט אין אַן אַנטי־טאַנק־קאַנאָן.

דער ווייסבאָרדיקער גאַסט איז געווען יצחק שדה, ווינגייטס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און דער ערשטער קאָמאַנדיר פון פּלמח, שעפער פון אַלע געוואַגטע פּלענער אין קאַמף קעגן די אַראַבער. נאָך מיט יאָרן צוריק איז ער געשטאַנען בראש פון די ערשטע אָנגריפן אויף די אַראַבישע באַזעס. ער איז אַ מאָל געווען אַן אָפיציר אין צאַרישן רוסלאַנד.

נאָך פינף מינוט האָבן זיך ביידע פאַרטיפט אין אַ דיסקוסיע: דער עקס־פּאַראַשוט־שפּרינגער פון נאָרמאַנדיע און דער געוועזענער

צאַרישער סאָלדאַט, יצחק־שדה — „זיידע" — האָט אים מיקי גערופן. יצחק שדה האָט גוט געקענט ענגליש און די מיליטערישע טער־מינאָלאָגיע — אוודאי און אוודאי. באַלד זענען זיי איבערגעגאַנגען אויף דער טעמע פון טרעניררונגס־פּלענער. מיקי האָט פאַרגעלייגט זיין פּלאַן פון באָקס־איבונגען.

—איך אַליין, האָט שדה געזאָגט, בין אַ באָקסער. ער האָט באַטראַכט מיקיס מעכטיקע פּלייצעס.

— באַנוצסטו מוסקול־אויסצי׳ער? — איך האַלט שטאַרק פון זיי.

— פאַרשטייט זיך. כ׳האָב אָבער מיינע נישט מיטגעבראַכט מיט זיך — האָט מיקי געענטפערט.

— ווילסטו אפשר פּרובירן מיינע? אָבער איך וואָרן דיך, זיי זענען זייער שטאַרקע.

מיקי האָט זיך צעשמייכלט. דער „אַלטער" האָט אָנגערירט איינע פון זיינע זעלטענע שוואַכע פּונקטן. ער האָט שטאָלצירט מיט זיין פיזישן כוח. מיקי, אַ באַשיידענער מענטש, וואָס האָט פיינט זיך צו שטופּן און מיידט אויס אָפיציעלע אָנערקענונגען און מעדאַלן, ווערט גאָר אַן אַנדערער, ווען עס קומט צו זיינע מוסקלען. ער האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַקראָבאַטישע סעאַנסן אויף די פּליאַזשעס און פאַרבלענדן דאָס יונגוואַרג מיט זיינע קונצשטיק אויף די טראַפּעזן. ער איז געווען שטאָלץ דערויף, וואָס ער, דער עטלעכע און פערציק יעריקער דירעקטאָר פון דער רענדזשער־שולע, האָט באַזיגט אין דזשודאָ דעם 220־פונטיקן פוטבאָל־שפּילער פון די „דעטרויט־לייבן".

— זיידע, מיר וועלן זיך פאַרמעסטן מיט די כוחות, מיר וועלן האָבן אַ קאָנטעסט.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן מיט די מוסקל־אויסציִערס אין שדהס דירה. שדה האָט אַריינגענומען דעם אויס־ציִער אין זיינע לאַפּעס און אים אויסגעצויגן אין דער גאַנצער ברייט. מיקי האָט דאָס אויך פּרובירט, אָבער די ספּרוזשינעס האָבן זיך

קוים גערירט פון אָרט. ער האָט ווידער פּרובירט און האָט זיי אַ ביסל צעשפּרייט. ער האָט שטילערהייט געשאָלטן.

— זיידע, איר האָט נישט געשפּאָסט, אַז דאָס זאַכעלע איז געמאַכט געוואָרן פאַר איבערמענטשן.

מיקי האָט טיף אַריינגעצויגן זיין אָטעם און ווידער פּרובירט. דאָס מאָל איז עס אים געלונגען — פּפו — האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו שדהן:

— זיידע, איר זענט שטאַרקער פון מיר.

— פאַרן היינטיקן טאָג, יעדנפאַלס — האָט שדה אַ ברום געטאָן.

— ריכטיק — האָט מיקי געזאָגט — כ׳וועל מוזן איבן. דער ווילן גובר צו זיין דעם אויסצי:ער איז מיר אַריין אין בלוט. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען, ווי ס׳פּאַסירט מיט אים אָפט, ווען אַ געדאַנק הייבט אָן ברויזן אין אים. „איר פאַרשטייט מיך, זיידע? ספּאָרט פאַר אַ מיליטער־מאַן איז זייער וויכטיק. ס׳איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען אויסציען דאָס זאַכעלע. אָבער ס׳וועט שוין גיין. גענוי ווי אין אַ מלחמה; מ׳פּרובירט איין מאָל, נאָך אַ מאָל. מ׳ענדערט די פּאָזיציעס, די טאַקטיק — דער עיקר איז זיך נישט אונטערצוגעבן, און דאַן געווינט דער עקשן. איר, זיידע, האָט דאָס פאַרשטאַנען נאָך מיט יאָרן צוריק. איר האָט עס איינגעקנעלט מיט די קינדער. דאָס איז דער גייסט פון ספּאָרט און אויך פון קאַמף״.

שדה האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט. אים איז געפעלן געוואָרן מיקיס קאָמעלעאָן־אייגנשאַפט זיך צוצופּאַסן, צו ווערן היימיש מיט מענטשן. זיין פריינד, דער יונגער פעדעראַלער פּראָקוראָר, אַרטור שוואַרץ, האָט אַזוי דעפינירט מיקיס כאַראַקטער: „ער איז ווי אַן אוניווערסאַלער שפּיגל, יעדער איינער זעט זיך אין אים״.

ביי זיין צווייטער באַגעגעניש מיט שדהן, האָט מיקי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ מאָגערן יונגנמאַן מיט ליכטיקע האָר, שנעל ווי אַ הירש, יגאל אלון, דעם פירער פון פלמח. צו יענער צייט

איז יגאל געווען שוואַך אין ענגליש. שדה איז געווען דער איבער־זעצער. און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בייסיקע אָנעקדאָטן וועגן מיקיס טעג אין נאָרמאַנדיע. אלונס בלאָע אויגן האָבן ווינקנדיק צוגעשמייכלט. די פּראַקטיקע פון די דריי: אלון, ראַבין און שדה האָט פאַר אים געעפנט די טויערן פון פלמח. מיקי האָט שנעל באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַדרעסירן אַן אסיפה פאַר פלמח־קאָמאַנדירן. זיין טעמע איז געווען: „גערילאַ־טרופּן אין מאָדערנע אַרמייען".

— נעמט אַלס ביישפּיל דעם געוויינלעכן ערדוואָרעם. צעשניידט מען אים, וועלן זיך די צעשניטענע שטיקער ווייטער באַוועגן. אַן אַרמיי איז אויך אַזוי. מ׳קען נעמען אַ בריגאַדע, למשל, און זי צעטיילן אויף באַטאַליאָנען און קאָמפּאַניעס, און זיי וועלן זיין אין שטאַנד צו פונקציאָנירן זעלבסטשטענדיק.

— ער האָט געוואָרט מען זאָל זיינע ווערטער איבערזעצן אין העברעיש. די צוהערער האָבן איינשטימיק געשאָקלט מיט די קעפּ.

— דאָס פאַרקערטע דאַקעגן איז אַ שווערע מלאכה, און ס׳דויערט צייט. שאַפן אַ בריגאַדע פון באַטאַליאָנען און קאָמפּאַניעס איז כמעט אַזוי שווער ווי צוזאַמענקלעפּן צוריק די צעטיילטע שטיקער פונעם ערדוואָרעם. איבערהויפּט, ווען מען הייבט אָן שאַפן אַ בריגאַדע פון פּלאַטונען. וואָס קלענער די איינהייט־גרופּע פון אָנהייב, אַלץ שווערער איז שאַפן אַ בריגאַדע. מיר גרייטן זיך אויף מלחמה. אָבער צו וואָס פאַראַ מלחמה? היינט צו טאָג באַפאַלן אייך די מופתי־כנופיות, אָנגעפירט פון פּראָפעסיאָנעלע אויסוורפן. קעגן זיי זענען גענוג קאָמפּאַניעס, פּלאַטונען און אפילו סעקציעס. אָבער דער אַראַבישער לעגיאָן פון עבר הירדן איז אָרגאַניזירט אין בריגאַדעס און ווערט אָנגעפירט פון אַלטע, דערפאַרענע ענגלישע אָפיצירן. די עגיפּטער האָבן אַ געפּאַנצערטע דיוויזיע פון טויזנט מאַן. קעגן אַזעלכע כוחות האָבן נישט אייערע טרופּן דעם קלענסטן שאַנס. איר וועט אפשר קענען זיי איבערפאַלן פון באַהעלטעניש, צייטווייליק

זיי צעטיילן און אָפּשטעלן זייער מאַרש, אָבער קיין מאָל נישט צעשמעטערן, אָפּשטויסן צוריק צו די גרענעצן, ביז איר וועט נישט קענען זיי אַנטקעגנשטעלן גרויסע פאָרמאַציעס אין אַ קאָאָרדי־נירטער אָפענסיווע.

אַ געמורמל. אייניקע זענען איינשטימיק און אייניקע — נישט. מיקי האָט געוואָרט אויף פראַגן. די פאַרזאַמלטע האָבן אים געוואָלט הערן ווייטער.

— אַ בריגאַדע דאַרף זיין קאָנצענטרירט אויף איין אָרט. אַ דרוק פון אַ קנעפּל, און זי גייט דאָרטן, ווו זי קען אָנטאָן דעם שונא דעם גרעסטן שאָדן. איז זי קאָנצענטרירט, קען מען ענדערן די פּלאַנירטע אַקציעס אין לעצטן מאָמענט. ס׳שאַפן זיך מעגלעכ־קייטן אָן אַ צאָל. מען קען אויסנוצן אַ לאָקאַלן דערפאָלג, מען קען אונטערנעמען קורצע און שאַרף געצילטע אַקציעס. — און נאָר דעמאָלט איז דאָס אָן אַרמיי.

אַ פראַגע: „און וואָס איז מיט דער איניציאַטיוו פון די נידעריקע אָפיצירן״?

— זיכער איז דאָס וויכטיק. אָבער זייער האַנדלונג דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם פּלאַן. עס שאַפן זיך קאָמ־פּליצירטע סיטואַציעס, וועגן וועלכע דער באַטאַליאָן־פירער אפילו האָט נישט קיין אַנונג. ס׳קען אים געגעבן ווערן אַ באַפעל, וואָס פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער זינלאָז, אָבער פון אַלגעמיינעם שטאַנד־פּונקט — נויטווענדיק. דאָס לעבן און טויט פון זיינע סאָלדאַטן זענען אָפּהענגיק פון אויספירן גענוי די באַפעלן.

פאַר קאָמאַנדירן מיט דער טראַדיציע פון „יעדערער פאַר זיך״ איז דאָס געווען אַן אויפטרייסלענדיקער געדאַנק. אַ שטראָם פון פראַגן.

אינעם טומל פון שאלות און תשובות מיט דעם שמייכלענדיקן מיקין אין צענטער האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער געדאַנק, אַז די אָפּעראַטיווע איינהייט אין קריג מוז זיין אַ בריגאַדע און שפּעטער אַ דיוויזיע אפילו.

— די באַרימטע פּלמח־מאָראַל איז אַן אוצר — האָט מיקי צוגעגעבן — אָבער איר דאַרפֿט זיין אין שטאַנד דורכצופירן אייערע ווונטשן. כ׳רעד נישט וועגן באַוואָפענונג, נאָר וועגן פּשוטער, פּי־זישער קאָנדיציע. היינט מאַכט איר קורצע אָנפאַלן ביי נאַכט און קומט צוריק ווען ס׳הייבט אָן טאָגן. קעגן אַראַבישע רעגולערע אַרמייען וועט איר זיין געצוווּנגען צו קעמפן טעג. אַטאַקירן, פאַר־נעמען, זיך איינגראָבן אין דער ערד, און ווידער אַטאַקירן. איר וועט מוזן שלאָפן אין די אָקאָפּעס. איר דאַרפט זיין פאַרהאַרטעוועט, ווי די בריטישע קאָמאַנדאָס, למשל.

ווען די פראַגן האָבן זיך איינגעשטילט האָט אַ יונגער אָפיציר זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— איז דאָס אמת, אַז גענעראַל פּעטטאָן איז געווען אַ פאַשיסט?

מיקי איז אונטערגעשפּרונגען ווי אַן אונטערגעשאָסענער. זיין פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט און די מוילווינקלען האָבן זיך אויס־געקרומט.

— ווען מיר האָבן אָקופּירט דייטשלאַנד, און אָנגעהויבן באַ־פרייען די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט גענעראַל פּעטטאָן מיך נאָמינירט אַלס פאַרבינדונגס־אָפיציר מיט די לעבן געבליבענע. ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד. כ׳האָב עס קיין מאָל נישט פאַרלייקנט. ער האָט באַפוילן זיין שטאַב מיר צו געבן אַלץ וואָס כ׳וועל נאָר פאַרלאַנגען. קאָצן, מעדיקאַמענטן, לאַסט־אויטאָס. ער האָט מיך באַפולמעכטיקט צו קאָנפיסקירן באַווינטע דייטשע הייזער לטובת דער שארית־הפליטה. וואָלט אַ פאַשיסט אַזוי געהאַנדלט מיט אַ יידן, לטובת יידן? — האָט מיקי אין אַ שאַרפן טאָן אויס־גערופן. —כ׳בין נישט מחויב צו פאַרטיידיקן פּעטטאָנען, אָבער ער איז געווען אַ גענעראַל, און נאָך וואָס פאַר אַ גענעראַל, אין דער צייט ווען די דעמאָקראַטיעס האָבן זיך געניייטיקט אין גוטע גע־נעראַלן. איין זאַך איז ער נישט געווען — אַן אַנטיסעמיט. וואָלט איר אָנגעקוקט זיין פּנים, ווי איך, ווען מיר זענען צוגעקומען

צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָלט איר פאַרשטאַנען ווער עס איז געווען גענעראַל פעטאַן.

ס׳איז מיטאַמאָל אומהיימלעך שטיל געוואָרן. מ׳האָט באַשיימ־פערלעך געזען, אַז די פראַגע האָט אָנגערירט אַן אָנגעווייטיקטן פונקט. אָבער נאָך איידער יגאל אלון האָט באַוויזן צו אַנטשולדיקן דעם אָפּאָנענט, האָט מיקיס גוט באַקאַנט געלעכטער פאַרפלייצט זיין פנים. זיין כעס איז אַוועק אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען.

— און וואָס איז עפּעס מכוח שנאַפּס, יגאל? מאַכט איר אַ מאָל אַ כוסע, חברה, אָדער באַנוגנט זיך נאָר מיט רעדן?

ווען דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט, איז באַשטימט געוואָרן, אַז מיקי זאָל באַגלייטן יגאלן אויף זיין אינספּעקציע־טור אין גליל. דאָרט האָט זיך געפונען דער צפונדיקער פעלדשטאַב פון פלמח. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז מ׳האָט אַ פרעמדן איינגעלאַדן צו באַזוכן באַזעס פון פלמח.

קאַפּיטל פינף

פרילינג אין ארץ־ישראל אין יאָר 1948. אויף די בערג האָבן אָליוון־ביימער אויסגעשפּרייט זייער שימערירנדיקן מאַנטל מיט זיל־בער־גרינע פראַנדזן. אויף די פעלדער האָבן ווילדע מאָנבלומען גע־פלאַמט צווישן די באַרג־סייקלעמענען פון ווייכן הימל־בלויען קאָליר. אויפן וועג תל־אביב — ירושלים האָט זיך געגאָסן בלוט.

קאַוקדזשיס „באַפרייונגס־אַרמיי" אין צפון האָט דורכגעפירט צוויי פראָנט־אַטאַקעס אינעם סטיל פון נישט רעגולערע כנופיות. די אַטאַקע אויף משמר העמק איז געוואָרן אָפּגעשטויסן. די צווייטע אויפן קיבוץ טירת צבי אין בית־שאן־טאָל האָט זיך געענדיקט מיט אַ „פיאַסקאָ" — לויט דער באַצייכענונג פון בריגאַדיר גלאָב פּאַשאַ, דער קאָמאַנדיר פון עבר הירדן. אין נגב האָט דער איינציקער פלמח־באַטאַליאָן דורכגעשמוגלט הילף פאַר די איזאָלירטע ישובים, טראָץ דער בלאָקאַדע פון די „מוסולמענישע ברידער". אָבער אין צענטער פון לאַנד, ווו ס׳האָבן גראַסירט די טרופּן פון מופטי, פאַרשטאַרקטע מיט „פרייוויליקע" פון יענער זייט גרענעץ, איז די לאַגע פון די יידן געווען אַ פאַרצווייפלטע. דער איינציקער שאָסיי פון ים־ברעג, וועלכער האָט זיך געצויגן דורך אַראַבישע דערפער, איז געווען כמעט אָפּגעשלאָסן. טראַנספּאָרטן אויף דעם גיהנומדיקן וועג האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן און עטלעכע מאָל כמעט אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. די בלאָקאַדע פון ירושלים איז זיי געלונגען.

די ענגלענדער, פאַראַנטוואָרטלעך לויטן מאַנדאַט צו זיכערן די וועגן, האָבן זיך באַנוגנט מיטן דורכפירן טראַנספּאָרטן פאַר זייערע אייגענע באַדערפענישן אונטער דער באַגלייטונג פון געפּאַנ־

צערטע אויטאָס און זיך נישט אַריינגעמישט אינעם געראַנגל צווישן יידן און אַראַבער אויפן ירושלימער וועג. אין באַגריפן פון דער אַמעריקאַנער געאָגראַפיע וואָלט דאָס געהייסן: וואַשינגטאָן אויף אַ באַרגשפּיץ, פאַרבונדן מיטן הינטערלאַנד דורך אַן איינציקן זיך־שלענגלדיקן באַרג־וועג; באַלטימאָר און ווירדזשיניא באַלאַגערט, און ניו־יאָרק — דער איינציקער קוואַל פון הילפסמיטלען — ווערט קאָנטראָלירט פון שונא.

דער געפערלעכסטער פלאַץ איז געווען באַב־על־וואַד, „דער טויער צום טאָל" — אַ שמאָלער, זיך־שלענגלדיקער וועג צופוסנס די יהודה־בערג, אויפן וועג קיין ירושלים. באַב־על־וואַד איז געווען ווי צוגעפּאַסט פאַר די לויערנדיקע אַראַבישע באַנדעס. די ווילדע קרום־שפּיציקע פעלדזיקע באַרג־אַראָפּהאַנגען, פול מיט וועלדער פון גראָב־וואָרצלדיקעביימער און רויִנען פון פאַרצייטיקע פעסטונגען, האָבן געשאַפן טויזנטער באַהעלטענישן פאַר די לויערער, וועלכע האָבן באַשאָסן די דורכפאָרער אונטן אויפן שמאָלן וועג. די גרויסע שטיינער האָבן געגעבן די אַראַבער מאַטעריאַל צו פאַרבלאָקירן דעם שמאָלן וועג. עטלעכע שטיינער, אַראָפּגעקייקלטע פון באַרג, האָבן פאַרשפּאַרט דעם ענגן דורכגאַנג. און ווען די יידן פלעגן אָפּשטעלן זייערע היימיש־געמאַכטע פאַנצער־וועגענער און פּרובירן אַוועקקייקלען די שטיינער, זענען זיי באַשאָסן געוואָרן פון דעם פאַרשטעקטן שונא אין די בערג.

דער וועג, וועלכער האָט פאַרשטעלט דאָס זע־פעלד פון די שאָפערן, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם קאָשמאַר פון אַ נסיעה קיין ירושלים.

ס'איז געווען אַ מוראדיקער גיהנום־וועג. אַ ווייניקער אַנטשלאָסן פאָלק וואָלט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון זיך דורכשלאָגן נאַכט־איין, נאַכט־אויס, דורך דעם דאָזיקן וועג.

דעם 5טן מערץ האָט מיקי געשריבן צו עמאַן אַן אומעטיקן בריוו פון תל־אביב, אין וועלכן בייטאָג האָבן געזשומעט די געשעפטן און ביינאַכט האָבן מענטשן אָנגעפילט די העל באַלויכטענע קאַפע־הייזער. ס'איז אַזאַ קאָנטראַסט צו דעם וואָס כ'האָב איבערגעלעבט

נעכטן, אומקערנדיק זיך פון אַ רייזע קיין ירושלים. צווישן ירושלים און תל־אביב געפינט זיך אַ שאָסיי, פופצן מייל די לענג, וועלכן מען רופט „דער בלוטיקער וועג״. יעדן טאָג פאַלן דאָרט יידישע קרבנות, פרווּנדיק דורכצופירן זייערע טראַנס־פּאָרטן. די ענגלענדער זענען פּאַסיוו און די יידן מוזן האַלטן דעם וועג אָפן, אַז נישט וועלן די 100.000 מענטשן פון ירושלים אויסגעהונגערט ווערן. מוזן די יידן צאָלן דעם פרייז פון טאָג־טעגלעכע קרבנות.

ירושלים איז אַ געמישטע שטאָט, אַ צוזאַמענגעוועבטער טעפּעך פון יידישע און אַראַבישע קוואַרטאַלן. די אַלטשטאָט געפינט זיך כמעט אין גאַנצן אין אַראַבישע הענט. אויך די פאָרשטעט אין צפון. די אַראַבער האָבן אָפּגעשניטן דעם וועג צום הר־הצופים, אויף וועלכן ס׳געפינט זיך דער אוניווערסי־טעט און דער פרעכטיקער „הדסה״־שפּיטאָל. אין מערב און דרום פון אַלט־ירושלים געפינען זיך די יידישע קוואַרטאַלן, דורכגעוועבטע מיט אַראַבישע גאַסן און געסלעך. אין דרום האַלטן די יידן עטלעכע פאָרשטעט.

די יידישע באַפעלקערונג אין ירושלים איז צוויי־פאַכיק גרעסער פון דער אַראַבישער. זי געפינט זיך אונטער אַ שטאַרקן דרוק אויף אַלע פּאָזיציעס. באַזונדערס שווער איז דער דרוק אין דער אַלט־שטאָט. צוויי טויזנט יידישע לומדים, מערסטנטייל אַלטע און שוואַכע, זענען אַרומגערינגלט פון צוואַנציק טויזנט באַוואָפנטע אַראַבער״.

מ׳האָט מיקין אַריינגעשמוגלט אין ירושלימער אַלטשטאָט. דעם 19טן פעברואַר שרייבט ער צו עמאַן:

„ס׳איז געווען אַ טרויעריקער טאָג. כ׳בין אַריינגעפאָרן אין דער הייליקער אַלטשטאָט אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָ. כ׳האָב געזען עלטערע יידן דרייען זיך אַרום פאַרדאגהט וועגן זייער צוקונפט. דער יידישער קוואַרטאַל איז דאָרט אַ שווערער ביסן, כמעט אוממעגלעך צו פאַרטיידיקן. אָבער צוליב דער

דורותדיקער טראַדיציע איז ער אַ טייערער טייל פון הייליקן לאַנד".

דריי טעג שפּעטער איז די וועלט פאַרציטערט געוואָרן פון אויפרייס אויף דער בן־יהודה גאַס. אין סאַמע האַרץ פון ירושלים איז אַריינגעפאָרן אַן ענגלישער לאַסט־אויטאָ אָנגעפילט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. די שאָפערן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, דער אויטאָ האָט אויפגעריסן. איבער הונדערט מענטשלעכע קרבנות. צענדליקער הייזער זענען חרוב געוואָרן. צווישן די טויטע זענען געווען פינף אַנט־רונענע פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַריינגעפירט דעם אויטאָ האָבן ענגלישע סאָלדאַטן.

מיקי איז געוואָרן אויפגעבראַכט. פאַרגעסן זענען געוואָרן זיינע פריינדלעכע באַציונגען מיט די ענגלענדער אין לאָנדאָן און דער אָרדער, מיט וועלכן זיי האָבן אים באַלוינט. אָט אַזוי זעען אויס די באַרימטע ענגלישע דזשענטעלמענער! — האָט ער געדונערט — זיי פירן זיך דאָך אויף ערגער ווי גנבים ביינאַכט.

עטלעכע טעג שפּעטער ווען ער איז געווען אין נגב האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין פריינד נעט קאַר:

„כ'האָב זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דעם פּלאַץ, ווו פחדנים זענען באַגאַנגען דאָס פאַרברעכן פון ירושלים. אַך, ווי מיר נייטיק זיך אין הילף."

און אין די ערשטע טעג פון מערץ שרייבט ער צו עמאַן:

„די לעצטע נאַכט האָבן ענגלענדער רעווידירט אַ פאַבריק, קאָנפיסקירט דאָרט דאָס געווער און אַוועק. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן די אַראַבער אַטאַקירט די פאַבריק. אַכט קרבנות זענען געפאַלן. כ'וויל דיך נישט פייניקן מיט די איינצלהייטן, וועלכע ס'האָט מיר איבערגעגעבן איינער, וואָס האָט זיך על פי נס געראַטעוועט. ווייזט אויס, אַז די ענגלענדער זענען גרייט אויסצושליסן די יידן פון דער משפחה פון די ציוויליזירטע פעלקער. סאַראַ געלעכטער".

מיקיס פאַרביטערונג קעגן די ענגלענדער איז געשטיגן מיט דעם אַריינשטראָם פון אַראַבישע פאַרשטאַרקונגען.

דעם 15טן מערץ האָט ער געשריבן עמאַן:

„ס׳איז מוראדיק צו זען ווי טרענירטע אַראַבישע באַטאַ־ליאָנען, ציוויל געקליידט, באַוואָפנט מיט ענגליש געווער, בראש מיט דייטשישע און פוילישע אָפיצירן, מאַרשירן דורך די גרענעצן אין לאַנד אַריין. אָפיציעל איז ענגלאַנד „נייטראַל״, אָבער די ענגלענדער קאָנפיסקירן דאָס געווער פון אונדזערע טראַנספּאָרט־באַגלייטער, און אויף ווי ווייט איך ווייס, האָבן זיי אָפילו נישט אָפּגעשטעלט קיין איין אַראַבישן טראַנספּאָרט״.

לאָנדאָן איז נישט געווען די איינציקע הויפּטשטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו ירושלים אין מוראדיקן פרילינג פון 1948. פּרעזידענט טרומאַן, אונטערן דרוק פון די נאַפט־מאַגנאַטן און ענגליש־אַריענטירטע באַאַמטע פון „סטייט־דעפּאַרטמענט״, האָט דעם 19טן מערץ פּראָקלאַמירט אַן עמבאַרגאָ פאַר ביידע צדדים (די אַראַבער האָבן געהאַט מאַסן ענגליש געווער און אַמוניציע) און צוריקגעצויגן די אונטערשטיצונג פון אַמעריקע פאַר אַ יידישער מדינה.

מיקי האָט קאָמענטירט:

די שאָקירנדיקע נייס פון אַמעריקע האָט אַלעמען דאָ אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס וועט צוגעבן מוט די אַראַבער. פאַרלאָזן די מענטשן דאָ אונטערן דרוק פון די נאַפט־מאַגנאַטן און פון דער ענגלישער טאַקטיק מיינט נאָכגעבן די, וואָס שטעלן זיך קעגן דער יו״ען און באַטריגן די וואָס זענען גרייט צו שטאַרבן פאַר דער יו״ענס אַנטשיידונג. אומזין, היפּאָקריטסטווע! איך ווייס גאַנץ גוט: דו פאַרדאַמסט עס פּונקט ווי איך און כ׳וועל זיך נישט אַריינ־לאָזן טיפער אין קיין פּרטים״.

ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע צייט פאַר יידן אין ארץ־ישראל.

מ׳וועט שוין אין די נאָענטסטע חדשים געפינען ווי ס׳איז אַ וועג זיך דורכצורייסן דורך דער אַראַבישער בלאָקאַדע, מיט קרבנות, פאַרשטייט זיך, גענוג אויף צו קענען דערהאַלטן די שטעט און די קאָלאָניעס ביים לעבן. אָבער וואָס וועט זיין דעם 15טן מאַי, ווען די יידן וועלן זיך דאַרפן קעגנשטעלן די מוראדיקסטע אַטאַקעס ?

די יידישע אַרמיי איז לויט מיקיס מיינונג געווען ווייט, גאַנץ ווייט, פון צו זיין גרייט אויפצונעמען אַ מאַסן־אינוואַזיע. ס׳האָט איר געפעלט אָרגאַניזאַציע און אַ שטאַב־סיסטעם. די גרונט־פּרינציפּן פון איר טאַקטיק זענען געווען צווייפלהאַפטע. צום שטאַרקסטן האָט זיך געפילט דער מאַנגל פון גוט־טרענירטע אָפיצירן און אינסטרוקטאָרן פאַר לאַסקאָווס העכערן אָפיצירן־קורס. מיקי האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט.

אָן האַנטביכער — צום אומגליק זענען די באַמיונגען איבערצושיקן אים פון ניו־יאָרק די יו־עס מיליטערישע האַנטביכער צו נישט געוואָרן. די ענגלענדער איז געלונגען צו פאַרכאַפּן די אונטערערדישע געהיימע וועגן. זיי האָבן אָבער נישט געקענט פאַרזיגלען מיקיס זכרון וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט במשך די יאָרן פון זיין אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט און נאָך פאַר דעם — דורך דער מייסטערשאַפט פון אויסלערנען אויסנווייניק גאַנצע שטיקער שעקספּיר. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין האָטעל־צימער און פון זכרון גענומען סקיצירן בלאַט נאָך בלאַט. פון זיין גרויסער קלאָרער האַנט איז שנעל געפלאָסן די געלייטערטע דערפאַרונג פון צוויי צענדליק יאָר.

דער פּלאַן האָט אַרומגענומען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מלחמה־פירונג: פון דער טאַקטיק פון דורכרייסן שטעכלדראָט־צוימען ביז צו דער סטראַטעגיע פון אַרומרינגלונג, פאַרשטייט זיך, צוגעפּאַסט צו די ישראלדיקע באַדינגונגען און מיטלען. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טאַקטיק פון נאַכט־אָנפאַלן און פנים אל פנים־געשלעגן — אַ פּלאַן פון קליינע אויסדערוויילטע גרופּעס, אונטערשטיצטע פון פּאַנצער־גרופּן, צוגעפּאַסטע צו די נגב־באַדינגונגען און צו קאַמפן אין און אַרום ירושלים. דאָס איז געווען אַ טאַשן־פאָרמאַט־

וועגווייזער פון דער מלחמה־קונסט אַנטשפּרעכיק צו דער מענטאַלי־טעט פון דער הגנה.

מיקיס אינסטרוקציעס האָבן אַרומגענומען: שטאַב־אָרגאַניזאַציע, ביוראָ־אַרבעט, אַדמיניסטראַציע, אונטערשטרייכנדיק די אויסשליס־לעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם קאָמאַנדיר אַליין פאַר אַלץ וואָס ווערט געטאָן אָדער נישט געטאָן דורך זיין אָפּטיילונג.

מיקי האָט אויך אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט פונעם קאָמאַנ־דירס אַגרעסיוויקייט אויפן שלאַכפעלד, ווי אַ ביישפּיל פאַר זיינע סאָלדאַטן.

אויף בן־גוריונס פאַרלאַנג האָט מיקי געבראַכט זיינע סקיצן אסתר באַכראַכן, אַ סטענאָטיפּיסטין אין דער „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין־באַנק" אין תל־אביב. אסתר האָט געדאַרפט אָפּשרייבן די ענגליש־ווערסיע פון מיקיס אָנווייזונגען פאַר די איבערזעצער אויף העברעיש.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דער איבערזעצונג, האָט זיך מיקי פאַר־שפּאַרט אין ביוראָ פון איינעם פון די באַנק־דירעקטאָרן און ווייטער געשריבן ער האָט געאַרבעט אָן איבעררייס.

— קענסט דעם גאַנצן מאַטעריאַל אויף אויסנווייניק? — האָט אים אַמאָל אסתר געפרעגט.

— ניין! איך פיל דאָס אין מיין בלוט! מאַך אָן איבעררייס, בייס עפּעס צו. קוק נישט אויף מיר.

ער האָט געשריבן אָן איבעררייס ביז זעקס אַזייגער אין אָוונט און דאַן איז ער אַוועק אויף אַ זיצונג אין רויטן הויז.

נאָך אַ קורצן שבת־(„כ'ווייס אַז ביי אייך שרייבט מען נישט שבת"), איז מיקי געקומען זונטיק אין באַנק מיט טעלעכע אַמעריי־קאַנער האַנטביכער, וועלכע מען האָט דורכגעשמוגלט פון ניו־יאָרק. ער האָט אונטערגעשטראָכן די אָפּזאָצן צום קאָפּירן פאַר זיין אַרבעט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געווען געווידמעט די קאַמפּס־מעטאָדן אין געדיכט באַפעלקערטע צענטערס.

— דאָס איז זייער אַ וויכטיקער שטאָף — האָט מיקי געזאָגט אסתרן —א סך געשלעגן וועלן פאָרקומען אין די שטעט. דאָס טאָר

נישט אַרײַנפֿאַלן אין נישט ריכטיקע הענט. אַן אינטעליגענטער שונא, וואָס וועט אַנאַליזירן אונדזער טאַקטיק וועט שוין געפֿינען מעטאָדן ווי אַזוי אונדז צו אַטאַקירן.

אויסגעמאַטערט פֿון מיקיס טעמפּאָ, האָט אסתר באַכראַך איבער־געגעבן די אַרבעט אײַרין בראַזאַן, אַ שײנע ברונעטקע, וועלכע האָט געקענט אויסגעצײכנט ענגליש און העברעיִש. זי האָט אין דער ייִדי־שער אַגענטור אין אײראָפּע געטאָן „יוגנט אַרבעט", און שפּעטער געווען געהילף פֿון ראובן שילוח, דעם שעף פֿון דער אַנטי־שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג. זי איז געוואָרן מיקיס סעקרעטאַרקע.

איר נײַע אַרבעט איז געווען ווי אַן אָפּפֿרישונג פֿאַר אײַרין: „מיקי איז געווען פֿול מיט שטימונגען און קאַפּריזן. מ'האָט קיין מאָל נישט געקענט וויסן ווען ער וועט אין מיטן פֿון אַ טעכנישער דיסקוסיע אַרויספּלאַצן מיט אַ געזאַנג אָדער דעקלאַמאַציע.

פֿאַר אײַרין האָט מיקי דיקטירט גלײַך אין דער שרײַבמאַשין. אײן מאָל אין אַן אָוונט ווען ער איז צוגעקומען צום קאַפּיטל „אַטאַקע און פֿאַרטײדיקונג — אָרגאַניזאַציע און מאַנעווער פֿון די כוחות", האָט ער פּלוצעם איבערגעריסן:

— דו האָלטסט מיט מיר, שוואַרץ־אויגיקע?" און גלײַך פֿאַרגע־זעצט... קאָנצענטראַציע פֿון פֿײַערקראַפֿט, ווילנסקראַפֿט און די קראַפֿט פֿון דעציזיע און ענטוזיאַזם. — שטרײַך עס אונטער — האָט מיקי באַטאָנט — „ווילנסקראַפֿט, דעציזיע און ענטוזיאַזם."

אין דעם מאָמענט איז אַרײַנגעקומען אין צימער שלמה שמיר, אײנער פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר.

— ווידער שעקספּיר, מיקי?

ס'איז גראָד נישט געווען שעקספּיר, אָבער מיקי האָט נישט געקענט בײַשטײן דעם רמז און אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

„...זי הענגט אויף דער באַק פֿון דער נאַכט,
ווי אַ טײַערער דימענטשטײן אינעם אויער פֿון אַן עטיאָפּיער..."

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט צו דער וועלט פֿון מאַשין־געווער און קאַמפּס־טרופּן.

אָפּט איז זיין אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן דורך קאָנפערענצן און באַזוכן. מיקי איז שטענדיק געווען גרייט צו יעדער אַרבעט, וואָס בן־גוריון האָט פאַר אים באַשטימט. פריער פלעגט ער אויסנוצן די צייט פון עקסקורסיעס אויף איבערלייענען אַ באַנד פּאָעזיע אָדער קורצע דערציילונגען, איצטער אָבער האָט ער די גאַנצע צייט אויס־גענוצט צו שרייבן די אינסטרוקציע־ביכלעך.

איין מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ פעלדרייזע, האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי יעקב דורי, דעם שטאַבהויפּט, כדי אים צו ראַ־פּאָרטירן. דורי איז געווען פאַרנומען. מיקי האָט געבעטן דוריס סעקרעטאַרקע אַ ביסל שרייבפּאַפּיר און אָנגעהויבן שרייבן. ביז דורי איז פריי געוואָרן, אַ שעה שפּעטער, האָט שוין מיקי באַוויזן צו באַאַרבעטן די טעזע וועגן טאַנקען־קאַמף, אַנטי־טאַנק און שפּיאָנאַזש — מער פון צוואַנציק שריפט־זייטן. די דערשטוינטע סעקרעטאַרקע האָט געמאָלדן דורין:

— דער דאָזיקער מאַן פאַרמאָגט די ענערגיע פון פופציק מענטשן.

מיקיס אַרבעטסטאָג האָט זיך אָנגעהויבן זעקס אַזייגער אין דער פרי. צו פרי אַפילו פאַר אַ האַלב־טראָפּיש לאַנד, ווו יעדער איינער איילט זיך אויסצונוצן די קילע פרי־מאָרגן־שעהען. צו ערשט — גימנאַסטיק אויפן ים־ברעג צוזאַמען מיט די חברים פון „מה״ל״, די פרייוויליקע פון אויסלאַנד. נאָך דעם — אַ סטייק. אַרום אַכט אַ זייגער האָט מיקי אָנגעהויבן דיקטירן אין רויטן הויז. מיטאָגצייט האָט ער פאַרבראַכט אַ האַלבע שעה אין גת־רימון־שענקל. אַ מאָל אַ קורצן דרימל. אָפּט — באַראַטונגען אין בן־גוריונס ביוראָ וועגן פאַרנאַכלעסיקטע מיליטערישע ענינים. מיקי האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַרטילעריע־איינהייטן. די הגנה האָט נישט פאַרמאָגט קיין פעלד האַרמאַטן, אָבער בן־ גוריונס איינקויף־אַגענטן זענען געווען אַקטיוו אין אייראָפּע. ווי נאָר די ענגלענדער וועלן אַוועק, וועט מען שוין ברענגען קאַנאָנען אין לאַנד. דערווייל זענען דאָס געווען פּלענער אויפן פּאַפּיר. מיקי האָט דיסקוטירט מיט די צוקונפטיקע אַרטילעריע־

קאָמאַנדירן וועגן אָרגאַניזאַציע, טאַקטיק און וועגן די קאָמפּליצירטע שיס־טאַבעלעס. נאָך מיטאָג — ווידער די אינסטרוקציע־ביכער. צייטנווייז זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען ווי אַזוי צו קאָמבינירן ענגלישע מיט אַמעריקאַנישע מעטאָדן. צום סוף פון אַ צוועלף־שעהיקן אָנגעשטרענגטן אַרבעטסטאָג איז מיקי געווען גרייט צו אַ טרונק. זיין אָפּטער באַגלייטער איז געווען אליהו קירשנער, אַן אַדוואָקאַט פון דרום־אַפריקע, אין וועמענס לוקסוס־הויז מיקי האָט איצטער געוווינט, כדי צו פאַרטושן מיקיס אַנוועזנהייט אין ארץ־ישראל. אַן עלעגאַנטער און רעזערווירטער, פלעגט קירשנער זיך צוקוקן פאַר־חידושט ווי מיקי שלינגט אַראָפּ אַ האַלבן בעכער שטאַרקן שנאַפּס אָן אַ פינטל צו טאָן מיט אַן אויג, און פאַרטרינקט מיט אַ שלוק וואַסער, ווי אַ קינד טרינקט אויס זיין גלאָז מילך פאַרן שלאָף.

מיקי פלעגט אָפט דיסקוטירן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע.

— אַ מענטש וואָס באַגרייפט נישט, אַז מיר לעבן דורך אַ היסטאָ־רישן מאָמענט, איז אַ בטלן. איר זענט דאָך אַ דערפאַרענער עקאָנאָ־מיסט אלי, דאַרפט איר אויפקלערן די הגנה־לייט די וויכטיקייט פון לאָגיסטיק. אָט באַלד וועט זיך די מלחמה אויסשפרייטן, די איינהייטן וועלן זיך צעוואַקסן און פּראָבלעמאַטיש וועט זיין נישט דער קאַמף, נאָר דער ענין פון רעזערוון.

אָפט מאָל פלעגן זייביידע שפּעט אין דער נאַכט אַרויסגערופן ווערן אינעם רויטן הויז. קירשנער פלעגט בעטן מיקין, ער זאָל אויסטרינקען אַ טעפּל קאַווע איידער ער גייט צו בן־גוריונען.

— צו וואָס? כ'בין נישט שלעפעריק — פלעגט ער ענטפערן.

— איר האָט דאָך ערשט געטאָן אַ היפּשן טרונק.

— נאַרישקייטן! ווייסט איר וואָס? נעמט איר אַ טעפּל קאַווע, וועל איך אויך טרינקען.

אין איילעניש פלעגן זיי אַרויס צו קירשנערס אויטאָמאָביל. צו אַליס שטוינונג פלעגט מיקי שטענדיק זיין דער קלאָרסטער און שאַרפסטער אויף דער קאָנפערענץ.

מיקיס ליבע צום ביטערן טראָפּן האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ

שפּאַס אין זיין אויפנעם־צימער אין ברוקלין. זיינע געסט האָבן באַמערקט, אַז ער טרינקט און ס׳איז גאָרנישט קענטיק אויף אים. ער פלעגט נאָר ווערן אַ ביסל פריילעכער און אַ ביסל פרייער ציטירן פּאָעטישע ווערק. פלעגן זיי שוין שפּעטער, ביים איינלאָדן די מאַר־קוסעס אָנגרייטן אַ פלאַש מיט זיין באַליבטן דזשאַמייקאַ־ראָם. זיין פעיִקייט צום טרינקען איז ביי אים געוואָרן אַ קוואַל פון שטאָלץ, פּונקט אַזוי ווי ער פלעגט שטאָלצירן מיט זיינע מוסקלען.

✶

זיין רייזע אין גליל איז אומגעריכט רעאַליזירט געוואָרן. מיקי האָט שוין געצווייפלט אויב ער וועט ווען עס איז זען די לעגענדאַרע פּלמח־באַזע אין די צפון־מזרחדיקע בערג. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן איז יגאל אלון צוגעקומען צום רויטן הויז אין אַן אָפענעם ספּאָרט־אויטאָ. אַ שעה שפּעטער זענען זיי, צוזאַמען מיט איירין בראַזע, געפאָרן לענג־אויס דעם ים־ברעג. זיי זענען געווען אויפגעלייגט. דעם גאַנצן וועג האָט מען זיך געחכמעט.

נאָענט פון חיפה, צופוסנס פונעם כרמל, האָבן צוויי אַראַבישע דערפער פאַרשטעלט זיי דעם וועג. יגאל האָט זיך אַ נעם געטאָן רעכטס, צו עמק יזרעאל אין דער ריכטונג פון טבריה, ביי די ברעגן פון כנרת, און פון דאָרטן — צום אַלטן שלאָס פון צפת. אין אַ קיבוץ נאָענט צו נצרת האָט מען יגאלן געוואָרנט ער זאָל נישט פאָרן קיין טבריה. הינטער דער שטאָט קומען פאָר געשלעגן און אין שטאָט גופא — שיסערייען.

— מען שיסט אין טבריה — האָט אלון געזאָגט צו מיקין — וואָס טראַכט איר? אין אָפענעם אויטאָ וועלן מיר זיין אַ צילברעט פאַר די אַראַבער.

— דאָ זענט איר דער באַלעבאָס! — האָט מיקי געענטפערט און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע גוטברודעריש.

יגאל האָט טעלעפאָנירט און עס איז געקומען אַ געפּאַנצערטער אויטאָבוס.

זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג דורכן קאַלירפולן פלאַכלאַנד, אַרומגענומען מיט בלוילעך־שוואַרצע בערג. אַלץ איז געווען פאַר־אַקערט ביז צופוסנס פון די בערג.

דער וועג האָט זיך פאַרשמעלערט דורך הויכע פעלדזן פון ביידע זייטן. „דאָ וואָלט געווען אַ גיהנומדיקע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע" — האָט מיקי געשעפּטשעט.

דער יונגער פלמח־קאָמאַנדיר האָט צוגעוואָרפן מיקין אַ זייטיקן בליק:

— סאַלאַדין האָט דאָס זעלבע געטראַכט. דאָס זענען די הערנער פון חיתין. דאָ האָט ער אויסגעשאָכטן די קרייצצוגלער אין יאָר 1215.

— יאָ, ריכטיק! כ׳דערמאָן זיך. וואָפן ענדערט זיך מיט דער צייט, אָבער טאַקטיק מוז זיך צופּאַסן צו דער געגנט. גאָט האָט אויסגעשפּרייט די שלאַכטפעלדער...

די גריבער ביי די וועגראַנדן זענען געוואָרן טיפער, די בערג — העכער און משופּעדיקער, און דער וועג — פאַרדרייטער. דער אויטאָבוס האָט זיך פאַרקערעוועט שאַרף און מיקי האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע בילד פון ים־כנרת: אַ גלאָזיק־רויִק וואַסער־פלאַך, צעגאָסן אין אַ בעקן פון אַ פאַרלאָשענעם קראַטער; גראַציעזע קאָנטורן, אַרומגערינגלטע מיט רויע באַרגשפּיצן; מאַיעס־טעטיש ליגט ער אַזוי פון ששת ימי בראשית. אַ בילד נישט צום פאַרגעסן.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַראָפּ. ער האָט אַנטפּלעקט אַ פּרעכטיק בילד: סאָסנעביימער, קאָרנפעלדער, אַ גאָלדיק שימערי־רנדיקן ים און מיט שאָטנס פאַרצויגענע באַרגאָפּגרונטן. דורך די שיסלעכער פונעם אויטאָבוס האָט מיקי אַריבערגעקוקט צום אַלטן, געקנייטשטן פּנים פון באַרג אויף דער צווייטער זייט פון ים און נאָכגעטראַכט וועגן די גרויסע געשעענישן וואָס די דאָזיקע אומעטיקע שטיינער האָבן געזען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

זיינע געדאַנקען וועגן פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער זענען אי־בערגעריסן געוואָרן דורך אַ ביקסן־שיסעריי און אַ וואָיעניש פון אַ קליינעם גראַנאַטן־וואַרפער.

— סוף־סוף הערט מען עפּעס. וואָס איז דאָס? — האָט מיקי זיך געווענדט צו יגאַלן.

— טבריה — האָט יגאל געענטפערט — דריי קילאָמעטער ווייט. די אַראַבער קאָנטראָלירן דעם דאָזיקן וועג.

זיי זענען אָנגעקומען אין העכערן טייל פון דער היסטאָרישער שטאָט, פאַרבייגעפאָרן פאַרלאָזענע הייזער און האָטעלן. אין דער אַלט־שטאָט, ביים מאַרקפּלאַץ, האָט אויסגעבראָכן אַ שיסעריי. אַ קוילן־האָגל האָט געקלאַפּט אין די אייזערנע ווענט פונעם אויטאָבוס. דער שאָפער האָט געגעבן גאַז און זיי האָבן אָפּגעצויגן פייל פון בויגן.

— באַרויק זיך, בחור! קענסט נאָך על פּי טעות איבערפאָרן אַן אַראַבער — האָט מיקי געזאָגט, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויפן שאָפערס אַקסל.

דער שאָפער האָט געשמייכלט און געגעבן גאַז ביז די געוועלבן אויפן באָדפּלאַץ ביים ים־ברעג זענען געבליבן הינטער אים. נישט איין געפּאַנצערטער וואָגן איז דאָ געוואָרן אַ קבר פאַר זיין מאַנשאַפט. מיקי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג:

— אָט דאָס הייסט ביי מיר אַ גוטע רייזע, יגאַל! נישט נאָר קאָנפערענצן און מאַפּעס, נאָר אויך אמתדיק פייער. מען זעט שוין עפּעס!

דער אויטאָבוס איז געפאָרן צופוסנס דעם „פעלדז פון אַרבעל״. אלון האָט אָנגעוויזן אויף די טיפע היילן, אויסגעגראָבענע אין די פאַרשוואַרצטע לאַווע־פעלדזן קעגן דעם קאַנאַל חאַמאַם:

— אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן דאָ געקעמפט. אַ קליין הייפעלע יידן האָבן אויפגעהאַלטן די אָנגריפן פון רוימישע לעגיאָנערן און זיך נישט אונטערגעגעבן. די רוימער האָבן זיי פאַרברענט לעבעדיקע אין זייערע היילן.

— ווען האָט דאָס פּאַסירט ? — האָט מיקי געפרעגט.

— אַרום צוויי טויזנט יאָר צוריק — האָט אלון געענטפערט.

יגאל האָט באַמערקט אַז די איבערזעצערין, איירין, איז פּונקט אַזוי אַנטציקט ווי מיקי און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן די געשיכטע פון די גליליייער, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מאַכט פון רוים.

— אונדזערע אורעלטערן זענען געווען פּאַרהאַרטעוועטע עקשנים און ליב געהאַט די פרייהייט. זיי האָבן נישט געקענט דאָס וואָרט „קאַפּיטולאַציע". די גאַנצע געגנט אַרום האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן די רוימער, אָבער זיי האָבן געקעמפט ביזן ביטערן סוף.

מיקי האָט באַטראַכט די היילן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט שטיל ווי צו זיך : „אַ קאָמאַנדיר טאָר קיין מאָל נישט בלייבן פאַרשטעקט אין אַזעלכע היילן. מ'קען זיי נישט פאַרטיידיקן".

— איר ווייסט, יגאל, אונדזערע עלטער־זיידעס זענען געווען ריכטיקע מענטשן, מוטיקע קעמפער, אָבער די רוימער האָבן פאַרשטאַנען די געזעצן פון מלחמה בעסער פון זיי. אַן אַרמיי טאָר נישט בלייבן פאַרשטעקט אין איין פּלאַץ. ס'דאַרף שטענדיק בלייבן אַ וועג אויף זיך צוריקציען. מ'שלאָגט זיך נישט פאַר אַ געוויסע געגנט, נאָר קעגן דער מאַכט פון שונא. אַז מ'פאַרניכטעט זיינע טרופּן פאַלן די שטעט און דערפער ממילא אַריין אין שויס, ווי צייטיקע פּרוכט. דעריבער דאַרף אַלע מאָל בלייבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוגליטשן. מ'דאַרף זיך צעשפּרייטן און אַטאַקירן אַרום דעם שונאס פלאַנקן. מ'דאַרף זיין עקשנותדיק, אָבער נישט אומבויגזאַם. און דאָך — ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די היילן — יענע פאַרצייטיקע יידן זענען געווען אמתדיקע קעמפער...

באַרג־אַרויף צום אויבערשטן גליל האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ קאָלירפולע פּאַנאָראַמע : אַ שפע פון שפּראָצונגען, גרינע וועלדער, אויסגעמישט מיט רויטע דעכער־שפּיצן פון יידישע קאָלאָניעס. נאָך ראש־פּינה מיט איר שאַרפן עפּל־אַראָמאַט, וועלכער

דערמאָנט ווערמאָנט אין אָקטאָבער, האָבן זיי גענומען אַרויפ־שטייגן אויף אַ באַרג־שטח.

ס'איז שוין געווען בין־השמשות, ווען דער שווערער אויטאָבוס, קרעכצנדיק אויף דעם משופּעדיקן באַרג האָט גענומען אַרויפ־שטייגן די לעצטע הונדערט פוס צום שפּיץ פון באַרג כנען, דער צווייט־העכסטער פּונקט אינעם לאַנד. דאָ, כּמעט פיר טויזנט פוס איבערן ים־פלאַך, ווו דער ווינט פייפט אין די סאָסנעס מיט אַ קראַפט וואָס קען אומוואַרפן אַ מענטש, און די נאַכט־טעמפּעראַטור דערגרייכט דעם פרירפונקט — האָט זיך געפונען דער געהיימער שטאָב פון דער פלמחישער יפתח־בריגאַדע.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ווייסער, דריי־שטאָקיקער אימפּאָזאַנטער געביידע. אַן אָפּרוהויז, צו וועלכער עס האָבן געפירט ברייטע שטיינערנע טרעפּ, מיט שורות איינגעפלאַנצטע אַלעפּאָ־סאָסנעס ביי די זייטן. די גאַנצע געגנט אַרום האָט מען געזען ווי אויף דער האַנט. אַ באַצויבערנדיקע לאַנדשאַפט פון געדרייטע ווייסע וועגן, שמאָלע טאָלן, ענגע אַראַבישע דערפער, טאַבאַק־פעלדער, קאָלירפולע אָליוון־וועלדלעך און אַ טעפּעך פון ווילדע גליל־בלומען. פון ווייטנס — בערג אויף בערג און גאַנץ ווייט, אין בלויען נעפל, האָט געטורעמט דער באַרג תבור, אין וועמענס שאָטנס דבורה הנביאה האָט געפירט די יידן אין שלאַכט קעגן די כנענים.

אלון האָט געפירט אַרויף די טרעפּ. ער האָט מיט זיין שליסל געעפנט אַ טיר אין אַ שטאָק־פינצטערן קאָרידאָר, פאַר־רוקט אַ פאָרהאַנג און אַריין אין גרויסן עס־צימער, באַלויכטן מיט אַ נאַקעט עלעקטריש לעמפּל. אַ שווער־לייביקער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיי וואַרעם באַגריסט.

— מאָלאַ, באַקען זיך מיט סטאַנען, האָט געזאָגט אַלון, און צו מיקין:

— דאָס איז מאָלאַ, אונדזער קאָמאַנדיר.

מיקי האָט באַטראַכט דעם קאָמאַנדיר, זיינע מאַסיווע פּלייצעס, און זיין פּירעקיק פאַרהאַרטעוועט פּנים.

— דאָס איז נישט מאַלאַ, דאָס איז אַ הייבמאַשין, האָט זיך מיקי צעלאַכט און געגעבן מאַלען שלום עליכם.

— איך רעד נישט קיין ענגליש, האָט דער ארץ־ישראלדיקער זיך אַנטשולדיקט, אָבער איך רעד אַ ביסל יידיש. קענט איר יידיש?

— מאַמע לשון, האָט מיקי זיך צעשטראַלט. איר קענט עטלעכע ווערטער, איך קען עטלעכע — מיר וועלן זיך שוין צונויפרעדן...

שמייכלענדיק, האָט אים מאַלאַ אָנגענומען ביים אָרעם און אים געפירט איבער דער באַזע. אָפּגעזונדערט פונעם אַלגעמיינעם עס צימער, האָט ער אים געוויזן אייניקע קנאַפּ־מעבלירטע שלאָף־צימערן און אַ גרויסן אוידיטאָריום וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַן אינס־טרוקציע־זאַל. מיקי האָט באַמערקט אַ סך אויסגעהאַקטע שויבן, פאַרשטאָפּטע מיט פּאַפּיר, אַ פאַרזוך צו שיצן זיך קעגן דער ביטערער קעלט. אויף די בעטן — דינע קאָלדרעס. די סאָלדאַטן אין קורצע הייזלעך און אין סאַנדאַלן אויף די פיס.

אונטער איינעם פון די בעטן האָט מיקי דערזען אַ פּאָר שטיוול מיט געלעכערטע זוילן. ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו אַלונען האָט מיקי דערהערט אַ צאַרטע פרויען־שטים: „ווילקאָמען, מיקי".

ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערקענט זיין באַלעבאָסטע פון תל־אביב, עוואַ קירשנער, די קליינע ווינערין, דאָס ווייב פון זיין דרום־אַפריקאַנער פריינד, אלי קירשנער.

— איוו! איז דאָס אייער אויסער שטאָטישע געשעפט־רייזע, אום גאָטעס ווילן! ווי קומט אַזאַ חנעוודיקע ווי איר אַהער? וואָס טוט איר דאָ?

אלון האָט געענטפערט:

— זי אַרבעט דאָ. זי איז אונדזער שטאַב־סערזשאַנט.

מיקי איז שוין געוווינט געוועזן צו איבעררראַשונגען אין ישראל. ער האָט געקוקט אויף עוואַן מיט פיל סימפּאַטיע... ס'איז נישט אַזוי לייכט, ריכטיק?

עוואַ האָט געצויגן מיט די אַקסל:

— מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון פיל זאַכן. גאַנץ איינפאַך, זיי שיקן אונדז נישט דאָס וואָס מיר דאַרפן.

מיקי האָט זיך פאַרטראַכט און זיך אויסגעדרייט צו אַלונען:

— זאָגט איר אויך דאָס זעלבע — זאַפּאַסן־מאַנגל און פאַרטיק? אויב אַזוי, לאָמיר אייך זאָגן — האָט איר בדעה צו פירן אַ מלחמה, נעמט זיך צו דער זאַך אַ ביסל ערנסטער. וויבאַלד דאָס לאַנד געפינט זיך אין מלחמה צושטאַנד, דאַרף אַלץ מאָביליזירט ווערן: די אינ־דוסטרי, די טראַנספּאָרט־מיטלען און די סחורות אין די געשעפטן, ס׳איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן: אין די גרויסע שטעט — געשוואָלענע שוי־פענצטער און די סאָלדאַטן אויף די פראָנט־ליניעס פרירן.

צום אָוונט־מאָלצייט האָט דער גאַרניזאָן פאַרבעטן מיקין צו אַ „קומזיץ״. אַ פּאָפּולערער מנהג אין די קיבוצים זיך משמח צו זיין. אין די גוטע צייטן פלעגט זיין געבראָטנס, דאָס מאָל — קאָנסערוון־פלייש און טערקישע קאַווע. מיקי איז געזעסן צווישן די סאָלדאַטן און פון צייט צו צייט מיטגעזונגען. הגם דאָס זינגען איז ביי אים אַרויס נישט צו געשיקט, האָט דאָס פונדעסטוועגן אים נישט אָפּגע־האַלטן פון אויפהייבן זיין הויכע טענאָר־שטימע אינעם אַלגעמיינעם כאָר. ער איז געווען געריררט פון דעם מאַרש, וועלכער האָט פאַרענדיקט דעם „קומזיץ״, דער התלהבותדיקער מיליטערישער „מאַרש פון פלמח״:

אַרום אונדז זיך שטורעמס קלייבן,
אָבער מיר — די קעפּ נישט בייגן.
דעם שונא תמיד נאָכצושפּירן —
שטענדיק אויף דער וואַך מיר בלייבן.

פון מתולה ביז צום דרום,
אויפן ים, אין מדבר־היצן —

מיטן וואָפן אין די אָרעמס —
אונדזער פרייהייט מיר באַשיצן.

דעם אָדלערס וועג — אין הימל־הייכן,
דעם אייזלס — אויף דעם באַרג־שטעג שמאָלן.
אומעטום דעם פיינט מיר גרייכן —
צווישן פעלדזן און אין טאָלן.

אינעם טאָג־ליכט, אין דער טונקל —
מיר די ערשטע אַוואַנסירן.
שטענדיק אויף דעם שונאס שפורן —
מיר מאַרשירן, מיר מאַרשירן.

די סאָלדאַטן צווישן זיך האָבן געשמועסט. נישט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן דעם „אַמעריקאַנער”. זיי האָבן נאָר געוווּסט אַז ער איז אַן עלטערער אָפיציר און זייערס אַ פריינד. נאָכן מאָלצייט האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל אויסצוהערן אַן איבערזיכט איבער דער מיליטערישער לאַגע פון הויפּט־קאָמאַנדיר, יגאל אלון. נאָכן איבערזיכט האָט אַלון געבעטן שטעלן פראַגן.

די פראַגן האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו טאַקטישע ענינים. אַנדערע האָבן זיך באַקלאָגט וועגן דער לאַגע אויף דער באַזע. איירין האָט אַלץ איבערזעצט און מיקי האָט נאָכגעפאָלגט די פראַגן. ער האָט געוווּסט אַז חברה דערוואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן. רייבנדיק די הענט איז ער אַרויף אויף דער טריבונע:

— סוף־סוף פיל איך, אַז כ׳געפין זיך צווישן אמתע סאָלדאַטן און אַ ריכטיקער אַרמיי, האָט מיקי אָנגעהויבן, כ׳הער אַז מ׳באַקלאָגט זיך.

ס׳האָבן זיך באַוויזן באַשטעטיקנדיקע שמייכלען.

— נישט גענוג שפּייז, נישט גענוג קליידונג; אויב אַזוי — וועל איך אייך זאָגן, חברה... נישטאָ קיין אַרמיי אויף דער וועלט אין וועלכער די סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט באַקלאָגן, אַפילו אין דער

רייכסטער אַרמיי, אין דער אַמעריקאַנער. אמתע סאָלדאַטן וואָרטשען שטענדיק אונטער, שרייען, פילדערן, — דאָס הייסט אַרמיי־לעבן.

הגם ער האָט גערעדט ענגליש, האָבן די סאָלדאַטן קוים גע־דאַרפט וואַרטן אויף דער איבערזעצונג. אַזוי קלאָר זענען געווען מיקיס זשעסטיקולאַציעס און דער אויסדרוק פון זיינע לעבעדיק־באַצווונגנדיקע אויגן ...

— געוויס איז באַקוועמער אין דער היים, אויב אָבער איר ווילט זיין סאָלדאַטן, און איר האָט גענומען אויף זיך די שווערע לאַסט צו זיין פּיאָנערן־טרופּן פון דער ישראל־אַרמיי, דאַרפט איר זיין גרייט צו ליידן. ליידן אין דער פּרייז פון נצחון.

פלוצים האָט מיקי געענדערט דעם טאָן און גערעדט זייער לאַנגזאַם און געוואָרט, נאָך יעדער פּראַזע זיינער, אויף דער איבער־זעצונג:

— איר דאַרפט נאָך עפּעס באַגרייפן. איר זייט געבוירן געוואָרן צו זיגן. איר זייט פון גוטן, האַרטן שטאָף געמאַכט. זעט צו בלייבן שטענדיק שאַרף ווי אַ חלף — און אַלע שטערונגען וועלן פאַרשווונדן.

די סאָלדאַטן האָבן אויפגענומען זיינע ווערטער ענטוזיאַסטיש.

ווען מען האָט אים באַגלייט צו זיין צימער האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס אין נאָענטן טאָל. מיקי האָט זיך אויסגעדרייט צו אַלונען מיט פאַרוווּנדערונג.

— דאָס איז אונדזער נאַכט־קאָנצערט, האָט אַלון געזאָגט. דער יידישער קוואַרטאַל אין צפת ווערט נאַכט ביי נאַכט באַשאָסן פון די אַרומיקע אַראַבישע קוואַרטאַלן. און אויך פון דער געגנטלעכער „טעגאַרט פעסטונג" פון דער צווייטער זייט כנען־באַרג. זעכציק טעגאַרט־פעסטונגען זענען געווען אין לאַנד, אויסגעבויט דורך דער מאַנדאַטן־מאַכט אין די יאָרן 1940—1944, אַלס פּאָליציי־פעסטונגען, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון סער טשאַרלס טעגאַרט, געוועזענער ענגלישער פּאָליציי באַאַמטער אין אינדיע. אַלון האָט צוגעפירט מיקין צו אַ וואַנט־מאַפּע אינעם קאָרידאָר.

— אָט דער שמאָלער פיר־עק איז דער יידישער קוואַרטאַל.

יעדן אָוונט ווערט ער באַשאָסן. אונדזערע שיסן זעלטן ווען צוריק; אַ שאָד אַמוניציע.

דער יידישער פּאַרטיידיקונגס־ווידערשטאַנד אין צפת איז געווען איינער פון די נסים פון דער נישט־דערקלערטער מלחמה. אין דער פּאַרצייטיקער איזאָלירטער שטאָט פון קאַבאַליסטישן מיסטיציזם, האָבן פופצן הונדערט יידן אָפּגעהאַלטן די אַטאַקעס פון צוועלף טויזנט אַראַבער זיבן מאָנאַטן לאַנג.

די אַראַבער האָבן אָקופּירט די צוויי שטאַקיקע פּאָליציי־סטאַציע אויפן באַרג און אַלע הויכע פּונקטן אַרום שטאָט. זייערע שטיינערנע הייזער, געדיכט געבויט, האָבן געשאַפן אַ רונדע פעסטונג אַרום דעם הייפעלע יידן אין שטאָט. דאָס יידישע געווער איז באַשטאַנען פון 14 ביקסן, 42 היימיש־געמאַכטע „סטען־געווערן”, איין מאַשין־געווער און איין צוויי־אינטשיקן מאָרטאַר. שפּעטער האָבן די פּלמחניקעס אַריינגעשמוגלט עטלעכע אויטאָמאַטן.

— איר מוזט אָקופּירן די פּאָליציי־פעסטונג אויפן באַרג — האָט מיקי געזאָגט.

— מ׳קען נישט, האָט איינער פון אַלונס געהילפן באַמערקט, דאָרט זיצן ענגלענדער. זיי וועלן מן־הסתם דאָס אָפּגעבן די אַראַבער איידער זיי וועלן אַוועק. געוויינלעך מאַכן זיי אַזוי.

מיקי האָט נישט אויפגעהערט שעלטן:

— ווייסן די אַראַבער אַז איר געפינט זיך דאָ?

— מן־הסתם יאָ! אָבער דער גרעסטער טייל פון אונדזער באַטאַליאָן געפינט זיך אין פעלד און די אַראַבער זענען זיכער, אַז מיר זענען צו ווינציק כדי צו קענען זיי אָנטאָן צרות, און אַז זיי וועלן אונדז אויסהונגערן נאָך דעם ווי זיי וועלן פּאַרטיק ווערן מיט די יידן אין שטאָט.

— אָדער אייך אויספּרירן — האָט מיקי שאַרף באַטאָנט. אייער באַקליידונג באַאומרויִקט מיך. ס׳איז אוממעגלעך אַז סאָלדאַטן אין קורצע הייזלעך און סאַנדאַלן זאָלן אין דער דאָזיקער קעלט אויסהאַלטן. דערצו נאָך די דינע קאָלדרעס. איר קענט זיך דאָך נישט אויסרוען

צווישן די אַטאַקעס. כ׳וועל שוין מוזן קלאַפּן מיט די פויסטן אין עטלעכע שרייבטישן אין תל־אביב.

און פאַרכמורעט זיך אויסגעדרייט צו מאַלאַן:

— איר ווייסט, „הייב־מאַשין״, ווען אַמעריקאַנער סאָלדאַטן וואָלטן געלעבט אין אַזעלכע באַדינגונגען וואָלטן זיי דעזערטירט.

מיקי האָט פאַרלאַנגט אַ מאַפּע פון צפת. אַ שעה שפּעטער ווען מאַלאַ איז אַריין אין מיקיס צימער האָט ער אים געטראָפן זיצן אויפן בעטל און באַצייכענען די מאַפּע מיט ליניעס.

— איר וועט מוזן פאַרכאַפּן די טעגאַרט־פעסטונג ווי נאָר די ענגלענדער וועלן זיך פון איר אַרויסציען, — האָט ער געזאָגט.

✶

דער גליל־ווינט האָט געוואָיעט אינעם גרויען פרימאָרגן. די צוויי וועכטער, איינגעהילט אין גראָבע מאַנטלען און וואָלענע היטלען ביז איבער די אויערן האָבן געציטערט פון קעלט. זיי האָבן אָנגעקוקט דערשטוינט דעם „אַמעריקאַנער״, וועלכער איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ נאַקעטער ברוסט. זיינע שיטערע האָר האָבן געפלאַטערט אין ווינט.

— זייט פאָרזיכטיק, יינגלעך! — האָט מיקי אויסגערופן גייענ־דיק צוריק אין זיין צימער. איר וועט זיך פאַרקילן אין די דאָזיקע קליידער אייערע.

מיקי האָט זיך אָנגעטאָן און אַרויס אויף די ברייטע טרעפּ פונעם אַפּרוהויז. די זון איז אויפגעגאַנגען הינטער צפת און באַלויכטן די ווייסע הייזער אין דער קלאָרער באַרגיקער לופט. מיקי האָט פאַרגליכן די מאַפּע מיט דער שטאָט דאָרט אונטן. אַלון איז צוגעקומען.

— כ׳וואָלט געוועט אַ בעלן זיין דאָ — האָט מיקי זיך געוואָנדן צו אַלונען ווען איר וועט אַטאַקירן די שטאָט. אויב די אַראַבער זאָלן אויסנוצן זייערע פּאָזיציעס ווי געהעריק, וועט אייער אייניציקער באַטאַליאָן דאָ האָבן צו זינגען און צו זאָגן...

— כ׳ווייס. און וואָס איז מכוח דער פעסטונג? — האָט אַלון געפרעגט.

— כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם. צוליבן מאַנגל אין וואָפן וועט איר דאַרפן צוקריכן ביז צום שטעכלדראָט, איבערשניידן זי און... מיקי האָט געוויזן די מאַנעוורע אויף דער מאַפּע.

אַלון האָט געשמייכלט:

— מיט עטלעכע וואָכן פריער האָבן מיר דאָ געהאַט אַן עקספּערט. אַ גענעראַל־מאַיאָר. ער האָט באַטראַכט די פעסטונג און פאָרגעשלאָגן אַן אָנגריף פון טאַנקען, אונטערשטיצט פון אַן אינפאַנטעריע־בריגאַדע אויפן לינקן פליגל, און אַ צווייטע — אויפן רעכטן... מיר האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווי באַגרענעצט עס זענען אונדזערע כוחות. האָט ער געטראַכט און געטראַכט און אַרויס מיט אַ צווייטן פּראָיעקט. מ׳זאָל פאַרקליידן אונדזערע סאָלדאַטן אַלס אַראַבישע גרינוואַרג־פאַרקויפערס, אַריינשמוגלען זיי דורך די טויערן און דאַן אַטאַקירן. אַ ריינע ראָמאַנטישע פיקציע. איר אָבער, מיקי, רעדט ווי איינער וואָס איז שוין צוואַנציק יאָר אין דער הגנה!

צו דער צוריקרייזע האָט מען דעם אויטאָבוס אָנגעלאָדן מיט געווער באַשטימט פאַר אַ קיבוץ נעבן צפת. ער זאָל דאָס דורך געהיימע סטעזשקעס אַריינשמוגלען צו די פאַרטיידיקער פון צפת. עוואַ קירשנער איז מיטגעפאָרן.

דער אויטאָבוס האָט זיך געלאָזט צו דרום, לענג־אויס דעם וועג מיט אייקאַליפּטוס־ביימער אין דער ריכטונג פון ראש־פינה. מיט אַ מאָל האָט דער שאָפער האַסטיק אָפּגעשטעלט דעם אויטאָבוס. אַ יידישער קאָלאָניסט איז געשטאַנען אויפן וועג און געפאָכעט פאַר־צווייפלט מיט די הענט. זיין מיטטיילונג איז געווען אַ קורצע. „עטלעכע הונדערט יאַרד פון דאַנען שטייט אַן ענגלישער קאָנטראָל־פּאָסטן און זוכט יידיש געווער”. זיי האָבן וואַרשיינלעך דעם אויטאָבוס שוין באַמערקט. צוריקפאָרן קומט נישט אין באַטראַכט.

מיקי האָט געהאַנדלט שנעל:

— אייריך, נעמט אַרונטער אייער מאַנטל! מ׳איילט זיך מיט אייך אין שפּיטאָל. אַ נויט־פאַל־געבורט.

אַלון האָט גלייך באַגריפן דעם פּלאַן. ער האָט פונאַנדערגענומען

דאָס געווער אין קליינע טיילן און עס פאַרשטעקט אין די קעשענעס און אַרבל פון איירינס מאַנטל. אַ לאַנגע ביקס האָט ער איינגעוויקלט אין אַ פעקל און פאַרשטעקט עס ביי איירינען. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט און מען האָט איר צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. עוואַ איז געוואָרן אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט זיך געפּאָרעט מיט די מעדיציןפלעשלעך פון „ערשטן־הילף־פעקל" אין אויטאָבוס.

די גאַנצע אָפּעראַציע האָט געדויערט קנאַפּע צוויי מינוט. מיקי האָט אויסגעשמירט זיין פּנים מיט שטויב און דער אָמניבוס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ענגלישן קאָנטראָל־פּאָסטן.

דער פּאָסטן איז באַשטאַנען פון זעקס סאָלדאַטן און אַ געפּאַנצערטן ראַדיאָ־אויטאָ! די סאָלדאַטן האָבן געגעבן אַ סיגנאַל דער אויטאָבוס זאָל זיך אָפּשטעלן. איינער פון זיי איז אַרויפגעשפּרונגען און באַפוילן: „אַלע אַרונטער אויף אינספּעקציע".

מיקי, אַלון און דער שאָפער זיינען אַראָפּ. דער סאָלדאַט אויפן אויטאָבוס האָט אויסגערופן צו עוואַן: — איר אויך, פריילין!

— אָבער ווי אַזוי אָפיציר. כ'האָב מיט זיך אַ קראַנקע פרוי!

דער סאָלדאַט איז צוגעגאַנגען נאָענטער מיט פאַרדאַכט.

— אויף וואָס באַקלאָגט זי זיך?

ס'איז געווען באַוווסט אַז יידן פאַרבאַהאַלטן געווער ביי זייערע פרויען.

— זי גייט צו קינד. מיר מוזן זי ברענגען וואָס שנעלער אין שפּיטאָל. זי איז אין שרעקלעכע אַנגסטן, אָרעם קינד.

דאָס צו באַשטעטיקן, האָט איירין פאַרקרומט איר שיין פּנים און אויסגעקרעכצט:

— אוי, מאַ־מע, מאַ־מע!

דער טאָממי איז פאַרציטערט געוואָרן. נישט אַזאַ באַגריף האָט ער געהאַט וועגן אַרמיי־פליכט...

— איך מוז אויף איר אַ קוק טאָן! האָט ער מיט ווידערווילן געזאָגט. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן און אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

איירין האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ קוויטש וועלכער וואָלט געווען אַ כבוד אַפילו פאַר אַ „האַרפּי"...

איוו האָט צוגעוואָרפן דעם סאָלדאַט אַ בייזן בליק.

— ווי וואַגט איר? איר ווילט אויסנוצן אַ הילפסלאָזע פרוי? וואָלט איר באַשטאַנען אַז עפּעס אַ פרעמדער זאָל אָנרירן מיט זיינע לאַפּעס אייער פרוי?

— אָבער כ'האָב נאָר...

— כ'ווייס גאַנץ גוט וואָס איר האָט נאָר. שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייטן האַלדז אַריין!

דער סאָלדאַט האָט זיך געישובט. איירין האָט אויסגענוצט די שטילקייט און אויסגעבראָכן אין אַ פאַרשטיקט שלוכצן.

— מיר פאַרלירן טייערע מינוטן — האָט עווא שרעקלעך זיך געבייזערט. ווילט איר אַז אייערע הענט זאָלן זיין אין בלוט געטונקען?

אין דרויסן איז די אויספאָרשונג אָנגעגאַנגען אויפן געוויינלעכן שטייגער. אַלון און דער שאָפער זענען פּאַלעסטינער און זיי איילן זיך אין שפּיטאָל אין טבריה מיט אַלונס שוואַנגערדיקע פרוי. און דער אויסגעשמירטער איז אַ טרעמפּיסט.

— כ'בין „איינען שמיד" — האָט מיקי געזאָגט מיט אַ דייטשישן אַקצענט. דער סאָלדאַט האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. ער האָט געפרעגט דעם פּאַטראָל אין אויטאָבוס.

— ווילי! וואָס איז דאָרטן אינעווייניק?

— גאָרנישט... אַ שוואַנגערדיקע פרוי. אַ פּאַסאַזשיר.

— איז הייסט עס אַלץ איז אין אָרדנונג?

— אַלץ אין אָרדנונג! האָט ווילי באַשטעטיקט, אַראָפּשפּרינגענדיק מיט דערלייכטערונג צוריק אויף זיכערער ערד.

— גוט, פיין! —האָט דער צווייטער סאָלדאַט געזאָגט — לאָזט זיך אין וועג אַריין. און קוקט זיך גוט אַרום...

די מענער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס און אָנגעהויבן לאַנגזאַם אָפּצופאָרן. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון ענגלישן פּאָסטן האָט דער שאָפער געגעבן גאַז.

מיקי איז איבערגעגאַנגען אין הינטערשטן טייל פון אויטאָבוס.

— גאַנץ פיין, מאַדאַם בערנאַר — האָט ער געזאָגט צו איירינען. איר קענט שוין אָפּלייגן אייער געבורט אויף אַ פּאָר יאָר.

צען מינוט שפּעטער האָבן זיי אויסגעלאָדנט דאָס געווער אין קיבוץ און אין אַ געהויבענער שטימונג אַוועקגעפאָרן קיין תל־אביב. זיי זענען אָנגעקומען אין שטאָט נאָכמיטאָג. ווען מיקי האָט דערזען די שוי־פענצטער פון די געשעפטן אָנגעפּילט מיט שפּייז, קליידער אַד״גל איז ער געוואָרן טרויעריק. אַלון און איירין האָבן פּרובירט אים דערקלערן אַז מ׳קען נישט פראָסט און פּשוט קאָנפיסקירן די פאַבריקן, אַפּטייקן אאַז״וו, ווייל אָפיציעל עקזיסטירט נאָך נישט קיין יידישע מלוכה. מיקי האָט געטענהט, אַז דאָס איז אַ טעכנישער תירוץ. אויב די יידן האָבן געקאָנט שאַפן אַ געהיימע רעגירונג און אַ געהיימע אַרמיי אונטערן נאָז פון די ענגלישע אָקופּאַנטן, קענען זיי און דאַרפן נישט דערלאָזן אַז די ציווילע באַפעלקערונג זאָל לעבן ווי אין נאָרמאַלע צייטן. ער איז גלייך אַוועק צו בן־גוריונס הויפּט־קוואַרטיר.

— איר האָט דעם בעסטן קעמפער מאַטעריאַל אויף דער וועלט, און איר באַהאַנדלט זיי אַז ס׳איז אַ בושה — האָט ער געטענהט. איר פאַרלאַנגט פון זיי אַז זיי זאָלן קעמפן הונגעריקע, נאַקעטע און אָן פאַסיקע קאָלדרעס אָפּילו זיך צוצודעקן אויף דעם ביינאַכט־אָפּרו. איר לייגט אַרויף אויף זייערע יונגע פּלייצעס די אחריות צו ראַטעווען די יידישע מדינה, אָבער איר דערפילט נישט אייערע פליכטן צו באַזאָרגן זיי מיט אָנשטענדיקער אויסשטאַטונג כ׳רעד נישט וועגן געווער. איר האָט נישט קיין געווער. כ׳רעד וועגן הילפס־אַרטיקלען און פּראָדוקטן וועלכע זענען ביי אייך פאַראַן לרוב ממש אונטער דער נאָז...

איינער פון מלחמה־ראַט האָט זיך אויסגעפּרעגט צי די לאַגע אויפן כנען־באַרג איז טאַקע אַזוי שלעכט. מיקי האָט אָפן און קלאָר דערציילט וועגן די אויסגעהאַקטע שויבן, צעריסענע שטיוול אד״גל.

— כ׳גלויב נישט אַז ס׳איז נאָך ערגעץ־ווו פאַראַן אַן אַרמיי

וואָס וואָלט זיך נישט צעלאָפּן ביי אַזעלכע באַדינגונגען. זייער מאָראַל איז פאַנטאַסטיש, אָבער כדי צו פאַרנעמען צפת דאַרפן זיי האָבן שווערע מאָרטאַרס (גראַנאַטן־וואַרפערס) און ראשית־כל — שיך!

אויף די פּאָליטישע פירער האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ערשטנס, איז מיקי דער מיליטערישער עקספּערט און נישט זיי. און צווייטנס, ער איז אַ פרעמדער און מ׳קען אים נישט חושד זיין אין פּאָליטישע אינטערעסן. זיי האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אַדמיניסטראַציע, וועלכע דאַרף זאָרגן פאַר דער אַרמיי. און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון יידישן שטאַט דורכצופירן אַ טאָטאַלע מאָביליזאַציע לויט מיקיס פאָרשלאָג.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער באַשלוס. בן־גוריון האָט פאַרשטאַנען אַז מ׳קען דאָס נישט מאַכן איבערנאַכט. ער האָט פאָרגעלייגט מיקין זיך צו ווענדן דירעקט צו דער זאַפּאַס־אָפּטיילונג פון דער אַרמיי וועגן ענין כנען־באַרג.

מיקי און עוואַ קירשנער זענען אַוועק צו די העכערע באַאַמטע פון דער זאַפּאַסן אָפּטיילונג. מ׳האָט זיי געזאָגט אַז די באַאַמטע האַלטן אָפּ אַ קאָנפערענץ. צוויי שעה האָבן זיי געוואַרט אין קאָרידאָר. מיקי האָט זיך געקאָכט:

— מ׳קען דאָ צוקומען צו יעדן איינעם, אַפילו צום „באַלעבאָס" אַליין. אָבער נישט צו די באַאַמטע פון זאַפּאַסן־אָפּטיילונג! זיי זענען נישט סתם־באַאַמטע, נאָר אָנגעשטעלטע פון גאָט אַליין. לאָמיר גיין עפּעס טרינקען.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אַ פערטל שעה שפּעטער, איז די זיצונג שוין געווען געענדיקט, אָבער דער הויפּט פון זאַפּאַס־אָפּטייל איז שוין געהאַט אַוועק אויף אַ מיטינג.

— די באַראַטונגען רויבירן אַ גוטן שטאַב, מען דעבאַטירט און מען באַשליסט נישט — האָט מיקי געצאָרנט.

די פאַרליבטקייט פון די יידישע אַרמיי־פירער אין לאַנגע רעדעס האָט אַרויסגערופן ערגערניש ביי מיקין. איין מאָל האָט ער אָנגעטראָפן חיים לאַסקאָוון אין רויטן הויז.

— כ׳דאַרף דאָ אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג — האָט לאַסקאָוו קורץ און שאַרף געזאָגט.

— זאָג מיר נאָר, חיים, ווי לאַנג דויערט ביי דיר אַ באַראַטונג ?

— צען, פופצן מינוט !

— לעצטע נאַכט בין איך געווען ביי אַ באַראַטונג, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז פינף אַזייגער אין דער פרי. ווען אַלץ האָט זיך גע־ענדיקט איז נישט געווען איינער וואָס זאָל וויסן, וואָס מ׳האָט באַשלאָסן. מענטשן דאַרפן קענען רעדן קורץ און צו דער זאַך. לערן דאָס דיינע קאָדעטן, חיים, און אַז זיי וועלן אַרויפשטייגן צו העכערע ראַנגען וועט דאָס זיין אַ ברכה פאַר דער אַרמיי. דאָס קלאַפּן מיט די מיילער וועט אויפהערן — האָט מיקי געברענט פון כעס.

אָבער דערוויילֿ איז דאָס ציין־מאַלעניש אָנגעגאַנגען. ס׳האָט אויסגעזען אַז יעדער זאָק מעל דאַרף באַקומען די פּערזענלעכע ברכה פון עמעצן. מיקי האָט זיך באַטראַכט אַלס שליח פון די פראָנט־סאָלדאַטן און האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר איירין בראָזע :

— מענטשעלעך, שטאָלצע מענטשעלעך,
גיב זיי נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע אויטאָריטעט, שפּילן
זיי אָפּ אַזעלכע שטיק אונטער גאָטס הימלען,
אַז זיי מאַכן די מלאכים וויינען... (שעקספּיר)

איוו קירשנער איז אויף אייגענער האַנט אַוועק איבער הייזער און געשעפטן און צונויפגעזאַמלט אַ היפּש ביסל קליידונג און קאָלדרעס. זי האָט אויסגעמיטן די פאַרמיטלונג פון זאַפּאַס־קוואַרטיר און עס אָפּגעשיקט מאַלאַן.

דאָס איז נישט געווען דער ערשטער קאָנפליקט מיקיס מיט דער הויפּט־קוואַרטיר. אַפילו יגאל ידין, וועלכער פלעגט געוויינלעך אויפנעמען מיקיס אידעען, האָט זיך אים קעגנגעשטעלט ווען ער האָט פאָרגעשלאָגן דורכצופירן אַ קורס פאַר בריגאַדע־קאָמאַנדירן. מיקי האָט געטענהט : איר מוזט זיך צוגעוווינען צו אָפּערירן מיט גרויסע פאָרמאַציעס.

יגאל ידין איז געווען קעגן דעם:

— אוממעגלעך. כ׳קען נישט אַרויסנעמען מענטשן פון זייערע פאָרמאַציעס.

די סיבות זענען נישט געווען קיין ריין־מיליטערישע. די יש־ראלים האָבן זיך געפונען אין אַ פּלאָנטער פון קעגנגעזעצטע אידעאָ־לאָגיש־פּאָליטישע שטרעמונגען און אונטער אַן אַנוואָקסנדיקן מילי־טערישן דרוק. יגאל ידין, דער פּאַקטישער הויפּט פון דער הגנה, האָט געמוזט מאַנעווורירן צווישן בן־גוריונס אָנהענגער און דעם סעפּאַראַטיסטישן פלמח. די טיילונג איז געווען נישט בלויז אַ פּאָליטישע נאָר אויך אויפן גרונט פון פערזענלעכער קאָנקורענץ און לאָיאַליטעט. אויך אין מלחמה־צייט ענדערט זיך נישט די מענטשלעכע נאַטור.

מיקי האָט נאָך מער ווי ידין זיך געדאַרפט היטן נישט אָנצו־טרעטן אויף הינער־אויגן מער ווי נייטיק. צייטנווייז פלעגט ער מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער פאַרשטייט בכלל נישט זייערע וויכוחים.

ס׳זענען אויך געווען אָביעקטיווע שטערונגען. די הגנה האָט זיך געראַנגלט צו שאַפן אַן אַרמיי אין מיטן פון שטייגנדיקן „קאַמפּעין״. נישט איין צוקונפטס־פּלאַן איז געשטאַנען אין קאָנטראַסט מיט די טאָג־טעגלעכע נויטן. וואָלטן זיי אַפילו אָנגענומען אַלע מיקיס פּלענער, האָבן זיי נישט אַלע מאָל געהאַט די מעגלעכקייט זיי דורכצופירן.

דאָס אַלץ איז מיקין געוואָרן פיינלעך־קלאָר. ער איז געווען ווייט פון דער היים, אין אַן אומבאַקאַנטן האַלב־מדברדיקן לאַנד, און די שוץ־ווענט וועלכע ער האָט פּרובירט אויפשטעלן האָבן אויסגעזען ווי זאַמד־שלעסער וועלכע ווערן אַראָפּגעשווענקט פון די כוואַליעס. ער האָט ווייניק, זייער ווייניק, דערגרייכט. די אַלע ערגערנישן האָט ער באַהאַלטן ביי זיך און זיי אַראָפּגעשלונגען.

ער האָט אויף אַ געהיימען אופן באַמערקט אַז זיין עצם זיין אין לאַנד מונטערט אויף די אַרמיי. זיין הסכמה צו פּלענער האָט געשטאַרקט דעם צוטרוי צו זייערע פּראָיעקטירער, אין אַ צייט פון

סכנות. מען האָט זיך צוגעהערט צו זיינע פּלענער, ווען מ׳האָט זיי אַפילו נישט אָנגענומען.

פּונקט ווי מיקי האָט געהויבן די מאָראַל פון די יידן אין ארץ־ישראל, אַזוי האָט עמאַ אונטערגעהאַלטן זיין מאָראַל. ער האָט געוווּסט אַז פאַר איר קען ער אויסגיסן זיין ביטער האַרץ, און זי וועט אים דערמונטערן אין אירע בריוו.

זיינע בריוו זענען פול געווען מיט געפילן, וועלכע ער האָט ביז איצט נישט אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר. ווייזט אויס, אַז די פּערס־פּעקטיוו פון דעם קומענדיקן פעלקס־קאַמף האָט פאַר אים אַנטפּלעקט די אוצרות וועלכע ער האָט געלאָזן הינטער זיך. אין פעברואר האָט ער געשריבן:

— מיין טייערסטע, מיין באַליבטע ווייב. איך בענק נאָך דיר זייער, זייער שטאַרק. דיין בילד שוועבט מיר פאַר די אויגן יעדע מינוט פון טאָג. דו ביסט מיין איינציקער אוצר אין דער גרויסער, ברייטער ווייט פאַרוואָרפענער וועלט. מאָרגן פאָר איך קיין ירושלים און איך טראָג דיך מיט אין מיין האַרצן.

מיקי פלעגט נייגעריק אָפּוואַרטן די אַדרעסירטע צו „מייקל סטאָן״ קאָנווערטן מיט דער קיילעכדיקער נעטער האַנטשריפט, וועלכע זענען אים נאָכגעגאַנגען איבערן גאַנצן ערדקיילעך.

— כ׳האָב נאָר וואָס דערהאַלטן דיין בריוו און אים דורכ־געלייענט עטלעכע מאָל. דיין האַנטשריפט פילט מיך אָן מיט אַ פרייד, וועלכע נעמט אַרום מיין גאַנץ וועזן. מיין ליבלינג! כ׳וועל זיין פאַרזיכטיק. גלייבסטו מיר, אַז נאָך היינטיקן זומער וועלן מיר צוזאַמען פאַרברענגען אויף אַ פאַרלענגערטער וואַקאַציע?״

דיסקרעט אין זיינע געפילן, האָט ער אָבער איצטער געש־ריבן אָפן וועגן זיין בענקשאַפט: „ווידער צו זיין אין דיינע אָרעמס, נאָענט צו דיר; איך חלום וועגן איין איינציקן קוש כאַטש!״ **— און אַזוי אין די בריוו פון ים־ברעג, פון מדבר און פון די בערג.**

שרייבנדיק וועגן די פּליטים פון אייראָפּע, וועלכע האָבן געדורשט

נאָך אַ ביסל מענטשלעכער צערטלעכקייט האָט ער צוגעגעבן:

„עס דערמאָנט מיך, אַז אויך איך בין אויסגעהונגערט, נישט נאָך סתם־צערטלעכקייט, נאָר נאָך דיין צערטלעכקייט, דיין ליבע" —

לכבוד פורים האָט מ׳יקי געשריבן פון חיפה:

„היים... אַלץ וואָס דאָס מיינט — ביסט דו, איז קאָנצענטרירט אין דיר. אָ, וואָס פאַראַ גליקלעכער צושטאַנד ווען נשמות צ׳ען זיך איינע צו דער אַנדערער; ווען ליבע מיינט — פרייהייט. מאָדנע, האַלב אַכט פרי צו טראַכטן וועגן פּאָעזיע... איך באַגרייף די פולקייט פון מיין גליק אויך איצטער, ווייט פון דיר, ווען מיין ליבע איז פול מיט בענקשאַפט... טרערן. מיר זענען באַשאַפן איינער פאַרן צווייטן, דאַרפן איינער דעם אַנדערנס פרייד און טרייסט"...

אָבער דערווייל איז געווען אַ וועלט מיט אַרבעט. די פּראָוויזאָרישע האַנטביכער זענען געווען כמעט פאַרענדיקט. די ערשטע סקיצן האָבן פאַרנומען 900 זייטן. שפּעטער געקירצט זיי אויף אַ העלפט. איבערזעצט אין דעם קאָמפּאַקטן העברעיִש, האָט עס פאַרנומען 280 זייטן. מ׳האָט געדאַרפט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל וועגן „טרופּן־באַוועגונג לויט דער ענגלישער טאַקטיק", וועלכע ווערט שוין איצטער פּראַקטיצירט.

מיקי איז אָנגעקומען אין לאַסקאָווס אָפיצירן־שולע צו באַאַרבעטן צוזאַמען מיט לאַסקאָוון דעם לעצטן קאַפּיטל. זיי האָבן געאַרבעט אינטענסיוו ביז שפּעט ביי נאַכט. ס׳איז געווען אַ הייסע זומערנאַכט מיט אַ מזרחדיק מדבר־ווינטל וואָס האָט נישט פאַרלייכטערט די שטיקנדיקע היץ. לאַסקאָוו האָט באַמערקט, אַז מיקיס לינקע האַנט ווערט אָנגעשוואָלן פון נאָכאַנאַנדיקן שרייבן. ער האָט פאָרגעשלאָגן אַן איבעררייס און אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף דעם צען אַזייגער קאָנצערט פון ירושלים.

מיקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטול, פאַרוואָרפן די הענט אונטערן קאָפּ און גייסטיק זיך איבערגעטראָגן אין דער וועלט פון

דער מאַצאַרט־סימפאָניע. ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט האָט ער באַמערקט: „דאָס איז ווערט געווען צוויי שעה שלאָף, חיים!
ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די זאַמד־בערג און געזאָגט:
— אַ מענטש וועלכער איז טויב פאַר מוזיק און ווערט נישט גערירט פון דער האַרמאָניע פון קלאַנגען, איז פעיִק אויף פאַרראַט, שווינדל און רויב. אַזאַ מענטש פאַרדינט נישט קיין צוטרוי.
ער האָט זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. ער האָט דערמאָנט לאַסקאָוון, דעם יידישן קעניג דוד, וועלכער האָט געצויגן זיין חיות פון מוזיק. דער יונגער קאָמאַנדיר לאַסקאָוו איז געזעסן שטיל און געצויגן זיין ליולקע, באַטראַכטנדיק מיקין וואָס זיצט און שרייבט שנעל, שנעל, ביי דער ליכט פון אַ נאַקעט עלעקטרי־לעמפל. ענדלעך האָט לאַסקאָוו געזאָגט:
— כ׳פאַרשטיי נישט!
— וואָס, די סקיצע וועגן „מאָטאָריזירטער באַוועגונג?״
— ניין, ניין, דאָס איז גאַנץ קלאָר. איך מיין אייך, מיקי, אייך פאַרשטיי איך נישט. פאַרוואָס זייט איר געקומען אַהער, און נאָכמער — פאַר וואָס זייט איר דאָ געבליבן?
אַ יונגערמאַן נאָך, די העלפט יאָרן פון מיקין, האָט לאַסקאָוו גערעדט מיט אים פריי און אָפן. מיקי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ קאַלטן בליק און געשוויגן.
— כ׳האָב געהערט עטלעכע געשיכטעס וועגן אייך — האָט לאַסקאָוו פאָרגעזעצט. מ׳האָט אייך פאָרגעשלאָגן אַן אַטאַשע־שטעלע אין מאָסקווע. אויב דאָס זעלנער־לעבן איז אייך ליב, האָט איר דאָך קיין בעסערס נישט געקענט דערוואַרטן. כ׳ווייס אויך וואָס איר האָט איבערגעלאָזן אין אַמעריקע — אַ שיינע פרוי, אַ באַקוועמע היים און אַ רייכע אַדוואָקאַטור־פּראַקטיק. דאָס אַלץ כדי זיך צו באַטייליקן אין אונדזער קאַמף, אין דעם געטומל און אין איינזאַמקייט?
— ס׳איז אַ נוצלעכער קאַמף, חיים!
— פאַר אונדז איז דאָס אַ לעבנס־פּראָבלעם. אָבער פאַר אַ מענטש וועלכער איז קיין מאָל נישט געווען קיין פאָליטישער ציוניסט?

מיקי האָט געצויגן די אַקסל.

— לאָמיר דאָס אָנרופן פּשוטע געוויינלעכע אָנשטענדיקייט.

— אָבער אָנשטענדיקייט — געננו ווי ערלעכקייט — איז נישט אַזוי געוויינלעך היינטיקע צייטן — האָט זיך לאַסקאָוו פאַרעקשנט. ס'איז אַ גוטע מידה אין ביכער. זייט מוחל מיין נייגעריקייט. אַזאַ מידה מוז האָבן טיפערע וואָרצלען...

דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל האָט צוגעוואָרפן לאַסקאָוון אַ שאַרפן בליק. ער האָט זיך דערמאָנט:

„מיקי פּאַראַדירט נישט מיט זיינע עמאָציעס" — האָט גענעראַל קלעי אַמאָל באַמערקט.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום פלעשל שנאַפּס, וואָס לאַסקאָוו האָט געהאַט פאַר אים צוגעגרייט.

— דער אמת איז, חיים, אַט דער—האָט ער געזאָגט טויט־ערנסט, אָנווייזנדיק אויפן אָנגעגאָסענעם גלעזל שנאַפּס — אַ חברה־מאַן וועלכן כ'האָב באַגעגנט אין איטאַליע אין 1945 האָט מיר דערציילט, אַז איר פאַרמאָגט דאָ דעם שטאַרקסטן ביטערן טראָפּן. האָב איך געמוזט קומען אַהער אים אויספּרובירן.

לאַסקאָוו האָט אויפגעהערט.

שפּעט ביינאַכט, ליגנדיק אויף זיין שמאָל פעלד־בעטל, האָט מיקי נאָכגעטראַכט וועגן לאַסקאָווס „פאַרוואָס?" אַמעריקע איז אין דעם פאַרמישט, די יו־ען, די די ־פּיס און „כל ישראל חברים"...

אָבער לאַסקאָוו איז גערעכט. די וואָרצלען זענען אַ סך טיפערע. זיין רייזע קיין ירושלים האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן מיט פיל יאָרן צוריק. טויזנטער בילדער האָבן אויפגעטויכט לעבעדיק אין זיין מוח: זיין עלטערער ברודער, דער „גרויסער מייק", שלאָגט זיך דורך אַ גערעכטן וועג דורך די גאַסן פון ברוקלין, פאַרפעסטעטע פון כולי־גאַנגען־באַנדעס... „פּושקאַרטס"־און קינדער־וועגעלעך... די רויקע פסח־שטילקייט אין איסט־סייד־בראָנזוויל, די האַרטע, גראָזבאַדעקטע ערד אונטער זיינע באַשלאָגענע שיך אויפן היי־סקול פוס־באָל־סטאַדיאָן... זיין מאַמעס טרערן־באַוואַשן געזיכט בעת ער איז מיט

זיינע ברידער אַוועק זאָגן קדיש נאָכן ערשט־פאַרשטאָרבענעם פאָטער...

איבער די אַלע בילדער, טויכן אויף די הויכע שטאַנגען פון דעם קאַדעטן־„טשאַפּל״ אין וועסט־פּאָינט... דער גרינער איבונגס־פּלאַץ פּאַזע דעם האָדסאָן טייך, די וואַרעמע טוכלע גימנאַסטיק־אַרענע, די אויסגעמישטע ריחות פון שוייס און דעם שאַרפן קילן ריח פון די יאָלקעס... אין זיינע אויערן קלינגט נאָך דער הו־הא־געשריי פון דער קאַדעטן־חברה ביים פּויסטן־געפּעכט, איבערגייענדיק שטופּנוויז צום מאַנאָטאַן־אויסגעצויגענעם, שוין לאַנג־פאַרגעסענעם געזאַנג פון זיין לערער... דאָס תלמוד־תורה־צימער — זיין ערשטע שאָקירנדיקע באַקאַנטשאַפט מיט די אַלטע יידישע חכמים. און דאַן —

די שאַרפע ליכטער האָבן ווידער אויפגעלויכטן איבער זיין קאָפּ, די געשרייען אַרום דער אַרענע זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און העכער:

„וואָס וואַרטסטו, מיקי? דערלאַנג אים מיט דיין לינקער! מענטש איינער, מיט דער לינקער!...

קאַפּיטל זעקס

מיטן אָנקומען פון מיקי מאַרקוס אין וועסט־פּאָינט, אין 1920, האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די ערע פון פויסטן־קאַמף.

אין מיקיס ערשטן יאָר אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע האָט דער נייער דירעקטאָר, דאוגלעס מעק־ארטור, אַ פעלד קאָמאַנדיר אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערהויבן דעם פויסטן־געפעכט צו אַ וויכטיקן ספּאָרט און פאַרשריבן זיינע קאַדעטן צום פאַרמעסט מיט די קאָלעדזש׳ס פונעם לאַנד. אַ יאָר שפּעטער איז די ליסטע פון די פאַרמעסטן פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע געווען אַ פולע.

אָבער מיקי מאַרקוס דערגרייכט זיין ערשטן דערפאָלג נאָך איידער די מיליטערישע אַקאַדעמיע פירט איין דעם דאָזיקן ספּאָרט אין איר לערן־פּראָגראַם. פאַר קריסמעס פון 1920־21 באַזיגט ער דזשאָן וו. האַרמאַני, קאַדעט פון צווייטן יאָר, לייכט־וואָגיקער טשעמפּיאָן פון קאָלעדזש, וועלכער איז ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט באַזיגט געוואָרן.

האַרמאַניס חסידים זענען זיכער, אַז מיקיס זיג איז אַ צופעליקער, וואָס וועט זיך נישט איבערחזרן אויב מיקי וועט וואָגן צו פאַרמעסטן זיך מיט האַרמאַנין אַ צווייט מאָל אין קאָנטעסט־פאַרמעסט פון אַלע קלאַסן אין 1921/22. און זיי האָבן געהאַט אַ גרונט דערצו. האַרמאַני איז געווען אַ צוויי־העגטיקער שאַרף־צילער, וואָס האָט ביז איצט אָנגעהאַלטן דעם פערפעקט־רעקאָרד פון די קאָלעדזש־פאַרמעסטן. מיקין פעלט האַרמאַניס גלאַנץ. ער איז אַ שטרענגער באָקסער פון פרייען סטיל. אָבער אָן ערך אַ העלפט פונעם קאַמפּוס — און אַלע פון מיקיס קלאַס — האָט געגלייבט אין מיקין. זיי זענען געווען

זיכער, אַז ער האָט די פּאַסיקע מוסקלען צו געווינען ווידער אַ מאָל.

זיי האָבן געצווייפלט צי ער וועט קענען אָנהאַלטן די וואָג־באַגרענעצונג פון 135 פונט. אָבער זיי האָבן געהאַט אַבסאָלוטן צוטרוי צו דער קראַפט פון מיקיס לינקן פויסט.

זיין „לינקער" איז שוין געוואָרן לעגענדע אין קאַמפּוס.

אין אָרגאַן פון וועסטפּאָינט איז געווען אַזאַ באַמערקונג:

„קיינער וועט נישט פאַרגעסן דאָס מורמלעניש פון עולם ווען זיין אייזערנער „לינקער" האָט אָנגעהויבן זיין שטורעמדיקן אַטאַק פון אונטן אַרויף. נישט געקוקט צי ער איז געקומען איז באַרירונג אָדער נישט."

בריגאַדיר־גענעראַל דזשיראַרד קעללי, איינער פון די שופטים פון פויסט־געפעכט געדענקט אַז די „או'ס" און די „א'ס" זענען געווען שרעקלעך. יעדער איינער האָט זיך צוגעקוקט צו זיין האַמער־דיקן „לינקן".

פויסט־פאַרמעסטן זענען געוואָרן אַ גרויסע אַטראַקציע.

אין פרילינג 1922 איז פאַרגעקומען דער צווייטער פאַרמעסט האַרמאָני — מיקי. ס'איז געווען קלאָר פאַר אַלע ספּאָרט־געניטע קאַדעטן, אַז די צוויי קאָנקורענטן זענען די בעסטע באָקסער פון אַלע קאַלעדזשעס. הגם דאָס וועטן זיך איז אָפיציעל געווען שטרענג פאַר־באָטן אין דער אַקאַדעמיע, און דורך דעם פאַרבאָט צו באַזיצן געלט — כמעט אוממעגלעך, האָט פונדעסטוועגן די קאַדעטישע „געניאַלי־טעט" געפונען אַן אומוועג אָפּצונויגן פון דעם אָפיציעלן פאַרבאָט.

קיין געלט איז טאַקע נישט געווען, אָבער צוקונפטיקע פּאָרציעס פון פרוכט, געבעקס, אייזקרעם זענען יאָ געווען. און דאָס איז געוואָרן אַ מיטל צום געוועט. מ'האָט פשוט איינגעשטעלט די וואָך — אָדער מאָנאַט־פּאָרציע. ריזיקאַנטן האָבן זיך געוועט אויף יערלעכע פּאָרציעס. אויך די מילך־פּאָרציעס האָבן געדינט אַלס איינשטעלגעלט. קליידער־אַרטיקלען אַלס געוועט־מיטל איז געווען צו ריזיקאַליש. דער קאַדעט האָט געקענט דיסציפּלינאַר באַשטראָפט ווערן פאַרן טראָגן אַ בגד באַצייכנט מיט אַ פרעמדן נאָמען.

אַ סך קאַדעטן האָבן ריזיקירט. כאָטש אין פאַרגלייך מיט לאָס־וועגאַס זענען די געוועטן געווען קוים איינדרוקספול: זעקס מאָנאַט־לעכע מילך־פּאָרציעס מיט אַן עטוואָס געניצטן „סעם־בראַון"־גאַרטל במקום אַ יאָר פּרוכט־געבעקס.

לויטן „האָוויצער" פון 1922, איז שוין טעג פאַרן האַרמאָני־מיקי־פּאַרמעסט יעדער פון זיי „געווען אונטערשטיצט פון אַלע קאַדעטן פון זיין קלאַס". די גאַנצע דיעטעטישע און הלבשה־סטרוקטור פון דער אַקאַדעמיע איז געהאָנגען אויף דער וואָגשאָל פון פּאַרמעסט.

צוליב דעם גרויסן אינטערעס צו דעם פּאַרמעסט, האָט מען אים אַריבערגעפירט פונעם אַלטן גימנאַסטיק־סטאַדיאָן אינעם בעסקעט־באָל־אוידיטאָריום, ספּעציעל צוגעגרייט פאַר דעם צוועק. די שורות זיץ־און שטיי־פּלעצער זענען געווען געפּאַקט מיט קאַדעטן און זעלנער.

אויבן, גאָר אויבן, איז געווען אַ פינף־שורהדיקער באַלקאָן אַרום דער אַרענע, רעזערווירט פאַר הויך־ראַנגיקע אָפיצירן און איינגעלאַ־דענע געסט מיט מעק־אַרטור אין צענטער. דער גענעראַל האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון זיין נייגעריקן אינטערעס. אין די באַלקאָן־רייען זענען געזעסן פּראָפעסאָרן, אינסטרוקטאָרן מיט זייערע פאַמיליעס.

ניין אַזייגער אָוונט, ווען די צוויי קעמפער זענען ארויס פון זייערע צימערן און זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צו דער אַרענע, זענען אַלע פּלעצער געווען פאַרנומען ביז לעצטן אינטש. איבער דריי טויזנט מענטשן זענען דאָרטן געווען. מיקי און האַרמאָני האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די לעצטע אינסטרוקציעס פון דעם פּויסט־קאַמף אינסטרוקטאָר בילי קאַוואַנאַ, געוועזענער באָקסער, מיט אַ צוגעפּלאַטשט אויער.

דער געפעכט האָט געדאַרפט באַשטיין פון דריי רונדעס. לויט די אַלטע פאַרשריפטן פונעם „מאַרקיז פון קווינסבערי". דער אינ־טערוואַל צווישן די רונדעס — איין מינוט צייט. יעדער פאַל צו דער ערד פאַרענדיקט אויטאָמאַטיש אַ רונדע. „נאָק־אַוט" ווערט

פאַררעכנט ווען דער געפאַלענער בלייבט ליגן אויפן באָדן אַ מינוט לאַנג.

דזשאָן וו. גראַמבאַך, איצט בריגאַדיר־גענעראַל אין רעזערוו, האַרמאָניס אינסטרוקטאָר בעתן געפעכט פאַרגעדענקט די סצענע:

„מאַרקוס איז געווען אַ טונקל־הויטיקער מיט שוואַרצע האָר און דורכדרינגלעכע שוואַרצע אויגן. אַ שווער־לייביקער מיט אַ ריזיק־אַנטוויקלטער ברוסט, אָרעמס און אַקסלען און אַ ביסל דיקלעכע פיס. ס׳איז אים שווער אָנגעקומען אָנצוהאַלטן די 135 פונט, די וואָג פון אַ לייכטוואָגיקן באָקסער".

„האַרמאָני איז געווען העל־הויטיק, מיט ברוינע האָר און אַ טיפּיש אירלענדיש־געזיכט. ער איז געווען אַ פּאָר אינטש העכער פון מיקין און פיל לייכטער אויף די פיס. די ספּעציעלע באַלויכטונג האָט אַקצענטירט דעם אונטערשייד פון ביידנס קאָלירן".

„מאַרקוס, אַ גימנאַסטיקער, געאיבט אין הייבן שווערע געוויכ־טער, איז געווען גענייגט צו זיין אַ ביסל ווייניקער רירעוודיק".

„די קאָנקורענטן זענען אַרויס פון זייערע ווינקלען גרייט איינער דעם צווייטן דורס צו זיין. האָבנדיק דורכגעמאַכט בשותפותע טרע־נירונג סעסיעס זענען זיי געווען באַקאַנט יעדער מיטן צווייטנס סטיל."

לויט גראַמבאַך, איז מיקי געווען „זייער אַגרעסיוו, זיינע קלעפּ — נישט געצילטע, אָבער אומאויפהערלעך און פון אַלע זייטן. האַרמאָני, דאַקעגן, האָט זיך באַוועגט געשווינד אין אַ טאַנצנדיקן סטיל. זיינע קלעפּ זענען געווען שוואַכער אָבער פּינקטלעך און אויסגערעכנט. ס׳איז געווען אַ קלאַסישער פאַרמעסט צווישן אַ מעכטיקן קלאַפּער און אַ מייסטער־פעכטער".

„אין דער ערשטער רונדע, פאַרביטערט פון זיין פריערדיקער מפּלה, האָט האַרמאָני באַשלאָסן צו דערלאַנגען מיקין שנעלע שטור־כיקע קלעפּ, טאַנצנדיק אויף די שפּיץ פינגער, אַריינפאַלנדיק אין אַ קלאַמער־אויסטויש. פאַר די אויגן האָבן געשווינדלט באָקס־הענטשקעס."

לויט אַ צוויטן עדות, האָט עס אויסגעזען „ווי אַ הענטשקע־פאַבריק וואָלט אויפגעריסן געוואָרן. אין פאַרלויף פון פערציק סעקונדן איז דער גאַנצער עולם געשטאַנען אויף די פיס, געשריען און דער־מוטיקט יעדער זיין פאַוואָריט, כאָטש ס׳איז געווען נישט מעשה־דזשענטעלמען און קעגן די געזעצן פון אַקאַדעמישע ספּאָרט־ גע־פעכטן. די קולות האָבן דערגרייכט באַשטראָפטע קאַדעטן, וועלכע האָבן טרעניערט אַ האַלבע מייל ווייט פון אוידיטאָריום״.

אין דער ערשטער רונדע האָט מיקי געהאַט די אויבערהאַנט; כאָטש אַ געלינקטער, האָט ער געפּאַכטן לויטן קאָנווענציאָנעלן שולחן ערוך, ד״ה זיין „מערדערישע לינקע״ אויסגעשטרעקט אַנטקעגן זיין קעגנער.

גראַמבאַך, אין יענער צייט אַ נישט־באַזיגטער שווער־געוויכט באָקסער פון די קאַלעדזשס און שפּעטער, אין יאָר 1924, אַ באָקסער אין די אָלימפּישע פאַרמעסטן האָט געעצהט האַרמאַנין צו ענדערן זיין טאַקטיק און פעכטן פון אַ ווייטערער שטרעקע. די עצה האָט געהאָלפן. די גאַנצע צווייטע רונדע האָט ער זיך בלויז באַשיצט פון מיקיס קלעפּ, וואָס זענען געפאַלן אויף אים פון אַלע זייטן און אָנגעהאַלטן דעם ווייט־שטרעקע־דיסטאַנץ. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַריינגעשאָסן אַ גראַד־ליניקן זעץ. ביי אַ נאָענטערן געפעכט, האָט האַרמאַני אים אַרומגעקלאַמערט איידער מיקי האָט באַוויזן אים צו באַשעדיקן.

אין דער דריטער, אַנטשיידנדיקער רונדע, האָט גאָר מיקי גע־ענדערט זיין טאַקטיק. ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן ווי פאַרשעמט. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן אָנגרייפן מיט זיין רעכטער האַנט. און ווען האַרמאַני האָט זיך איינגעבויגן, אויסצומיידן אַ קלאַפּ, האָט זיך עפּעס אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז פאַרפלויגן אין צווייטן עק פון דער אַרענע. מען האָט נישט געדאַרפט מודיע זיין האַרמאַנין, אַז דאָס איז געווען מיקיס אייזערנער „לינקער״. זעקס און צוואַנציק יאָר שפּעטער, אַלס מאַיאָר־גענעראַל אין רעזערוו האָט האַרמאַני דערציילט:

נאָך עד־היום פיל איך דעם שווערן האַמער־זאַץ פון מיקיס „לינקער". כ'האָב ווייטער געקעמפט נאָר אַ דאַנק מיין אָקסענעם נאַקן".

דער עולם האָט דאָס געפילט. מיקיס קלאַס־חברים האָבן אויפ־געהויבן אַ ליאַרעם ביז צום טויב־ווערן: „גיב אים דעם טויט־קלאַפּ מיט דיין „לינקער!" — האָבן זיי געשריען — און אַ סוף צום געפעכט. אָבער אומדערוואַרט האָט מיקי דערלאַנגט האַרמאַנין אַ סעריע קלעפּ מיט זיין „רעכטער" וועלכע האַרמאַני האָט באַוויזן אָפּצושטעלן, וואַרפנדיק זיך אויף מיקין אין פאַרעקשנטער אַרומ־קלאַמערונג. ביים סוף פון דער רונדע האָט האַרמאַני שוין געהאַט צוריק געוווּנען זיין גלייכגעוויכט און זיך פאַרטיידיקט נאָרמאַל.

די שופטים האָבן זיך שנעל באַראַטן און באַשלאָסן אַן עקסטראַ רונדע. ס'איז געווען אַן איבערחזרונג פון דער פריערדיקער, דריטער רונדע. מיקי האָט געקעמפט מיט זיין „רעכטער" און טויב צום געבעט פון זיינע אָנהענגער נישט באַנוצט די „לינקע". האַרמאַני איז געקומען צו זיך און אַריינגעציילט מיקין קלעפּ פון אַ דיסטאַנץ. די דעציזיע איז שוין פון פריער געווען אַ קלאָרע.

מיקיס קלאַס־חברים פון 1924 זענען געזעסן פאַרשטיינערט און געשוויגן. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס מיקי דערלאַנגט נישט דעם טויט־קלאַפּ מיט זיין „לינקער".

האַרמאַני, אַן אויסגעשעפּטער אָבער אַן אויפגעלייגטער, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם מאַסאַזש טישל אין גימנאַסטיק צימער. דער געדראַנג פון אַוועקגייענדיקן עולם האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן. די אויגן פאַרמאַכט האָט ער דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר און דאָס הויכע קול פון זיין קאָנקורענט. צוזאַמען מיט מיקין איז אין צימער אַריין דער מעדיקער דורכצופירן די רוטין־אונטערזוכונג פון די פולסן און בלוט דרוק פון די פעכטער.

דערפילנדיק, אַז מיקי זעצט זיך אַוועק ביי זיין רעכטער זייט, האָט האַרמאַני אָנגעכאַפּט זיין לינקע האַנט און גוטברודעריש זי אַ דריק געטאָן.

— אוי! — האָט מיקי אויסגעשריען און צוריקגעצויגן זיין האַנט. האַרמאַני האָט געעפנט זיינע אויגן פאַרוווּנדערט.

דער מעדיקער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיקין.

— לאָזט מיך באַטראַכטן אייער לינקן אָרעם.

ווען ער האָט באַטאַפּט דעם געלענק איז מיקי אונטערגעשפּרונגען.

— איך האָב עס פאַרשטאַנען, הער מאַרקוס. אייער לינקער אָרעם איז אַרויס פון געלענק.

— יאָ, סער! האָט מיקי געענטפערט.

— ווען איז דאָס געשען? — האָט דער מעדיקער געפרעגט.

— כ׳בין נישט זיכער, סער! היינט נאָכמיטאָג בין איך אַראָפּגעפאַלן פון פערד.

— און איר האָט זיך געשטעלט צום קאַמף, וויסנדיק אַז...

— דעם אמת געזאָגט, איז דער ווייטיק נישט געווען שטאַרק, סער, ביז כ׳האָב דערלאַנגט האַרמאַנין מיט מיין „לינקער״ אין דער דריטער רונדע.

דער מעדיקער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, שווייגנדיק. האַרמאַני האָט זיך אונטערגעהויבן אויף זיינע עלנבויגן און פאַרווּנדערט אים אָנגעקוקט. מיקי האָט געצויגן מיט די אַקסל און אויסגעבראָכן מיט זיין אַנטוואָפנדיק שטשירנדיק געלעכטער.

— ס׳איז גאַנץ פּשוט, טשאַרלי. מיין גאַנצער קלאַס איז געווען איינגעטונקן ביז איבער די אויערן אין געוועט. און ס׳איז נישט געווען עמיצער וואָס האָט זיך געקענט פאַרמעסטן קעגן האַרמאַנין. האָב איך ריזיקירט.

מיקי און זיין מיטקוואַרטיראַנט טשאַרלי סטיווענסאָן זענען געזעסן אויף זייערע פעלד־בעטלעך אין זייער צימער אויפן אויבערשטן שטאָק אין דרום־באַראַק. טשאַרלי, אַ געפּאַקטער יונג מיט אַ פּאַר־ריסענער נאָז האָט זיך אָנגעשטרענגט איינצוהאַלטן זיין געווײנלעכע גוטע שטימונג.

— קיינער וואָלט נישט געוואָלט אַז צוליב אַ פּאָר קוואָרט מילך אָדער אייזקרעם זאָלסטו ריזיקירן דיין האַנט, דו שוטה איינער.

— ס׳איז נישט בלויז פאַר אייזקרעם. חברה האָט זיך אויף מיר פאַרלאָזט און כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל אַז כ׳וועל אים אפשר באַזיגן. ס׳האָט דאָך טאַקע געהאַלטן נישט ווייט פון דעם — האָט מיקי געענטפערט.

טשאַרלי האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מיקיס שרייבטיש ביים פענצטער. ער האָט געפינען דאָס בוך: „רעגולאַמין פון דער יו. ס. מיליטערישער אַקאַדעמיע" און זיך אויסגעדרייט צו מיקין:

— אפשר בין איך בלויז אַ נאַרישער ברוקלינער בחור — האָט ער געמורמלט, אָבער כ׳קען נישט געפינען דעם פּאַראַגראַף אינעם רעגולאַמין וואָס איז מחייב אַ קאַדעט זיך צו פאַרמעסטן אַקעגן דעם שאַרפסטן באָקסער אויפן קאַמפּוס מיט בלויז איין האַנט.

מיקי האָט זיך צעכיכיקעט און זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל.

— אפשר קוקסטו אַריין אין דעם נישט ריכטיקן בוך, טשאַרלי?

פאַרוואונדערט, האָט טשאַרלי אַוועקגעלייגט דאָס בוך און אויס־געפאָרשט די איבעריקע ביכער: טריגאַנאַמעטריע, מאַפּע־לעזונג פונדאַמענטאַלע קאַנאָנען־באַהאַנדלונג, אַ ווערטבוך און... ער האָט אויפגעהויבן אַ דיק־אַנגעשוואָלענעם באַנד מיט אָפּגעריבענער שריפט. ער האָט אים אויפגעהויבן צום ליכט און איבערגעלייענט דעם טיטל: „די עטישע לערע פון באַבליאַנישן תלמוד". ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיקין:

— איז דאָס וואָס דו האָסט...?

אָבער זיין סודותפולער מיטקוואַרטיראַנט איז שוין געווען איינגעשלאָפן.

☆

דער תלמוד און די טעקסט־ביכער פון וועסט־פּאָינט זענען געווען סימבאָליש און כאַראַקטעריסטיש פאַר מיקין. זיי זענען געווען די צוויי ווינקל־שטיינער פון זיין דערציִונג. אין פלוג, נישט אידענטיש,

אָבער דאָך פול האַרמאָנישער ווי דאָס האָט אויסגעזען צו זיין אויבנאויפיק.

מיקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1902 אין וואַשינגטאָנס געבורטס־טאָג אין אסתר־סטריט נומער 103 אין איסט־סייד, מאַנהעטן. דוד־דניאל, זיין ריכטיקער נאָמען, איז געווען דאָס פינפטע קינד פון מרדכי און לאה מאַרקוס, אַן עמיגראַנטן־־פּאָרל פון יאַס, רומעניע. זיין פּאָטער, ווי טויזנטער אַנדערע פּליטים פון פּאָגראָמען אין אייראָפּע, האָט געצויגן זיין חיונה פון אַ פּרוכט־ און גרינוואַרג־„פּושקאַרט" אין אָרטשאַרד־סטריט. אין די אָוונטן פלעגט ער פאַרחלומט קוקן צו דער ברוקלין בריק וועלכע האָט געפירט צו זיין לעגענדאַרישן ברוקלין, אַ פּלאַץ פון שטילע גאַסן און גרינע פעלדער. איידער מיקי איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט דאָס מזל אַריינגעשיינט צו דער משפּחה. זיין פּאָטער האָט שוין פאַרמאָגט אַן אייגן ווינקל אין וואַשינגטאָן־מאַרק און געקענט דערלויבן זיך אַריבערצוציען קיין ברוקלין. ער האָט אַריבערגע־פירט זיין משפּחה פון דעם שמוציקן פינפטן שטאָק אין איסט־סייד־געטאָ אין אַ לופטיקער דירה אין ברוקלין.

דער חלום איז געוואָרן וואָר. די קינדער זענען געגאַנגען אין שולע. לאה מאַרקוס האָט געהאַט ווייסע מעל אויף חלות, און ס'איז געווען פאַרוואָס צו דאַנקען זיין ליבן נאָמען פּרייטיק־צונאַכטס ביים ליכטבענטשן.

פּלוצלינג איז מרדכי מאַרקוס קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. איבער נאַכט איז דער פּרנסה־קוואַל פון דער משפּחה פאַרשטאָפּט געוואָרן, דער קליינער קאַפּיטאַל איז אַוועק ווי מיטן רויך און זיי זענען ווידער אַמאָל געווען געצוווּנגען אַריבערצוציען זיך אין אַ גאַס פון בראַנזוויל, צווישן די באַנרעלסן פון דער לאָנג־איילאַנד באַנליניע און סאָבווי. מיקין איז דעמאָלט געוואָרן אַכט יאָר.

די לאַסט פון דער משפּחה איז איצטער געפאַלן אויף זיינע עלטערע דריי ברידער. דער עיקר אויף די פּלייצעס פונעם ברודער מיט די געזונטע הענט, דעם „גרויסן מייק", אַ זעלבשטענדיקער,

זיבעצניאָריקער בחור. ס׳זענען געווען זיבן מיילער צום עסן — נאָך מיקין איז געבוירן געוואָרן אַ שוועסטער — און דאָס אי־בערציען זיך און בראַנזוויל האָט זיי אויסגעשטעלט אויף ראַסיס־טישע העצערייען, פון וועלכע אויך די נייע וועלט איז נישט געווען פריי.

זייערע נייע שכנים זענען געווען פּראָסטע, אומגעהובלטע יונגען, וועלכע האָבן געזוכט פון אונטער דער ערד וועגן אַנצוטאָן צרות די נייע געקומענע „שיניס" (אַ זידל־וואָרט פאַר יידן).

אַ באַליבטער צייט־פאַרטרייב איז געווען ביי זיי אָפּצושטעלן אַן אַלטן ייד וואָס גייט אין שול און ווילד ציפּן זיין לאַנגע געדיכטע באָרד. די פייניקער האָבן שנעל אויסגעפונען אַז ווי נאָר דער „עלעווייטער" פאַרלאָזט די לעצטע סטאַציע, זענען זיי פריי צו שרעקן און שלאָגן די הילפלאָזע אַלטע לייט, וויפל זייער האַרץ גלוסט.

דער „גרויסער מייק" האָט זיך גענומען צום עניך. ער האָט צונויפגעקליבן שטאַרקע יידישע בחורים, אויסגעפונען די זאַמל־פּלעצער פון די צעווילדעוועטע שקצים און זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער. דאָס באָרד־רייסעניש האָט אויפגעהערט.

דאָס איז געווען אַ העלדנטאַט וועלכער האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם ביים קליינעם מיקי. ער האָט באַשלאָסן גיין אין די פוסטריט פון זיין העלדישן ברודער, דער „גרויסער מייק".

נאָך אַ בראַנכיט־אָנפאַל האָט מען זומער אַרויסגעשיקט מיקין אין אַ קינדער־קעמפּ פאַר אונטערדערנערטע קינדער אין קאָנעק־טיקוט. זיין פרייד צו פאַרברענגען אין פריילאַנד איז שנעל פאַר־שווונדן. אין לאַגער זענען געווען פינף הונדערט קינדער, צווישן זיי אַן ערך הונדערט יידישע. צווישן די גויים זענען געווען פאַרביסענע אַנטיסעמיטן און זייערע „קוואַליפיקאַציעס" אַלס אונ־טערדערנערטע זענען געווען צווייפלהאַפטע.

נח טשעיס, אַ בראַנזווילער איינוווינער וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט מיקין אין קינדער־קעמפּ, דערציילט:

„פון ערשטן טאָג אָן זענען די יידן געוואָרן אַטאַקירט. ווען מיר האָבן זיך פּאַרטיידיקט האָט מען אונדז אָנגעבראָכן די ביינער. האָט אַ יידיש יינגל זיך אויסגעצייכנט אין אַ געשלעג איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ גרויסער יונג, אַ שטאַרקער און פון דאָס ניי אָנגעהויבן דאָס געשלעג. ס׳איז אַריבער אַ שטיקל צייט. די יידישע יינגלעך האָבן מער נישט רעאַגירט אויף די באַליידיקונגען, אַבי מ׳זאָל זיי לאָזן צורו״.

אָבער נישט מיקי. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין געשלעגן כאָטש ער האָט געוווסט אַז אַ מינוט שפּעטער וועט ער ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. נישט נאָר איז מיקי געוואָרן דאָס ציל־ברעט פון אַלע קעמפּ־סאַדיסטן, נאָר די אויפזעער, די דער־וואַקסענע האָבן אויף אַן „אומפּאַרטייאיש״ אופן באַמערקט אַז דאָס יינגל מאַרקוס איז שטענדיק פאַרוויקלט אין געשלעגן. האָט מען אים אָפט געגעבן דעם סטאַנדאַרטן שטראָף־מיטל פון קעמפּ — קאַסטאָר־אויל. צוריקגעקומען קיין בראָנזוויל צעשלאָגן און דערשעפּט האָבן נח טשעיס און מיקי נאָכגעטראַכט וועגן זייער מיזעראַבלער וואַקאַ־ציע. — אפשר — האָט נח זיך אָנגערופן, — וואָלטן אויך מיר ווי אַלע אַנדערע געדאַרפט פאַרשווייגן.

— עפּל־צימעס! — האָט מיקי שאַרף געענטפערט. — מיין ברודער מייק האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, און ער האָט עס בקבלה פון אונדזער פאָטער, אַז מ׳טאָר נישט אַנטלויפן. ווייל קוים הייבסטו אָן לויפן ועסטו זיך קיין מאָל נישט אָפּשטעלן!

— אָבער אַז דער אָנגרייפער איז גרעסער? — האָט נח געפרעגט.

— איז וואָס? בעסער צו קעמפן און פאַרלירן איידער זיך אונטערגעבן פון פאַראויס.

— כ׳ווייס נישט, הלוואי וואָלט מען געקענט עפּעס טאָן — האָט נח געזאָגט.

— מ׳קען! — האָט מיקי באַטאָנט. נח האָט אים אָנגעקוקט.

— כ׳וועל זיך נעמען אַנטוויקלען מיין קערפּער צו אַזאַ שטופע,

אַז כ׳וועל זיך קענען קעגנשטעלן יעדן איינעם, אויף יעדן פּלאַץ,
— האָט מיקי געזאָגט.

דער „גרויסער מייק״, ווּעמענס קערפּער־געבוי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קאָמבינאַציע פון אַ פּיאַנע־טרעגער און אויגן־כירורג, איז געווען אַ הייסער חסיד פון גימנאַסטיק. ער האָט שטענדיק געפונען צייט, צווישן זיין שטעלע אַלס בוכהאַלטער, באַצאָלט מיט זעקס דאָלאַר אַ וואָך, און ספּעציעלע נאַכט־אַרבעט פאַר אַ פּאַפּיר־אימפּאָרטער, זיך אַריינצוכאַפּן אין דער „העברעישער בילדונגס־געזעלשאַפט״ אויף האָפּקינסאָן־ און סאַטער־עוועניוס און געמאַכט דאָרט גימנאַסטיק מיט געוויכטער און אויף שטאַנגען, אָדער גאָר עטלעכע באָקס־רונדעס אויפן רינג. און דאָ האָט ער פּלוצעם אַנטדעקט אַ שותף, זיין יינגערן ברודער מיקי. מיקי איז מיט עקשנות נאָכגעגאַנגען זיין עלטערן ברודער צום גימנאַסטיק־פּלאַץ אין „בעטסי הייד־פּאַרק״ אויף ריווערדייל־עוועניו, ווו די לאָקאַלע אַטלעטן האָבן פאַרבראַכט זייער „וויקענד״. דער „גרויסער מייק״ איז געווען צופרידן צו ענטפערן אויף זיינע שאלות. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן באַשיימפּערלעך, אַז דעם קליינעם יינגלס דראָטענער קערפּער איז פּאַסיק פאַר גימנאַסטיק. גאָר שנעל האָט ער זיך געפילט היימיש צווישן די רינגען און פּאַראַלעלע שטאַנגען. ער האָט זיך אויך געלערנט צו באַנוצן מיט די פויסטן.

אַזוי האָט זיך צעמענטירט די חברשאַפט צווישן די ברידער נאָך איידער זייער פאָטער, מרדכי מאַרקוס, איז געשטאָרבן. אַ קינד, ווען דער „גרויסער מייק״ איז געוואָרן דער ברויטגעבער פון דער משפחה, האָט אים זיין קליינער ברודער נאָך מער פאַרגעטערט. און ווייל ער האָט זיך שטענדיק נאָכגעשלעפּט זיין ברודער מייק, האָט מען אָנגעהויבן רופן אים „קליינער מייק״ און שפּעטער פאַר־צויגן אויף „מיקי״.

זיין פאָטערס טויט האָט געבראַכט מיקין אַ נייע דערפאַרונג. טריי דער יידישער טראַדיציע, פלעגט ער אויפשטיין גאַנץ פרי צו גיין מיט זיינע ברידער זאָגן קדיש. ביסלעכווייז האָט אים די

הייליקע אַטמאָספער פון שול אָנגעפילט מיט באַצויבערונג און דערלייכטערונג. דער סענסיטיווער יינגל־יתום האָט געפונען אין גאָט אַ טרייסט.

ס'איז לייכט אָנגעקומען זיין מוטער צו ווירקן אויף אים ער זאָל זיך פאַרשרייבן אין תלמוד־תורה, ווו מ'האָט געלערנט אויסער חומש אויך גמרא.

דער תלמוד איז אַ פירוש אויפן תנ"ך געשאַפן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער דורך די תנאים און אמוראים אַלס תורה שבעל־פה. אין זעקסטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן האָט מען איינגעזאַמלט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון דעבאַטעס, פירושים, לעגענדעס און עטישע פאָרמולירונגען אין שריפט. דער תלמוד איז אין גרונט גענומען אַ מאָראַליסטישע לערע וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן רעכט און אומרעכט און איז מיט געוויסע אויסנאַמען אַקטועל ביזן היינטיקן טאָג. נישט אומזיסט האָט דער תלמוד געפינען אַן אָפּ־קלאַנג אין דער נשמה פונעם יונגן סענסיטיוון מיקי.

יעדן טאָג נאָכן ענדיקן די שול־לימודים פלעגט זיך מיקי איילן אין דער תלמוד־תורה. ער האָט זיך געגרייט צו זיין בר־מצווה. אַלץ האָט דאָרט זיך געדרייט אַרום דעם „וועג" — לויט דער באַצייכענונג פונעם כינעזישן רעליגיעזן פילאָזאָף, לאַ־אָ־טסע, פון זיבעטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן — דער וועג פון ריכטיקער אויפפירונג פון מענטש אינעם לעבן.

שפּעטער, נאָך דער בר־מצווה, שוין אַ פאַרברענטער ספּאָרט־לער, האָט ער נאָך אַלץ באַזוכט די תלמוד־תורה. בעיקר האָט אים געלאָקט דער תלמודישער צוגאַנג צום לעבן וועלכער פאַרערט נישט בלויז די גאָטהייט, נאָר אויך דעם מענטש. „אפילו די רשעים זענען אַ טייל פון גאָטס באַשאַף". „האַלט טייער דעם חברס כבוד ווי דיין אייגענעם".

מיקיס דערציער האָבן גאַנץ גוט באַגריפן די סאָציאַלע מסקנות פון די דאָזיקע לערעס. אַ מענטש קען נישט וואַקסן ווען ער איז געפּענטעט. דער באַדינג פאַר אינדיווידועלער אַנטוויקלונג איז

פרייהייט, מיטגעפיל און יושר. נאָך לאַנג, לאַנג פאַר דזשאָן דאַנגע האָבן די חכמים פעסטגעשטעלט, אַז אַ מענטש מוז זיין אַקטיוו: „אויב איך אַליין וועל אויף זיך נישט אַכטונג געבן וועט דאָס אַן אַנדערער נישט טאָן פאַר מיר; אָבער אויב איך האָב אין זינען בלויז זיך, איז וואָס פאַר אַ מענטש בין איך?" באַזונדערס האָט זיך מיקי איבערגענומען מיט דער פליכט וואָס דער תלמוד לייגט אַרויף אויף די שטאַרקע: די אַקצענטירונג פון טאַטע אָנשטאָט פוסטע צערעמאָניעס.

„דאָרט ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין מאַן, זיי דו דער מאַן.

אָט די אַלע סענטענצן האָבן געפינען אין מיקין אַ פּרוכט־באַרן באָדן. זיין פאָרבילד איז געווען דער עלטערער ברודער, דער „גרויסער מייק" וועלכער האָט אין עלטער פון זיבעצן יאָר איבער־גענומען אויף זיך די גאַנצע אחריות פאַר דער פאַריתומטער משפחה. ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט און די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן געצווונגען די מאַמע צו גיין אַ האַלבן מייל וויט, כדי צו שפּאָרן אַ פעני אויף אַ קוואָרט מילך, איז פאַר מיקין געווען גאַנץ נאַטירלעך אַז זיין טעגלעך טאַשן־געלט, פינף און צוואַנציק סענט, אויף צו פאָרן אין היי־סקול און קויפן זיך פרישטיק, דאַרף ער נישט אויסגעבן. ער פלעגט גיין צופוס אין היי־סקול דריי מייל אַהין און דריי מייל צוריק און סוף חודש אָפּגעבן דער מוטער דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט.

כאָטש אָרעם, איז דאָס לעבן אויפן העכסטן שטאָק אין דער הינטערשטער וווינונג אויף פּאַוועל־סטריט געווען פול מיט גע־לעכטער און שטיפערייען צווישן שוועסטער און ברידער, ווען ס'האָט פאַרבונדן אַן עכט געפיל פון קעגנזייטיקער אחריות. לאה, די מאַמע, אַ נאָכגיביקע און צערטלעכע האָט זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט, געפירט אירע קינדער אויפן דרך הישר און זיך פאַרלאָזט מער אויף זייער נאַטירלעכע ליבע איידער אויף שטראָף־רייד.

מיקי איז געווען דער ליבליג פון דער משפחה. דער שאַרפער

מוח און גוטלערנער, נישט ווי זיין עלטערער ברודער דער „גרויסער מייק" אויף וועלכן די מאַמע פלעגט זאָגן גאַנץ ערנסט: ער איז קאָרומפּירט פונעם ריח פון געלט.

איין חסרון האָט מיקי געהאַט: ער איז אָך אַלץ געווען פאַר־מישט אין אָפּטע גאַסן־געשלעגן; ער איז געווען איפּעריק צו פאַר־טיידיקן זיין כבוד מיט די פויסטן. דער פאַקט וואָס געווינלעך פלעגט ער בלייבן דער זיגער איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּע טרייסט.

דעריבער האָט די משפּחה לייכטער אָפּגעאָטעמט ווען אין מיקין האָט זיך אויפגעוועקט די תשוקה צו אַטלעטישע איבונגען און ספּאָרט־אינסטרוקטאָרן האָבן געוואָרפן אויף אים אַן אויג.

די לאַנגע שעהען פון פיזישער טרענירונג אין די גימנאַסטיק־זאַלן און אויף די שפּיל־פּלעצער אויף דער פרישער לופט האָבן מיקין פאַרהאַרטעוועט און אים אויסגעפורעמט אין אַ מעכטיקן אַטלעט. אין צווייטן יאָר היי־סקול האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויף אַלע ספּאָרט־געביטן: אין לויף־געווינען, אין בעסקעט־באָל און אין בייסבאָל. אין פוטבאָל איז ער דערגאַנגען ביז צום שפּילער נומער איינס פון זיין היי־סקול „טיעם". טשאַרלי סטיוועסאָן, איצט בריגאַדיר־גענעראַל און וויצע־שעף פון ראָקפעלער שטאַב, גור־בערנאַטאָר פון ניו־יאָרק, געדענקט מיקין, מיט וועלכן ער האָט געשפּילט צוזאַמען, אַלס „אונדזער פּילאַר, מאָראַל־הייבער, וועלכער פלעגט אונדז יעדעס מאָל אַרויסשלעפּן פון בלאָטע".

אין פאַרמעסט פון די היי־סקולן אין ניו־יוטרעקס אין 1918, האָט זיך מיקי באַקענט מיט דזשאָרדזש סמיט, דער בעסטער לויפער פון זיין היי־סקול אין יענער צייט. לויטן באַריכט פון דער ברוק־לינער צייטונג „דער טעגלעכער אָדלער" האָט מיקי מיט זיין סענסאַציאָנעלן לויפן נאָכאַנאַנד באַזיגט סמיטן און געבראַכט די צוקוקער ביז צום אויפשפּרינגען פון זייערע זיץ־פּלעצער. שפּעטער, האָבן סמיט, סטיוועסאָן און מיקי געוווינט אין איין צימער אין וועסט־פּאָינט.

מיקי איז געוואָרן דער בעסטער אַטלעט פון זיין קלאַס. זיין

בילד אין היי־סקולס „רעקאָרדער" פון 1919, ווייזט אַ וואַכזאַמען יונגן בחור, מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל אויף די ליפּן און אַ שוואַרצן לאָק, וואָס פאַלט איבער זיין רעכטן אויג. יינגליש, אָבער פול מיט געצוימטן אינערלעכן פייער, אַן אייגנשאַפט־קאָמבינאַציע, וואָס דערמאָנט דעם פאַרשטאָרבענעם דזשאָן גאַרפילד וועלכער האָט געשפּילט מיקין אין „בלעקוועל־איילאַנד", אַ פילם באַזירט אויף מיקיס קאָלירפולער אַדמיניסטראַציע־טעטיקייט אין די ניו־יאָרקער טורמעס.

ווען און ווו האָט זיך אָנגעהויבן מיקיס לעבנס־לאַנגע פאַרליי־בעניש אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע איז שווער פעסטצושטעלן.

ווי אין חלום געדענקט דער „גרויסער מייק" די זונטיקס־נאָכ־מיטאָג, אין די פילם־הייזער; ווען אויפן לייוונט פלעגן זיך באַ־ווייזן מאַרשירנדיקע קאַדעטן, פלעגט מיקי אָנווייזן מיט אַ פינגער: „אָט דאָס וועל איך אַ מאָל זיין!" אַ סך בחורים האָבן געהאַט די זעלבע חלומות, אָבער ווער האָט זיי גענומען ערנסט?

ס׳קאָן זיין אַז די צייט האָט צוגעשפּילט צו דעם: אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זענען אין 1918 צוריקגעקומען פון דער „מלחמה צו ראַ־טעווען די דעמאָקראַטיע" און מיקיס באַליבטער רעגירונגס־מאַן איז געווען וו. ווילסאָן. פאַר אַ יונגן בחור, פאַראינטערעסירט אין ספּאָרט, איז וועסט־פּאָינט געווען אַ לאָגישער ציל. אָבער ס׳האָבן דאָ, אָן צווייפל, געשפּילט אַ ראָלע אויך אַנדערע סיבות. אַלס טיפּישער אַמעריקאַנער איז מיקי ווי זיינע קלאַס־חברים געווען באַהערשט פונעם דראַנג צום „אַריינפּאַסן זיך". אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע וואָלט אים מיט איין שפּרונג אַריינגעפירט אין די פאַרהייליקטע טראַדיציעס פון לאַנד. אַ מיליטערישע קאַריערע קאָמבינירט זיך גוט מיט דעם פון תלמודיש־געגערטן דראַנג צו „דינען דעם כלל".

אָט די אַלע געפילן זענען אים באַשיימפּערלעך קלאָר געוואָרן ווען זיין בעסטער ספּאָרט־חבר, טשאַרלי, האָט אים דערציילט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין אַ וועסט־פּאָינט־קאַריערע נאָך פון זיינע יאָרן אין דער עלעמענטאַרער־שול.

טשאַרלי איז געווען אַ מיושבדיקער, גוט־געשטימטער בחור מיט אַ פריש, אָפן פּנים. זיין פאָטער און מוטער האָבן ביידע אָנטייל גענומען אין דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה. דער פאָטער אַלס אַן אָפיציר און די מוטער — אַלס קראַנקן־שוועסטער. זיינע פּראָטעסטאַנטישע עלטער־זיידעס זענען געקומען קיין אַמעריקע מיט דורות צוריק. ביים באַזוכן סטיווענסאָנס הויז אין דער בעי־רידזש געגנט פון ברוקלין פלעגט מיקי גוטמוטיק אַרויסווייזן זיין קנאה. „דיין פאַמיליע, טשאַרלי, איז אַמעריקע. פון דור־דורות זענט איר דאָ. איר זענט אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער ערד".

מיקי האָט זיך גענומען ערנסט צו דערגרייכן זיין ציל. ד"ר אַרטור ל. דזשאָנס, דירעקטאָר פון היי־סקול, האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם. מיקיס גלענצנדיקע דערגרייכונגען אין ביידע ספּאָרטן — בייזבאָל און פוטבאָל — און אין לערנען, האָבן גורם געווען דאָס אויסוויילן אים אין דער האַנאָרירטער שולן־געזעלשאַפט אַריסטאַ. צו זיין ביטע אין וועסט־פּאָינט האָט ער בייגעלייגט אַ רעוויו פון ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש, ווו ער האָט געלערנט אַכצן מאָנאַטן אויף ספּעציעלע קורסן, און אַ רעקאָמענדאַציע פון ברוקלינער קאָנגרעסמאַן וויליאַם א. קלערי.

זיין פאַמיליע איז דערשיטערט געוואָרן. יידישע בחורים, און גוטע לערנערס האָבן נישט געזוכט קיין סאָלדאַטן־קאַריערעס. די מאַמע האָט געוויינט. דער „גרויסער מייק", איצט שוין אַ דערפאָלג־רייכער געשעפטסמאַן, האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט 5.000 דאָלאַר פאַר מיקיס שטודיום. ער האָט זיך געבעטן ביים יונגערן ברודער: לאָז אָפּ די „חלומות", גיי אין אַ געוויינלעכן קאָלעדזש.

מיקין האָט אָבער געצויגן צו וועסט־פּאָינט. און מייק האָט געוווּסט, אַז מיקי באַשליסט ציט ער זיך נישט צוריק. האָט ער מיט זיין פרוי, סוף יוני 1920 באַגלייט מיקין צו דער באַן קיין וועסט־פּאָינט. זיי האָבן זיך צעקושט, און מייק האָט אים אַריינגעשטעקט אַ צען־דאָלאַר־באַנקנאָט:

— זיי אַ גוטער יונג, מיקי! מייד אויס געשלעגן!

דאָס לעבן אין וועסט־פּאָינט, דאָס ערשטע יאָר, איז נישט געווען קיין לייכטער ביסן. ס'איז געווען אַ טראַדיציע, אַז די שילער פון די העכערע קלאַסן דאַרפן דערגיין די יאָרן די ניי־געקומענע. מאַרשירן האָבן זיי באַדאַרפט מיט אַ טאָפּלטער שנעלקייט, אין „אַכטונג"־פּאָזע: די ברוסט פאָרויס, די אַקסלען אויסגעבויגן אויף צוריק, די גאָמבע איינגעגראָבן אין ברוסט־קאַסטן. ביים עס־טיש האָבן זיי באַדאַרפט זיצן שטייף און שטיל און גרייט אויסצושטיין די ווילדסטע קאַפּריזן פון די עלטערע שילער. וועסט־פּאָינט איז נישט קיין פּלאַץ פאַר פּחדנים און שוואַכע.

די ניי־אָנגעקומענע האָבן שנעל דערפאַרן, אַז זיי עקזיסטירן בעיקר כדי צו אַמוזירן די העכערע קלאַסניקעס, וועלכע האָבן דאָס רעכט זיי צו פאַרפּלייצן מיט פאַנטאַסטישע באַפעלן, ווי למשל: סאַלוטירן די וואַנט! אָדער ענטפערן אויף משונהדיקע פראַגן: וויפל גאַלאָן וואַסער געפינט זיך אין דעם לאַסק־רעזערוואַר? גיט ער נישט דעם ריכטיקן ענטפער: 92.2 מיליאָן גאַלאָן, סער, ווען ער איז פול! — מעג ער זיך ריכטן אויף געברענטע צרות, ווי שטיין אויף „אַכטונג" שעהען לאַנג קעגן דער וואַנט פונעם שלאָפצימער אד"גל. דאָס איז געווען נישט נאָר אַ פּרווו צו צעברעכן די פערזענלעכקייט, נישט גלאַט אַ ברוטאַלע באַציִונג, נאָר אַ טעאָרעטיש־באַגרינדעטע האַנדלונג: וועט ער דאָס אויסהאַלטן, וועט ער זיין אַ גוטער אָפיציר און וועט זיך שוין אַן עצה געבן מיט אַלע שוועריקייטן פון מיליטערישן לעבן אין פעלד, אלא נישט, איז גלייכער אַז ער זאָל זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון וועסט־פּאָינט.

צו זייער פונדאַמענטאַלער טרענירונג אין זומער 1920 האָט מען מיקיס קלאַס אָפּגעגעבן באַזונדערן „כבוד". צוליבן מאַנגל אין קאַדעטן האָט דער דירעקטאָר מעק־אַרטור אַראָפּגעבראַכט אינסטרוקטאָרן פון דער רעגולערער אַרמיי, געוועזענע וועסט־פּאָינטער, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט מער אכזריות צו די רעקרוטן, איידער די געוויינלעכע אינסטרוקטאָרן — די „בעסטיאַלישע פערזענלעכקייט־צעברעכערס". ט. דאַיער, מיקיס אַ קלאַס־חבר, געדענקט גוט „דעם שוידערלעכן

מאַרש אונטער אַ ברענענדיקער אויגוסט־זון, ווען דער גרויזאַמער סיימאָן באָליוואַר ברוקנער, אַ יונגער מאַיאָר, „האָט אונדז אַרויפ־געשיקט אויף אַ משופּעדיקן באַרג אויף וועלכן איינער נאָכן צווייטן זענען געפאַלן אין חלשות פון היץ און אָנשטרענגונג".

נאָך אַ צען וואָכיקן טרענירונגס־קורס, האָט דער רוב פונעם רעקרוטן־קלאַס, מיקי אַריינגערעכנט, געוואָלט רעזיגנירן, אָבער ווי די פריערדיקע און שפּעטערדיקע קאַדעטן, האָבן זיי פאַרביסן די ליפּן און עס נישט געטאָן.

אין סעפּטעמבער האָט מען זיי איבערגעגעבן צו די חסדים פון די העכערע קאַדעטן־קלאַסן. טשאַרלי סטיווענסאָן האָט געשריבן זיין שוועסטער דעם דריטן סעפּטעמבער:

„מ׳באַהאַנדלט אונדז דאָ ווי חיות. מיר טאָרן נישט אַרויס־גיין פון אונדזערע צימערן, סיידן אין נייטיקע פאַלן. זיי דער־נידעריקן אונדז ביי יעדער געלעגנהייט. אַמערגסטן איז ביים עסטיש. מיר דאַרפן זיצן אַזוי שטייף, אַז מיר קענען נישט עסן".

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ער וועגן מיקין

„מיקי איז איין מאָל געקומען אין עסצימער מיט אַ צודעק אויפן קאָפּ. באַלד האָבן זיי אים אויסגעמוסרט: ווי וואָגט ער צו קומען אין עס־זאַל אין שמאַטעס. מיקי האָט זיך ווינציק וואָס געערגערט פון דעם. ער לאַכט אויס יעדן העכערן קלאַסניק וואָס פּרוּווט אים צו דערנידעריקן".

עטלעכע טעג שפּעטער:

„אונדזער צימער ווערט אָפּט באַזוכט פון אונדזערע עלט־סטע. זיי קומען ספּעציעל צו דערנידעריקן מיקין. ער האָט געקראָגן אַ רעפּוטאַציע פון אַ מאַזאָכיסט אָדער דער בי. דזשיי. פון דער קאָמפּאַניע. אין דער קאַדעטן־שפּראַך הייסט בי. דזשיי אַ קאַדעט, וועלכער וויל גענימען פון פרייהייט פאַר דער צייט, „בעפאָר דזשון", פאַר יוני — דער טערמין ווען רעקרוטן האָבן

שוין דאָס רעכט פאַררעכנט צו ווערן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מענטשן״.

די דאָזיקע באַצייכענונג האָט בלי ספק געקאָנט אָנגעווענדט ווערן צום גוטמוטיקן קאַדעט מיקי מאַרקוס.

אַ נייער אויפרייצנדיקער עפעקט פון מיקיס אויפפירונג איז געווען זיין הלבשה. אַזוי ווי פּלעבעער* וואַקסן נאָך און זייער קערפּער ענדערט זיך, גיט מען זיי נישט אַרויס קיין געפּאַסטע, אויף זיי צוגעשניטענער הלבשה, ווייל זיי וואָלטן דאָס שנעל אויסגעוואַקסן. מיקי האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס, האָט מען אים געגעבן קליידער פון אַ גרויסער מאָס. זיינען די קאָלנערס אויך געווען גרויס, פּראָ־פּאָרציאָנעל צו דער גרייס פון די מלבושים. אָבער מיקיס האַלדז — נישט. אויפן באַפעל: „די גאָמבע אויפן ברוסטקאַסטן!״ פלעגט זיין גאָמבע פאַרשווונדן ווערן אין אויבערהעמד. דער טשערעפּאַכע־עפעקט איז געווען גאָר בולט.

מיקי האָט געוווּסט אַז ער זעט אויס קאָמיש. ווען מ׳פלעגט אים דאָס זאָגן, פלעגט ער אַרויספּלאַצן אַ געלעכטער — אַן אומדערהערטע באַליידיקונג פאַר די באַפעלגעבער. צום קאָמישסטן איז אָבער געווען ווען אין רעזולטאַט פון זיין אויפפירונג האָט דער פאַרפאָלגער אַליין אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער און זיך אָפּגעטראָגן מיט אַ שטרענגער וואָרענונג וועגן „באָענטן מאָל״...

דער קלאַנג וועגן דעם עקשנותדיקן פּלעבע האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קאַמפּוס און האָט געוועקט דעם אַפּעטיט ביי יענע אויבערקלאַסניקעס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר „שטאָלענע דיסציפּלינירער״. זיי פלעגן ממש שטראָמען צום דרום־באַראַק אַרויף אין צימער, וועלכער איז געווען אַ מאָל די היים פון די קאַדעטן: גרענט, לי, קאַסטער און פּוירשינג — דעם באַראַק פון די „דריי גלויבנס״: דער עפּיסקאָפּאַטער סטיווענסאָן, דער ייד מאַרקוס און דער קאַטאָליק סמיט — אחים לצרה.

---

* פּלעבעער: רעקרוטן — ערשט־יאָריקע קאַדעטן.

די פייניקער האָבן מיקין צוגעשטעלט צו דער וואַנט:

— צי איין דעם בויך! דעם קאָפּ אַרויף! די אויגן אין פראָנט! די קנאָפּל צוזאַמען! אויגן רעכטס! אויגן לינקס! סאַלוטירן דעם מיסטקויש!

און אַלע באַפעלן אין אַן ערנסטן טאָן. מיקי, נישט קאָנטראָ־לירנדיק זיך מער, פּלאַצט ארויס אַ געלעכטער.

דאָס האָט זיי אויפגערעגט נאָך מער:

— ווער זייט איר דאָס אַזוינס, מיסטער? איך וועל אויף אייך אָנשיקן דאָס גאַנצע קאַדעטן־געזינדל!

מיקי שטיקט זיך פון געלעכטער, און זיין „אינקוויזיטאָר" לאַכט מיט. און דער סוף — אַ חסידישע מלווה־מלכה...

הערי אַלבערט, איצט אַ פּראָמינענטער אַדוואָקאַט אין ניו־יאָרק, געוועזענער אויבערקלאַסניק אין וועסט־פּאָינט דערציילט וועגן זיין איינציקן פּרווו אונטערטעניק צו מאַכן זיין ברוקלינער לאַנדסמאַן.

איין מאָל, נאָכן אָוונט־מאָלצייט, האָט זיך מיקי צעלאַכט. אַלבערט איז צו אים צוגעגאַנגען:

הער, שוטה! וויש אָפּ דעם שמייכל דיינעם!

מיקי האָט אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים און דער שמייכל איז געוואָרן אָפּגעווישט, כמעט...

— איצט וואַרף אים אַרונטער און צעטרעט אים מיט די פיס!

מיקי האָט בייז געטאָפּטשעט דעם „שמייכל" מיט די פיס. אַלבערט האָט זיך גראַטולירט. — „כ'האָב אים אָנגעלערנט". מיט אַ מאָל האָט מיקי אַרויסגעפּלאַצט מיטן באַקאַנטן הויך־טאָניקן, קייכנדיקן געלעכטער זיינעם. „אין דעם מאָמענט, — דערציילט אַל־בערט — האָב איך געפילט אַז מיין געדולד איז דערשעפּט און מיין כבוד דערנידעריקט".

כ'האָב מיקין אַריינדערלאַנגט אַ פּאַרציע מוסר וועגן זיין אויפ־פירונג און זיין צוקונפט אין די קאַדעטן.

און ער האָט געענטפערט:

— סער! וואָס איר זאָלט נישט טאָן קאָן איך זיך נישט איינהאַלטן פון לאַכן!

„אַ דערשטוינטער — דערציילט אַלבערט — האָב איך אָנגעקוקט דעם מוטיקן פלעבע מיטן צעשטשירעטן פיסק און אַליין אַרויסגע־שאָסן אַ געלעכטער״...

מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן מיקיס גרויסמוטיקייט. ער איז נישט געווען קיין גרויסהאַלטער. ער האָט מיטגעפילט יעדן קלאַס־חבר וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין צרות. ער האָט אַרויס־געהאָלפן חברים וועלכע האָבן געהאַט שוועריקייטן מיט זייער שטו־דיום. ער פלעגט זיצן שעהען און קנעלן מיט חברים מיט אַ ווינציקער שאַרפן מוח. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער אַטלעט. ס׳איז באַוווּסט געוואָרן זיין פאַרמעסט מיט האַרמאָנין און דאָס נישט אַרויפלייגנדיק די שולד פאַר זיין נידערלאַגע אויפן באַשע־דיקטן געלענק — דאָס אַלץ האָט געהויבן זיין שטאַנד און דערוועקט אַ צוגעבונדקייט צו אים. יאָרן שפּעטער האָט האַרמאָני אַ מאָל געזאָגט:

— הגם מיקי און איך האָבן זיך געמיתט אינעם רינג, האָב איך קיין מאָל נישט געקענט עמעצן אויף וועמען כ׳וואָלט זיך פאַר־לאָזט אין אַן עת צרה ווי אויף אים.

אין זיין דריטן לערן־יאָר איז מיקי איבערגעגאַנגען צום קלאַס פון העכערער וואָג — צום לייכט־מיטלוואָגיקן. האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די אַנדערע קאָלעדזשס און נישט ליידנדיק קיין איין נידערלאַגע במשך דעם גאַנצן סעזאָן געווונען דעם 145־פונטיקן טשעמפּיאָן־טיטל פון אַלע קאָלעדזשס אין לאַנד.

דער יתום פון ברוקלין איז שוין געוואָרן אַ טייל פון וועסט־פּאָינט. די מאַיעסטעטישע טורעמס ביים האָדסאָן האָבן באַלאַנגט צו אים. דער ערווירדיקער קאָלום־זאַל, מיט די פּאָרטרעטן פון די גענעראַלן פון בירגער־קריג איז געוואָרן זיין פאַרברענג־פּלאַץ מיט עמאַ טשייסאָן, די פלעטבושער שיינהייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אויף זיין ערשטן קריסמעס־אורלויב. און די העלדן פון אַמעריקעס פאַרגאַנגענהייט זענען געוואָרן זיין פאַרבילד.

מ׳דאַרף נישט זײַן קיין שאָוויניסט, אַפילו נישט סענטימענטאַל, כּדי אַרונטערצופאַלן אונטער דער השפּעה פון דער פּאַטריאָטישער אַטמאָספערע פון וועסט־פּאָינט. מ׳דאַרף בלויז זײַן אַן אַמעריקאַנער. דער צופעליקער באַזוכער ווערט פאַרכאַפּט נישט פון די אוניפאָרם־ספּעקטאַקלדיקע פּאַראַדן, נישט פון די שלאַכטן פון דער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון די צילן פאַר דער צוקונפט, פאַר וועלכע די העלדן האָבן געקעמפט. דאָ פילט זיך נישט די מלחמה־לופט פון זיג, נאָר דאָס געפיל פון פרידן פאַר וועלכן מ׳מוז קעמפן.

די אַמעריקאַנער פאַרגאַנגענהייט לעבט אין וועסט־פּאָינט. די פרייהייטס־קאַמפן אַזוי ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן פּאַסירט. דער גייסט פון די גרינדער פון דער רעפּובליק שוועבט איבער די גראַניט־פעלדזן פון די העלדן.

אַזוי ווירקט וועסט־פּאָינט אויף אַ צופעליקן באַזוכער. אָבער פאַר די קאַדעטן וועלכע זעטיקן זיך מיט זײַן גייסט טאָג איין, טאָג אויס איז דאָס אַן איבערלעבעניש וואָס האָט נישט זײַן גלייכן, אַן עפעקט וואָס באַהערשט און גיט צו אַ נייע דימענסיע צו זייער לעבן. דער קאַדעט לעבט נישט נאָר בחברותא מיט זיינע חברים אין אַ דיסציפּלינירטן לעבנס־שטייגער, נאָר אויך מיט די העלדן וועמענס סטאַטועס ער גייט פאַרביי יעדן טאָג. ער ווערט אינטים מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

מיקי מאַרקוס, אַ זון פון שמאַכטנדיקע עמיגראַנטן פון יאַסער געטאָ, האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואָס מאָריס שאַרף האָט אָנגערופן „דער אַלץ אַרומנעמענדיקער גייסט פון וועסט־פּאָינט. די מיסטישע איינפלוסן פון דער לאַנדשאַפט, מאָנומענטן, פענער און באַטערייען״ — דאָס זענען געווען די וואָרצלען צו וועלכע ער האָט געצויגן.

אין דעם גרויען אוניפאָרם וועלכער איז געהאָנגען ביי דער זייט פון זײַן בעט איז געלעגן די פאַראייניקונג מיט יענע, וועלכע האָבן דאָ פריער געלעבט. גלייך ווי וואַשינגטאָן אַליין וואָלט אים דירעקט איבערגעגעבן דעם פרייהייט־פאַקל. דאָ האָט ער געפונען די דער־

גענצונג פון תלמודישן כלל: גערעכטיקייט פאַרן יחיד און טובת הכלל. די אַלטע יידישע גוטע מידות פון סאָציאַלער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, פּערזענלעכע ערלעכקייט און נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעט זענען געווען אין איינקלאַנג מיט דעם וועסט־פּאָינטער מאָטאָ: „פליכט, כבוד און פאַטערלאַנד". ווי דער תלמוד, האָט די מיליטערישע אַקאַ־דעמיע אַקצענטירט: „אַ קאַדעט טאָר נישט ליגנערן, באַשווינדלען אָדער גנבענען. ער דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן אַן אידעאַל, אַ רעאַ־ליסטישן און דינאַמישן — אין וועלכן דער קאַדעט מיקי האָט אַריינ־געגאָסן זיין ריטערלעכן גייסט.

אין זיין לעצטן יאָר אין וועסט־פּאָינט האָט מיקי אָוועקגעלייגט זיינע באָקס־הענטשקעס און זיך קאָנצענטרירט אויף גימנאַסטיק. זינט יאָרן האָבן זיינע דערגרייכונגען געשמט אַלס אומפּאַרגלייכלעכע און האָבן אים געבראַכט אַן איינלאַדונג צו די אָלימפּישע פּראָבן פון 1924.

די שול לימודים האָט ער געענדיקט אַלס דריטער בעסטער פון זיין קלאַס מיט ספּעציעלע אויסצייכענונגען אין מיליטערישער גע־שיכטע און פירער־פּאָטענץ. זיינע דערגרייכונגען האָבן אים באַרעכ־טיקט דעם אָנבאָט פון דער האָדעס־סטיפּענדיע אין אָקספאָרד־אוניווערסיטעט אין ענגלאַנד, וועלכע ער האָט, צום באַדויערן, צוריק־געוויזן, נישט וועלנדיק איבערלאָזן עמאַן. זיין קלעגלעכער אָנהייב אין וועסט־פּאָינט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גלאַנציקן טריומף. ער האָט דעמאָנסטרירט זיין חוש צום שטייגן. ס'זענען דאָ מענטשן, וועלכע באַזיצן אַן איינגעבוירענעם דראַנג צו רייכטום. מיקיס דראַנג איז געווען צו דערווערבן כאַראַקטער.

אין זיינע יינגלשע יאָרן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן זיינע פויסטן און פאַרהאַרטעווען זיין קערפּער, אָבער ער האָט אויסגעמיטן גאַנגסטעריי. אין דער רעליגיע האָט ער געפונען גרויסע ווערטן, אַפּוואַרפנדיק דעם טפל, און אין וועסט־פּאָינט — דעם עסענץ, אינספּיראַציע און זעלבסט דיסציפּלין, אַן דער שטרענגקייט פון רעגולאַמין.

מיקי איז אַרויס פון וועסט־פּאָינט מיט עפּעס מערער ווי מלחמה־קונסט. ער האָט געהאַט אַ קלאָרן קאָדעקס פון עטישע ווערטן באַזירט אויף דעם תנ״ך און די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט.

זיין שאַרף אויג האָט אויפגעכאַפּט און אָפּגעשאַצט דעם תוך און נישט דעם אויסערלעכן אויסזען. ער האָט קיין מאָל נישט פאַר־מישט ביליקייט מיט ערנסט, עיקר מיט טפל. ער האָט געהאַט רעס־פּעקט פאַר גרויסע מענטשן און גרויסע אויפטוען. ער האָט אָבער געהאַט אַ ראַציאָנאַלן צוגאַנג צו גרויסקייט. פון דעם גאַנצן באַגאַזש וואָס האָט אים באַגלייט קיין ישראל איז אַמווערטפולסטן געווען זיין חוש פאַר פּריאָריטעט צווישן מענטשן און געשעענישן.

קאַפּיטל זיבן

אַפּריל איז דער שרעקלעכסטער חודש, האָט געשריבן ט. ס. עליאָט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דרייסיק יאָר שפּעטער, אַפּריל 1948, האָט דער חודש געשטעלט די יידן פון ירושלים אין שאָטן פון פאַרניכטונג. דער לעצטער טראָפּן פון די אָנגעקומענע הילפס־מיטלען איז אויסגענוצט געוואָרן. טראַנספּאָרטן האָבן זיך נישט געקענט דורכרייסן דורך דער בלאָקאַדע פון דעם מופטיס נישט רעגולערע סאָלדאַטן, וועלכע זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך באַוואָפנטע גרופּעס פון עבר־הירדן. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע הויכע פּלעצער איבער די צוטריט־וועגן קיין ירושלים.

די הויפּט־פּאָמפּע־סטאַציע פון לאַטרון איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַראַבער, און די שטאָט איז געשטאַנען אָן וואַסער. אין די פאַרשטעט פון ירושלים האָבן זיך מענטשן דערנערט מיט ווילדע גראָזן.

די הגנה איז געשטאַנען פאַר אַ דילעמע. ביז איצטער איז איר טאַקטיק געווען איינצוהאַלטן די יידישע פּאָזיציעס ביז זי וועט אויסבויען איר אַרמיי און פאַרגרעסערן די געווער־זאַפּאַסן. די אָפענסיווע אָפּעראַציעס האָבן זיך באַגרענעצט צו נאַכט־געשלעגן אין אַראַבישע דערפער, אויף זייטיקע וועגן און שאָסייען, צו אָנפאַלן אויף די אַראַבישע קוואַרטאַלן אין די געמישטע שטעט. זעלטן ווען זענען די יידישע אָנגריף־גרופּעס געווען גרעסער פון אַ קאָמפּאַניע. צו פאַרטרייבן די אַראַבער וועלכע האָבן זיך באַפעסטיקט אין די בערג וואָס הערשן איבערן ירושלימער קאָרידאָר האָט מען געמוזט אָנווענדן גרויסע מיליטערישע פאָרמאַציעס. אַ

נאָרוועגישער עקספּערט האָט געגעבן בן־גוריונען אַ ראַדיקאַלע עצה: לאָז איבער די היסטאָרישע הויפּטשטאָט, באַטראַכט זי אַלס אומבאַשיצבאַר, פאַרלאָז דעם נגב און דעם גליל און קאָנצענטריר דיינע מיליטערישע כוחות אויפן באַפעלקערטן ים־ברעג אַרום תל־אביב.

בן־גוריון האָט געענטפערט: פּונקט פאַרקערט, כ׳וועל קאָנצענטרירן דריי באַטאַליאָנען, פאַרוואַנדלען זיי אין אַ שלאָגנדיקער פויסט און זיי וואַרפן אויפן שונא אין ירושלימער קאָרידאָר.

וואָס שייך געווער, וועט ער שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון די אָנגרייפנדיקע כוחות דעם גאַנצן ערשטן טראַנספּאָרט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכער דאַרף אָנקומען אַ ליאַדע טאָג. שפּאָגלנייע ביקסן, מאַשין־געווער און עטלעכע לייכטע האַרמאַטן — כמעט אַ העלפט פון דער מאָדערנער קראַפט פון דער יידישער אַרמיי.

דאָס איז געווען ריזיקאַליש. אַ דורכפאַל קען זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע. די פראַגע איז דעבאַטירט געוואָרן אין דער הויפּט־קוואַרטיר. מיקי איז אָן ספק געווען אויף בן־גוריונס זייט. ערשטנס, דער איבערגאַנג פון די יידן צו אָפענסיווע איז פּסיכאָלאָגיש זייער וויכטיק און צווייטנס, אויב דער פאַרהאַרטעוועטער פּיאָנער זאָגט אַז פאַרלאָזן ירושלים קומט נישט אין באַטראַכט איז דאָס געגנוג געווען פאַרן אַמעריקאַנער קאָלאָנעל.

צוויי נעכט שפּעטער זענען די ערשטע טשעכישע ביקסן אָנגעקומען מיט אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פאַרלאָזענעם ענגלישן לופט־פעלד ביי דער שיין פון אימפּראָווירטער ליכט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די פאַרפעצטע ביקסן זענען געווען אין די הענט פון די יידישע אינפאַנטעריע־סאָלדאַטן וועלכע האָבן זיך געצויגן צום פראָנט.

אָפּעראַציע „נחשון" האָט זיך אָנגעהויבן. נחשון איז געווען דער לעגענדאַרישער ייד וועלכער איז דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אינעם ים בעת קריעת ים־סוף.

ס׳איז געווען אַ האַרטנעקיקער און שווערער קאַמף. דער

קאַסטעל־באַרג אין מערב פון ירושלים איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט עטלעכע מאָל. די אָפּעראַציע איז געלונגען. דער וועג קיין ירושלים איז געוואָרן פריי. דריי גרויסע טראַנספּאָרטן מיט לעבנס־מיטלען זענען אָנגעקומען קיין ירושלים און געראַטעוועט די שטאָט פון הונגער־געפאַר.

בן־גוריון האָט איינגעלאַדן מיקין קיין תל־אביב אויף באַראַ־טונגען וועגן דער ווייטערדיקער סטראַטעגיע און וועגן אויפשטעלן אַ פּרעציזן שטאַב. מיקיס קאָמענטאַר צום פּלאַן פון אַ שטאַב פון ניין מענטשן איז געווען קלאָר און צום פּונקט.

— איר ווילט קריגן אַן אָלסער?

— וואָס הייסט? ניין...

— איר וועט אים קריגן.

מער איינדרוק האָט געמאַכט אויף אים דער פּלאַן, לויטן ענגלישן מוסטער, פון יגאל ידין. לויט דעם פּלאַן דאַרף די אינפאָרמאַציע־דינסט זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אָפּעַ־ראַציע־אָפּטיילונג און נישט ווי אין פּענטאַגאָן — אַ זעלבסט־שטענדיקע אָפּטיילונג, מיט אַן אייגענער הויפּט־קוואַרטיר. אין ידינס פּלאַן זענען געווען נאָך אַנדערע קלענערע אָפּווייכונגען פון פּענטאַגאָן־מוסטער. מיט איניקע אויסבעסערונגען האָט מיקי אים באַטראַכט אַלס צופרידנשטעלנדיק. ווען ר׳האָט פּרובירט צו גיין ווייטער אין דער ריכטונג פון אַמעריקאַנער מוסטער, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן אַן אייזערנער וואַנט. די הגנה האָט זיך געפילט מער היימיש מיט דער ענגלישער טעכניק. מיקי האָט נאָכגעגעבן און ביי דער געלעגנהייט באַטאָנט ווי וויכטיק ס׳איז צו זיין עלאַסטיש אין מיליטערישן דענקען: „איר, חברה, לייגט פּאָר אַ מעטאָדע וועגן דער איינטיילונג פון אויטאָריטעט, איך שלאָג פאָר אַ צווייטע, אָבער באַטראַכט נישט אייערע אַלס קאַ־

טאַסטראָפע. אַ וואָסערע עס זאָל נישט זיין מעטאָדע איז בעסער אײדער גאָר אַן מעטאָדע.

אַלס פונדאַמענטאַלע אײנהייט פון טרופּן־אָרגאַניזאַציע האָט מיקי פאַרגעלײגט די בריגאַדע פון 2.500 מאַן, גרויס גענוג אויף אונטערצונעמען אַ מאַסן־אַטאַקע, אָבער ווינציקער באַלאַסטיקט אַדמיניסטראַטיוו אײדער די דיוויזיע פון 10.000 מאַן. פאַרשטייט זיך, אַז די בריגאַדע מוז האָבן אײגענע אַרטילעריע, אַן אויסשפּיר־טייל, זאַפּאַסן און אויך רעזערוון. דער בריגאַדע קאָמאַנדיר דאַרף טרענירט ווערן אַזוי, אַז ר׳זאָל קענען פּלאַנירן און צוגרייטן זיין אײנהייט פאַר קאָמבינירטע אָפּעראַציעס בשותפות מיט אַ צווייטער בריגאַדע, אָדער אַפילו מיט עטלעכע בריגאַדעס ביז צום דיוויזיע־מאַסשטאַב. לויט דער רעזומע פונעם פּלמחניק, יצחק ראַבין, האָט די דאָזיקע אויסברייטערונג זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין דער פּאַלעסטינער מלחמה.

אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ מעכטיקע אָפענסיווע גרופּע, די ערשטע אין אונדזער דערפאַרונג, וועלכע האָט שפּעטער אַטאַ־קירט לוד און רמלה און צעבראָכן דעם רוקן פון דעם אַראַבישן לעגיאָן. דער צווייטער אויפטו מיקיס איז געווען די באַפרייונג פון די הגנה־קאָמאַנדירן פון ציווילער אַדמיניסטראַציע:

— באַשטימט ציווילע רעגירער אין די דעראָבערטע שטחים. צו וואָס באַלאַסטן אײערע בעסטע סאָלדאַטן מיט נישט מיליטערישע פּראָבלעמען?

די דאָזיקע עלעמענטאַרע כללים פון אָרגאַניזאַציע זענען געווען מיקיס אלף־בית. אַ סך גרעסער איז געווען זיין פאַרמעסט מיט די פאַקטישע און סטראַטעגישע ספקות מיט וועלכע די הגנה האָט זיך געראַנגלט.

חדשים לאַנג איז געשטאַנען אויפן סדר־היום די אומבאַשיצ־באַרקייט פון נגב. די אײנציקע פאַרבינדונג פונעם נגב מיט די וויכטיקע יידישע צענטערן איז געווען מיט דער הילף פון אַ

נישטיקן עסקאַדראָן פון „פּייפּער" קאָבס (זייער אַ קליינער אַעראָפּלאַן).

זיבעצן קיבוצים בערך, פיל פון זיי הוילע און נאַקעטע זענען געווען אין נגב. זיי זענען ערשט נישט לאַנג באַזעצט געוואָרן אויף די שיטערע זאַמדן. די ברייט־צעשפּרייטע פּלמח־גרופּעס האָבן געמוזט זיי באַזאָרגן מיט עסן און באַשיצן די וואַסער־רערן־ליניעס, נישט געקוקט אויף דער אַראַבישער בלאָקאַדע. ווי אַזוי וועלן די קיבוצים מיט דער הילף פון דער איינציקער פּלמח־בריגאַדע אויסהאַלטן אַן אַטאַקע פון אַ געפּאַנצערטער אינוואַזיע? אָט דאָס איז געווען דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט באַאומרויִקט אַלע הגנה־קאָמאַנדירן. מיקין איז נישט געווען פרעמד שלאַכטפעלד־פּראָבלעמען. אויסער פּראָנט־דערפאַרונגען אין נאָרמאַנדיע, האָט ער זיך באַטייליקט אין די גרויסע מאַנעווערען אין לואיזיאַנאַ פון 1941, און אַלס הויפּט פון דער רענדזשער־שולע אין האַוואַי — זיך דערוואָרבן אַלגעמיינע אָנערקענונג פאַר זיין „טאַקטישער טרופּן־פּירערשאַפט".

נאָך פיל פריער איידער ער האָט געזען אַ שלאַכטפעלד, האָט ער דורכגעפירט איינע פון די גרעסטע פּאָליציי־אָפּעראַציעס אין דער געשיכטע פון ניו־יאָרק: דעם איבערפאַל אויף דער געפענגעניש „וועלפער איילאַנד" אין 1934. מיט דער הילף פון די קאָרומפּירטע „טעמעני באָסעס", האָבן פאַרמשפּטע באַנדיטן פאַרכאַפּט דאָס געפענגעניש און פאַרוואַנדלט עס אין אַ נאַכט־קלוב, ברייט און אָפן און פריי פאַר אַלערליי זינד.

מעיאָר איז דאַן געווען לאַ־גוואַרדיאַ. אויף זיין באַפעל האָט מיקי אין געהיים אויסגעפאָרשט די סיטואַציע, צונויפגעשטעלט אַ גרופּע געשווירענע פון איין און זיבעציק מאַן און פערזענלעך דורכגעפירט דעם איבערפאַל. ער האָט צעשמעטערט דעם ווידערשטאַנד פון די אונטערוועלטניקעס און האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם טרויעריקבאַרימטן דזשאָי ראַאָ פון דער צירולניק־שטול, אַראָפּשליידערנדיק דעם 210 פונטיקן אויסוואורף אויפן באָדן.

דאָס נגבֿ־בילד איז מיקין נישט געווען אין גאַנצן פרעמד. זיי־נע ערשטע באַזוכן אין לאַנד זענען געווען אין דעם מער־וויניקער צוגענגלעכן צפונדיקן טייל פונעם מדבר. אָבער כדי צו דעצידירן האָט ער געדאַרפט גרינטלעכער אויספאָרשן דעם מצב. אין דער באַגלייטונג פון שלמה שמיר האָט ער אונטערגענומען די ריזיקאַלישע רייזע פאַזע דעם ים־ברעג ביז צו כפר דרום, נישט ווייט פון דער עגיפּטישער גרענעץ וועלכע וועט זיכער זיין דער דורכגאַנג־וועג פון יעטוועדער אינוואַזיע פון דרום.

צוויי מאָל איז זייער אַעראָפּלאַן באַשאָסן געוואָרן פון דער ערד, ווען ער איז געפלויגן איבער אַראַבישע דערפער. איין מאָל האָט דער אַעראָפּלאַן געליטן פון אַ פאַרשטאָפּונג פון ברען־מאַ־טעריאַל און זיי זענען געווען געצוווּנגען צו לאַנדן אינעם מדבר. אָבער ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן זיי באַוויזן צוצוקומען צו כפר דרום, אַ רעליגיעזער קיבוץ וועלכער איז ווי די מערסטע נגבֿ־קיבוצים אויסגעשטאַנען שטענדיקע אַראַבישע פאַרפאַלגונגען.

ביי אַן אָוונט־מאָלצייט האָט מיקי אויסגעהערט נחום שריגן, דעם באַרעדעוודיקן קאָמאַנדיר פון פלמחישן נגבֿ־באַטאַליאָן. „נאָר אין די פינצטערע נעכט קען ער דורכפירן נקמה־אַקטן. דער מאַנגל אין פאַרקער־מיטלען איז אַזוי שאַרף, אַז מיר דאַרפן טראָגן אונדזער אַמוניציע אויף די פלייצעס ביז צום אָנגריף־פונקט”.

מיקי האָט אויסגעפרעגט זיינע יינגע סאָלדאַטן. זייער מאָראַל איז געווען אַ הויכע, אָבער די לאַגע — גאַנץ קלאָגעדיק. די קיבוצים זענען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן דורך מיילן מדבר. אין יעדן קיבוץ געפינען זיך 40 — 30 קעמפער. אַנטקעגן דער עגיפּטישער געפּאַנצערטער מאַכט קענען זיי אַרויסשטעלן בלויז ביקסן און אַ צוים פון שטעכל־דראָט.

מיקי האָט לאַנג שפּאַצירט מיט שמירן אין דער קילער מדבר־נאַכט.

„די פלמח־ייִנגלעך זענען אויסגעצייכנט — האָט ער געזאָגט — אָן פּרעטענסיעס, אָן אילוזיעס. אָבער זייער מיליטערישע פּאָזיציע...”

ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיר מוזן אַרויסקומען מיט עפּעס ראַדיקאַלס...

שריג׳ן אָבער האָט ער אויסגעדריקט זיין געוויינלעכן אָפּטימיזם. מאַכנדיק זיין באַקאַנטן זשעסט פון דערמוטיקונג מיטן גראָבן־ און צייג־פינגער:

— ווען ס׳וועט קומען דער ריכטיקער פאַרמעסט אין נגב וועל איך זיין דאָ מיט דיר...

מיקי האָט דערלאַנגט בן־גוריונען אַ ראַפּאָרט וועלכער איז גע־וואָרן קלאַסיש אין דער מיליטערישער געשיכטע פון ישראל.

— דער נגב וועט זיין אייער ערשטער קריגס־ספּעקטאַקל. די איצטיקע מינדערוויכטיקע קאַמפן דאָרט זענען וועגן קאָמוניקאַ־ציע־פאַרבינדונגען. דאָס וועט אויך אָנגיין נאָך דער אינוואַזיע. די אָנגרייפנדיקע עגיפּטער וועלן זיך מוזן האַלטן אויף די וועגן. אַנישט וועלן זיי נישט קענען אַוואַנסירן. דעם אמת געזאָגט, זענען אין נגב נישטאָ קיין יידישע מיליטערישע כוחות, נאָר לייכטע פּאַטראָל־גרופּן. אָבער דערפאַר יינגלעך איינס און איינס. ערשט־קלאַסיקע סאָלדאַטן מיט רייפער אינטעליגענץ, און ענטוזיאַסטיש ווי אמתע וואָלונטירן. דעריבער אויב איר וועט באַשליסן צו פאַרשטאַרקן דעם נגב מיט מיליטערישע כוחות וועט איר דאָס באַווייזן אין זייער אַ קורצער צייט.

— די פלמח־אָפיצירן קענען אין אַ קורצער צייט ווערן ווירק־זאַמע אַרמיי־אָפיצירן — האָט מיקי צוגעגעבן. — איצטער האָט איר דאָרט גרופּעס פון באַרוועסע סאָלדאַטן אָן דער מינימאַלסטער אויסשטאַטונג, אָבער זיי זענען גרייט צום קאַמף אויך אַזוי. גיט זיי שיך וועלן זיי קעמפן נאָך בעסער. די אָפיצירן אָבער מאַכן דעם אָנשטעל אַז זיי ווייסן אַלץ און דאַרפן נישט קיין טרענירונג. לערנט זיי און זיי וועלן אויפנעמען די אינסטרוקציעס מיט איבער־ראַשנדיקער שנעלקייט, נישט געקוקט אויף זייער ביז־איצטיקער ציווילער באַציִונג.

מיקיס הויכער אָפּשאַצונג פון דער סאַברישער מענטאַליטעט

האָט אויף בן־גוריונען געמאַכט אַ טיפן רושם. „דער דאָזיקער מענטש פאַרשטייט אונדזער יוגנט בעסער איידער אַ סך וואָס לעבן אין לאַנד שוין יאָרן לאַנג". — האָט ער געזאָגט צו ישראל גלילי, דעם פּאָליטישן ראַטגעבער פון דער הגנה. וואָכן לאַנג איז בן־גוריון געווען איבערראַשט פון דעם בריליאַנטענעם אַמעריקאַנער קאָלאָנעל, פון זיין פּשוטער האַלטונג. ער האָט נאָך אַלץ געצווייפלט אין מיקיס „ערנסטקייט", איצט, שטודירנדיק מיקיס פּלאַן וועגן אַ קליינער באַוועגלעכער אַטאַקירנדיקער איינהייט אין נגב, צוגעפּאַסט צו די באַגרענעצטע מיטלען פון דער הגנה, האָט בן־גוריון אַוועק־געוואָרפן אַלע זיינע צווייפלענישן.

„דער עקספּערט וואָס איז געקומען מיט שלמהן — האָט ער געשריבן צו משה שרת קיין אַמעריקע — איז פאַר אונדז אַ ברכה. זיינע באַשלוסן ווייזן אַרויס אַ דערשטוינענדיקע אָריענטאַציע אין דער לאַגע — די גוטע־ און שלעכטע־זייטן.

בן־גוריון איז געווען נייגעריק צו הערן מיקיס אָפּשאַצונג וועגן דער הגנה׳ס אויסשפּרייטונג אַרום ירושלים, ווו די צוואָרפנקייט פון די יידישע קוואַרטאַלן שטעלן מיט זיך פאַר אַ ספּעציעל פּראָבלעם. אין אַ פריערדיקן באַזוך איז מיקי געוואָרן אויפגעצי־טערט, ווען ער האָט געהערט פון אייניקע הגנה־קאָמאַנדירן, אַז די צעבערעקלטקייט פון די יידישע קיבוצים איז אַ געווינס.

מיקי האָט דיסקרעט באַמערקט, אַז אַ פאַרטיידיקונג־ליניע איז נוצלעך בלויז דעמאָלט, ווען זי איז נישט איבערגעריסן. און אַזאַ מין פאַרבינדונג זענען די פאַרשטעט אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר, אַז דער שונא וועט זיי איינציקווייז באַהערשן.

איצטער, ביי דער געפאַר פון דער אינוואַזיע פון אַראַבישן לעגיאָן, האָט מיקי געפילט, אַז אַ טייל קיבוצים, ווו מ׳קען נישט לעזן דאָס פּראָבלעם פון הילפסמיטלען און קאָמוניקאַציע, וועלן ווערן טויט־פּאַסטקעס. ער האָט געראָטן דורכצופירן אַן עוואַקואַציע פון געוויסע פּונקטן, באַזונדערס דעם כפר־עציון־בלאָק אויף דרום פון ירושלים. זיין מיינונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. בן־

גוריונס טאַקטיק איז געווען „פּאַרטיידיקן יעדן סענטימעטער״.

אויפן וועג פון כפר־עציון האָט זיך אין יאַנואַר אָפּגעשפּילט די דראַמע פון די 35 פון די בעסטע פלמח־קעמפער, וועלכע זענען געפאַלן פון די הענט פון די אַראַבישע כנופיות. אין מאַי איז דער עציון־בלאָק ווידער אַטאַקירט געוואָרן פון אַראַבישן לעגיאָן און געבראַכט מיט זיך שווערע פאַרלוסטן.

אין ירושלים, האָט מיקי געהאַלטן, דאַרף מען צוגרייטן שאַרפע לאָקאַלע אָנגריפן קעגן די אַראַבישע קוואַרטאַלן, וועלכע צעטיילן די יידישע געגנט. די אַטאַקעס דאַרפן זיך אָנהייבן מיטן פאַרלאָזן פון די ענגלענדער דאָס לאַנד. ער האָט געפילט, אַז דער וואָס וועט מאַכן דעם ערשטן שפּרונג וועט באַקומען אַ גרויסן פאָרצוג. ער האָט זיינע אידעען דיאַגראַמירט אין שנעלע לינק־האַנטיקע צייכענונגען און באַדעקט מיט זיי עטלעכע מאָפּעס. דריי חדשים שפּעטער האָט אַן אַרטיקל אין דער צייטשריפט „ניי־פּאַלעסטינע״ אים באַצייכנט אַלס דעם, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די אַלץ־אַרומ־נעמענדיקע סטראַטעגיע פונעם ירושלימער קאַמף.

אָבער בלויז פּלאַנעווען, ווי גענעראַל הילדרינג האָט אויסגע־פונען, איז נישט געווען גענוג פאַר מיקין. אָנהייב אַפּריל האָט ער געזאָגט שלמה שמירן: „אין הויפּט־קוואַרטיר האָב איך מיין אַרבעט פאַרענדיקט. איצטער לאָז איך זיך אַרויס אין פעלד״.

עס איז געווען אַ צייט פון אָפּוואַרטן. מען האָט געוואַרט אויף דער אַראַבישער אינוואַזיע. אין צענטער פון לאַנד האָבן די מופּטישע „נישט־רעגולערע״ באַקומען דעם קלאַפּ פון דער „נחשון־אָפּעראַציע״. אויף צפון־מערב, האָט די „באַפרייונגס־אַרמיי״ פון קאַאוקדזשי געליטן אַ מפּלה אין משמר העמק, ביים טויער פון חיפה. דער נגב האָט זיך געהאַלטן פעסט, טראָץ דעם שטראָם פון די פאַנאַטישע עגיפּטישע „מוסולמענישע ברידער״. אין די געמישטע שטעט: ירושלים, חיפה, צפת, טבריה און תל־אביב־יפו האָבןביידע צדדים אָפּגעוואַרט די ענגלישע עוואַקואַציע, גרייטנדיק זיך צום אַנטשיידנדיקן קאַמף.

ווען די ענגלישע גאַרניזאָנען אין צפון האָבן זיך גענומען פּאַקן, האָט מיקי געהאַט אַ שטאַרקן פאַרדאַכט, אַז די אַראַבער וועלן נישט וואַרטן ביז צום 15־טן מאַי, דעם טאָג ווען ס׳ענדיקט זיך דער מאַנדאַט.

פּלמח, האָט ער זיך דערוווּסט, פּלאַנעוועט אַ נאַכט אַטאַקע אויף דעם סטראַטעגישן דאָרף ביים מערבדיקן ברעג פון צפון־מזרחדיקן גליל, מלכיה. די אַטאַקע האָט געדאַרפט דורכפירן אַן אָפּטיילונג פון הר־כנען. דער וועג האָט זיך געצויגן צו צפון דורך אַראַבישע דערפער. דער קלענסטער דורכפאַל האָט געקענט באַדייטן אַ טויט־פּאַסטקע. מיקי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אויפן הר־כנען און זיך אָנגעבאָטן מיטצוגיין מיט די אַטאַקירער. זיין פריינד מאָלא כהן, „הייבמאַשין", קאָמאַנדיר פון גליל, האָט געזאָגט ניין, שאַרף באַטאָנענדיק:

„כ׳האָב באַקומען אַ באַפעל פון הויפּטקוואַרטיר, נישט צו לאָזן אייך גיין צו די פראָנט־ליניעס".

— נאַרישקייטן — האָט מיקי זיך צעלאַכט. כ׳האָב זיי קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז כ׳וויל גיין...

—אפשר האָבן זיי אַליין אויסגעפונען ווער איר זענט? — האָט כהן געלאַכט.

מיקי האָט זיך פאַרעקשנט:

— כ׳מוז זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי ס׳זעט אויס אַ נאַכט־אַטאַקע. כהן האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיינע אינסטרוקציעס. צום סוף זענען זיי געקומען צו אַ פשרה. מיקי און כהן וועלן גיין צוזאַמען מיט דער אָנגריף־גרופּע ביז צום קאָנצענטראַציע־פּונקט. דער פּלמח קאָמאַנדיר האָט באַלד חרטה געהאַט אויף זיין צוזאָג. אַ האַלבע סכנה פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז דער שלענגלדיקער וועג דורך אַראַביש לאַנד. נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע, אויף וועלכער די יונגע אָפיצירן האָבן אילוסטרירט דעם אַטאַקע־פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן, האָט מיקי נאָכגעגעבן. ער האָט מאַרשירט צוזאַמען מיט כהנען הינטער דער אָנגריף־גרופּע. ער האָט געטראָגן זיינע

פּאַראַשוט־שטוויל און אַ ספּאָרט־ראָק אויף זיין אַמעריקאַנער פעלד־מונדיר.

זייער וועג דורך שטיינערנע טייך־אָפּגרונטן און באַרג־אַרויף וועלדלעך איז געווען אַ שרעקלעך שווערער. אין דער נאָענט פון אַראַבישע דערפער זענען זיי געגאַנגען איינגעבויגן אין די אויסגעטרוקנטע קאַנאַלן, אָדער פּשוט געקראָכן דורך פעלדער. די פּלמחניקעס, טרענירט פאַר לאַנגע, שווערע מאַרשן האָבן מיט שטוינונג געקוקט אויפן לייכטן גאַנג פון אַמעריקאַנישן באַאָבאַכטער, וועלכער האָט מיטגעשפּאַנט מיט דער לייכטקייט פון אַ פרימאָרגן־שפּאַציר איבער דער פינפטער עוועניו. אָבער מיקי האָט נישט סתם שפּאַצירט. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער אומגעגנט און צו דער אויפפירונג פון די מאַרשירנדיקע טרופּן. ווען די טרופּע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצן אָפּרו האָט ער געזאָגט צו „הויבמאַשין״:

— לויט דער מאַפּע גייען מיר דורך סאַמע פיינטלעך לאַנד.

— ריכטיק! האָט דער פּלמח־קאָמאַנדיר צוגעשטימט.

— מעגלעך, אַז פּאַטראָלן דרייען זיך אין די בערג, אָדער אַראַבישע פּאַסטעכער. מ׳וואָלט געדאַרפט אַרויסשיקן אָבסערוואַציע־פּאָסטנס יעדעס מאָל ווען מיר שטעלן זיך אָפּ, כדי צו דעקן אַלע צוגענג. אַ טייל פון די סאָלדאַטן — האָט מיקי פאָרגעזעצט — מאַרשירט שווערלעך און מאַכט קליינע גערוישן. אַ צווייג־ברוך קלינגט אין דער נאַכט־שטילקייט ווי אַ האַרמאַטן־שאָס. לערן זיי פּויסט־פאַרמעסטן, הייבמאַשין — און זיי וועלן זיין לייכט אויף די פיס.

זיי זענען צוגעקומען צום קאָנצענטראַציע־פּונקט און כהן האָט דערמאָנט מיקין זייער אָפּמאַך. מיקי האָט צוגעוואָרפן די יונגע „פּיעכאָטניקעס״ דערמוטיקונג צייכנס און קעגן זיין ווילן זיך אומגעקערט צום הר־כנען. אַ דערשטוינטער האָט כהן זיך צוגעקוקט ווי זיכער מיקי גייט אויף זיין צוריקוועג, באַנוצנדיק זיך נאָר איין מאָל מיט דער מאַפּע.

צוויי אַזייגער ביינאַכט זענען זיי צוגעקומען צו דער הויפּט־באַזע אויפן הר־כנען. די פלמח מיידלעך האָבן געקאָכט, געפּרעסט און געטאָן אַנדערע הויז־אַרבעט, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען אין מיטן העלן טאָג. מיקי איז אַוועק אין זיין צימער כאַפּן אַ דרימל.

איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט אים איבערגעוועקט אַ טיף־האַלדזיק מענלעך געזאַנג וואָס האָט זיך כסדר דערנענטערט.

...נבנה ארצנו, ארץ מולדת...

דאָס איז געווען הגנהס באַרימט ליד „מיר". מיקי האָט שוין עטלעכע מאָל געהערט דאָס ליד אין די סאָלדאַטן־לאַגערן, אָבער יעטוועדעס מאָל איז ער פון דאָס ניי גערירט געוואָרן. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אַראָפּגעלאָפן באַגעגענען די צוריק געקומענע סאָלדאַטן. דער נאַכט־אָנפאַל איז דורך אָן קרבנות.

מיקי האָט פּאַרזיכטיק אויסגעפרעגט די סאָלדאַטן אַלע איינצל־הייטן פון דעם אָנפאַל. ער האָט קאָמענטירט כהנען: ווען דו קוקסט זיך גוט צו צו סאָלדאַטן וואָס קומען צוריק פון אַ שלאַכט, קענסטו גלייך קאָנסטאַטירן אויף ווי וויט זיי זענען גרייט אַרויסצולאָזן זיך אויף אַ קומענדיקער...

שמועסן מיט סאָלדאַטן: וואָך־לייט, קעמפער, סיגנאַליסטן, קוכער האָבן איצט פאַרנומען מיקיס גאַנצע צייט — אין אַ סעריע פון באַזוכן אין די באַזעס פונעם לאַנד. ער האָט גאַנץ לייכט געגעבן עצות די קאָמאַנדירן, אָבער ער האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אויף די סאָלדאַטן אויף די ליניעס. צוקומענדיק צו אַקטיווע פראָנטן אַזוי נאָענט ווי די לאָקאַלע אויטאָריטעטן האָבן עס אים דער־לויבט, האָט ער געטיילט מיט די סאָלדאַטן זייער שפּייז, זייערע טענץ און געשפּרעכן. ווען ר׳האָט זיך געטראָפן מיט ניי־אָנגעקומענע וואָס האָבן נישט געקענט נישט ענגליש און נישט העברעיש, האָט ער זיך מיט זיי פאַרשטענדיקט דורך שמייכל און זשעסטיקולאַציע.

אין איינער אַ נאַכט האָט מען אים איינגעלאַדן אויף אַ „קומזיץ" אויפן „אַראַבישן שטייגער". דאָס איז געווען אַ געהיימע אָפּטיילונג פון אַראַביש־אויסזעענדיקע יידן, וועלכע פלעגן אַריינדרינגען אין

די אַראַבישע ישובים לשם אינפאָרמאַציע. זיי האָבן געטראָגן ווייסע לויזע קליידער און גערעדט אין אַ ריינעם בעדויִנישן אַקצענט.

אָנגעהויבן האָט זיך די שמחה נאָך האַלבער נאַכט אין אַ שול־צימער פון אַ קיבוץ, אויסגעליידיקט פונעם „מערבדיקן" מעבל; העל קאָלירטע קישעלעך אויסגעלייגט אויף דעם מיט ראָגאָזשע באַדעקטן דיל און שווערע פאָרהאַנגען זענען אַראָפּגע־האָנגען פון די ווענט; אַ טונקעלע באַלויכטונג קינסטלעריש פאַר־באָרגן אין דער סטעליע האָט אימיטירט אַן אַראַביש געצעלט.

געעני ווי אין אַן אַראַביש דאָרף, איז אַ בחור, אַרומגעוויקלט לויז אין אַ ווייסער „אַבאַיע" און בלויע „קעפּיאַ" אויפן קאָפּ, געזעסן אין אַ ווינקל פון צימער, די פיס איבערגעקרייצט, פאַרציענדיק אַ מאָנאָטאָנעם אַראַבישן ניגון און מיט אַ שטייסל געקלאַפּט אין אַ מערזשל קאַווע. דערנעבן איז געשטאַנען אַ קופּערנער קעסל וואַסער אויף אַ פּייערקע. ווען מיקי איז אַריין אין צימער צוזאַמען מיט יצחק שדה, האָט ער גלייך דערפילט די באַזונדערע עקזאָטישע אַטמאָספערע. ער האָט געבעטן אין דער שטיל מ׳זאָל אים איבער־זעצן דאָס ליד.

יאָרן לאַנג האָבן מיר געגעסן „פּיטעס" און געטרונקען פון „פינדזשאַנס"
ביז ס׳זענען אָנגעקומען די שרתס, בן־גוריונס, און וויצמאַנס...
די סאַברעס זענען שטאַרק, זייערע פירער האָבן געהירן
אָבער איבער פּאַלעסטינע וועט הוסייני רעגירן...

מיקי האָט צוגעענטצום סאָליסט מיט יראת־הכבוד, און דער־לאַנגענדיק אים אַ מטבע, געזאָגט: „באַקשיש פאַר דיר, קאַווע־מאַלער, דו ביסט דער בעסטער זינגער אינעם גאַנצן אָריענט". ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויפן דיל איבערגעקרייצט די פיס און פּרו־בירט זיך אויסלערנען דעם אַראַבישן טעקסט פונעם ליד.

דער זינגער, מיט אַ פּנים פון אַ וואַקסענער פיגור, האָט אויפ־געהערט זינגען. ער האָט אַריינגעלייגט די קאַווע אין אַן עלע־גאַנט־געשניצטן „באַקראַדזש״, צוגעווירצט מיט אַ זיס־שמעקנדיק־געווירץ, אָנגעפילט צוויי קופּערנע „פינדזשאַנס״ און זיי דערלאַנגט מיט גרויס צערעמאָניע די בכבודיקע געסט: שדה און מיקי. די איבעריקע „אַראַבער״ זענען סערווירט געוואָרן לויט דער רייע פון זייער וויכטיקייט. יעדער גאַסט, אויסלײדיקנדיק זיין טעפּל, האָט געבענטשט דעם באַלעבאָס מיט אַ הויך־קלינגענדיקן „אינשאַלאַ דיאַמאַן״.

די שטימונג איז געווען ווי אין אַן אַראַביש הויז. מיקי האָט זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע מיט שאַרפן אינטערעס. ווי דער רוב יידן אין לאַנד, האָט ער נישט געפילט קיין פּערזענלעכע שנאה צו די אַראַבער.

מיקי האָט אַמאָל באַזוכט אַראַבישע לענדער אַלס ראַטגעבער פונעם גענעראַל מאַרשאַל. ער האָט זיי אָפּגעשאַצט רעאַליסטיש, אָן ראָמאַנטיק. ער האָט זיך צוגעזען ווי קליינע, איבערגעפּרעסענע אויסדערוויילטע פּאַשאַ׳ס און „פּאָליטישנס״ רייטן גאַנץ רויִק אויף די רוקנס פון מיליאָנען לאַנדלאָזע פּויערים. דער פּשוטער פעלאַך האָט זיך געראַנגלט מיט זיינע לאַנגיאָריקע שונאים: פאַר־נאַכלעסיקטע פעלדער, פּרימיטיווע מעטאָדן פון לאַנד־אַרבעט, חובות און קרענק. דער אָפּגעשטאַנענער, אומוויסנדיקער פעלאַך, האָט געגעבן ווי זיין קרוב, דער בעדוִינער, נישט געהאַט די מינדסטע האָ־פענונג, אַז זיינע קינדער וועט זיך לעבן בעסער פון אים.

שוין יאָרהונדערטער ווי די אַראַבישע הערשער האָבן זיך אָפּגעקערט פון זייערע אונטערטאַנען, באַהאַנדלט זיי ווי חיות און געקימערט זיך וועגן זיי ווייניקער ווי וועגן זייערס אַ באַליבט ביקל. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויפגעטרייסלט דעם פאַר־שימלטן קאַסטע־סיסטעם פון מיטעלן־מזרח. דעמאָקראַטישע אידעען האָבן געקנאַלט אין די לופט־כוואַליעס און אַריינגעדרונגען אין די

אַראַבישע קאַפּע־הייזער. אין סאַמע האַרץ פון דער אַראַבישער טיראַניע האָט געלעבט און געבליט אַ האַלב סאָציאַליסטישער יידישער ישוב. פּלוצעם האָבן די זעלבע הערשער, דערשפּירנדיק, אַז זייערע פּאַסיווע שקלאַפן זענען גרייט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך, אָנגעהויבן טוליען די' אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע אַראַבער צו זייערע אויסגעכאַליעטע ברוסטן און צוגעזאָגט צו „באַשיצן" זיי פון די קריוודעס פון דער „יידישער אַגרעסיע".

מיקי איז געווען אַ נייגעריקער שילער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די גרויסע שיסלען מיט שאָפּן־פלייש, געבראָטענע אויפן פייער הינער און שאַרף־באַווירצטן רייז. „חברה" האָט זיך ממש איינגע־גראָבן מיט די פיטעס אין די שיסלען פלייש און רייז. דער גע־שיקטער עסער האָט פּשוט צוזאַמענגעשאַרט דאָס פלייש און רייז מיט זיין פּיטע און ווי אַ וואָדעוויל־קונצנמאַכער אַריינגעוואָרפן עס אין מויל אַריין, אַן גאָפּל־מעסער אויפן אַראַבישן שטייגער. מיקי האָט זיך געראַנגלט מיט דער נישט באַקאַנטער טעכניק פון עסן.

— אַ נישט ריכטיקער ציל — האָט ער געזאָגט צו זיין שכן — קען אָנמאַכן די ריכטיקע חתונה...

איינער פון די „אַראַבער" האָט געגעבן צו פאַרשטיין:

„גאָפּל־מעסער וועלכע קומען פון אייראָפּע זענען דאָס געצייג פון צוריקגעשטאַנענקייט, זיי נעמען צו פון עסן דעם גאַנצן געשמאַק. ס'שטייט געשריבן אין אונדזער הייליקן געזעץ, אַז נישט נאָר דאָס מויל דאַרף הנאה האָבן פון עסן נאָר אויך די הענט". די הענט וואָס טוען אַלע אַרבעטן זענען נישט באַרעכטיקט צו דעם פאַרגעניגן?

— אַ גרויסער אמת שטעקט אין אייער הייליקן געזעץ — האָט מיקי „נאָכדענקענדיק" געגלעט זיין כלומרשטע באָרד...

אַז די שיסלען זענען אויסגעליידיקט געוואָרן האָט דער באַ־לעבאָס אויפגעהויבן זיינע הענט: „מיט דער ספּעציעלער דער־לויבעניש פון מעכטיקן אימאַס, זיין פּרעכטיקייט זאָל בליען, איז אונדז דערלויבט צו טרינקען אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, כדי צו

זיין שטאַרק אין דער מלחמה וועלכע איז אונדז באַפוילן געוואָרן צו פירן״...

מיקי האָט צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דעם „אַראַק״, דער שטאַרקער אַניס־באַווירצטער שנאַפּס, פונעם נאָענטן מזרח. ער האָט געזופּט דעם זיסלעכן געמישעכץ מער אויס פריינדלעכקייט איידער פאַרגעניגן. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז און זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם ווילדן אַראַבישן טאַנץ די „דעבקאַ״.

נאָך דער פאַרשטעלונג האָבן די „אַראַבער״ דעמאָנסטרירט פאַר מיקין זייערע טאַלאַנטן פון מימיק און גרים. דער אָוונט, ווי אַלע אָוונטן אין ישראל פאַר דער אינוואַזיע, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ היציקער דיסקוסיע וועגן דעם ווי אַזוי געוויסע מיטלען קענען אַמבעסטן דינען פאַר אָפּעראַציע־צוועקן. פיר אַזייגער פאַר טאָג איז דער עולם זיך צעגאַנגען און מיקי איז אָנגעקומען אין זיין צימער אין גת־רימון־האָטעל.

אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען די שריפט אויפן קאָנווערט וואָס האָט געוואַרט אויף אים איז מיקי אַלאַרמירט געוואָרן. עמאָס האַנטשריפט איז דאָס מאָל געווען צעשפּרייט און נישט רעגלמעסיק. מיקי האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און זיין שרעק האָט זיך באַשטעטיקט:

„טייערינקער,

ס׳טוט מיר זייער לייד דיך צו באַלעסטיקן. כ׳שרייב פון מיין קראַנקן־בעט. שוין צוויי וואָכן ווי דער דאָקטאָר האָט מיר באַפוילן אויפצוהערן מיטן לערעריי און דורך דער צייט, זעט אויס, איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. ער רופט דאָס דערשעפּונג, נערוון־אויסמאַטערונג — אָבער „שטאַמפּן״ העלפן נישט. איז אפשר מעגלעך, אַז דו זאָלסט קומען אַ היים? פון די „וואָכן״ איז שוין געוואָרן איבער צוויי מאָנאַטן. ס׳איז מיר זייער שווער צו לעבן אָן דיר״.

עמאָ האָט געהאָפט אַז מיקי וועט זיך באַלד אומקערן אַ היים. מיקי האָט אָפּגערופן דעם האָטעל־אָנגעשטעלטן און געבעטן אים

נישט געשטערט צו ווערן. ער איז אַרויס אויפן באַלקאָן, באַלויכטן פון דער פרימאָרגן־זון און נאָכגעטראַכט: עמאָס קרענק ענדערט אַלץ; זיין ליב ווייב וועלכע האָט אים אַזוי לאַנג שטיל אונטערשטיצט, דאַרף אים איצטער האָבן; ער מוז צוריק פאָרן. גאַנץ מעגלעך, אַז ר׳וועט צוריקקומען אַהער. איצטער, ווען ס׳איז פאַרהעלטניס־מעסיק שטיל אין לאַנד, איז די ריכטיקע צייט איבערצורייסן זיין „פאַרווײלונג״ דאָ. זיין צוריקקומען וועט זיין אָפּהענגיק פון עמאָס געזונט. ער מוז איצט אָפּרייניקן זיין שרייבטיש און פּרובירן גע־פינען אַ פּלאַץ אין אַעראָפּלאַן קיין ניו־יאָרק.

זיין פּלוצימדיקער באַשלוס איז אויפגענומען געוואָרן אין תל־אביב מיט גרויס זאָרג. מיקיס אויפמונטערנדיקע אָנוועזנהייט און אויטאָריטאַטיווער ראָט זענען געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון אַלע געשעענישן אין לאַנד. צענדליקער טאַקטיק־פּלאַנירער האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אים און געוואַרט אויף זיין עצה, הגם קיין איינער פון זיי האָט קלאָר נישט געוווּסט וועגן אַלע מיקיס אַקטיוויטעטן. אין די לעצטע וואָכן האָט ער באַרייזט אַ סך קיבוצים, פאַרזייענדיק קערנער פון מיליטערישער חכמה, וועמענס שניט האָט זיך פאַר־ווירקלעכט אין רמלה, אין באר־שבע און יאָרן שפּעטער אין מדבר־סיני.

אַזוי ווי מיקי האָט פונקציאָנירט אַלס ראַטגעבער אויף פאַר־שידענע געביטן, האָט זיך יעטוועדער יידישער פירער אין לאַנד אויסגעמאָלט זיין אייגן בילד וועגן „אַמעריקאַנער״ — עפּעס אויפן שטייגער פון די בלינדע אין אינדיע, וועלכע האָבן אויפן סמך פון קומען אין באַרירונג מיט באַזונדערע טיילן פון אַ העלפאַנד, באַקומען אומגלייכע באַגריפן וועגן דער גאַנצער חיה.

איצטער, צו מיקיס אָפּפאָר, האָט מען געמאַכט אַ סך־הכל פון דעם וואָס דער קליינער קאָלאָנעל פון אַמעריקע האָט באַוויזן אין זיין קורצן באַזוך אויפצוטאָן אין דער „הגנה״. יגאל ידין האָט געבעטן בן־גוריונען מיטשיקן מיט מיקין אַ שטאַב־אָפיציר, כדי צו פאַרגרעסערן די אויסזיכטן פון זיין צוריקקומען.

— ס'איז לעבנס־וויכטיק, אַז מיקי זאָל צוריקקומען, — האָט יגאל ידין דערקלערט, — מיר מוזן קעמפן און בויען גלייכצייטיק. אין מיקין האָבן מיר אַ דערפאַרענעם סאָלדאַט, וועלכער פאַרשטייט ווען אויפצוהייבן זיין האַנט און צו זאָגן: סטאָפּ! קוקט זיך גוט אַרום! איידער מיר זענען אַרונטער פון גלייכן וועג...

אַנדערע קאָמאַנדירן זענען דעסטגלייכן געווען באַזאָרגט פון דער אויסזיכט צו פאַרלירן אַ מענטשן וועמענס טאַלאַנטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן, כמעט ווי דורך אַ נס, צו זיין צוגעפּאַסט צו אונדזערע נויטן. ער איז געווען דער קאַטאַליזאַטאָר פון אַן אַרמיי וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון אינערלעכער פּאַרטיי־צעריסנקייט. זיין ווירקונג האָט זיך געפילט אין אַלע ווינקלען פון דער ישראלדיקער מלחמה־מאַשין. ער איז געווען דער איינ־ציקער וועלכער האָט נישט רעאַגירט עמאָציאָנעל אין די שטענדיקע דעבאַטן צווישן די פּלמחניקעס און די ענגליש־טרענירטע אָפיצירן.

ביידע, חיים לאַסקאָוו און יגאל אלון האָבן געזען אין מיקין אַ שטיץ־פּונקט. און ביידע זענען געווען גערעכט. קיין אַנדערער, נישט־ישראלי, האָט נישט פאַרמאָגט דעם פּערזענלעכן שאַרם צו מאַכן זיינע מיינונגען אָננעמבאַר פון די שטאָלצע סאַברעס. איינער פון בן־גוריונס געהילפן האָט געזאָגט:

„די פּלמחניקעס זענען גרייט געווען צו באַפרייען זיך פון זייער כאַאָטישער אומאָרדענונג, אָבער זיי האָבן דאָס נישט גע־קענט מאַכן אונטערן דרוק פון זייערע ישראלדיקע חברים, נישט ליידנדיק דערביי קיין בושות. מיט מיקין איז געווען אַן אַנדערע געשיכטע".

נישט נאָר זענען מיקיס פּלענער געווען פאַראַנטוואָרטלעכע, ווי ישראלס יו־ען־דעלעגאַט, אבא אבן, האָט עס שפּעטער פעסט־געשטעלט, אַ פאַקט, ווען די אַראַבער זענען אָנגעפאַלן איז ישראל געווען גרייט אויף אַלע פראָנטן, נאָר זיין פּערזענלעכקייט איז געווען אַ צוזאַמענהאַלטנדיקער עלעמענט אין דער ישראלדיקער כאַפּ־לאַפּ־אַרמיי.

זינט גענעראַל אָרדעווינגייטס צייטן, וועלכער האָט אָרגאַניזירט גרופּן פון נאַכט־אָנפאַלער אין די דרייסיקער יאָרן, איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל ווען אַ„דרויסנדיקער" האָט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן די ציוניסטישע מיליטערישע צילן. מיקי האָט געהאַט אַ סך געמיינזאַמס מיט דעם אידעאַליסטישן ענג־לענדער, שפּעטער אַ העלד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די ביטערע בורמאַ־קאַמפּן. אָבער ס׳זענען געווען שאַרפע אונטערשיידן צווישן די צוויי. ווי ס׳האָט קאָנסטאַטירט, גרשון ריבלין, דער רעדאַקטאָר פון דער מיליטערישער צייטונג „מערכות":

„ווינגייט איז געווען דער פּערפעקטער קאַפּיטאַן — עקספּערט צו פּראָיעקטירן און דורכצופירן קליינע שאַרף־אַטאַקירנדיקע אָפּע־ראַציעס. אונדזערע דערפאָלגן אונטער זיין פירערשאַפט האָבן געוועקט דעם צוטרוי צו אונדזערע אייגענע כוחות. מיר קענען אַטאַקירן און נישט וואַרטן ביז די אַראַבער וועלן אויף אונדז אָנ־פאַלן.

וואָס ווינגייט האָט אונדז געגעבן אויפן טאַקטישן געביט, האָט אונדז מאַרקוס געגעבן אויפן סטראַטעגישן געביט. אין אַ קורצער צייט האָט מיקי באַוויזן צוזאַמענגלידערן אונדזערע צופעליקע איינ־הייטן אין אַ רעגולערער אַרמיי, פעיִק צו פּלאַנירן און אויספירן גרויסע אָפּעראַטיווע אָפּענסיוועס. ווינגייט איז געווען אַ שטילער, צוריקגעהאַלטענער, באַהערשט פון אַ ביבלישן פאַנאַטיזם וועגן רעכט און אומרעכט. מיקי — אַ פריינדלעכער מענטש, מיט אַ תל־מודישן וועלט־באַנעם, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעקליבן אין די פילע שאַטירונגען צווישן גרוי, שוואַרץ און ווייס.ביידע זענען געווען אויסגעצייכנטע פירער און ביישפּילן פון פערזענלעכער געוואַגטקייט אונטער פייער. אָן ווינגייטן וואָלט געפעלט דער פונ־דאַמענט פון דער יידישער אַרמיי. אָן מיקין וואָלט זי מעגלעך פאַרבליבן אַ גערילע־באַנדע".

פאַר מיקין איז די דערדריקנדיקע שטימונג אינעם „רויטן הויז"

בעת זיין „זיי געזונט" געווען אומדערוואַרט. אויך האָט אים נישט געשמעקט דאָס סקעפּטישע אויפנעמען זיינע פאַרזיכערונגען צו־ריקצוקומען. אפילו שלמה שמיר, זיין פאַרטרויליכער פריינד, האָט אומעטיק באַמערקט:

— איך דערוואַרט נישט אַז מיר זאָלן אייך נאָך זען דאָ אין לאַנד.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָט זיך מיקי אונטערגעגעבן דער שוואַכקייט וועלכע האָט אים געפּלאָגט נאָך פון דער צייט ווען ער איז געווען אַ ניו־יאָרק־שטאָט־באַאַמטער. ער האָט אַרויס־געזאָגט די ווערטער וואָס זיינע צוהערער ווילן הערן — מיט דער האָפענונג אַז ער וועט דאָס דערפילן.

„ס'איז נישט קיין זיי געזונט — האָט ער געזאָגט צו אַ גרופּע וואָס האָט אים אַרומגערינגלט אין בן־גוריונס קאַבינעט — ווען די אַראַבער וועלן אַטאַקירן וועל איך דאָ זיין".

— איר דאַרפט האַנדלען ווי אייער געוויסן דיקטירט אייך, מיקי! האָט בן־גוריון געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אַן ערנסטן בליק.

— קודם־כל איז עס דער געוויסן מיינער וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט! — האָט מיקי באַמערקט.

— וואָס איר זאָלט נישט באַשליסן אין דער צוקונפט, אײן זאַך בעט איך אייך, פאַרשט אויס אויב אַמעריקע וועט אונדז אָנערקענען, ווען מיר וועלן פּובליקירן אונדזער אומאָפּהענגיקייט, — האָט בן־גוריון געזאָגט.

— כ'וועל דאָס שוין אויספאָרשן, — האָט מיקי פאַרזיכערט. דאָס וועט זיין מיין ערשטער פּונקט אויפן סדר־היום אין אַמעריקע.

ער האָט זיך מיט אַלעמען געזעגנט — אַן איבערגענומענער מיט דער שווערער שטימונג פון די אָנוועזנדיקע.

מוטיקע מענטשן פאַרדינען אַ בעסערן אָפּשייד.

„כ'וועל צוריק קומען, — האָט ער נאָך אַ מאָל פאַרזיכערט אימ־

פולסיוו, שטייענדיק ביי דער טיר. — כ׳וועל זיין צוריק ווען כ׳זאָל אפילו דאַרפן דעם ים אַריבערשווימען״.

ער האָט אַ בליק געטאָן מיט זיין פאַרזיכערנדיקן, שטשירנדיקן שמייכל און איז אַוועק.

וויניקע פון די אָנוועזנדיקע האָבן דערוואַרט נאָך אַ מאָל אים צו זען. אַנדערע האָבן געהאָפט. אין שמירס אויגן וועט מיקיס אַנטשיידונג זיין אַ פּרובירשטיין, נישט אַזוי פאַרן אַמעריקאַנער, ווי פאַר די מענער און פרויען פון ישראל. איז זיי געלונגען צו באַ־ווירקן מיקין מיט זייערע פאַרדינסטן און נויטן? האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן ווערט צו זיין די מסירת־נפש פון מיקיס זייט? האָט די גערעכטיקייט פון זייער ציל אויף אַזויפיל פאַרכאַפּט דעם אַמעריקאַנער, אַז ער זאָל וועלן צוריקקומען?

מיקי האָט אין יענעם מאָמענט נישט געקענט ענטפערן אויף די אַלע פראַגן. זיין צוזאָג איז געווען אַן עמאָציאָנעלער, אַן אויס־ברוך פונעם טיפן האַרצן אַרויס. וואָס וועט זיין ווען די פליכט פון זיין האַרץ צו זיין פרוי וועט אים פאַרהאַלטן?

קאַפּיטל אַכט

צוויי טעג שפּעטער איז מיקי ווידער געווען אין אַמעריקע, אָן באַגאַזש, אָט ווי ער שטייט און גייט. ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער ווילע אין טשעכאָסלאָוואַקיע אויס־צוזוכן עמאַס מלחמה־געליטענע קרובים. געפינענדיק זיי אין גרויס נויט, האָט ער, ווי זיין שטייגער, אַוועקגעגעבן זיי דעם גאַנצן באַגאַזש, אויסער די קליידער וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך.

זיין אַהיימקומען האָט געבראַכט מיט זיך, ווי ס׳האָט פעסט־געשטעלט עמאַס דאָקטאָר, אַ „פּסיכאָסאָמאַטישן נס". עמאַ איז געווען בלייך און גלייכגילטיק בעת זיין אַריינקומען אין פרוי־מאָרגן אין שלאָפצימער. אַרום אָוונט האָט זי שוין צוריק געהאַט דעם גלאַנץ אין די אויגן און די קנייטשן פון אַנגסט אויף איר שטערן זענען כמעט ווי פאַרשוווּנדן.

— דאָס הייל־מיטל אין וועלכן זי האָט זיך גענייטיקט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיקין — ביסט דו.

אַכט און פערציק שעה זענען די מאַרקוסעס געבליבן מיט זיך אַליין — גערעדט, געלאַכט און פאַרברענגט אויף די טויזנטער אופנים פון פאַרהייראַטע פאָרלעך, געבענטשטע מיט אינטימיטעט.

זיי האָבן זיך פאַרווײַלט אין אַ ניו־יאָרקער רעסטאָראַן, אַוועק־געשפּאַצירט אין אַ קינאָ אויף בראָדוויי. דער פילם איז געווען ווייניקער וויכטיק — וויכטיק איז געווען דער עצם־פאַקט פון זייער צוזאַמענזיין.

מיקי האָט דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע וואָכן זיך געפילט אויפגעלייגט.

אין אַן אַלטן באָד־כאַלאַט, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך עמאַן אין קיך אַריין, נאָכפרעגנדיק זיך וועגן היימישע רכילותלעך. ער האָט געשפּאַסט פון איר וואָג וואָס זי האָט פאַרלוירן אין דער צייט פון איר קראַנקייט.

— וואָס, סניפּפּי, ווילסט קאָנקורירן מיט קעטרין העפּבורין?

וועגן פּאַלעסטינע האָט ער געשוויגן. אויף עמאַס פראַגן „ווי זעט עס טאַקע אויס דאָרטן אין דער ווירקלעכקייט?" האָט ער גע־ענטפערט אַזוי כלאחר־יד:

— כ׳ווייס, אַ ביסל אָנגעשטרענגט.

— ס׳קומען דאָרט פאַר געשלעגן, איז דאָס אמת?

—עט, קליינע צוזאַמענשטויסן.

— די הדסה צייטונג איז פול מיט געשיכטעס וועגן לויערער און אָנפאַלן. זיי דערציילן אַז די אַראַבער שיסן אויף אַלץ וואָס קומט זיי אַנטקעגן. זי האָט געקוקט דעם מאַן גלייך אין די אויגן, —איז דיר אויסגעקומען צו זיין אונטער פייער, מיקי?

מיקי האָט זיך פאַרטיפט אין זיין צייטונג און דורכגעבלעטערט די טעאַטער־איבערזיכטן.

— אָ? — האָט ער געזאָגט — טו אַ קוק, סניפּפּי! דער אי־טאַליענישער באַריטאָן וואָס מיר זענען געווען אַזוי אַנטציקט פון זיין „טאָסקאַ" וועט געבן אַ סעריע קאָנצערטן די קומענדיקע וואָך. מיר וועלן אים גיין הערן.

עמאַס פראַגע איז געבליבן אָן אַן ענטפער. זיי זענען אויך קיין מאָל נישט געגאַנגען אויף די קאָנצערטן פון דעם איטאַליענישן באַריטאָן. צו מאָרגנס, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, האָט זיך די וועלט אויף זיי ווידער אַרונטערגעלאָזט. מיקיס ברידער און שוועסטער זענען געווען נייגעריק אים צו זען. אַזוי שנעל ווי די נייעס וועגן זיין צוריקקומען האָט זיך פאַרשפּרייט, האָט דער טעלעפאָן נישט אויפגעהערט קלינגען. באַזוכער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו דעם הילצערנעם הויז אין פלעטבוש.

עמאַ איז געוואָרן אומרויק פון די אַלע אומבאַקאַנטע פּנימער

און פון די צעקאַליעטשעטע וואַרעמע אַקצענטן פון יענער זייט טעלעפאָן, ס'זעט אויס, אַז מיקי, כאָטש ער שווייגט, איז ער נאָך שטאַרק פאַרפּליכטעט צו ישראל.

אָבער דערווייל האָבן זיי געדאַרפט דערליידיקן אַנדערע דרינ־גענדיקע ענינים. אַ טאָג נאָך דעם ווי מיקי האָט טעלעגראַפירט וועגן זיין כוונה אַ היים צו קומען איז אָנגעקומען אויף זיין ברוקלינער אַדרעס אַ בריוו פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. דער בריוו האָט געלויטעט:

„דער אָרדן „האָנאָרירטער קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אימפּעריע" פאַר קאָלאָנעל מיקי מאַרקוס, באַלוינט אינעם יאָר 1946, וועט צערעמאָניאַל פּרעזענטירט ווערן אין דער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן דעם 20.4.1948. דער אַמבאַסאַדאָר, לאָרד אינווערטשאַפּל, איז פול מיט האָפענונג, אַז דער קאָירנעל וועט פּערזענלעך בייזיין, צוזאַמען מיט די אַנדערע האָנאָרירטע אַמעריקאַנער מיליטער־לייט, אין דער אַמבאַ־סאַדע אין דער אָנגעוויזענער דאַטע".

די לעכערלעכקייט פון דער סיטואַציע האָט אַרויסגערופן ביי מיקין אַ לוסטיק געלעכטער. ער, וועלכער האָט נאָר־וואָס פאַר־בראַכט צען וואָכן אויסמיידנדיק ענגלישע פּאַטראָלן, זיך אויפגע־רעגט וועגן זייערע באַגרענעצונגען און געצייכנט פּלענער ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען דעם ענגלישן קאָמענדאַנט פון אַראַבישן לעגיאָן גלאָב פּאַשאַ — דאַרף ווערן האָנאָרירט אין דער ענגלישער אַמבאַסאַדע! מיקי איז געווען — און לאָנדאָן האָט פון דעם קיין אָנונג נישט געהאַט — ווי א דאָרן אין אויג פון די ענגלישע אַמביציעס אין מיטעלן־מזרח. וואָלט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די ענגלענדער די ליסטע פון די אַקטיווע הגנה־לייט, וואָלט אים די ענגלישע רעגירונג אויך האָנאָרירט, אָדער אויפגעהאָנגען?

די וואַשינגטאָנער צערעמאָניע וועט זיין אַ שיינער ספּעקטאַקל. מיקי האָט פאַרמאָגט אַ גאַנצן פּאַק מיט פריערדיקע דעקאָראַ־

ציעס: „אויסגעצייכנטער דינסט מעדאַל"; בראָנזענער שטערן"; „אַרמיי'ס לויב־באַנד"; „אייראָפּעיִשער קאַמפּס־מעדאַל" מיט אַ בראָנזענעם שלאַכטפעלד־שטערן; „אַמעריקאַנער פאַרטיידיקונגס־דינסט־מעדאַל"; „אַזיאַטיש־פּאַציפישער קאַמפּיין־מעדאַל"; „צווייטער וועלט־מלחמה זיג־מעדאַל"; „אַרמיי־אָקופּאַציע־מעדאַל"; קרייץ פון דער ניו־יאָרקער שטאַט־פאַרוואַלטונג". אָבער דער נייער מעדאַל איז אַ דאָפּלטער הידוש: פון אַן אויסלענדישער רעגירונג און פאַר איר פּאַלעסטינער קעגנער דערצו.

פון דעסטוועגן האָט ער זיך געישובט. ער האָט נישט גע־וואָלט שפּילן די ראָל פון אַ היפּאָקריט: לויט זיין מיינונג האָט לאָנדאָן געמאַכט ערנסטע פעלערן מיט די ציוניסטן; גאַנץ מעגלעך, אַז דער ענגלישער מעדאַל וועט אין תל־אביב נישט אויסזען אַזוי לעכערלעך...

פון דער צווייטער זייט, ערנסט בעווין און זיינע פריינד זענען נאָך נישט ענגלאַנד. פאַרוואָס באַשולדיקן די פרייהייט־ליבנ־דיקע קריגס־פאַרבינדעטע צוליב די אומגערעכטיקייטן פון אַ גיפּ־טיקער אַנטיסעמיטישער קליקע?

מיקי האָט זיך בּאַראַטן מיט זיין פריערדיקן באַלעבאָס אין פּענטאַגאָן, דזשאָן הילדרינג. הילדרינג האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט כשר פאַרדינט זיין אָרדן און אַז ער דאַרף אים אָפּנעמען אָן שום קונצן... מיקין איז דאָס געפעלן געוואָרן.

צו דעם באַשטימטן טאָג, האָט ער זיך באַוויזן אין זיין אוניפאָרם, ביי דעם מיט ביימער באַשאָטנטן פּאַווילאָן אויף מאַסאַטשוזעט־עוועניו, דער פּלאַץ פון די רעפּרעזענטאַנטן פון זיין „קעניגלעכן מאַיעסטעט". ער איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען פאַרביי די גיגאַנטישע לייבן ביי די זייטן פון דעם שווערן אייזערנעם אַריינגאַנג־טויער.

אין פּרעכטיקן אויפנעמזאַל פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע האָבן זיך פאַרזאַמלט די 341 אַמעריקאַנער, צווישן זיי הויכראַנ־גיקע אָפיצירן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַקומען דעם אויסצייכע־נונגס־אָרדן פונעם יאָר 1946, אַריינגערעכנט צוויי גענעראַלן, אַ ברי־

גאַדיר־גענעראַל, אַ קאָמאַנדאָר, צוויי מיליטערישע שיפס־קאַפּיטאַנען, און צווישן דער דאָזיקער הויך־ראַנגיקער גרופּע — דער נידעריק־ראַנגיקער, הויך־מוטיקער קאָלאָנעל מאַרקוס.

לאָרד אינווערטשאַפּל האָט זיך דערנענטערט צו דער גרופּע פון די העכערע אָפיצירן און נאָך אַ קורצן אויסטויש פון גוטמוטיקע שפּאַסערייען האָט זיך די פּשוטע ערנווירדיקע צערעמאָניע אָנ־געהויבן.

די אָפיצירן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה לויטן ראַנג זייערן. דער אַמבאַסאַדאָר איז לויט דער ריי צוגעגאַנגען צו יעדן איינעם, פייערלעך געלייענט די מאָטיווירונג און דעקאָרירט אים מיטן מעדאַל. דער מעדאַל איז געווען פון אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט: אַ קרייץ פון בלאָס־בלויער ענעמאַל אין גאָלד, מיט אַ רויט־באַזוימטן גאָלדענעם דיסק אין צענטער און אויפן דיסק אַ קרוין באַזעצט מיט דימענטן. צוקומענדיק צו מיקין האָט לאָרד אינטערטשאַפּל רעציטירט:

אין יאָר 1943 איז קאָלאָנעל מאַרקוס געוואָרן דער ערשטער הויפּט פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג פון דער C. A. D. (ציווילער אַדמיניסטראַציע) ביים קריגס־מיניסטעריום פון די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קאָמבינירנדיקע פּלאַנירונג און ליבעראַלן צוגאַנג, אויספּלאַסטערנדיק דעם וועג פאַר אַן ענגליש־אַמעריקאַנער קאָאָפּעראַציע ביים לייזן די קאָמ־פּליצירטע פּראָבלעמען פון דער נאָכמלחמה־צייט.

מיקי איז געשטאַנען אויף „אַכטונג” ווען דער מאָגערער אַמ־באַסאַדאָר האָט אים דעקאָרירט. לאָרד אינווערטשאַפּל באַמערקט: „איר זענט גאַנץ פיין אויסגעברוינט, קוירנעל! ווו האָט איר דאָס געמאַכט?” מיקי האָט דערפילט אויף זיך אַ פּאָר שאַרפע, בלויע, דורכדרינגענדיקע אויגן.

— מן הסתם האָט אים הילדרינג עפּעס דערציילט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק:

— אַרומרייזנדיק, סער!

— עפּעס פּלעצער, וועלכע קענען מיך אינטערעסירן?

מיקי האָט געשמייכלט:

— כ׳מיין, אַז כמעט אין יעדן פּלאַץ. זאָגט מען דען נישט: „די זון זעצט זיך קיין מאָל נישט אין דער בריטישער אימפּעריע?"

אינוווערטשאַפּל האָט פאַרביסן די ליפּן און צוריק געשמייכלט:

— אויף ווי ווייט ס׳איז אָפּהענגיק פון אונדז, זעצט זי זיך טאַקע נישט!

דערמיט האָט זיך די צערעמאָניע פאַרענדיקט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט עמאַ זיך אומגעקערט צו אירע לערער־פליכטן. מיקי האָט מיט אַ האַלב מויל גערעדט וועגן זיין אַדוואָקאַטן־ביוראָ, אָבער ער האָט נישט אָנגעהויבן צונויפצובונדן די פעדעם פון זיין איבערגעריסענער פּראַקטיק. ער איז געווען פאַרזונקען אין בלעטערן די מאָרגן־צייטונגען, און פון צייט צו צייט אָנטעלעפאָנירט טעדי קאָלעקן, בן־גוריונס הינטער־קוליסן מאַן אין דער יידישער אַגענץ. עמאַ פלעגט אויפכאַפּן אין די געשפּרעכן דירעקטיוון וועגן טאָמי־ביקסן, לאַדונג־שיפן און פרעמד־קלינגענדיקע העברעיִשע נעמען פון פלעצער און ערטער. שפּעטער פלעגט מיקי פאַרפאַלן ווערן ערגעץ ווו אין אַ האָטעל אויף שהען־לאַנגע געהיימע קאָנפערענצן. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער טעלעפאָנירן מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים אַז ער וועט נישט קומען צום אָוונט־מאָלצייט.

איין מאָל האָט עמאַ געהאַט צוגעגרייט צום אָוונט־עסן אַ ים־שפּייז־מאָלצייט, באַשטעלט ביי לאַנדוי, מיקיס באַליבטער שיפסהעד־בעי רעסטאָראַן. און גראָד דאַן האָט מיקי טעלעפאָנירט, אַז ער וועט נישט קומען. ס׳האָט איר פאַרדראָסן נישט אַזוי די אומזיסטע הוצאה פון דער ים־שפּייז ווי די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו זיין נישט אַהיימקומען. ס׳איז געווען קלאָר אַז נישט זיין אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק האָט אים הייזעריק געמאַכט און נישט זי האָט אים פאַרהאַלטן אויף שפּעטע קאָנפערענצן.

אין יענער נאַכט האָט זיך עמאַ איבערגעכאַפּט דריי אַזייגער פאַרטאָג באַדעקט מיט אַ קאַלטן שוויס, פון פחד אַז זי פאַרלירט פון דאָס ניי מיקין.

— נאַרישקייטן! — האָט זי זיך געטרייסט. מיין מיקי, געזונט און שטאַרק, שלאָפט דאָך אַזוי רויק ביי מיין זייט.

— אָבער וואָס וועט זיין אַ וואָך אָדער אַ חודש שפּעטער?

זי איז נישט געווען אַזוי זיכער צוליב אַן אינצידענט יענעם „וויקענד" אין דער לאָנג־ביטש היים פון מיקיס עלטסטן ברודער. נישט געקוקט אויף זיין געוויינלעכער גוטברודערשאַפט, פלעגט מיקי פון צייט צו צייט אַריינפאַלן אין אַ שווערער שטימונג און זיך צוריקציען אין איינזאַמקייט, ווי ס'איז געשען אַ מאָל ווען עמאַ האָט אים צוגעגרייט אַן איבערראַשנדיקע געבוירן־טאָג־שמחה. דערזעענדיק די פאַרטונקלטע פענצטער פון זייער וווינונג, איז ער צוריק אַריין אין זיין מאַשין, צוגעפאָרן קיין ברייטאָן־ביטש און זיך פאַרקוקט אויפן ים גאַנצע צוויי שעה. אויך דאָס מאָל ביים ברודער איז מיקי אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָנגעטאָן כוח און אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ וויץ, אָבער זיך אָפּגעהאַלטן פונעם אָנטיילנעמען אינעם וויכוח וועגן ציוניזם, וואָס האָט זיך געפירט ביים צווייטן עק טיש. עמאַ האָט דערפילט אַז דער שמועס איז אים נישט צום האַרצן.

פלוצעם, ווי אונטערגעשאָסן פון עפּעס אַ באַמערקונג, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— איר ווייסט פּשוט נישט וואָס איר רעדט — האָט ער געשריגן אויפן קול — די יידישע מדינה האָט שוין דערגרייכט מער ווי גענוג אויף צו באַרעכטיקן איר עקזיסטענץ. זי האָט אויפגעוועקט דעם כוח־געפיל ביי דערשלאָגענע, האָט צונויפגעקליבן פאַרשטויסענע און זיי געמאַכט פאַר פרייע מענטשן, באַלעבאַטים פון אַן אייגן לאַנד, אין וועלכן זיי דאַרפן מער קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון. ווען איר וואָלט געזען ווי זיי לעבן! — זייערע מאַטערנישן, דעם שאַרפן מאַנגל אין אַלץ, אָבער אויך דעם שטאָלץ,

די וואַרעמקייט, און די אמתע ליבע אין יעטוועדן קיבוץ, און פון יעדן באַזונדערן קיבוצניק!

דעם שמועס האָט איבערגעריסן עפּעס אַ פּרויען־שטים, די ווייב פון דעם מענטשן, וועלכן מיקי האָט אַזוי שטאַרק אָנגעגריפן:

— כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט אַז דו ביסט אַזאַ פאַרברענטער ציוניסט, מיקי!

— כ׳האָב פיינט פּאַרטיי־שטעמפּלען, נאָר אויב דו ווילסט דווקא, בין איך אַ ציוניסט. איר מאַן האָט צוגעגעבן:

מיקי האָט זיך געשמדט.

— נישט געשמדט, פרעד, נאָר קלוגער געוואָרן. פּאַלעסטינע איז אַ דערפאַרונג פאַר יעטוועדן מענטשן.

— אַ דערפאַרונג, זאָגסטו, מיר אַמעריקאַנער יידן האָבן גאַנץ פיין באַצאָלט פאַר דעם. נעמסטו דאָס אין באַטראַכט?

מיקי האָט אים אָנגעקוקט, נישט גלויבנדיק:

— דו, מיין פריינד, האָסט קיין מאָל נישט באַצאָלט דער יידישער מדינה פאַר דעם, וואָס זי האָט דיר געגעבן. וואָרשיינלעך, וועסטו דאָס קיין מאָל נישט קענען. די עצם־עקזיסטענץ פון דער מדינה וועט דיך באַפרייען פון קאָמפּלעקסן פון וועלכע דו ווייסט אפילו נישט. זי וועט מאַכן פון דיר אַ בעסערן מענטש און אַ בעסערן אַמעריקאַנער.

דער שמועס וועגן פּאַלעסטינע האָט אויפגעהערט. גייענדיק צום גאַראַזש האָט מיקי נאָכגעטראַכט וועגן זיין אויסברוך ביים מאָלצייט. דאָס זענען געווען אויסגעלייטערטע געפילן און גע־דאַנקען וועלכע האָבן לאַנג געברויזט אין אים. הינטער דעם סך־הכל פון זיינע הויך־קלינגענדיקע רייד איז געווען באַהאַלטן אַ מין זעלבסטדערקענטעניש...

געקומען איז ער קיין פּאַלעסטינע אַלס „עמאַנציפּירטער" ייד. ווי אַ סך פון זיין דור, האָט ער פאַרביטן די פרימאָרגן תפילות אויף אַ חזיר־קאָטלעט. מיקיס אַוועקגיין פון פאָרמעלער יידישקייט

איז געווען באַגרינדעט, ווי ער האָט דאָס אַ מאָל אויפגעקלערט שלמה שמירן:

— רעליגיע איז גאַנץ פּשוט אַ מיטל צו דערגרייכן גאָט. יעדער איינער מיינט אַז זיין מיטל וועט אים ברענגען אַמנאָענטסטן צו גאָט. כ׳האָב טרעניִרט אירלענדישע קאַטאָליקן, כ׳האָב געלעבט צווישן בודיסטן, וועלכע ווייסן איבערהויפּט נישט פון קיין תפילה בציבור, נאָר זיצן פאַרטראַכט, שטילשווייגנדיק, און אַזוי אַרום באַהעפטן זיי זיך מיט גאָט. איך האָב רעספּעקטירט זייער בליק אויפן לעבן און זיי מיינעם. די איינציקע מענטשן פאַר וועלכע כ׳האָב נישט קיין רעספּעקט זענען די, וואָס מיינען, אַז זייער אידעאָלאָגיע קאָן פאַרטרעטן גאָט.

אין וועסט־פּאָינט האָט מיקי געלעבט צוזאַמען אין איין צימער מיט אַ קאַטאָליק און אַ פּראָטעסטאַנט און צוליב דער אָפּוועזנ־קייט פון אַ סינאַגאָגע באַזוכט דעם קאַדעטן־טשאַפּל. יאָרן שפּעטער האָט סטיווענסאָנס שיינע ווייב דערציילט, אַז מיקי פלעגט לצנותדיק רופן זיך „דער עפּיסקאָפּאַלער ייד״. פאַנאַטיקער זענען געווען דער־שטוינט פון זיין אויפפירונג.

אָבער ער איז שוין גאָרנישט געווען עפּיסקאָפּאַליש אָדער צווייִדייטיק ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַסיסטישער גרינג־שעצונג. אין איינעם אַן אָוונט, אין סאַן־דזשאָרדזש־האָטעל אין ברוקלין, האָט ער אָנגעגריפן אַ גאַנצע כאָפּטע געזונטע לעגיאָנערן וועלכע האָבן געמאַכט צווייִדייטיקע באַמערקונגען וועגן לאַ־גוואַר־דיאַס האַלב־יידישער אָפּשטאַמונג. ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז דאָס זענען געווען פּאָליציי־לייט.

„אַרויסשטעלן די צווייטע באַק״ איז נישט געווען מיקיס שטייגער, ווי ס׳האָט באַמערקט זיין ראַביי פון יוניאָן־שול, סידניי טעדעשע, ער האָט קיין מאָל נישט אָנגעהויבן קיין געשלעגן, אָבער ווען עמעצער האָט אָנגעהויבן, האָט מיקי עס שוין פאַרענדיקט.

און דאָך איז דאָס געווען בלויז אַן אינסטינקטיווער אויסדרוק פון יידישקייט. ווי אַ סך פון זיין דור, האָט מיקי געטאַפּט אין דער

פינצטער. ער האָט געזוכט עפּעס אַן אָנהאַלט. אויף טויזנטערליי או־פנים האָט דער פאַקט פון זיין אַ ייד דורכגעדרונגען זיינע לעבנס־דערפאַרונגען: די יידישע שילדן אין זיין סביבה, די געשלעגן אויפן וועג צום היי־סקול און די ידיעות וועגן די גרוילן אין די נאַצישע טויטן־לאַגערן. די דערמאָנונגען זענען געווען נאָכאַנאַנדיקע און אָפטע, זיי זענען אָבער באַגלייט געוואָרן פון אַ נישט באַשטימט גייסטיק געפיל פון אַרויסגעשטויסנקייט... דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען ביי אים אַזוי שטאַרק, אַז זיינער צייט האָט ער, ווי עמאַ האָט שפּעטער דערציילט, אַרומגעטראָגן זיך מיטן געדאַנק פון אַסימילאַציע.

דער סאָרט ציוניזם וועלכן ער האָט געקענט פון ברוקלין האָט אים נישט באַפרידיקט און ער האָט נישט געזען אין אים דעם וועג צו דערלייזונג. באַזוכנדיק דעם קלוב „די שטרעבערס פון ציון״ אין בראָנזוויל, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט ער מיט זיי סימפּאַטיזירט — אָבער געבליבן סקעפּטיש. ציוניזם האָט ער אָנגעהויבן באַגרייפן ערשט נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין תל־אביב. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך געפונען אין אַ געזעלשאַפט באַהערשט פון יידן. דער דערוואַרטער קאַמף פאַר דער צוקונפטיקער יידישער מדינה איז געווען פאַר אים נאַטירלעך און פשוט. „די ניי־אַנטשטאַנענע סענסאַציע״, וועלכע הערמאַן וווק האָט געשילדערט ווי אַן איבערגאַנג וואָס ענדערט די סאַמע נערוו־צעלן פונעם ייד, איז געווען אַ דערפרייענדיקע. זיין דערוואַכונג איז נישט געקומען מיט אַ מאָל. זי האָט דערגרייכט דעם קלימאַקס אין דעם אַפּריל־אָוונט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַן אויסשפּיר־צוזאַמענשטויס ביי עכו.

אין תל־אביב איז ער געוואָרן איינגעלאַדן צו אַ פּרייטיק־צונאַכטס מאָלצייט אין איירין בראָזאַם היים.

איירינס פאָטער, אַן אייראָפּעיש־געבילדעטער באַנקיר, פון אימפּאָזאַנטער וווקס און האַלטונג, האָט נישט געוווּסט וואָס צו דערוואַרטן פון זיין גאַסט. ער האָט געהערט אַז קאָלאָנעל מאַרקוס

איז קנאַפּ וואָס באַהאַוונט אין יידישע טראַדיציעס און אַז ער איז אפילו אַ האַלבער אירלענדער, אַ קלאַנג וועלכער האָט געשטאַמט פון זיין סעלטיש־באַווירצטן צונאָמען „מיקי", פון זיין געוווינהייט צו כאַפּן אַ שנאַפּס מיט אירלענדער און פון זיינע פויסט־געפעכטן. ווי דערשטוינט איז הער בראָזאַ געוואָרן ווען מיקי האָט זיך צעזונגען אויפן יידישלעכן שטייגער, בעת ער האָט דערפילט דעם ריח פון שבתדיק־געפילטע פיש.

— דאָס זענען די זמירות וועלכע מיין פאָטער פלעגט זינגען פרייטיק־צונאַכטס — האָט מיקי דערקלערט און געפּרוווט זיך דערמאָנען די ווערטער — יאָ, ס'דאַכט זיך מיר, אַזוי: „יעדער ייד איז אַ קעניג ווען ס'קומט דער שבת און די געפילטע פיש זיין קעניגלעכער מאכל.

— געוויס! — האָט דער באַלעבאָס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט מיט זיינע גרויע טיפע אויגן...

די לאָקשן־זופּ, די געבראָטענע הון, דער צימעס פון געמישטע פרוכט האָבן מיקין אַלץ מער און מער דערמאָנט זיין פאַרגאַנגענהייט. שוין לאַנג־פאַרגעסענע איינצלהייטן פון די פרייטיק־צונאַכטסן אויף פּאַוועל־סטריט זענען אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך. נאָך די טיי און די היימיש־געבאַקענע קיכלעך, האָט הער בראָזאַ אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַן אָפּגענוצטע גמרא צו לערנען זיין שבתדיקן שיעור.

מיקי האָט געוואָלט וויסן וואָס ער לערנט. דער עלטערער באַנקיר האָט לאַנגזאַם איבערזעצט:

„אַ מענטש וועלכער איז איבערגעצייגט אין דער גערעכטיקייט פון זיין זאַך און ער דריקט מיט קראַפט, דאָס מיינט צו זאָגן, דער מאַן באַשטייט פעסט אויף...

— פולער גערעכטיקייט, — האָט מיקי זיך אַריינגעמישט... ווער שטענדיק האָבן די אויבערהאַנט איבער דעם וואָס וואַקלט זיך אין דער דעה". — האָט הער בראָזאַ פאַרענדיקט.

איירינס פאָטער האָט געוואָרפן אַ בליק פון אַ לייכטן פאַרוווּרף

צו זיין טאָכטער, הלמאי זי האָט אים נישט דערציילט וועגן מיקין.

איירין האָט געצויגן אירע פיין געשניצטע אַקסלען:

— ווער קען עפּעס וויסן פּאָרויס וועגן מיקי מאַרקוס?

פונעם תלמוד איז דער שמועס אַריבער צום חומש.

— אפשר קען הער בראָזאַ געפינען דעם פּסוק — האָט מיקי געוואָלט וויסן — אין וועלכן משה רבינו זאָגט אָן, אַז די שוואַכע זאָלן נישט גיין אין מלחמה מיט די כנענים.

בראָזאַ האָט זיך אומגעקערט צום שאַנק און געבראַכט צום טיש דעם ספר דברים און הויך איבערגעזעצט:

„זאָל יענער וועלכער שרעקט זיך און האָט אַ ווייך האַרץ זיך אומקערן אַ היים, כדי ער זאָל נישט מאַכן די הערצער פון זיינע ברידער זאָלן צעגיין אַזוי ווי זיין אייגנס".

— משה האָט געוואָלט אַן אַרמיי פון פרייוויליקע, — האָט מיקי קאָמענטירט — גענוי אַזעלכע ווי ישראל פאַרמירט היינט צו טאָג.

ער האָט גענומען דעם חומש אין האַנט אַריין און דורכגעלייענט מיט די אויגן דעם אַרכאַיִש־העברעיִשן טעקסט.

„דאָס איז געווען אַן אמתער גרויסער פירער — האָט ער זיך פאַרטיפט אין זיך — משה האָט באַגריפן דעם גייסט פון זיין אַרמיי. ער האָט פאַרשטאַנען די נשמה פונעם סאָלדאַט".

מיקי האָט זיך געווענדעט צו איירין:

— קענסטו קריגן פאַר מיר אַן ענגלישע ביבל? כ'דאַרף אַ סך אָניאָגן.

מיקיס נייער וועג צו יידישקייט האָט זיך דערגענצט. אונטער דער וואַרעמער זון פון דער וואַקסנדיקער יידישער מדינה האָט אַלץ פלוצעם זיך אַריינגעפּאַסט אין זיין פּלאַץ. ער האָט געפונען אַ היימלאַנד, אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ טראַדיציע — און דורך דעם ווערט ער מער פרייער און שעפערישער אַמעריקאַנער. גענוי ווי דער אַמעריקאַנער נעגער איז מיטן אויפקום פון די אומאָפּהענגיקע אַפריקאַנישע מדינות געוואָרן שטאָלץ און דערוואָרבן זיך חשיבות,

אַזוי האָט מיקי זיך דערפּרייט מיט די נייע וואָרצלען, מיטן המשך פון זיין פאָלק.

ס'איז אים פּלוצעם קלאָר געוואָרן, אַז די יידן וועלן מער נישט מוזן שמאַכטן אונטערן דרוק פון זייער אָפּגעזונדערטקייט אין גלות. זיי וועלן זיך מער נישט דאַרפן וואַקלען צווישן שרעקעוו־דיקער נאַכגיביקייט און אַגרעסיע. דורך אַ נס באַהעפטן זיי זיך פון דאָס ניי מיט זייער פאַרגאַנגענהייט און וועלן זיך מיט אויפ־געהויבענע קעפּ אַנטקעגנשטעלן זייער גורל.

זיין מיטאַרבעט מיט זיי וועט אויף קיין האָר נישט פאַרמינערן זיין לאָיאַליטעט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַרקערט, דער פאַקט פון גייסטיקער אָנגעהעריקייט פאַרשטאַרקט די פעיִקייט צו דינען זיין לאַנד. קיינער נישט האָט באַשולדיקט אַ בערטאַ קליינדאָרף אין מילוואָקי פאַר אירע סענטימענטן צום טראַגישן ריינלאַנד, אָדער אַ דורות־לאַנגן פישער פון סאַן־פראַנציסקאָ, ווען ער פאַרכליניעט זיך מיט נעאָפּאָליטאַנער ליבע־לידער. אַזעלכע אייגנאַרטיקייטן האָבן באַווירצט דעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ. עמיגרירן אין הייליקן לאַנד אַריין איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט פראַגן פון קולטור, קלימאַט און פערזענלעכע אינטערעסן. גע־נוי אַזוי האָט געהאַנדלט מיקי. ער האָט אָנגעבאָטן זיינע מיליטע־רישע טאַלאַנטן דאָרטן ווו מ'האָט זיך אין זיי געניייטיקט — ווי זיין געוועזענער באַלעבאָס קירשנער האָט רעזומירט:

„ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום צווייפל אין דעם. ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין נגב איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל דער מדבר האָט אים דערמאָנט אין דעם רחבותדיקן דרום־מערב פון זיין אייגן לאַנד. כ'האָב קיין מאָל נישט באַגעגנט עמעצן וועלכער זאָל זיין אַזוי דורכגעדרונגען מיטן עכטן דזשעפערסאָנישן אַמעריקאַנישן גייסט ווי מיקי".

אַ פּאַראַדאָקס: אין לאַנד פון זיינע אורעלטערן, האָט ער געפונען דעם שליסל צו זיין פערזענלעכער גאַנצקייט אַלס אַמע־ריקאַנער, אַ זאַך וואָס האָט אים ביז איצטער געפעלט.

די־אָ אינערלעכע פאַרוויקלטקייט, האָט פאַרקאָמפּליצירט דעם ענין, כדי צו קענען דערקלערן דאָס עמאַן. ס׳איז אים קיין מאָל נישט אָנגעקומען לייכט צו דיסקוטירן וועגן זיינע געפילן, ווי גענעראַל קלעי האָט עס אַ מאָל באַמערקט: „ער איז אין שטאַנד געווען צו פאַרמאַסקירן זיינע שטאַרקסטע איבערצייגונגען מיט אַ וויץ״, און זיין אינערלעכע צוגעבונדנקייט צו עמאַן — מיט אַ פלוצעמדיקן בערישן אַרומנעם.

דאָס שווייגעניש צווישן מיקין און זיין ווייב האָט זיך פאַר־צויגן. עמאַ פלעגט אויפכאַפּן זיין פאַרזאָרגטן בליק וועגן איר פון אַ ווינקל פון זיין אויג.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אָנגעקומען פאַר מיקין אַ טעלע־גראַמע. מיקיס פנים איז געווען פאַרכמורעט און אָנגעצויגן. באַלד נאָך דעם האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. עמאַ האָט געהערט ווי ער באַקלאָגט זיך:

כ׳בין אין דער היים בלויז עטלעכע וואָכן. מיין ווייב איז געווען קראַנק. מ׳קען נישט דיר נישט, מיר נישט איבערלאָזן אַ מענטשן וועמען מ׳האָט ליב.

ביים פרישטיק איז ער געווען צערודערט. עמאַ האָט נישט געהאַט קיין חשק אויסצופאָרשן מיקין. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט באַהערשן:

— זיי ווילן זאָלסט צוריקקומען, מיקי, ריכטיק?

מיקי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָסזשע האָסטו זיי געענטפערט?

כ׳האָב גאָרנישט נישט געזאָגט... דערווייל. ער האָט אָפּגעזיפצט. אַן אומגעוויינלעכע האַלטונג. עמאַ האָט אים אָנגעקוקט פאַרזאָרגט, בייז אויף זיך, וואָס זי באַשווערט מיט זיך זיין לאַגע, און בייז אויף מיקין וואָס ער האָט דערפירט דערצו.

יענעם טאָג האָבן זיי קוים אַרויסגערעדט אַ וואָרט צווישן זיך. זיי האָבן זיך ביידע געפילט ווי געפאַנגענע אין אַ נעץ — פאַר־פאַלגטע און געפלאָגטע. עמאַ האָט פאַרצייכנט אין איר טאָג־בוך:

„ס'איז אַ צייט פון מוטלאָזיקייט און אומאַנטשלאָסנקייט. מיר ווייסן אַז מיר טוען ווי איינער דעם אַנדערן".

זינט מיקיס צוריקקומען, האָט מען עמאַן געפרעגט: ווען מאַכט איר שוין די אויפנאַמע? דאָס הויז פון די מאַרקוסעס האָט געשמט אַלס אונטערהאַלטונגס־אָרט, און עס זענען באַרימט געווען זייערע גאַלאַ־אָוונטן נאָך פון די צייטן ווען מיקי איז געווען אַ „סיטי־האָל" ליבלינג. אַן צו זוכן אַ געלעגנהייט פלעגן זיי פון צייט צו צייט אַנאָנסירן אויפנאַמעס. מיקיס צוריקקומען איז געוויס געווען אַ גוטע סיבה פאַר אַ פייערונג ביי אַ גלעזל משקה.

עמאַ האָט נישט געוווסט ווי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע. נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פּרוון אָפּ־צולייגן די שמחה, האָט זי ענדלעך באַשטימט צו אַראַנזשירן זי דעם צווייטן „וויקענד" צו מיקיס אַהיימקומען. אַז דער טאָג האָט זיך דערנענטערט האָט זי אונטערדריקט אַלע אירע צווייפלען און איינ־געלאַדן דאָס נעגער־פּאַרפּאָלק טעאָדאָר און דאָראָטי טשאַפּעללע איר אַרויסצוהעלפן, ווי זי האָט עס שוין נישט איין מאָל געמאַכט. אויב שוין יאָ אַן אויפנאַמע, זאָל זי זיך גוט איינקריצן אין זכרון.

ווען די געסט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם באַנקעט־טיש, האָט שאַמפּאַניער געפינקלט אין לאַנגע דינע בעכערס, די פרוכט־שיסלען האָבן שימערירט מיט אַלדאָס גוטס און דאָס געבראָטנס איז געווען זאַפטיק און רויט־ברוינלעך.

הגם די בעכערס זענען געווען פון גלאַנציקן ריינעם זילבער, איז אָבער די שטימונג — צום באַדויערן — געווען אַ בלייערנע. די געסט האָבן זיך ווי עס איז דערוווסט פון מיקיס דילעמע. ס'קען גריילעך זיין, אַז דער אָוונט איז אַן אָפּשייד־אָוונט. די לחיים־רעדעס, די שפּאַסערייען, דאָס נאָסטאַלגישע זינגען אַרום דער גלאַנציקער גרענד־פּיאַנע האָט נישט געקענט ענדערן די צווידייטיקייט פון אָוונט. אַלע האָבן כלומרשט געווונטשן מיקין, זופנדיק דעם „מאַר־קוס־געטראַנק" —אַ געמיש פון לייכטן ראָם, אַנאַנאַסן־זאַפט און

ווערמוט — און געקייכט פון געלעכטער פון די אַרויסגעזאָגטע וויצן, אָבער די שטימונג איז שוין גאָרנישט געווען קיין יום־טובדיקע.

אייניקע פון די געסט האָבן מיקין אויסגעפּרעגט פּריוואַט וועגן זיינע פּלענער. מיקי האָט אויסגעמיטן צו געבן אַ קלאָרן ענטפער. אַ שלעכטער סימן. מיקי איז ווייט געווען פון צו זיין אַ צעגערער. דעם געשעפטס־מאַן, פריינד רובי לעווינסאָן, האָט ער בלויז געזאָגט:

— דו ווייסט גאָרנישט, רובי, וואָס דאָרט קומט פאָר. ווי הילפלאָז זיי זענען. מענטשן גייען אַרויס אין קראָם עפּעס איינקויפן און פאַרשטעקטע אַראַבער מאַכן זיי פאַרטיק...

דעטעקטיוו פרענק גראַטאַנאָ, דער צוואַקסענער מאַנספאַרשוין, מיקיס נאָענטסטער געהילף אינעם „דעפּאַרטמענט אָוו קאָרעקשאָן" האָט אַרויסגעשלעפּט זיין אַלטן פריינד אויף דער וועראַנדע:

— זיי נישט קיין אידיאָט, מיקי! דו האָסט דיינס געטאָן. עמאַ און דו זענען באַרעכטיקט אויף אַ שטיקל אייגענעם גליק. דו קענסט דאָ אין שטאָט ביי אונדז מאַכן אַ ריייניקונג. די באַצירק־פירער האָבן דיך גערן. די זויערע לימענעס וואָס זיצן אויף דער ריכטער־באַנק זענען דיר שולדיק אַ שטיקל חוב!

אַ שטאַרקער קראַך האָט זיך דערהערט פונעם גאַסטזאַל. ס'האָט ווער פּרובירט אומגעלונגען אויפצוהייבן די דעק פון דער פּיאַנע. מיקי האָט האַסטיק אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און באַלד זיך צוריק אומגעקערט צו גראַטאַנען:

— פרענקעלע — האָט ער געזאָגט אין אַ ווייכן טאָן — יונגע קינדער, אַלטע מענער און שוואַנגערנדיקע פרויען וועלן זיך אין דריי וואָכן אַרום געפינען אונטער קאַנאָנען־פייער. ווי אַזוי, דענקסטו, וועל איך זיך פילן, זיצנדיק דאָ אין וויג־שטול?

און דאָס איז געווען אַלץ וואָס פרענק האָט געקאָנט פון אים אַרויסקריגן.

ביים הויך־פונקט פון דער שמחה האָט מיקי זיך באַהאַלטן אין

קיך. זיין באַציִונג צו די טשאַפּעללעס איז שטענדיק געווען אַ וואַרעמע. טעאַדאַר טשאַפּעללע האָט אַ מאָל באַמערקט:

— קיין מאָל נישט האָט מיקי דורך וואָרט אָדער טאַט אונדז געלאָזט מערקן, אַז מיר זענען נעגערס... אַ קאָמפּלימענט אַן ענלעכן צו דעם וואָס פּרעזידענט לינקאָלן האָט באַקומען פון אַ נעגערישן באַזוכער אין ווייסן הויז.

דאָראָטע טשעפּעללע, אַ קליינינקע און סענסיטיווע, האָט באַ־מערקט, אַז מיקי זעט אויס שלעכט. מיקי האָט מודה געווען אַז ער פילט זיך באמת שלעכט. ער האָט אויסגעזען אויסגעמאָגערט, עמאָציאָנעל דערשעפּט. ער וואָלט זייער גערן פאַרבליבן אין פלעט־בוש און פאַרגיטיקט עמאַן פאַר די אַלע מלחמה־יאָרן. אָבער קען אַ מענטש זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט־שריפה? מיקי האָט אָרויפּ־געצויגן דעם הויז פון רעכטן פוס און אָנגעוויזן אויף אַ שראַם אונטער דער קני — דאָס האָב איך אַ מתנה פון פּאַלעסטינע.

אין זאָל האָט זיך דער עולם צעשפּרייט אין קליינע גרופּעס. און אַז דער „מאַרקוס־געטראַנק” האָט אָנגעהויבן צעוואַרעמען די גלידער זענען די צינגער געוואָרן פרייער.

מיט אַ דעליקאַטן חוש פאַר באַשטימונג, האָט דער גורל צוגעטיילט די ראָל צו שטעלן די ליבע העכער פון אַלץ דעם מאַן פון דער פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג, מאַרסעל פעיניער, אַ שלאַנ־קער טונקל־הויטיקער אָנציענדיקער מאַן. ער און זיין ווייב עז, אַ לערערין, זענען געווען אַלטע באַקאַנטע פון די מאַרקוסעס. מ׳האָט זיך פאַרשמועסט וועגן וואַקאַציע־פּלענער. מיט אַ ברייטע האַנט־באַוועגונג, וועלכע האָט אַרומגענומען דעם באַקוועמען באַל־זאַל, די שוואַך־באַליכטענע ווינקלען און די געסט, האָט פעיניער מיט אַ פעסטער שטים אויסגערופן:

— דאָ איז מיקיס פּלאַץ. נאָר דאָ, מיט זיין שיינער ווייב און ליב הויז, דאָ און נישט ערגעץ אַנדערשוואו.

וואַלטער סאָדערסטראָם, אויך אַן אַלטער אינטימער פריינד פון די מאַרקוסעס, איז אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע:

— כאַפּ נישט, מאַרסי, וואַרט אַ ווײַלע. דאָס קען נאָר מיקי באַשליסן. ס'איז נישט אַזוי פּשוט.

— און איך זאָג, ס'איז גאַנץ פּשוט!

דער געטומל פון די אַנדערע שמועסן האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— אַ מאַן האָט אַ טײַער, ווויל ווייב, — האָט פעיניער פאַר־געזעצט — זיי זענען שוין נישט מער קיין קינדער און האָבן זיך ליב, דאַרפן זיי זײַן צוזאַמען! און מיקיס פּליכט איז צו בלײַבן אין דער היים!

עטלעכע פרויען האָבן איינשטימיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. סאָדערסטראָם מיט זײַן בלאָנדן קאָפּ האָר האָט געשאָקלט אויף ניין:

— און וואָס איז מיט זײַן לעבנס־ציל און מיט די גוטע ערלעכע מענטשן וועלכע נייטיקן זיך אין אים?

— עמאַ נייטיקט זיך אין אים מערער.

— ווי וואַגסטו אַזוי צו טענהן, מאַרסי? ביסטו געווען אין פּאַלעסטינע?

— ניין! אָבער דו אויך נישט.

— כ'האָב אָבער געהערט מיקין דערציילן. אַ גאַנץ נײַע זאַך קומט אויף אין הייליקן לאַנד. אַ נײַער דור ווערט דאָרטן געבוירן. אַ מענטש טאָר זיך נישט אויסדרייען מיטן רוקן צו דער געשיכטע, מאַרסי!

— און איך זאָג, אַז ער טאָר זיך נישט אויסדרייען מיטן רוקן צו זײַן ווייב. ווען דו וואָלסט געווען אַן אמתער גוטער פרײַנד, וואָלסט דו אפילו נישט אַרגומענטירט וועגן דעם.

סאָדערסטראָם האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס און געטײַטלט מיטן גראָבן פינגער אין פעיניערס געזיכט. זײַנע ראָזעווע באַקן זענען געוואָרן פייער־רויט:

— דו האַלט בעסער דײַן צונג, מאַרסי! ווען ס'קומט צו...

רובין לעווינסאָן האָט זיך אַרײַנגעמישט: „רונדע איינס, רונדע

איינס״ — האָט ער אויפגעלייגט אונטערגעזונגען. זיין פריילעכקייט האָט קיינעם נישט גענאַרט...

פעיניערס ווייב האָט אַריינגעזעצט איר מאַן אין פאָטעל. ער האָט אָבער ווייטער געשאָסן פונקען:

— ס'איז לייכט פאַר וואַלטערן צו רעדן וועגן אידעאַליזם און כבוד, אָבער עמאַ וועט בלייבן אַליין אויב עפּעס פּאַסירט — אויב מיקי זאָל...

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. עמאַ איז גראָד אַריין אין צימער. די שמחה איז שוין געווען געשטערט. די געסט האָבן אָנגעהויבן זוכן זייערע מאַנטלען און זיך פלוצעם דערמאָנט וועגן אָפּגערעדטע, מאָרגנדיקע טרעפונגען. די פּאָרלעך האָבן זיך גע־נומען שאַרן צו דער טיר. וואַלטער און מאַרסי, ברוגזע, האָבן זיך אויסגעמיטן.

די געסט זענען אַוועק. עמאַ און מיקי זענען געבליבן אַליין. זיי זענען געשטאַנען אויף דער וועראַנדע און מיקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מ'דאַרף האַלטן אַן אויג אויף מאַרסיק. ער ווערט ממש אויפגעקאָכט ווען ס'קומט צו מענטשן וועמען ער האָט ליב.

— איך בין צופרידן וואָס עמעצער האָט אונדז ליב — האָט עמאַ געזאָגט און זיך געלאָזט אין צימער אַריין.

—סניפּפּי! — דער ווייטיק אין מיקיס שטימע האָט זיך איר איינגעשניטן אין האַרצן. אָבער זי האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— טראַכסט נישט, אַז מענטשן קענען לייענען, מיקי? וואָס באַדייטן די אַלע געשיכטעס וועלכע דו דערציילסט: דער מאַנגל אין שפּייז אין פּאַלעסטינע, די בלאָקאַדעס, די דערוואַרטע באָמ־באַרדירונג פון שונאס לופט־פלאָט, וועלכע זיי וועלן נישט אומ־שטאַנד זיין אָפּצושטעלן?

— וואָס באַדייט דאָס פאַר דיר, מיקי? גייסטו צוריק צו זיי,

וועסטו דאָך נישט בלייבן בלויז אַ באַאָבאַכטער. ווי לאַנג וועסטו אויסמיידן די פאַרשטעקטע און זייערע מינעס?

— נישט וועגן דעם האַנדלט זיך עס, סניפּפּי! די געשעענישן זענען גרעסער פון דער זיכערקייט פון אַן איינציקן מענטשן.

— אָדער פונעם גליק פון איין איינציקער פרוי — האָט עמאַ אַ פאַרביטערטע צוגעגעבן און אָנגעהויבן שטייגן אַרויף די טרעפּ. מיקי איז איר נאָכגעלאָפן און אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט:

— כ׳בעט דיך, סניפּפּי! כ׳האָב נישט געזאָגט אַז כ׳גיי צוריק. כ׳קאָן דאָס נישט טאָן אויב דו פילסט אַזוי. מיר וועלן נאָך איבעררעדן וועגן דעם. שפּירסט דאָס מחיהדיקע ווינטל אין דרויסן? סאַראַ שיינע נאַכט צום שפּאַצירן!

עמאַ האָט געפילט ווי אירע קני ברעכן זיך.

— ניין, מיקי! כ׳בין צו מיד!

— ביסט נישט קעגן אַז כ׳זאָל אַליין זיך דורכשפּאַצירן? ס׳וועט לאַנג נישט דויערן.

עמאַ איז געגאַנגען טרעפּ אַרויף. מיקי וועט שוין צוריקקומען ווען ער וועט אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן און באַרויקן די נערוון. אָבער וועט ער אויך זיין צוריק, אויב ער גרייט זיך ווידער אַמאָל אַוועקצופליען אויף אַ האַלבן ערד־קיילעך? זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרטרייבן אירע מחשבות, אָבער ס׳האָט זיך נישט געלאָזט.

מיקי האָט געהאַט זיין אייגענע מיינונג וועגן טויט. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן פאַר „אים" אַלס דער לעצטער גרויל וועלכער מוז שטענדיק אויסגעמיטן ווערן.

אַריינטרעטנדיק פרייוויליק אין דער אַרמיי, נישט געקוקט אויף די נאַצישע דראָונגען, אין 1940, האָט ער דערקלערט:

— אַ מענטש דאַרף לעבן ווי אַ מענטש — און שטאַרבן ווי אַ מענטש.

ווען גרעיס גאַנטעלמאַ, זייערער אַ נאָענטער פריינד, איז געשטאָרבן צו פינף און דרייסיק יאָר, האָט מיקי אויפגעהויבן צוויי

ביכער: אַ באַנד לידער פון קיעטס און אַ שווערן ווערטער־בוך און זיך געזעגנט צו זיין פרוי:

— ווי אַזוי שאַצט מען אַ בוך, לויט זיין גרייס, צי לויט זיין אינהאַלט? דאָס לעבן פון אַ מענטשן מוז אָפּגעשאַצט ווערן אויפן זעלבן אופן.

מיקי האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ קליינער פּאָעמע אין פּראָזע וועמעס מחבר איז געווען אַנאָנים. אין איין צייט האָט מען זי צוגעשריבן צו פּאָול פּ. דזשעפּסן. זיין ראַביי, טעדעשע, האָט אים די פּאָעמע צוגעשיקט אין 1933 צו טרייסטן אים נאָכן טויט פון זיין מוטער. די פּאָעמע „די שיף" שילדערט דאָס שטופּנ־ווייזע פאַרשווינדן אויפן האָריזאָנט פון אַ גרויסער אָפּשווימענדיקער שיף צווישן אויסגעשרייען:

— שוין, אויס, זי איז פאַרשוואונדן!

און די פּאָעמע ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

— פאַרשוואונדן? אָבער ווו אַהין? פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן. דאָס איז אַלץ. אָבער אין דער אמתן איז זי געבליבן פּונקט אַזוי גרויס איצט ווי זי איז געווען בעת כ'האָב זי געזען און זי איז פּונקט אַזוי פעיִק צו פירן אירע משאות צום באַשטימטן פּלאַץ. זי איז פאַרשוואונדן אין מיר און נישט אין זיך. און גענוי אין דעם מאָמענט ווען עמעצער ביי מיין זייט שרייט אויס: זע, זי איז פאַרשוואונדן! זענען פאַראַן אַנדערע, גרייט זי אויפצונעמען מיט פרייד געשרייען: זע, זי קומט! — און דאָס איז שטאַרבן.

פאַר מיקין איז דער טויט געווען אַ רייזע, ווייניקער וויכטיק פון די אוצרות מיט וועלכע מענטשן טיילן זיך ביים לעבן. ער האָט זעלטן באַרירט די טעמע. דאָס לעצטע מאָל האָט ער וועגן דעם דערמאָנט אין יאָר 1943 אין אַ בריוו פון האַוואַי. ער האָט אָנגעפרעגט עמאַן, אויב זי איז מסכים אויף אַ בשותּפותדיקן קבר אין וועסט־פּאָינט. סענטימענט? אפשר. אָבער דערינערונגען וואַקסן אויס אין זייער באַדייט ווען מ'איז פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט פון דער היים.

„ווען מיר וועלן זיך אומקערן צו דער מאַמע־ערד, גלויב איך אַז דער בית־עולם אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע איז דער פּאַסיקסטער און דער אַמבעסטן געפּלעגטער פּלאַץ פאַר אונדז". „זיך אומקערן צו דער מאַמע־ערד" — עמאַ האָט אויפגעשוידערט. ס'פּאַסט איבערהויפּט נישט פאַר מיקין, דעם עכטן בשר ודם, מיט אַ ברויזנדיקער וויטאַליטעט, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן באַלד דעם ערשטן אָוונט, אין 1921, ווען זיי האָבן זיך באַקענט.

עמאַ האָט אויסגעטאָן אירע אויערינגלעך און זיי אַ וואָרף געטאָן אויפן טואַלעט־טישל. איר בליק איז געפאַלן אויף אַ בילד: מיקי אין קאַדעטן־אוניפאָרם. פריש ראַזירט מיט אַ פעסטער גאָמבע און אויגן — גלאַנצנדיק מיט ריטערלעכן אייפער.

— ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס כ'האָב זיך גלייך אין אים פאַרליבט — האָט זי נאָכגעטראַכט, איבערחזרנדיק דעם אַלטן וויץ: „אַלץ צוליב דעם פאַרדאַמטן אוניפאָרם".

אָבער ס'איז געווען נישט דער אוניפאָרם, און ער איז דאָס קיין מאָל נישט געווען — נישט אפילו אין דעם לאַנג שוין פאַר־גאַנגענעם אָוונט, ווען זי האָט זיך געשלעפּט איבער די שניי־באַ־דעקטע גאַסן אויף איר ערשטן באַל אין הויז פון איר קוזין באָב הערצבערג. די פּאַרטי איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר קאַלעדזש־סטו־דענטן וועלכע זענען געקומען אַהיים אויף קריסמעס. ווען עטלעכע פון די איינגעלאַדענע מיידלעך זענען קראַנק געוואָרן אויף איב־פלוענצע, האָט באָב אויף שנעל פאַרבעטן זיין יונגע קוזינע עמאַ, אַ שילערין פון היי־סקול, האָפנדיק אַז קיינער וועט דאָס נישט באַמערקן. זיינע האָפענונגען זענען גלייך צערונען געוואָרן ביים ערשטן בליק אויף דעם שטעל־פאַרטרעטער־גאַסט. עמאַס איינפאַך אָנגעבופט קליידל האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן צווישן די טיף דעקאָלטירטע קליידער פון די סטודענטינס. אירע אָנגעהויפטע געדיכט־שוואַרצע האָר האָבן נאָך מער אַקצענטירט איר צאַרטן עלטער. זי האָט זיך געשראָקן. ווען מ'האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר האָט מען געזען אַז זי איז דווקא שיין. שיין אויף אַ קינדע־

רישן אופן: אַ גלאַטער שטערן; אַ פּראָפּאָרציאָנעל פּנים; אַ רונדע גאָמבע; אַ געזיכט וואָס דערמאָנט אין אַליוון־וועלדלעך אין לבנה־שיין. אָבער ווער וועט עס גיין זיך איינקוקן אין אַ שול־מיידל?

עמאַ איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו דער טיר ווי זי וואָלט געפּרוּווט זיך צונויפצושמעלצן מיט דער וואַנט. אַ גערשווין־באַלאַדע האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער פון אַ פאָנאָגראַף וואָס איז גע־שטאַנען אויפן דיל. עטלעכע פּאָרלעך האָבן זיך דורכגעשלייכט דורך איר, אַרומגענומענע ווי די קעצלעך און אַ קורץ־געשוירענער בחור האָט דרייסט אַ פּאָכע געטאָן אין איר ריכטונג מיט אַ טאַשן־פלעשל אַלקאָהאָל. עמאַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ... הלוואי וואָלט איך געווען געבליבן אין שטוב און געמאַכט מיין פראַנצויזיש לעקציע, — האָט זי געטראַכט.

אין צווייטן עק צימער איז געשטאַנען מיקי צוזאַמען מיטן גאַסטגעבער, פאַרזוכנדיק דעם פּאָנטש, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ האָנאָרירטן גאַסט. ער איז געשטאַנען אין פולן גלאַנץ פון זיין גוט־געפּאַסטן, גרויען יומטובדיקן אוניפאָרם, מיט די שוואַרצע שנירן אויסגעגלייכט אויף זיין שטאַרק אַנטוויקלטער ברוסט.

אַרומקוקנדיק זיך, האָט מיקי דערזען ביי דער טיר אין דער טונקל שטייט עמעצער דערשראָקן און שעמעוודיק. דאָס איז געווען אַ מיידל ווי אַן איבערגעשראָקענע הירשין! לאַנגע גראַציעזע פיס; הויכע איידעלע באַקן־ביינער און ציטערנדיקע פיין־האַרמאָנישע נאָז־פליגל. ער האָט לייכט אַ שטורקע געטאָן באָב הערצבערגן: „ווער איז דאָס?"

באָב האָט אַריבערגעקוקט צום צווייטן עק צימער.

— די רויט־האָריקע אין דעם גרינעם קלייד? דאָס איז נאַטאַליע פישער. זי גייט צו...

— ניין, ניין! אָט יענע!

— באַרבאַראַ? זי האָט דאָס אמתע פיגורקעלע, האַ?

מיקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. מיטן גלעזל אין איין האַנט, האָט ער מיט דער צווייטער פאַרוואָרפן זיין מעכטיקן

אָרעם אַרום באָבס טאַליע, אויפגעהויבן דעם 150 פונטיקן דער־שראָקענעם בחור, און אים צוריק אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזיציע וואָס האָט אָנגעוויזן אויף עמאַן. „אָט די״.

— אָ, זי מיינסטו? דאָס איז מיין קוזינע עמאַ. זי איז נאָך אַ קינד, מיקי. אַמוזיר זיך בעסער מיט באַרבאַראַ סיימאָן. זי האָט זיי אַלע פריטשמעליעט אין פרינסטאָן דעם לעצטן מאָנאַט.

— איך וויל זיך באַקענען מיט עמאַן.

באָב האָט געצויגן מיט די אַקסל:

— ווי דו ווילסט. ס׳איז דאָך דיין שמחה. לכבוד דיר געמאַכט געוואָרן...

מיקי האָט געטאַנצט מער מיט זעלבסטזיכערקייט איידער מיט טעכנישער געשיקטקייט. עמאַ איז געווען געשפּאַנט ווי געוויינלעך אַ היי־סקול מיידל ביי אַזעלכע אומשטענדן. ד״ה זי האָט ווי עס איז מעכאַניש אים נאָכגעפאָלגט, אָבער דער אויבערשטער טייל פון איר קערפּער איז געבליבן שטייף אָנגעצויגן.

— נעם עס לייכט, — האָט איר מיקי געזאָגט.

גיט מיר נישט קיין באַפעלן, הער מאַרקוס! איר געפינט זיך נישט איצטער אויף אייער מאַרשירונגס־פעלד, זייט וויסן!

— כ׳ווייס, און כ׳בין זייער צופרידן מיט דעם.

ער האָט איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן, ענלעכע צו זיינע. זי האָט באַגעגנט זיין בליק, פאַררויטלט זיך און אַוועקגע־דרייט דעם קאָפּ.

— איר זעט אויס צו זיין אַזוי זיכער מיט זיך — האָט זי גע־זאָגט.

מיקי האָט שטשירנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— מיר ווערן טרענירט צו זיין מאַנשאַפט־פירער.

— אָבער נישט פון קיין פרויען. דאָ דאַרף מען אַן אַנדערע טעכניק.

— העי! — מיקי האָט אויפגעהערט טאַנצן אויף אַ מאָמענט

— ביזט דאָך טאַקע, אַזוי צו זאָגן, „סניפּפּי״, אַזוי דענק איך וועל איך דיך טאַקע רופן, ביסטו מסכים?

עמאַ האָט אַ בליק געטאָן אויף אים מיט אַ שמייכל, וועלכער האָט געמאַכט אויפציטערן זיין האַרץ ביז די טיפסטע טיפענישן.

— ווי אַזוי בין איך אין שטאַנד צו דיסקוטירן מיט אַ מאַנ־שאַפט־פירער?

מיקי האָט זיך קיין מאָל מער נישט געטראָפן מיט באַרבאַראַ סיימאָן, די פלעטבושער קראַסאַוויצע און באַזיגערין פון פרינסטאָן.

אין דעם זעלבן יאָר איז עמאַ געגאַנגען אויף איר ערשטן קאָדעטן־באַל. איר ליבע האָט געהאַט אין זיך אַלע טראַדיציאָנעלע עלעמענטן פון אַ וועסט־פּאָינט־ראָמאַן. אין אַ דורכזיכטיק אָרגאַנדי־קלייד און אַ דעליקאַטן קאָרסעט — און עסקאַדראָנען גאַלאַנטע יונגעלייט מיט אַ צוגאָב פון עטלעכע עכט־מיקישע וואַריאַציעס. אויף זיין ערשטן ציווילן ראַנדעוווּ האָט זיך מיקי באַוויזן אין זיין — ווי עמאַ האָט דאָס שפּעטער גערופן — „קאַטשקע־געיעג־קאָסטיום״: אַ שטרוי־היטל, אַ וואָלענער זשאַקעט מיט אַ גאַרטל און לויזע אַרונטערהענגנדיקע הויזן ווי אַ זאַק.

— ס׳איז גוט וואָס כ׳האָב דיך דאָס ערשטע מאָל געזען אין אוניפאָרם — האָט זי געזאָגט. באַקומענדיק אַ פּאָסטן, אויף גאָווער־נער־איילאַנד, נאָך זיין גראַדויִרונג, איז מיקי געוואָרן דער שטאָל־צער באַזיצער, בשותפות מיט טשאַרלי סטיווענסאָן, פון אַן אָפּגע־נוצטער טוריסטן־מאַשין, אין וועלכער מ׳האָט געקענט אַריינקריכן נאָר איבער די פאַרהאַקטע טירן. דאָס בילד ווי עמאַ, אין אַ לאַנג שלעפּקלייד, האָט זיך געראַנגלט אַריינצוקריכן אין דער מאַשין, האָט אַמוזירט די שכנים פון די טשעיסאַנס. עמאַס עלטערן האָבן זיך גראָד נישט אַזוי שטאַרק אַמוזירט. איר מוטער האָט זי באַטראַכט אַלס צו יונג צו גיין אַליין אויף מיקיס גראַדויִרונג־באַל אָן אַ באַ־גלייטער און אוודאי נאָך פאַר צו יונג אויף צו פירן אַ הויז־ווירטשאַפט אין פּאַרטאַריקאָ — מיקיס צוקונפטיקער פּאָסטן, אויב ער פאַרבלייבט אין דער אַרמיי. איר פאָטער, אַ דערפאָלג־

רייכער סוחר פון הייזער, האָט געהאַט זיינע ספקות וועגן די פּאַרדינסט־אויסזיכטן פון אַ צווייטן לייטענאַנט.

און אַזוי האָבן זיי חתונה געהאַט אין יאָר 1927. אין צווישנצייט האָט מיקי פּאַרלאָזט די אַרמיי און דריי יאָר שטודירט אַדוואָקאַטור. די הכנסה פון יונגן פּאָרל האָט באַטראָפן אומגעפער 150 דאָלאַר אַ מאָנאַט, בעיקר פון עמאַס געהאַלט אַלס געהילף־לערערין. מיקי האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער ביי אַן אַדוואָקאַט. וואַרטנדיק אויף זיין אַדוואָקאַטן־דיפּלאָם, האָבן זיי דערווייל געלעבט צוזאַמען מיט עמאַס עלטערן אין פלעטבוש. פאַרן ערשטן אָפּגעשפּאָרטן געלט זענען זיי אַוועק וווינען פאַר זיך אין אַ קליינעם דריי־צי־מערדיקן אַפּאַרטמענט אויף אָושן־עווועניו. זייער מעבל איז באַ־שטאַנען בעיקר פון מאַראַנצן־קעסטלעך. זיי האָבן געוואַרט מיט דער אויסמעבלירונג פון זייער דירה ביז זייער הכנסה וועט דאָס דערלויבן.

פונעם ערשטן ניקשהדיקן געהאַלט זיינעם, האָט מיקי גלייך איינגעצאָלט די ערשטע ראַטע אויף די סטיינוויי־גרענד־פּיאַנע, וועלכע האָט אויסגעפילט דעם סאַלאָן. ס׳איז נישט געבליבן קיין פּלאַץ אויף אַנדער מעבל. אויף עמאַס כלומרשטן פּראָטעסט אַז ס׳וואָלט גלייכער געווען צו קויפן אַן עסצימער־טיש, האָט מיקי געענטפערט:

— נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש. ער האָט געוווסט ווי וויכטיק ס׳איז פאַר עמאַן מוזיק. זי האָט זיין זשעסט קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

עמאַס פּיאַנע־שפּילן האָט געעפנט פאַר מיקין נייע וועלטן. צוהערנדיק זיך צו איר זינגען און שפּילן נאָך די אָוונט־מאָלצייטן, האָט ער געפילט, אַז ער ווערט אַריבערגעטראָגן אין אַ וועלט פון פולשטענדיקער רו. ער האָט אָנגעהויבן רעגלמעסיק זיך צוהערן צו די שבת־נאָכמיטאָג־קאָנצערטן אין ראַדיאָ. און שפּעטער באַזוכן זיי צום ערשטן מאָל דאָס מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־הויז.

נאָך פאַרן קאָנצערט האָט זיך מיקי אַנטציקט מיטן גרויסן

באַגילדעטן פינף־גאָרנדיקן זאַל, מיט זיינע בראָקאַטן און רייך־באַצירטע באַלקאָנען. און ווען אין דער דאָזיקער מאַיעסטעטישער סביבה ברעכט אויס די דונערנדיקע וואַגנערישע מוזיק ווערט ער פאַרטראָגן אין ווייטע פרעמדע וועלטן...

אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז אין אַ ווינקל פון זייער שלאָפצימער געוועזן אָנגעהויפט אַ וואָסערע פערציק ליברעטאָס און מיקי — אָן וועלכער ס'איז מוזיק־בילדונג — האָט דערקלערט דער איבערראַש־טער עמאַן די סטרוקטור פון אָפּערע־קאָמפּאָזיציעס. מוזיק ווערט זיין לעבנס־לאַנגע ליידנשאַפט.

מיט דער צייט האָלט מיקי אויס דעם עקזאַמען פון ציווילער דינסט און ווערט אַ רעגירונגס־באַאַמטער. צוערשט אין דער פינאַנס־אָפּטיילונג און שפּעטער אין דער פּראָקוראַטור, ווו איינער פון זיינע קאָלעגן איז דאָרטן טהאָמאַס ע. דיואי. מיקי וואַרפט זיך אַריין אין דער ברוקלינער פּאָליטיק, און טיפּיש פאַר אים, שטעלט ער זיך אין דער זייט פון דער געשלאָגענער רעפּובליקאַנישער אָרגאַניזאַציע. מיט דער צייט ווערט ער דער פירער פון פּאַרטיי־קלוב אין צווייטן באַצירק.

עטלעכע אָוונטן אַ וואָך איז מיקי טעטיק לטובת פאַרשידענע אינסטיטוציעס ווי די „אַליאַנס פון יידישער בילדונג" א"אַנד. אין דער צייט פאַרבראַכט עמאַ מיט אירע חברטעס לערערס. די זונטיקס זענען באַשטימט פאַר פאַמיליע־באַזוכן: צוערשט ביי עמאַס עלטערן און שפּעטער ביי דער משפּחה מאַרקוס.

ביי דער גאַנצער פאַרנומענקייט זיינער, איז מיקי אַן אויסער־געוויינלעכער ברייטהאַרציקער מאַן, וועלכער האָלט אַן אויג אויף אַלע קליינקייטן וואָס שטעלן צופרידן דאָס האַרץ פון אַ פרוי. שטענדיק באַמערקט ער און באַוווּנדערט עמאַס קליידונג. באַ־זונדערס געפעלט זי אים אין טיף־גרויע און רויטע קאָלירן וועלכע ברענגען אַרויס די וואַרעמקייט פון איר געזיכט. אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען פון מילגרימס געשעפט אַ טונקל־גרויער קאָסטיום מיט אַ פוקסענעם קאָלנער און אַ צוגעפּאַסטע צו דעם

בלוזקע. דער קאָסטיום איז געלעגן אויף עמאַן ווי אויסגעגאָסן. מיקי האָט אויסגעזוכט אין געשעפט אַ פּאַרקויפערין פון עמאָס ווּקס און הויטקאָליר וועלכע האָט אים געדינט אַלס מאָדעל.

ער האָט זי שטענדיק איבערראַשט: אַ מאָל מיט אַ זילבערנער טאַץ אויסגעקליבן פון אַ געלעגנהייט־פּאַרקויף, אַ האַנט־געשניצטער מוזיק־געשטעל, אַ מאָל עפּעס אַ צירונג־אַנטיק און שטענדיק צו איר געשמאַק. ווי אַ ווייב, פלעגט זי אים אויסריידן זיין פאַר־שווענדערישקייט, אָבער אין געהיים האָט זי פון דעם שטאַרק הנאה געהאַט.

בלויז איין מתנה האָט מיקי נישט באַוויזן איר צו קויפן: דעם סאַפּיר־רינג וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו קויפן איר דעם ערשטן מאָל ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן.

אין 1934 האָט לאַ־גוואַרדיאַ אַ גלעט געטאָן איבער מיקיס קאָפּ מיט זיין כישוף־שטעקעלע — און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גליקלעכע „פינף יאָר" פון זייער משפחה־לעבן. די מאַרקוסעס האָבן זיך צום דריטן מאָל אַריבערגעקליבן אין אַ נייער דירה מיט אַ גרויסן סאַלאָן אויף דער ניינצעטער גאַס אין מזרח. זיי האָבן ביידע נישט שלעכט פאַרדינט. טראָץ די גרויסע הוצאות פאַר דער הויז־ווירטשאַפט, האָבן זיי זיך געקענט פאַרגינען צו פאַרברענגען אין די ניו־יאָרקער נאַכט־קלובן.

אָבער נאָר אַ ראָקפעלער האָט זיך געקענט דערלויבן אַזאַ קאַוואַלערישע באַציִונג צו געלט. מיקי האָט עקשנותדיק זיך אָפּגע־זאָגט פון שפּאָרן. געלט־ענינים האָבן אים געלאַנגווייליקט. ער פלעגט שטענדיק באַשטעלן די טייערסטע מאכלים פון מעניו, ער פלעגט זאָגן: קאָסט אַ פּאָרציע זעקס דאָלאַר, איז זי אוודאי גוט און געשמאַק. זענען זיי געזעסן אין געזעלשאַפט, פלעגט ער שטענ־דיק באַצאָלן פאַר אַלעמען. ער פלעגט לייען באַקאַנטע געלט אָן אַ וועקסל אָדער אפילו אַ צוזאָג ווען אָפּצוגעבן. ווען זיין גוטער פריינד אַרטור שוואַרץ פלעגט מיט אים איינטענהן: „אַ בעל־

חוב קען דאָך אָפּשטאַרבן און אָן אַ וועקסל וועסטו דאָך נישט קענען אָפּנעמען דיין חוב״, פלעגט ער ענטפערן:

— שטאַרבט אַ מענטש איז ער אויף גרעסערע צרות ווי איך...

מיקי האָט זיך באַמיט נישט צו שטעלן זיינע בעל־חובות אין פאַרלעגנהייט. זיינעם אַ יונגן קוזין, וועלכער איז געווען געגוי אַזוי סענסיטיוו ווי שלימזלדיק, פלעגט ער איינלאַדן אויף אַ וועכנט־לעכן קאָרטן־שפיל און געשפילט אַזוי, אַז יענער האָט שטענדיק געוווּנען וואָסערע 10 — 15 דאָלאַר. ס׳איז געווען שוואַרץ דער יעניקער, וועלכער האָט איבערגערעדט מיקין אָפּצוגעבן יעדע וואָך אַ טייל פון זיין געהאַלט עמאַן און דאָס אַריינצולייגן אויף אַ באַ־זונדערן חשבון צו וועלכן מיקי זאָל נישט האָבן קיין צוטריט.
מיקי האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דאָזיקן שטרענג־פּראַקטישן מיטל, וואָרטשענדיק. ער פלעגט פאַרוואַרפן עמאַן איר פּראַקטישקייט:

— כ׳האָב היינט געקויפט פיר צייטונגען, וועט דאָס אונדזער בו־דזשעט קענען איבערטראָגן?

ביי אַזאַ באַציִונג צו געלט האָט עמאַ נישט געקענט אויפגעבן איר לערעריי, באַזונדערס נאָך דעם ווי אירע עלטערן האָבן גע־ליטן גרויסע פאַרלוסטן אין סטאָק־מאַרקעט קראַך. עמאַ האָט פּרובירט אַנטוויקלען זיין חוש פאַר סאָלידער קליידונג. דאָס האָט אים אַ שטיקל צייט פאַראינטריגירט. מיט אַ מאָל איז ער איבער־געשפּרונגען צו עקסטרעם־קאָנסערוואַטיווער קליידונג. פיין־גע־שניטענע טונקל־בלאָע און אָקספאָרד־גרויע אַנצוגן — און געקויפט זיי מיט זיין געוויינלעך־ברייטער האַנט צו דריי־פיר מיט אַ מאָל. ער האָט זיך אפילו איינגעהאַנדלט אַן אָוונט־מאַנטל מיט אַ פלושענעם קאָלנער און אַ גאַלאַ־אַנצוג מיט אַ גאָלדענער קייט ביי דער וועסט.

אָבער אַמבעסטן האָט ער זיך געפילט אַלס פריינדלעכער גאַסט־געבער אין זיין פלעטבושער דירה. ער פלעגט טיילן די מענער דעם ספּעציעלן „מאַרקוס־געטראַנק״ און די פרויען — באַמבאַסטישע קאָמפּלימענטן. ס׳איז געווען ביי אים אַ קאַפּריז אַזאַ, צו פלירטעווען

מיט די חברטעס פון זיין ווייב. דזשין גראַטאַנאַ, די שיינע בלאָנדע פרוי פון זיין רעכטע האַנט אין סיטי־האָל, איז אָפט געווען דאָס ציל־ברעט פאַר זיינע שעלמישע קאָמפּלימענטן:

— דיינע גאָלדענע האָר, דיינע בלויע אויגן רירן מיין האַרץ און פאַרדרייען מיר דעם קאָפּ.

נאָך דער דריטער כוסע פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ פּאָעטישער שטימונג. אַ בעל־זכרון, וואָס האָט אים אַזוי גוט געדינט אין פּאָ־לעסטינע, פלעגט ער ציטירן בלאַט נאָך בלאַט פון גאַנצע פּאָעמעס און לידער.

אומפּאָרזיכטיקע, פרעמדע, פאַרפירטע פון מיקיס פּשוטער האַלטונג בעת די אויפנאַמען, פלעגן מאַכן אָפט אַ טעות וועגן זיינע ליטעראַרישע ידיעות. איין מאָל האָט אַ בראָדווייער אַרטיסט פאַר־מאָסטן זיך מיט מיקין וועגן שעקספּירישע ציטאַטן. צען מינוטן שפּעטער האָט זיך מיקי אונטערגעגעבן, טענהנדיק אַז ער האָט פאַרשפּילט. אין דער אמתן האָט ער זיך אונטערגעגעבן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ברענגען אין פאַרלעגנהייט זיין גאַסט.

זיין חוש פאַר פריינדשאַפט איז געווען לויט עמאָס באַצייכענונג אומדערשעפלעך. איין מאָל האָט זי זיך באַקלאָגט אויף אַ פריינד זייערן, פיליפּ, וועלכער האָט זי צוגערעדט צו אַ נישט־געלונגענער וואַקאַציע־רייזע.

— פיליפּ איז אומדערטרעגלעך. מיר דאַרפן זיך פון אים דערווייטערן — האָט זי געטענהט. מיקי האָט גענומען אַ בלאַט ווייס פּאַפּיר און מיט זיין פיל־פעדער געמאַכט אַ קלעק אין סאַמע מיטן.

— סניפּפּי, זאָג מיר, וואָס זעסטו?

— וואָס הייסט? אַ קלעק — האָט זי געענטפערט.

— ריכטיק! — האָט מיקי אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער — דאָס זעט יעדער און דאָס איז די גאַנצע צרה פון דער וועלט. אָט האָסטו דיר אַ בלאַט ריין ווייס פּאַפּיר, און מענטשן באַמערקן נאָר דעם פלעק אינמיטן און זעען נישט די ציכטיקייט וואָס רינגלט

אַרום דעם פּלעק. זיי וועלן באַשולדיקן אַ מענטשן פאַר איין קליינעם פעלער און פאַרקוקן דאָס גוטס וואָס ער טוט שטענדיק. געגנוי דאָס זעלבע מיט פּיליפּן. ביסט גערעכט מיט דער וואַקאַציע־רייזע, פאַרגעס אָבער נישט זיין פריינדשאַפט. פּיליפּ איז אין גרונט גענומען אַ פיינער יונג.

זיין מיטפּילן די דורכפאַלן פון זיינע פריינד איז באַגלייט געווען פון אויפריכטיקער באַזאָרגטקייט. ווי ס׳האָט דאָס באַצייכנט זיינער אַ פריינד פון די סיטי־האָל צייטן:

מ׳האָט געפילט אַז מ׳קען אים אַלץ דערציילן, אַז ער איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעצטע העמד פון לייב״.

ביי איינער אַ געלעגנהייט האָט זיך מיקי טאַקע אַזוי אויפגעפירט. ער האָט זיך דערוווּסט אַז מאַרסעל און אַננע פעניער געפינען זיך אין פינאַנסיעלע שוועריקייטן. האָט ער זיי מיט דער פּאָסט אַריינגעשיקט אַ בלאַנקאָ־טשעק פון זיין שפּאָר־קאַסע־ביכל און זיי אָנגעזאָגט אַז זיי אַליין זאָלן אויספילן די סומע פון טשעק.

פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ אויפפירונג האָט נישט פאַרפעלט צו ברענגען דיווידענדן.

עמאַ פלעגט אַלע מאָל פון דאָס ניי איבערראַשט ווערן פון דער גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע האַלטן מיקין פאַר זייער בעסטן פריינד. צייטנווייז נאָך אַ גאַנץ קורצער באַקאַנטשאַפט.

אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן ווי שלמה שמיר; מעיאָר פון ניו־יאָרק וויליאַם אָדווייער; בריגאַדיר־גענעראַל דזשוליוס קלעין, פון די יידישע מלחמה־וועטעראַנען; פּויסטן־געפעכט מענעדזשער דזשאָו גאָלד און טצאַר דייער פון מיטשיגען, מיקיס אַ וועסט־פּאָינטער קלאַס־חבר, וועלכער האָט נישט געזען מיקין שוין יאָרן־לאַנג. אַלע האָבן אים באַצייכנט אַלס „בעסטן פריינד״. גענעראַל־מאַיאָר טהאָמאַס ה. גרין, געוועזענער הויפּט־ריכטער פון דער אַרמיי, האָט נאָך לאַנגע שמועסן מיט מיקין אַזוי געזאָגט:

„כ׳האָב אָנגעהויבן באַוווּנדערן און רעספּעקטירן דעם דאָזיקן מאַן. איך האָב דערפילט אַ געוויסע נאָענטקייט צו אים.״

מיקיס גוטברודערשאַפט מיט אַלעמען האָט שווער געמאַכט דאָס לעבן פון זיין פרוי. אין אַלגעמיין פלעגט מיקי רעספּעקטירן די מיינונגען פון זיין פרוי און אָפט זיך אונטערוואַרפן איר ווילן. אָבער מ׳קען נישט לייקענען אַז זיינע אויסגעברייטערטע האַרי־זאָנטן האָבן אים אַוועקגעפירט אויף ווייטע וועגן און זיינע „קעניג־אַרטור״ סטאַנדאַרטן פון געזעלשאַפטלעכער אחריות האָבן באַלאַסטעט זיין אייגענע היים.

מיקי האָט פאַרמאָגט אַן אומרו:קע ענטוזיאַסטישע נשמה און געוועזן פאַרשיכורט פונעם עצם־פאַקט פון זיין עקזיסטענץ. אַ געוואַגטער וועלט־רייזנדער, גרייכנדיק צו די שטערן. און זיין ווייב, די געדולדיקע פענעלאָפּי — זיין אינספּיראַציע, זיין מקום־מקלט אויף דער ערד. דאָרט ווו עמאַ האָט זיך געפונען, דאָרט האָט מיקי געוואָרצלט. דער בטחון אין איר שוץ האָט אים דערמעגלעכט נאָכצוגיין זיינע חלומות.

עמאַס לעבן איז נישט געווען אין גאַנצן פריי פון אַנטוישונגען. ס׳קאָן קיינער נישט דערוואַרטן פון פּאָעטן צו זיין אידעאַלע משפחה־מענער. אַן אַנקער איז אַ וויכטיקער טייל פון אַ שיף, אָבער נאָך גאַנץ ווייט צו פאַרטרעטן אַ גאַנצע שיף. גענוי ווי איר פריינדין סטיווענסאָן, דאָס ווייב פון מיקיס צימער־חבר פון וועסט־פּאָינט, האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז צו זיין פאַרבונדן מיט אַן אי־בערגעגעבענעם וועסט־פּאָינט־מאַן שמעקט מיט אַ שטיקל ריזיקע. אָט אַזוי האָט זי שלום געמאַכט מיט מיקיס קוריאָזן. מענטשן מיט פאַנאַטישע לעבנס־צילן קענען אומבאַוווסטזיניק שטאַרק ווי טאָן די יעניקע וועלכע זיי האָבן אַמשטאַרקסטן ליב.

און כאָטש אַזוי, איז זי אין 1940 נישט געווען אין גאַנצן צוגע־גרייט צו מיקיס באַשלוס, אַז ער טרעט ווידער אַריין אין דער אַרמיי. אין עלטער פון אַכט־און־דרייסיק יאָר איז מיקי שוין געשטאַנען פעסט אויף זיינע אייגענע פיס אין דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע מיט אַ פאַרמעלער באַשטימונג פאַר דעם אַמט פון „קאָמישיאָנער אָוו קאָרעקּ־שאָן״. אַלס לאַ־גוואַרדיאַס ליבלינג האָט ער געהאַט די בעסטע אויס־

זיכטן אויף אַ פּאָליטישער קאַריערע. אָבער מיקי האָט נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין אייראָפּע: היטלער, זעט אויס, וועט צווינגען אַמעריקע אַריינצוגיין אין דער מלחמה. און אַלס וועסט־פּאָינטער איז ער דאָך טרענירט געוואָרן גענוי פאַר אַזאַ פאַל. די רעגירונג האָט אינוועסטירט אין אים געלט און צייט. צו זיין גליק, האָט ער נאָך מיט אַ צייט צוריק באַקומען אַ באַפולמעכטיקונג אַריינצוטרעטן אין די רעזערוו־אָפּטיילונגען. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן מיליטער אפילו שפּעטער ווען זיינע ציווילע פליכטן האָבן אויסגעשלאָסן פעלד־דינסט.

אומזיסט האָט עמאַ אַרגומענטירט אַז מיקי איז שוין צו אַלט צו גיין אין דער אַרמיי און אַלס וויכטיקער שטאָט־באַאַמטער — באַפרייט פון גערופן צו ווערן צו אַקטיווער דינסט. און אַז צייט־חברים כאַפּן זיך נישט צום געווער ביים ערשטן פייף פון דעם מלחמה־טראָמפּייט. קיינער האָט עס נישט געפאָדערט פון אים אין יענער צייט, אָבער דזשאָן אַדאַמס, דזשעפערסאָן און האַמיל־טאָן האָבן אַלע אויפגעגעבן זייערע בריליאַנטענע אַדוואָקאַטור־קאַריערעס און פאַרקנסט זיך צו דער רעוואָלוציע. און מיקי מאַרקוס פון וועסט־פּאָינט איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ גייסטיק קינד פון 1776. ביז איצטער ליגט נאָך עמאָן אין די ביינער דער אומעטיקער קילער האַרבסט־טאָג ווען מיקי האָט פאַרלאָזן די צענטראַלע באַן־סטאַנציע צו פאָרן אין זיין „נעשאַנעל־גאַרד" (נאַציאָנאַלער וואַך־קעמפּ) אין אַלאַבאַמאַ.

מיקי האָט פּרובירט מאַכן זיין געוויינלעכן פריילעכן אָנשטעל.

— וועסט זיך אַראָפּכאַפּן צו מיר, נאָך פאַר קריסמעס, נאָך איידער וועסט האָבן צייט זיך אַרומצוקוקן, סניפּפּי! מיר וועלן אויפשטעלן אַ שניי־מענטש אויף די באַגוול־פעלדער. אָבער זי האָט געפילט בחוש דעם סוד, וועלכן מיקי האָט איינגערוימט אין אויער פון מאַריי גורפּיין, אַ פריינד וועלכער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די רעפּאָרטערן און פאָטאָגראַפן צו הערן פון מיקין אַ לעצט וואָרט:

— אַזוי איז עס, מאַריי! ס׳איז דער אָנהייב פון אַ לאַנגער שרעקלעכער צייט. פאַרנעם איך זיך אויף דעם דאָזיקן וועג, וועל איך קיין מאָל פון אים נישט אַראָפּ, כל־זמן כ׳וועל לעבן...

איר אינטויִציע — און מיקיס — איז געווען אַ ריכטיקע. זיבן יאָר וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט האָט זי געלעבט מיט בריוו, האָפענונגען און קורצע צוזאַמענטרעפן — און אין אייביקער שרעק פאַרן מעגלעכן שרעקלעכן גורל.

אפילו נאָך דער מלחמה האָט איר צעשטערט פאַמיליען־לעבן נישט צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט. היטלער איז געווען טויט, אָבער זיין מאַניאַקישער גייסט האָט געשוועבט איבער איר־ און מיקיס־לעבן, אַזוי ווי איבער די לעבנס פון פיל מיליאָנען מענטשן.

זי איז טאַקע נישט מער ווי אַ פרוי, אַ געטריי ווייב, אַ גוטע טאָכטער, אַ געוויסנהאַפטע בירגערין, און אַלץ וואָס זי פאַרלאַנגט פאַר די שניט־יאָרן איז צו האָבן ביי איר זייט דעם מאַן וועלכן זי ליבט.

איז דאָס צופיל?

די פראַגע האָט אָן אויפהער זיך געדרייט אין איר מוח, ווי דאָס קייקעלע פונעם רולעטקע־ראָד — און דאָס ראָד וויל נישט שטיין בלייבן.


ISRAEL
Showing Arab Invasion Points
and Distribution of Israeli Brigades
LEBANESE
LEB.
Metulla
Mishmar Hayarden
SYRIA
Hanita
Nahariya
Safad
YIFTACH
Haifa
CARMEL
Sea of Galilee
SYRIANS
Degania
Nazareth
Afula
Gesher
GOLANI
TEN MILE ISRAELI COASTAL STRIP
Jenin
Jordan R.
THE ARAB TRIANGLE
Netanya
ALEXANDRONI
Tulkarm
IRAQIS
Mediterranean Sea
Nablus
ARAB POPULATED AREAS OCCUPIED BY ARAB IRREGULARS AFTER DEC., 1947
Tel Aviv
Petach Tiqva
KIRIATI
Jaffa
HAR-EL
Ramallah
Rehovoth
Kiriat Anavim
Jericho
GIVATI
Hulda
ARAB LEGION
SEVENTH
Jerusalem
Ashkelon
Beit jibrin
ETZIONI
JORDAN
Dead Sea
Gaza
Sa'ad
THE-NECEV
Hebron
Beersheba
Nevatim
Rafah
S'dom
EGYPTIANS
Auja El Hafir
EGYPT
Eilat



מיקי — דער מיטל־לייכטוואָגיקער טשעמפּיאָן פון די קאָלעדזשעס, 1923



אין דער ערשטער קלאַס, אויפן אָוגעט פון זיין גראַדואירונג: מי־קיס פאָטאָ פון 1924 אין „האָווי־צער", יאַרבוך פון דער מיליטע־רישער אַקאַדעמיע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן

דער לייטענאַנט און זיין כלה, יולי 1927

מיקי און טשאַרלי סטיווענסאָן, חבר אַטלעט און אונטערפירער.



מיקי אַלס ריכטער. דער ייִנגסטער ריכטער אין מאַנהעטנס 5־טן באַצירק, לויט דער באַשטימונג פונעם מעיאָר לאַ־גוואַרדיאַ פון 1936. מיקי איז דעמאָלט אַלט געווען 34 יאָר.

עמאַ בעת דער צערעמאָניע פון איינשווערן מיקין דורכן מעיאָר לא־גוואַרדיאַ אַלס „קאָמישיאָנער אָוו קאָרעקשן" פון שטאָט ניו־יאָרק. אַפּריל, 1940. לינקס: וויצע־„קאָמישיאָנער" ריטשאַרד מק׳גי.

קאָמישיאָנער מאַרקוס און זיינע צוויי ערשטע געהילפן: ד״ר פּיטער אַמאָראָסאָ (רעכטס) און ריטשאַרד מק׳גי.



זיין ערשטע נאָמינאַציע נאָכן אומקערן זיך אין דער אַרמיי: ריכטער־אַדוואָקאַט און קאָמענדאַנט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער 27־טער דיוויזיע אינעם מיליטער־לאַגער מק׳קלעלאַן אַניסטאָן, אַלאַבאַמאַ



פון דער רענדזשער־-טרע־
נירונגס־שול אין האַוואַי
אָנהייב 1943

אויף אַ פייערלעכער אויפנאַמע מיט די סטיווענסאָנס, נאָך זיין צוריקקומען
פונעם פּאַסיפיק, פרילינג 1943

מיקיס אַ לעקציע אין
פענטאַגאָן, 1944,
נאָכן אומקערן זיך
פון די קאָנפערענצן
אין דאַמבארטאָן אָ־
האַקס, קאיר, יאַלטאַ
און פּאָסטדאַם.

עמאַס פאָטאָ אין דער לע־
דער־ראַם מיט וועלכער
מיקי האָט זיך קיינמאָל
נישט געשיידט



גענעראַל דזשאָן ה. הילדרינג דעקאָרירט מיקין מיט דעם „אויסצייכענונגס־דינסט־מעדאַל" פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעם 18־טן מאַי, 1945, וואַשינגטאָן.

קאַוויאַר און וואָדקאַ — אויף דער אויפנאַמע ביי דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע־מאַכט אין בערלין, זומער 1945. מיקי — רעכטס פון דער גאַסט־געבערין.



יגאל אלון

יגאל ידין

חיים לַאסקאָוו



משה שרת

דוד בן־גוריון אויף דער אזכרה פאַר מיקי מאַרקוס אויפן בית־עולם פון וועסט־פּאָינט, 1951. ער גיט איבער דער אלמנה עמאַ מאַרקוס דעם אָרדן פון ישראלס אומאָפּהענגיקייט.

מדינת ישראל

ממשלה זמנית

י"ט אייר תש"ח
28.5.48

האלוף סטון מתמנה למפקד חזית ירושלים ולפקודתו יעמדו חטיבת עציוני, חטיבת הראל והחטיבה השביעית. ניתנת הסמכות לאלוף סטון לגייס מספר קצינים וטפלים מתוך שלוש החטיבות הנ"ל להרכבת מטה שלו

ד. בן־גוריון

טעקסט פון באַשטימען מיקין אַלס גענעראַל־קאָמענדאַנט פון ירושלימער פראָנט. אונטן, לינקס, די חתימה פונעם ישראל־פּרעמיער — דוד בן־גוריון.



אויפן וועג אַהיים: — אין אַ פּשוטן טויטן־קאַסטן פון סאַסנע־האָלץ ווערט בריגאַדיר „סטאַן" איבערגעפירט פון ירושלימער מוזעאום דורך תל־אביב אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ביים איינגאַנג צום ביתעולם: — גענעראַל מאַקסוועל ד. טיילאָר; גאָווערנאָר טאָמאַס ה. דיואי; קאָלאָנעל וויליאַם פראָקטאָר און הענרי מאָרגנטאַו, דער יונגער.

אַ וועסט־פּאָינט ביקסן־סקוואָד אויף מיקיס קבר.
דער פאָרהאַנג איז געפאַלן: דער וועסט־פּאָינט שוס סקוואָד לאָזט אַרויס
אַ זאַלפּ איבער מיקיס קבר

קאַפּיטל נײַן

מיקיס טריט האָבן אָפּגעהילכט אין די שטילע גאַסן.

אַזוי ווי עמאַ, האָט אויך ער זיך פאַרטראַכט וועגן לאַנגן וועג פון געלעכטער, ליידן און חברשאַפט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער זינט 1934 האָט ער נאָכגעפאָלגט אַ פּאַראַלעלן וועג — אַ וועג וואָס האָט אים אַלץ מער פאַרבונדן מיט דער ברייטער וועלט, וועמענס ערשטער מייל־שטיין איז געווען: פיאָרעלאָ לאַ־גוואַרדיאַ.

מיקי איז אַריין אין דער לאַ־גוואַרדיאַ־אַדמיניסטראַציע אַ דאַנק זיינעם אַ קלאַס־חבר פון וועסט־פּאָינט. דער פאַרשטאָרבענער לאַוועל לימפּוס פון דער ניו־יאָרקער „דיילי ניוס". לימפּוס האָט באַזוכט אין איינעם אַ נאָכמיטאָג פון יאָר 1922 די הויפּט־פּראָקוראָטור, פונקט דאַן ווען מיקי, ווי אַ פּראָהיבישן־פּראָקוראָר האָט ליקווידירט עטלעכע כאַבאַרניקעס.

צומאָרגנס האָט דער צייטונגס מענטש ביי אַ מאָלצייט דער־ציילט עס לאַ־גוואַרדיאַן, דעמאָלט אַ קאָנגרעסמאַן. פערצן חדשים שפּעטער, ווען די ניו־יאָרקער בירגער האָבן מיט אַ גרויסער מער־הייט אויסגעוויילט לאַ־גוואַרדיאַן פאַרן שטאָט־מעיאָר, האָט ער איינגעלאָדן לימפּוסן אין זיין פינפטער־עוועניו־אַפּאַרטמענט אויף אַ ספּאַגעטי־מאָלצייט. די „קליינע בלום" (לאַ־גוואַרדיאַס צונאָמען), וועמענס זכרון האָט זיך געקענט פאַרגלייכן נאָר מיט זיין טעמפּע־ראַמענט, האָט פּלוצעם אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון דער טאָמאַטאָ־זופּ און אַרויסגעברומט:

— ווי איז געווען דער נאָמען פון דעם ערלעכן געריכטלעכן פאַרפאָלגער, לאַוועל?

— וועלכער ?

— דער פריינד דיינער פון ברוקלין — דער וואָס האָט משלח געווען די ביליקע פּראָהיבּישן־לומפּן.

— אָ, דו מיינסט דייוויד מאַרקוס, מיקי ?

— יאָ, דאָס איז ער, דער יונג. לאַ־גוואַרדיאַ האָט זיך אויס־געדרייט צו זיין פרוי :

— מאַריאַ, פאַרצייכן דעם נאָמען !

לאַ־גוואַרדיאַ, פאַרשטייט זיך, האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף איין פאַקט. ער האָט נאָכגעפאָרשט מיקיס אויפפירונג ביי טאָם דיואי און ביי דעם יו. עס.־פּראָקוראָר, דזשאָרדזש מעדאַליע.

מיקין האָט די נאָמינאַציע אַלס צווייטער „אויפזיכט־קאָמי־סאַר" געטראָפן ווי אַ דונער פון הימל. ער האָט שווער געאַרבעט ביי די וואַלן פאַר לאַ־גוואַרדיאַס נצחון, אָבער נאָר אויס איבער־צייגונג. ער האָט געוואָלט העלפן אַרויסוואַרפן פון שטאָט־פּרעזידיום די פינצטערע „טעמעני־האָל" לייט, איידער ער הייבט אָן זיין פּריוואַטע אַדוואָקאַטור־פּראַקטיק, צוזאַמען מיט דעם אומפאַרגעסלעכן אונטערנעמער אַרטור שוואַרץ.

ער איז אַריין אין דער אַרבעט פון דער מוניציפּאַלער רעגירונג ביז איבער די אויערן ; דאָס איבערנעמען די אויפזיכט איבער דעם ספּעקטאַקלדיקן איבערפּאַל אויף וועלפער־איילאַנד איז צעפּויקט גע־וואָרן אין אַלע צייטונגען פונעם לאַנד און געמאַכט אין דער ניי־רעפאָרמירטער אַדמיניסטראַציע אַן אָנהייב מיט אַ „קנאַק". לאַ־גוואַרדיאַ און מיקי האָבן געפּאַסט איינער צום צווייטן. דער געווע־זענער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פּליער, וועלכער האָט ליב געהאַט טיטולירט צו ווערן מיט זיין מיליטערישן ראַנג — מאַיאָר, האָט געהאַט בשותפותדיקס מיט מיקין, דעם וועסט־פּאָינטער ליבלינג, מער ווי נאָר אויפן מיליטערישן הינטערגרונט.ביידע זע־נען געווען קורץ־געפּאַקטע, היציק, קעמפעריש־ערלעך, אָפנהאַרציק — און ביידע האָבן זיי פאַרמאָגט כמעט אידענטיש־קלינגענדיקע

שטימען. לאַ־גוואַרדיאַ איז געווען היציקער פון מיקין, אָבער ביידע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן קיין שווינדלער.

נאָך אַ צופאַל האָט צוגעשפּילט צו זייער דערנענטערונג: לאַ־גוואַרדיאַ האָט נאָמינירט פאַרן הויפּט פון דער קרימינאַל־אָפּטיילונג דעם באַרימטן קרימינאָלאָג פון דער פעדעראַלער דינסט, אָסטין ה. מק׳קאָרמיק, אַן עלעגאַנטער הויך־געבילדעטער מאַן מיט אַ דיס־טינגווירטער האַלטונג; מק׳קאָרמיק האָט דעם קליינעם פעפערדיקן מע־יאָר אַ ביסל אונטערשאַצט. ער האָט זיך געפילט היימישער מיטן ערשטן דעפּיוטי־קאָמישיאָנער, דעם קוועקזילבערדיקן מיקי. און ווען מק׳קאָרמיק איז קראַנק געוואָרן אויף איינער פון זיינע פיל קראַנקייטן און נישט געקענט שטענדיק זיצן ביים שרייבטיש, איז שטיל אָפּגע־מאַכט געוואָרן, אַז מק׳קאָרמיק אַרבעט אויס די טאַקטיק, האַלט די רעדעס און מיקי פאַרוואַלטעט דעם דעפּאַרטמענט.

ס׳האָט זיך געעפנט פאַר אים אַ ברייט אַרבעטספעלד. אין די יאָרן פון „טעמעני־האָל״ הערשאַפט זענען די טורמעס געוואָרן אַ נעסט פון פאַרדאָרבנקייט, ווו ס׳האָט געבליט כאַבאַר און שווינדל. די זיבעצן שטראָף־אינסטיטוציעס, דורך וועלכע ס׳זענען דורכגע־גאַנגען יאָר־יערלעך מערער ווי אַ מיליאָן מענטשן, זענען באַזעצט געווען פון קאָרומפּירטע אויפזעער, וועכטערס און אפילו דאָקטוירים.

מיקי האָט דאָס אַלץ צעשמעטערט. מיט דער הילף פונעם מוס־קולירטן און שאַרפזיניקן דעטעקטיוו פרענק גראָטאַנאָ, וועלכער פלעגט זיך געלונגען פאַרמאַסקירן, האָט מיקי באַוויזן אויפצודעקן די פאַרצווייגטע שמוגל־נעץ פון נאַרקאָטיק אין די טורמעס.

זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייער נעץ „איזי ד׳פּיקס״ (דעם כאַבאַרניק איזי) — אַ קליין נידערטרעכטיק פאַרשוינדל, וועלכער האָט אָפּערירט אונטער דער מאַסקע פון אַ קאָנפעקטן־קראָם. אין דער אמתן האָט ער פאַרקויפט איבערן יאָר אפשר פאַר צוויי דאָלאַר קאָנפעקטן. בעיקר איז ער געווען אַ פאַסער און אויסלייער פון רעוואָלווערן פאַר 25 דאָלאַר אַ שטיק. זיין הויפּט־ספּעציאַליטעט איז באַשטאַנען אינעם גאַראַנטירן דאָס באַפרייען די געפאַנגענע

אויף פּאַראָל, ד״ה ביז צום משפּט. גראַטאַנאַ האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קעשענע־גנב, ווען גוטע ברידער האָבן צונויפגעזאַמלט טויזנט דאָלאַר כדי צו פאַרזיכערן אים אַ לייכטע שטראָף. אַזוי אַרום האָט מיקי „צורעכט״ געמאַכט איזין, ד״ה מיקי האָט געפּיקסט „איזי ד׳פּיקס״.

דער נאָענטסטער ציל איז געווען אָפּצורייניקן די האַרלעם־טורמע. דאָרט פלעגן די פאַרברעכער פאַרברענגען מיט פרויען, וועלכע די וועכטער האָבן זיי צוגעשטעלט. מיקי און פרענק האָבן צעשמעטערט אַ „וויקענד״־הוליאַנקע און מיט איין רעוואָלווער באַהערשט זיבעציק פון ניו־יאָרקס געפערלעכסטע פאַרשוינען. איצטער, זייענדיק גרייט אָנצוהויבן אַ קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, האָט זיך מיקי נישט באַנוגנט בלויז מיט מק׳קאָרמיקס אינסטרוקציעס, נאָר אויך געזוכט הילף אינעם תלמוד.

ווען אַ מענטש ווערט געבוירן, זאָגן די חכמים, איז ער נישט גוט און נישט שלעכט. ער דאַרף דערצויגן ווערן.

דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, האָט מיקי געפילט, פאַר די ערשטלינג־פאַרברעכער. ער האָט איינגעפירט אין טורמע אַ פּער־מאַנענטע פּסיכיאַטרישע דינסט. פּסיכיאַטרען זאָלן אָבסערווירן די געפאַנגענע און רעקאָמענדירן וואָס אָנבאַלאַנגט פּאַראָלן, ד״ה ווען פון זיי פריי צו לאָזן אויף גאַראַנטיע. גראַטאַנאַ, אַ געשולטער פּאָלי־ציסט, האָט געוואָרטשעט:

— וואָס זאָל איך זאָגן די מענטשן? „גיט דעם בחור אַ שטעלע, ער האָט בלויז דערשטאָכן זיין אייגענעם ברודער״...

מיקי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט געשטעלט אונטער פּסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג אַן אַכצן־יאָריקן בחור, וועלכער איז באַפאַלן אַ חבר ביי דער אַרבעט מיט אַן אייזערנעם שטאַנג. ווען דער בחור איז באַפרייט געוואָרן, האָט מיקי אייגנהענטיק רעקאָמענדירט צו געבן אים אַ דערלויבעניש אַלס לייטער פון דער וואַסער־אָפּטיילונג. דער בחור איז קיין מאָל מער נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן.

אַזוינע פאַלן זענען געווען הונדערטער. מיקיס אַ פריינד, עד

קאַנטעלמאַ, דערמאָנט זיך אין זיין באַזוך צוזאַמען מיטן דעפּיוטי־קאָמישיאָנער אין דעם הויז פאַר פרויען־פאַרברעכערינס אין גריניטש־ווילעדזש. צו ערשט איז מיקי אַריין אין קיך און נאָכגעקוקט אויב די שפּייז איז לויט די פאַרשריפטן פון געזונטהייטס־דעפּאַרטמענט.

אויף יעדן שטאָק, דערציילט קאַנטעלמאַ, האָט ער אויפן פריינדלעכסטן אופן געשמועסט מיט די ניי־אָנגעקומענע. מיט צופרידנקייט האָט ער איבערגעגעבן איינער אַ מיידל, וועלכע איז געווען מוזיקאַליש, אַז ס׳איז אים געלונגען צו שאַפן פאַר איר אַ פּיאַנע.

אָבער ווען דאָקטאָר אַננאַ מעי סוויפט, אַ טרויעריק־באַרימטע מאַדאַם, האָט אויסגענוצט די טורמע ווי אַ פּריוואַטן האַרעם, איז איר צימער, אין וועלכן זי האָט „פאַרווײַלט" אַן איבערגעשראָקענעם אַכצן־יאָריקן בחור, פּלוצים באַפאַלן געוואָרן. דער אויפזיכטס־קאָמיסאַר האָט תיכף קאָנפיסקירט איר שנאַפּס, פאַרפומען, קאַוויאַר און זי פאַרשפאַרט אין אַן איזאָלאַציע־צימער.

מיקי איז געווען געגנוי אַזוי שטרענג לגבי די באַנד־לייט און פאַרשוינען וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום סיטי־האָל און זיך געצאַצקעט מיט זיין נאָמען, מיינענדיק אַזוי אַרום אַרויסצובאַקומען פון אים טובות.

דערפאַר איז זיין טיר שטענדיק געשטאַנען אָפן פאַר די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע. ער פלעגט זיי אויפנעמען אין זיין ביוראָ אין די שבתים און קוים קוים באַהערשן זיין מיטגעפיל.

איין מאָל איז אַ גייסטלעכער געקומען צו אים מיט אַ פרוי פון אַ וועכטער, וועלכן מ׳האָט באַשולדיקט אין אַריינשמוגלען קאָסמעטישע אַרטיקלען פאַר די האָמאָסעקסואַליסטן. די פרוי האָט געבעטן מ׳זאָל איר ברויטגעבער געבן נאָך איין שאַנס.

— כ׳קאָן דאָס נישט טאָן, ער איז אַן אויסוווּרף — האָט מיקי געזאָגט.

דער גייסטלעכער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַריינגעבראַכט אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט, דאַן נאָך צוויי יונגערע, און צום סוף — אַ צוויי־יאָריק בלאָנד־געקרויזט יאַטל.

מיקי האָט אַ זיפֿץ געטאָן און זיך געווענדט צו פֿרענקן:

— פֿרענקעלע, ווו איז דער זיכערסטער פּלאַץ, אין וועלכן מיר קענען דעם חברה־מאַן פֿאַרשטעקן?

— אין דעם שטאַטישן אויסבעסערונג־אַנשטאַלט אויף האַרטיס־איילאַנד, האָט גראַטאַנאַ פֿאַרגעלייגט. די טובה האָט זיך באַצאָלט. דער וואָלף איז געבליבן זאַט און די ציג גאַנץ.

מיקין האָט די שטעלע טייער געקאָסט. ביים ערשטן בליק אויף אַ דערשלאָגענעם משפּחה־מיטגליד פֿון אַ פֿאַרברעכער פֿלעגט זיין האַנט גלייך גרייכן די קעשענע. ער פֿלעגט אָנקלינגען זיין סעקרעטאַרין, ראָז סענקער:

— ראָז! נעם די פֿרוי ווילאַמס אין אַ רעסטאָראַן און זע, אַז זי זאָל גוט אָפּעסן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳וויל די פֿרוי ווילאַמס אַרויסוואַרפֿן פֿון איר דירה. דאָס האָט שוין געבראַכט צו אַ גרע־סערער געלט־הוצאה און צו אַ ריי „סטראַטעגישע" טעלעפֿאָן־געשפּרעכן.

איין מאָל איז דער קליינער באָקס־אונטערנעמער דזשאָו גאָלד, אַריינגעקומען צו מיקין אין ביוראָ מיט אַן אָרעם־געקליידטן פּאָרט־אַרבעטער און געזאָגט:

— מיקי, באַקען זיך מיט דזשימי ברעדאָק, דעם צוקונפֿטיקן וועלט־שווער־וואָגיקן טשעמפּיאָן.

גאָלד האָט אַ ווונק געטאָן ברעדאָקן, ער זאָל זיך שטעלן אין אַ באָקס־פּאָזע. מיקי, מיט אַ לוסטיקן שמייכל אויף די ליפּן, איז אָפּער פֿון הינטערן שרייבטיש און אָנגעשטעלט די פֿויסטן קעגן ברעדאָקן. ברעדאָק האָט נישט געוווּסט וועגן מיקיס דערפֿאַרונג אין באָקס. מיקי האָט זיך פּלוצעם אַריינגעכאַפּט צווישן זיי און אָנגעהויבן דערלאַנגען האַלב־געבאַקענע „לינקע" און „רעכטע".

גאָלד, מורא האָבנדיק פֿאַר מיקיס געזונט, האָט איבערגעריסן דעם קאַמף. זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס וועגן ברעדאָקס אויסזיכטן אין אַ קאַמף קעגן מאַקס בערן.

מיקי האָט באַמערקט דעם באָקסערס קליידער און געזאָגט גראָטאַנען:

— פרענקעלע, מיר קענען נישט דערלאָזן אַז דער צוקונפטיקער וועלטמייסטער זאָל אַרומגיין אין שמאַטעס.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פעקל דאָלאַר־אַסיגנאַציעס:

— פיר אים אַריין אין אַ קליידער־געשעפט און קויף אים אַן אַנשטענדיקן מאַנטל!

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, ווען גאָלדס שטוינענדיקע נבואה איז מקוים געוואָרן, איז דער איצט שוין באַרימטער, דערפּאָלג־רייכער פּאַרוואָלטער אינטריגירט געוואָרן פון מיקיס אָפּטע באַזוכן אין דער מעטראָפּאָליטן־אָפּערע. איין מאָל, ווען עמאַ איז געוועזן אַוועקגעפאָרן האָט מיקי מיטגענומען גאָלדן אין דער אָפּערע. מ׳האָט געשפּילט „דאָן זשואַן״. דער וועטעראַן פון טרעני־רונגס־קעמפּ איז אויסגעזעסן ביז דער סצענע ווען מאָצאַרטס צעלאָזענער העלד פאַלט אַריין אין פּאַסטקע פון נקמה־נעמערס און ער מוז זיך דורכברעכן אַ וועג.ביים הויכפּונקט פונעם בינע־דועל האָט גאָלד מיט אַ צאָרנדיקער שטימע אַרויסגעברילט פון דער לאָזשע: „שטעל אָן די פויסטן, דו לומפּ איינער!״ דער „נאָבעלער״ עקספּערימענט איז מער נישט איבערגעחזרט געוואָרן: מיקי האָט מער נישט מיטגענומען גאָלדן אין דער אָפּערע.

די ידיעה וועגן מיקיס באַציִונג צו די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע האָט זיך צעטראָגן צווישן די אונטערוועלטניקעס. דאַנקבאַרע אויסוורפן, דערוויסנדיק זיך אַז דער קאָמיסאַר לאָזט זיך נישט „שמירן״ האָבן אים אָנגעהויבן צאָלן מיט אינפאָרמאַציעס. אַזוי אַרום האָט מיקי באַקומען „אינעווייניקסטע״ קוואַלן פון ידיעות.

ווען אַ פּאָר שווינדלערס האָבן דורכגעזעגט די קראַטעס און אַנטלאָפן פון ריימאָנד־סטריט־טורמע, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, לואיס וואַלענטיין, מאָביליזירט פינף און זיבעציק מאַן זיי צו כאַפּן, אָבער אָן דערפאָלג. מיקי און גראָטאַנאָ האָבן עס יאָ באַוויזן,

זיי האָבן שנעל געכאַפּט די פאַרברעכער און ווידער פאַרפּאַקט זיי הינטער די קראַטעס.

וואַלענטיין האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין געזעצלעכע קאָמפּעטענץ איז איבערגעטראָטן געוואָרן. לאַ־גוואַרדיאַ, צוזאַמענגעקאָרטשעט הינטער זיין שרייבטיש, ווי אַ באַברילטער בולדאָג, האָט אַרויס־געברומט.

— וואָלט בעסער געווען ווען זיי זאָלן נאָך זיין אויף דער פריי?

דער מעיאָר פלעגט זיך באַראָטן מיט מיקין וועגן פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן.

אין 1936 האָט לאַ־גוואַרדיאַ נאָמינירט מיקין אַלס צייטווייליקן ריכטער, כדי אַרויסצוהעלפן די איבערגעלאָדענע געריכט־הייזער אין מאַנהעטן. דרייסיק טאָג האָבן קעגנער און אויסוואורפן פון די געריכטס־הייזער געציטערט, אָבער פעדלער וכדומה אַזעלכע „פאַרברעכער״ האָבן הנאה געהאַט פון די אורטיילן פון דעם אויס־נעמלעך סימפּאַטישן געריכט.

יענעם זומער האָבן מיקי און טאָם דיואי געדאַרפט דורכפירן אַן אומגעוויינלעכע אָפּעראַציע. אַריינקריגנדיק אין זייער נעץ דעם באַוווסטן מאַפיע־פירער לאַקי לוטשיאַנאָ, איז דיואי געשטאַנען פאַרן פּראָבלעם ווי אַזוי צו פאַרהיטן פון לוטשיאַנאָס מעסער־יונגען אַ וועלכע הונדערט „אינפאָרמאַטאָרן״, דיואיס הויפּט־עדות. מיקי האָט זיי געהאַלטן אונטערן שלאָס ביז צום משפּט.

אַ ביישפּיל פון אויסערגעוויינלעכער קאָאָפּעראַציע — האָט דיואי געזאָגט — אָן וועלכער דער אויסגאַנג פון משפּט וואָלט נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך.

אין 1938 האָט מיקי גענומען זיין ערשטן אורלויב בייצוזיין אַלס טעכנישער ראַטגעבער אין האָליוווד צום פילם „בלעקוועלס־איילאַנד — אַ פילם וועגן זיין ביאָגראַפיע. ווען ער איז צוריקגע־קומען, האָבן רעפּאָרטערן אים געפרעגט:

— האָסט דאָרט געטראָפן עפּעס באַקאַנטע?

— בלויז איין פּערזאָן, אַ מיידל באַדעקט מיט בריליאַנטן, אויפן

פערדגעיעג־פעלד אין סאַנטאַ־אַניטאַ. זי איז מיר פאַרגעקומען עפּעס באַקאַנט. תחילת האָב איך געטראַכט אַז דאָס איז עפּעס אַ באַרימטע אַקטריסע. ווען כ׳האָב זיך אָבער גוט צוגעקוקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ „מיידעלע״ וועלכע כ׳האָב אַרויסגעלאָזט אויף פּאַראָל מיט אַ וואָך צוריק. איר האָט געדאַרפט זען ווי שנעל זי האָט זיך אָפּגעטראָגן ווען זי האָט מיך באַמערקט.

ס׳איז שוין איצט פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד אַז לאַ־גוואַרדיאַ פּלאַנעוועט עפּעס אַן אַוואַנס פאַר מיקין. אין זומער 1939 האָט אַ צייטונג געמאָלדן, אַז דער „דעפּוטי־קאָמישיאָנער אָוו קאָררעקשאָן״ איז איינער פון לאַ־גוואַרדיאַס נאָענטסטע פריינד און ער וועט סמתמא אין גיכן נאָמינירט ווערן אַלס ריכטער אָדער דיסטריקט־פּראָקוראָר אין ברוקלין.

אָנשטאָט דעם איז ער נאָמינירט געוואָרן אָפיציעל אין אַפּריל 1940 אַלס דער פאַרוואַלטער פון אויפזיכטס־דעפּאַרטמענט, אַן אַרבעט וועלכע ער האָט שוין יאָרן געטאָן אומאָפיציעל. מיקיס לוין איז פאַרטאָפּלט געוואָרן און דערגרייכט די סומע פון 11.000 דאָלאַר אַ יאָר.

מיט אַ פולשטענדיק פרייער האַנט האָט ער אָנגעהויבן דורכ־צופירן אַ פּראָגראַם וועלכער וואָלט אין די 60־קער יאָרן אויס־געזען פּראָגרעסיוו. די 2 מיליאָן דאָלאַר, באַשטימטע אויף אויס־צובויען אַ נייע טורמע האָט ער אויסגענוצט אויף גערטנער, שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער, שולן און שפּיטאָלן: „וועלן מיר אויסרייניקן אונדזערע סלאַמס און שאַפן מער שפּילפּלעצער פאַר קינדער, וועלן מיר דאַרפן ווייניקער טורמעס״.

ער האָט פאָרגעשלאָגן צו באַקעמפן די נייגונג צו נאַרקאָטיק מיט דער הילף פון דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. דאָס באַנוצן באַטויבונגס־מיטלען איז אַ מעדיציניש־סאָציאָלאָגיש־פּראָבלעם און נישט קיין פּאָליציייש. געגוי דאָס זעלבע איז שייך געשלעכטלעכע־אָפּנויגן. „אַז מיר זעצן אַריין אַ האָמאָסעקסואַליסט אויף דרייסיק טעג אין טורמע, ווערט ער אויס האָמאָסעקסואַליסט?״

יוגנטלעכע פאַרברעכער זענען געווען זיין גרעסטע זאָרג. יוגנט־לעכע קענען זיך נאָך אויסבעסערן, אָבער נישט אין די טורמעס, צוזאַמען מיט די פאַרהאַרטעווטע פאַרברעכער, וועלכע זענען מסוגל צו באַאיינפלוסן די יינגלעך. ער האָט געפאָדערט צו גרינדן אַרבעטס־געמיינדעס „טיף אינעם לאַנד“, ווו מען זאָל זיי לערנען עפּעס אַ פאַך, כדי זיי זאָלן קענען זיך צופּאַסן צו דער געזעלשאַפט. געגנוי דעם פּלאַן, וועלכן מ׳האָט שפּעטער, אין יאָר 1961, רעקאָמענדירט אין דער פיל געליבטער „על־רעטיראָ“־שול פאַר מיידלעך אין לאָס־אַנדזשעלעס.

מ׳האָט אים, דעם דינאַמישן ניו־יאָרקער קאָמיסאַר, איינגעלאַדן צו האַלטן לעקציעס אין גאַנצן לאַנד וועגן זיינע פּראָיעקטן. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ דאָקטאָראַט־טעזיס, לויטן פאָרשלאַג פון זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר פון יורי, פּרענקלין ה. ראָססעל, אין וועלכן ער האָט אַנאַליזירט די פאַרברעכנס צווישן די פאַרשידענע עטנישע און סאָציאַלע גרופּעס אין לאַנד. ער האָט זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם מיט לאַ־גוואַרדיאַן.

דער מעיאָר האָט פאַרביסן די ליפּן, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און קאָמענטירט:

— מיקי, אין עטלעכע וואָכן אַרום וועלן פאָרקומען נייע וואַלן. ס׳וואָלט געווען געוווּנטשן צו פּובליקירן אַזאַ מין פאָרשלאָג דורך איינעם פון מיין אַדמיניסטראַציע. דאָס וועט אָבער ברענגען דערצו, אַז מיר וועלן פאַרלירן די שטימען פון די איטאַליענער, יידן, איר־לענדער און נעגער.

מיקי האָט נישט געקענט, ווי לאַ־גוואַרדיאַ, אָפּקילן זיין ענטוזיאַזם אינעם „וואַסער“ פונעם רעאַליסטישן דענקען. דאָס איז געווען איינע פון זיינע חסרונות, וועלכע זענען אָממערסטן קרי־טיקירט געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו געבן הבטחות פּנים אל פּנים מיט מענטשלעכע לייַדן. ער פלעגט צוזאָגן זאַכן, וועלכע ער האָט אַ סך מאָל נישט געקענט דערפילן און פאַרביטן זיין צוזאָג אויף אַן הלוואה פון זיין אייגענער קעשענע.

לאַ־גוואַרדיאַ איז פּונקט ווי עמאַ דערשטוינט געוואָרן פון מיקיס מעלדונג, אַז ער טרעט צוריק אַריין אין דער אַרמיי. דער מעיאָר האָט נישט געקאָנט זיך קעגנשטעלן דעם דאָזיקן באַשלוס, האָבנדיק אַליין געטאָן דאָס זעלבע ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס און געוואָרן אַ פליער אין יאָר 1917. און ס׳איז אים געווען טאָפּלט פאַרשטענדלעך די מאָטיוון פון אַ יידישן סאָל־דאַט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן קאַמף קעגן די נאַציס.

נישט דערפאַר ווייל כ׳בין אַ ייד טו איך דאָס — האָט מיקי שאַרף פּראָטעסטירט — כ׳האָב זיך שטענדיק באַטראַכט אַלס אַמע־ריקאַנער וועלכער איז צופעליק אַ ייד. כ׳וואָלט געטוי דאָס זעלבע געפילט ווען היטלער וואָלט אַטאַקירט בודיסטן, אָדער אַדווענטיסטן. אַן אָנפאַל אויף וועלכער ס׳איז רעליגיע איז אַן אָנפאַל אויף רע־ליגיע בכלל.

מיקי איז אַוועק מיט דער 27־טער אינפאַנטעריע־דיוויזיע אין דרום אין יאָר 1940, אַלס לייטענאַנט־קאָלאָנעל און ריכטער־אַדוואָקאַט. ווען ער האָט רעזיגנירט פון דער רעגולערער אַרמיי אין 1926 איז ער צוגעטיילט געוואָרן צום הויפּט־דעפּאַרטמענט פון ריכטער־אַדוואָקאַטן ביים מיליטער. דער קאָמאַנדיר פון דער די־וויזיע, גענעראַל־מאַיאָר וויליאַם ג. האַסקעל, האָט באַלד אויסגע־פונען ווער מיקי איז: „יעדעס מאָל ווען ס׳האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ שווערער ענין פלעג איך גלייך שיקן רופן מיקי מאַרקוסן״. האַסקעל האָט אים נאָמינירט אַלס הויפּט־קוואַרטיר־קאָמענדאַנט, און הגם בדרך־כלל קאָמאַנדירן נישט ריכטער־אַדוואָקאַטן די אָפּטיי־לונגען אויפן פעלד, האָט האַסקעל באַקומען אַן עקסטרע דערלוי־בעניש פון פּענטאַגאָן צו אַנגאַזשירן מיקין אָנצופירן מיט די „ספּעציעלע״ אָפּטיילונגען פון זיין דיוויזיע אין די זומער־מאַ־נעוורעס פון 1941. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ באַזונדערער איינ־הייט פון עטלעכע הונדערט אינפאַנטעריסטן, זשאַנדאַרמעריע, סיג־נאַל־לייט און אַ קאָמפּאַניע אַרטילעריסטן אויף די מאַנעוורעס אין די לואיזיאַנאַ־זומפּן. מיקי האָט זיך אויסגעצייכנט אַזוי, אַז האַסקעל

האָט אים באַלד רעקאָמענדירט אויף דעם ראַנג פון פולן־קאָלאָנעל אַלס „באַזונדערס פעיִקער באַאַמטער און אויסגעצייכנטער פעלד־קאָמאַנדיר".

טאָם דיואי האָט אים באַזוכט און געשריבן עמאַן:

„ס'איז פאַר׳ויסצוזען, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועלן אַלע צייטונגען באַרימט מאַכן מיקין ווי אַ וויכטיקן באַאַמטן און אויסגעצייכנטן אָפיציר".

אין נאָוועמבער 1941 האָט גענעראַל האַסקעל מיטגענומען מי־קין אויף אַ טור איבער די טרעניררונגס־באַזעס פון דער דיוויזיע. ווען זיי זענען געווען אין סיאַטעל־וואַשינגטאָן איז אָנגעקומען די נייעס וועגן פּוירל־האַרבאָר. מיקי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּענ־טאַגאָן־באַשטימונג און געאיילט צו פאַראייניקן זיך מיט זיין די־וויזיע, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום פאָרט אָרד אין קאַליפאָרניע. אָרגאַניזירנדיק דאָרט אַ גרויס־פאַרנעמיקן שיף־טראַנספּאָרט קיין האַוואַי, האָט ער אָנגעשריבן דעם לעצטן בריוו פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו עמאַן:

„מלחמה איז די נאַכט פון דער ציוויליזאַציע. מיר מוזן זיך צוגעווינען נישט צו באַקלאָגן דעם טויט פון מענטשלעכן לעבן, נאָר דעם טויט פון אונדזער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט וואָס שטיצט איר עקזיסטענץ נישט אויף דער צויבערקראַפט פון בלוטיקן משפחה־יחוס, נאָר אויף ז'ער ירושה פון אידעען".

סוף 1942 איז מיקי איבערגעפלויגן דעם פּאַציפיק און זיך פאַראייניקט מיט זיין דיוויזיע. די אויפגאַבע פון דער 22־טער דיוויזיע איז געווען צו באַשיצן אַכט אינדזלען אויפן פּאַציפיק, צווישן זיי אויך דעם האַוואַי־אינדזל. דער נייער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע, בריגאַדיר־גענעראַל ראַלף מעק פּעננעל איז געווען דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון האַוואַי.

מיקי איז געווען זיין עקזעקוטיוו־באַאַמטער, באַהאַנדלענדיק אונטערן מלחמה־געזעץ אַלץ — פון פאַרקער־עבירות ביז צו פרייזן־

קאָנטראָל. די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע: האַוואַיער, קאַווקאַזער, יאַפּאַנער, פיליפּינער, כינעזער און קאָרעאַנער. ער פלעגט שפּעטער זאָגן: „אין פאַרגלייך מיט האַוואַי איז דער ניו־יאָרקער שמעלצטאָפּ אַ ריינע זופּ".

פיר מאָנאַטן שפּעטער האָט פּעננעל רעקאָמענדירט מיקיס דערהייבונג, זאָגנדיק: מיקיס אויסגעצייכנטע אויפפירונג האָט מיר דערמעגלעכט אָפּצוגעבן זיך מיט מיין הויפּטפליכט — די פאַר־טיידיקונג פון די אינדזלען".

אין נאָוועמבער 1942 איז די דיוויזיע איבערגעגאַנגען קיין אָהאַו. דאָס באַפעלקערטע אינדזל מיט דער הויפּט־־שטאָט האָנאָלולו, מיטן וואַיקיקי־ים־ברעג און פּוירל־האַרבאָר.

דער נייער קאָמאַנדיר, גענעראַל־מאַיאָר ראַלף ס. סמיט, האָט מיקין נאָמינירט אַלס פּאַרוואַלטער פון דער רענדזשער־טרענירונג־שולע. די אויפגאַבע איז געווען צוצוגרייטן דזשונגל־קעמפער פאַר די קומענדיקע שלאַכטן. דער אַכט־וואָכיקער קורס איז באַשטאַנען פון גערילאַ־טאַקטיק, האַנט־צו־האַנט קאַמף, דזשודאָ, קאַמופלאַזש און איבונגען צו פאַרהאַרטעווען דעם קערפּער, ער זאָל קענען אויס־האַלטן די דזשונגל־באַדינגונגען.

מיקי האָט גלייך אָפּגעוואָרפן די אויסגעאַרבעטע פּלענער פון פּענטאַגאָן: „די מערסטע בחורים וואָלטן דאָס גלייך געקאָנט דורכמאַכן. ער האָט פאַרטאָפּלט דעם שווים־קורס מיט פולן געפּעק ביז צו פערציק יאַרד און דעם „שפּרונג פון שיף צום ברעג" ביז צו פערציק פוס. די שטרויכלונג־איבונגען זענען געווען איינגע־אָרדנט, אַז יעדער סאָלדאַט האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען ביז די לעצטע כוחות. דער פאַרוואַלטער בכבודו ובעצמו האָט מיטגעמאַכט אַלע איבונגען פון פרימאָרגן ביז אָוונט.

אַלס „ראַדזשער דער רענדזשער" — ווי גענעראַל סמיט האָט אים גערופן, — האָט מיקי אויסטרענירט אַכט טויזנט סאָלדאַטן. שפּעטער, קעמפנדיק ביי מאַקין און קוואַדזשאַלען אַלס רעגימענט־איינהייטן און אין סאַיפּאַן אַלס דיוויזיע האָבן זיך די רענדזשערס

פאַרשאַפן אַזאַ נאָמען, מיט וועלכן נאָר די ענגלישע קאָמאַנדאָס האָבן געקענט קאָנקורירן. די־אָ רעפּוטאַציע באַגלייט זיי ביזן היינטיקן טאָג.

מיקי האָט די גאַנצע צייט געהאָפט צו באַפרייען זיך פון שטאָב און באַקומען אַ קאָמפּגרופּע פון די רענדזשערס, וועלכע ער האָט טרענירט. אָנשטאָט דעם האָט אים גענעראַל הילדרינג אַרויס־געפּאָדערט קיין וואַשינגטאָן אין דער „אָפּטיילונג פאַר ציווילע ענינים" אין פּענטאַגאָן. דער איבערגאַנג קיין וואַשינגטאָן האָט געהאַט אויך גוטע זייטן. ער איז געווען צוזאַמען מיט עמאַן דעם גאַנצן זומער 1943.

ער איז גלייך נאָמינירט געוואָרן אַלס פולער קאָלאָנעל מיט אַן הוספה פון 25 דאָלאַר מאָנאַטלעך. מיקיס אַרבעט איז געווען אַ שטרענג־געהיימע. זיין ערשטע נאָמינאַציע איז געווען אַלס הויפּט פון דער אַדמיניסטראַציע. דאָרטן האָט ער מיטגעאַרבעט מיט הילדרינגס געניטע געהילפן די קאָלאָנעלן: וויליאַם טשאַנדלער און דזשאָן האַסקעל. די „ציווילע" אָפּטיילונג איז געווען שטאָלץ מיט איר שטאַב, אין וועלכן ס'איז אויך געווען דער באַרימטער פינאַנס־עקספּערט טשאַרלס הילאַרד, ערנסט גראָס (שפּעטער — אַמע־ריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין דער יו־ען) און מאַרק האָווע, געזעץ־פּראָפעסאָר פון האָוואַרד־אוניווערסיטעט.

נאָך דער אָקופּאַציע פון סיציליע האָט הילדרינג געשאַפן אַ נייע ס. ע. די.־אָפּטיילונג, „די פּלאַנירונג־אָפּטיילונג" און מיקין באַ־שטימט פאַר איר אויפזעער.

מיט אַן אויג אויף די שלאַכט־מאַפּעס, האָט מיקי געדאַרפט אַרויסגעבן די אָפּערירנדיקע אָפּטיילונגען דירעקטיוון אויפן געביט פון ציווילער אַדמיניסטראַציע, אַ פאַרדינסטפולע אויפגאַבע, וואָס האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דזשאָרדזש ס. מאַרשאַל, הויפּט פון גענעראַל־שטאַב, און פון דזשאָן דזשעי מעק־לאָי, געהילפס־סעקרעטאַר פון קריגס־מיניסטעריום. מעק־לאָי האָט זיך פאַרנומען מיט די קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען פאַר דער „אַקס".

אין איינעם אַ שטיקנדיקן זומער־אָוונט, ווען מיקי איז געווען פאַרזונקען אין זיין נאַכט־„היימאַרבעט" אין דער צייטווייליקער דירה זייערער אין וואַשינגטאָן, האָט ער אַרום האַלבער־נאַכט פאַר־געלייגט עמאַן אַ שפּאַציר. זי האָט געוואַרט ביז ער האָט צונויפגע־נומען זיינע פּאַפּירן אין אַ פּאַרטפעל און אים פאַרשלאָסן אין שאַפע.

— עפּעס וויכטיקס? — האָט זי געפרעגט.

— די איטאַליענישע קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען, אויב מ'וועט זיי באַשטעטיקן.

עמאַ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— כ'וואָלט געווען אַ בעלן זיך צו וועטן...

זי וואָלט דאָס געווען באַדאַרפט וויסן. די „איטאַליענישע פּאַ־פּירן" זענען צוגעגרייט געוואָרן אונטער דער פּערזענלעכער השגחה פון גענעראַל מאַרשאַל — לויטן מוסטער פון מיקיס באַאַרבעטונג פון דער אומבאַדינגטער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד. בעת די היסטאָרישע קאָנפערענצן אין יאָר 1943 איז מיקי שטענדיק געווען צווישן די אַמעריקאַנער ראַטגעבער, צו ערשט אין קאַירא, אין נאָוועמבער 1943, ביי דער באַראַטונג פון רוזוועלט־טשערטשיל־טשאַן־קאַי־שעק.

איידער ער איז אַרויסגעפאָרן צו דער סעסיע פון די „גרויסע דריי" אין טעהעראַן האָט אים גענעראַל מאַרשאַל מיטגענומען אין זיין פּריוואַטן אַעראָפּלאַן צו כאַפּן שנעל אַ בליק — זיין ערשטן בליק — אויף פּאַלעסטינע. ער האָט איבערגעשיקט עמאַן אַ סך פאָטאָגראַ־פיעס און אַ האַלדז־שנור פון טאַפּאַזן מיט דער באַמערקונג: „דאָס איז געווען דער באַלערנדיקסטער חודש פון מיין אַרמיי־לעבן".

אין טעהעראַן איז ער איבערראַשט געוואָרן פון סטאַלינס מערקווירדיקער אָריענטאַציע אין דער מיליטערישער סיטואַציע. „ער האָט קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט קיין אינפאָרמאַציע פון זיינע ראַטגעבער. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלץ האַלט ער אויפן קאָפּ. ער פלעגט דעצידירן שנעל און זיך נישט באַמיט צו זיין טאַקטיש".

נאָך טעהעראַן איז געקומען דאָמבאַרטאָן אָהאַקס, ווו די יו. עס־ענגלישע אַלייִרטע האָבן אָפּגעהאַלטן באַזונדערע באַראַטונגען מיט די רוסן און כינעזער, אויף וועלכע ס׳איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר די „פאַראייניקטע פעלקער״. פון דער קאָנפערענץ־קוואַרטיר האָט מיקי געשריבן צו עמאַן:

„ס׳איז ממש באַצויבערנדיק זיך צוצוקוקן צו די פאַר־שידענע נאַציאָנאַלע שטריכן פון די דעלעגאַטן. די יוגנטלעכע זעלבסטזיכערקייט פון די רוסן — אין קאָנטראַסט צו די אומ־באַשטימט־ברייטע פּרינציפּן פון די ענגלענדער. דער פּלאַן איז פּאַרטיק און מיר זענען גרייט אויף הנחות״.

צוויי וואָכן שפּעטער, ביי דער רוזוועלט־טשערטשיל־קאָנפערענץ אין קוויבעק איז ער ווידער געזעסן ביי דער זייט פון די ריזן. נאָך דעם האָט ער אין זיין אַלבאָם־בוך אַריינגעקלעפּט דאָס קלאַסיפיקאַציע־צעטל פון עטלעכע געהיימע דאָקומענטן. אָן דעם אינהאַלט; מאַכן אַ פינקטלעכע קאָפּיע פון דעם איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

די צירקולאַציע פון אָט די דאָקומענטן איז געווען באַגרענעצט בלויז צו זעקס פּערזאָן: אַדמיראַל וויליאַם ד. לעי, הויפּט פון פּרעזידענט רוזוועלטס שטאַב; אַדמיראַל ערנסט ד. קינג, שעף פון דער אַדמיראַליטעט; גענעראַל דזשאָרדזש ס. מאַרשאַל, שעף פון גענעראַל־שטאַב; גענעראַל הענרי ה. אַרנאָלד, קאָמאַנדיר פון לופט־פלאָט; לויטענאַנט־גענעראַל טהאָמאַס ט. הענדי, שעף פון די שטאַב־עקספּערטן און קאָלאָנעל מאַרקוס.

ווען די גרויסע „דריי״ האָבן זיך באַגעגנט אין יאַלטע, אין יאָר 1945, בעת די אַלייִרטע אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף בערלין, האָט ווידער דער קורץ־געפּאַקטער קאָלאָנעל געוואַכט אין הינטערגרונט.

דאָס איז געווען דאַן ווען מיקי האָט געמאַכט זיין אומאָפיציעלע פּאַראַשוט־לאַנדונג אין נאָרמאַנדיע, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי זיינע פענטאַגאָן־באַלעבאַטים געמישטע געפילן פון אויפרעגונג און הנאה. אין יענער צייט איז הילדרינג איבערהויפּט נישט איבערראַשט געוואָרן ווען גענעראַל קלעי האָט מיקין אַרויסגערופן אין זיין

אָקופּאַציע־שטאַב אין דייטשלאַנד. אויפן אָפּשייד־אָוונט אין חודש מאַי האָט הילדרינג באַצירט מיקיס ברוסט מיטן „אָרדן פון אויס־געצייכנטער דינסט״. דער אָרדן איז אים צוגעטיילט געוואָרן פאַר זיינע אויפטוען אין נאָרמאַנדיע און פאַר זיין ראָל ביי די אונטער־האַנדלונגען מיט איטאַליע, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט איטאַליעס קאַפּיטולאַציע — איינע פון די אומדירעקטע סיבות פון דייטשלאַנדס מפּלה. מ׳האָט געדאַרפט אויפשטעלן דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן קאָנטראָל־אַפּאַראַט איבער דייטשלאַנד נאָך איר טאָטאַלער מפּלה.

מיקי האָט דעם מעדאַל גלייך אָפּגעשיקט עמאַן, הגם ער האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט זיינע מיליטערישע אויסצייכענונגען. „איך פיל זיך אַזוי שטאָלץ צו זיין אַן אַמעריקאַנער, און ס׳שטיקט מיך ביז טרערן ווען איך באַקום אַ נייע מיליטערישע אויסצייכענונג״. ער פלעגט קיין מאָל נישט דעקאָרירן זיין ברוסט מיט אָט די אויסצייכע־נונגען. ער וואָלט זיך דערפילט אין פאַרלעגנהייט אויפצוקלערן ציוויל־לייט דעם באַדייט זייערן, אויב זיי וואָלטן ווי אויף אַן „אויסשטעלונג״ דעקאָרירט זיין ברוסט.

מיקי איז אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד מיט אַן אַעראָפּלאַן אָנהייב מאַי, עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייונג פון דאַכאַו.

לויט גענעראַל קלעיס אינסטרוקציע האָט יעדער ניי־אָנגעקומע־נער העכערער אָפיציר געדאַרפט באַזוכן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו. די גרויליקסטע נאַצי־געפענגעניש, דער פּלאַץ פון מאַסנמאָרד. גענעראַל קלעי האָט געוואָלט, אַז זיינע אָפיצירן זאָלן מיט די אייגענע אויגן זען דאָס „וואָס די נאַציס האָבן אָפּגעטאָן״.

אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן טעקסאַסער לייטענאַנט האָט מיקי באַזוכט דאַכאַו. ער איז געשטאַנען אין פאַרשטיינערטער שטיל־שווייגעניש ביים אָנבליק פון די הויפנס צונויפגעוואָרפענע טויטע קערפּערס. נישט גלייבנדיק זיינע אייגענע אויגן, האָט ער געלייענט אויף די ווענט די נעמען פון די אומגעקומענע. ער האָט אַריינגעקוקט אין די לעכער פון גאַז־אויוון, אויף וועלכן ס׳איז געהאָנגען אַ שילד

מיט דער אויפשריפט „ביטע, וואַשט אייערע הענט נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט. ריינקייט דערנענטערט צו גאָט״.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט דער יונגער לייטענאַנט, זעענדיק די אָנגעשטרענגטקייט אויף מיקיס פּנים, אים פאַרגעלייגט צו פאַרענדיקן דעם באַזוך. מיקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין״. ער דאַרף אַלץ זען, ער דאַרף דאָס אַריינברענגען אין זיין מוח, אַז ער זאָל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

סוף כל סוף איז דער קאָשמאַר איבערגעגאַנגען. און אין דאָזיקן מאָמענט אויך מיקיס גלויבן אין מענטש און גאָט. ווי אַזוי האָט דער מענטשלעכער גייסט, וועלכער האָט דערגרייכט די מדרגה פון אַ שעקספּיר און אַ מיקל אַנדזשעלאָ, געקאָנט ווערן אַזוי געפאַלן? ס׳איז דאָך אַ פאַרברעכן צו בלייבן אַ גלויביקער, אָנהאַלטן די רעליגיעזע טראַדיציעס, וואָס זענען געווען אַזוי טייער זיין מאַמען.

וויפל חפצ׳ס און שפּינאָזאַס ליגן דאָ אין די קופּעס צונויפגעוואָרפענע טויטע קערפּערס? איז דאָס דער הויכפּונקט פון מענטשלעכן פּראָגרעס אויף דער ערד, דער ענדגילטיקער גורל פונעם „אומשטערבלעכן וועזן פון אייביקן ווערט״ געפורעמט אין גאָטס געשטאַלט?

מיקי האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ באַראַק און אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

צוויי טעג שפּעטער, יאָגנדיק זיך דורך אַ לבנה־באַגאָסענער דאָרפישער לאַנדשאַפט אין אַ טאַנק־קאָלומנע, וואָס האָט אָפּגערייניקט דעם שטח צו מזרח צו, האָט ער דערהערט אַ מוראדיקן רויען, מיסטעריעזן כאָר פון אַ נאָענטן וואַלד. די מעלאָדיע איז געווען סמעטאַנאַס, אָבער דער שטאַרק־אַקצענטירטער ריטעם האָט אים דערמאָנט אין עפּעס אַנדערש. ער האָט באַפוילן זיין שאָפער פאַרקירעווען אין וואַלד.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אין וואַלד האָבן זיי געטראָפן אַ גרופּע פון אַרום פופציק מאַן, באַפרייטע יידישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער טראַנספּאָרט:

„גרויע סקעלעטן מיט אויסגעהוילטע פּנימער, צעפּרעסן פון אינעווייניק און אויסנווייניק, זענען געשטאַנען אויף „אַכטונג״

און געזונגען. מיקי האָט דערקענט דאָס ליד. דאָס איז געווען די „התקוה" דאָס ליד פון האָפענונג זיך אומצוקערן צו פרייהייט קיין ציון".

„די געפאַנגענע האָבן אפילו נישט געקענט די ווערטער" — האָט ער שפּעטער דערציילט — זיי האָבן בלויז געזונגען לאַ־לאַ־לאַ. אָבער דאָס געזאַנג איז געווען פול מיט ענטוזיאַזם — „אַן ענטוזיאַזם פון אַ פאָלק וואָס קומט צוריק צום לאַנד פון די לעבעדיקע פון די טיפענישן פון גיהנום".

די באַגעגעניש האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף מיקין. צו זיין צאָרן צוליב דאַכאַו קומט צו די איבערצייגונג, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן צו העלפן די געליטענע, וועלכע זענען געבליבן לעבן. די טויערן פון פּאַלעסטינע מוזן זיין אָפן.

דערמוטיקט פון די גענעראַלן פּעטטאָן און קלעי, וואַרפט מיקי זיך אַריין אין דער אַרבעט צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די פּליטים. זיינע בריוו שפּיגלען אָפּ זיין האַס צו די נאַציס, אַן איינגעשאַפט, וואָס איז פרעמד מיקיס כאַראַקטער. ער שרייבט צו דזשאָרזש מעדאַליע:

— סער! שטייענדיק אויף דעם פּלאַץ, וווּ ס'איז אַ מאָל געווען בערלין, האָב איך אויפגעבראַוזט פּאַר פרייד. פּערזענלעך, האָב איך די גרעסטע שוועריקייטן צו פאַרבלייבן מענטשלעך צו וועלכן ס'איז דייטש. כ'האָב געזען זייער „קולטור".

די ביטערע לאַגע פון די פּליטים איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. אויפן וועג קיין מינכען — צוזאַמען מיט גענעראַל קלעי — שרייבט ער זיינע איינדרוקן צו עמאַן:

„וואָס ס'פאַרכאַפּט דאָס אויג און צווינגט טראַכטן וועגן עמאַ לאַזאַרוסעס פּאָעמע אויף אונדזער פרייהייט־סטאַטוע, איז די לאַגע פון די פּליטים. זיי וואַנדערן אַרום פאַרלוירן און קיינער, ווייזט אויס, וויל זיי נישט האָבן. זיי האָבן נישט קיין מקום מנוחה און נישט קיין פריינד. מ'ווערט אַזוי

דערשלאָגן, אַז דאָס האַרץ ווערט פול מיט ווייטיק! — ווען זיך דער טרויער אַ מאָל ענדיקן?״

מיקיס אַרבעט אין דייטשלאַנד איז געווען זייער וויכטיק. אָפיציעל איז ער געווען די רעכטע האַנט פון דעם נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענעם גענעראַל־מאַיאָר אָליווער פּ. עקהאָלס פון לופט־פלאָט, שטעל־פאַרטרעטער פון גענעראַל קליי. אַלס באַאַמטער פאַר אינערלעכע ענינים פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטראָלראַט, און צום סוף — גענעראַל־סעקרעטאַר אין אָקופּירטן בערלין. מיקי איז געווען דער נומער דריי ביים אויסאַרבעטן די אַמעריקאַנער פּלענער פאַר דייטשלאַנד. מיקי האָט געוווינט צוזאַמען מיט עקהאָלסן און ער איז שטענדיק בייגעווען ווען גענעראַל קליי איז געקומען צום אָונט־מאָלצייט אָדער ער פלעגט באַגלייטן עקהאָלסן צו קלעיס קוואַרטיר.

אין זייערע שמועסן זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַ סך ענינים. קלעי געדענקט מיקין ווי אַן „אָנגענעמען מיטשמועסער. מען האָט כסדר באַרירט די וויכטיקסטע זאַכן. אָט, למשל, ווי ווייט דאַרף דערגרייכן דער ווידעראויפבוי פון דייטשלאַנד? ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, איז מיקי נישט געווען דערפאַר אַז מ׳זאָל דייטשלאַנד אומברחמנותדיק צעטרעטן. זיין פּערזענלעכע שנאה איז געווען אין זאַך און זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי אַן אַמע־ריקאַנער באַאַמטער וועלכער פאַרטיידיקט אַמעריקאַנער אינטערעסן — אַ צווייטע זאַך. נאָך אין וואַשינגטאָן האָט ער אַרויסגעזאָגט אָפן זיין שטעלונג: „דער דייטשישער מיליטאַריזם מוז פאַר־ניכטעט ווערן אָבער נישט דאָס לאַנד״. ביי אַ באַראַטונג אין „ווייסן הויז״ האָט ער אונטערשטיצט דעם פּלאַן פון קריגס־מיניסטעריום און זיך קעגנגעשטעלט דעם פאַרעקשנטן הערי האָפּקינס, וועלכער האָט אונטערשטיצט דעם „מאָרגנטוי־פּלאַן״, אַז דייטשלאַנד מוז רעדוצירט ווערן צו אַ גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע מדינה.

איצטער, אפילו נאָך דאַכאַו, האָט מיקי נאָך אַלץ געגלייבט, אַז די הויפּטגעפאַר באַשטייט אין דייטשלאַנדס מיליטערישער

טראַדיציע: זייער איינרעדעניש פון אַ זיגרייכער צוקונפט אונטער דער אָנפירונג פון די פּרייסישע גענעראַלן. דאָס מוז אויסגעוואָרצלט ווערן, צוזאַמען מיט די נאַציס און דאַרף פאַרביטן ווערן אין אַ לאַנגיאָריקער דערציִונג צו דעמאָקראַטיע פון דרויסן. אָבער די דייטשן וועלן דאַך דאַרפן רעגירן אין זייער לאַנד און מ׳דאַרף זיי דערלויבן אויפצובויען זייער אינדוסטריע און אַדמיניסטראַציע, אַז זיי זאָלן זיך קענען אַליין אויסהאַלטן. אויב נישט, וועלן זיי בלייבן אַ פּערמאַנענטע לאַסט אויף דער עקאָנאָמיע פון אַמעריקע, אַ שקלאַפן־שטאַט, וואָס ווערט אַדמיניסטרירט דורך אימפּאָרטירטע דיקטאַטן, אַ זיכערער קוואַל פאַר צוקונפטיקע יסורים און דאגות.

דאָס איז געווען די פּאָליטישע ליניע פון וואַשינגטאָן: אַ דייטשישע רעגירונג, וואָס זאָל זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך, אָנהייבנדיק פון שפּייז־פאַרטיילונג און טראַנספּאָרט אויף אַ לאָקאַלער שטופע. אין דער דאָזיקער פאַזע פון איבערגאַנג, אַריינגערעכנט די רעאָרגאַניזאַציע פון די שטאַטישע אַדמיניסטראַציעס איז מיקי געווען באַזונדערס אַקטיוו.

קלעי און עקהאָלס זענען געווען באַהאַוונט בלויז אין דער פעדעראַלער רעגירונגס־סטרוקטור. מיקיס „באַהאַוונטקייט אין דער מוניציפּאַלער אַדמיניסטראַציע און פּאָליציי־אָפּעראַציעס איז געווען נישט צום אָפּשאַצן". אַזוי האָט קאָנסטאַטירט עקהאָלס.

ביי דער פּאָסטדאַמער קאָנפערענץ, דאָס מאָל אַלס באַגלייטער פון טרומאַן, האָט מיקי צום דריטן מאָל זיך געפונען אין דער נאָענטקייט פון טשערטשיל און סטאַלינען. ער איז אויך בייגעווען ביי דער באַראַטונג פון די מערב־גענעראַלן: אייזנהאַוער, מאָנט־גאָמערי און קאָהעניג מיט זשוקאָוון, און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז מיליטער־לייט באַהאַנדלען פּראָבלעמען ריכטיקער און שנעלער איידער די חברה־לייט „אין די הויזן מיט פּאַסן און צי־לינדערס".

וואָגיקע געדאַנקען האָבן באַשעפטיקט מיקין. „די רעאָריענטאַ־ציע פון דייטשישן גייסט איז אַ שווערע אויפגאַבע און ס׳וועט

אוודאי דויערן לאַנג ביז זי וועט געבן רעזולטאַטן, ד״ה ביז זי וועט זיך אויספורעמען אין אַ פאַקט״ — האָט ער געזאָגט אין אַן אינטערוויו. „די מיליטערישע אַדמיניסטראַציע קען אָוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער דעמאָקראַטיע, זי איז אָבער נישט מסוגל אויסצוּוואָרצלען דעם נאַצישן גייסט, ווייל נאָר אידעען קענען באַהערשן אידעען״.

און אין אַ בריוו צו עמאַן:

„מיר זענען די איינציקע מאַכט אויף דער ערד, וואָס שטרעבט צו אַ העכערן מאָראַלישן ציל. דאָס מוז פירן צום סוף פון מלחמות. ביי די איצטיקע מעכטיקע וואָפן פון פאַר־ניכטונג, מוזן מיר טראַכטן אין טערמינען פונעם גאַנצן ערד־קיילעך״.

אָבער ביי פריילעכע געלעגנהייטן, ווי ס׳האָט פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט דער סאָוויעטישער מאַרשאַל זשוקאָוו, איז דער גלאַבאַלער דענקער מיקי נאָך אַלץ דער זעלביקער לוסטיקער פאַרווײַלער.

ווי אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט פלעגט זיך מיקי גאַנץ אָפט טרעפן מיט די רוסן. ער פלעגט קריטיקירן זייער חברן זיך מיט די דייטשן פון די העכערע קלאַסן און זייער נייגונג זיך אַרומצוטראָגן מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט: „זשוקאָווס גאַנצע ברוסט איז באַדעקט מיט מעטאַל״ פלעגט ער זיך וויצלען. ער האָט זיך באַצויגן מער ווי קריטיש צו זייער פּאָליטישער פילאָזאָפיע, האָבנדיק נאָך פיל פריער אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז „ס׳זאָל שוין קומען אַ סוף צום נאַציזם, געצנדינערײַ און קאָמוניזם״.

דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו פאַרברענגען מיט די רוסן און הנאה האָבן פון זיי אַלס מענטשן. ער איז געווען דער גאַסט פון זיין סאָוויעטישן פריינד אויף דער אָפּערע־פאַרשטעלונג „יעווגעני אָניעגין״ און ער אַליין האָט שפּעטער איינגעלאַדן

סאָוויעטישע מאַטראָסן און אויך אַ צאָל אַמעריקאַנער אויף אַ ליאַרעמדיקן אָוונט אין זיין קוואַרטיר.

דעם 7־טן נאָוועמבער 1945 האָבן די סאָוויעטן געפייערט אי־נעם סעסיליענהאָף־פּאַלאַץ אין פּאָטסדאַם דעם אַכט און צוואַנציקסטן־יאָרטאָג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. מיקי און די אַנדערע אַמעריקאַנער געסט האָבן אַ גאַנצן טאָג געפּאַסט ווייל סאָוויעטישע סעודות האָבן געשמט אַלס אַזעלכע וואָס מען רעדט פון זיי וואָכן לאַנג: קאַוויאַר, באַרנעס פון קאַווקאַז, עפּל פון קרים, און דער עיקר — אַ ים וואָדקאַ.

די רוסן אויף זייער שטייגער האָבן געמאַכט לחיימס אויף רעכטס און לינקס לכבוד דער פריינדשאַפט, דער רויטער אַרמיי און גענעראַל אייזנהאַוער. נאָך יעדער „ברכה" —אַ גאַנץ היפּשן זופּ פון דעם פייערדיקן געטראַנק. זייערע געסט פון מערב האָבן גלייך באַקומען גלאַנציק־פאַרגלאָסענע אויגן און זיך צוריקגעצויגן פון קאָנקורענץ מיט די רוסן. מיט איין אויסנאַם — מיקי. ער איז געבליבן ליבעסווירדיק, רויִק, געטרישט קאָמפּלימענטן מיט די רוסן און כסדר געטרונקען „פּראָזיט". דער קלאַנג וועגן דער טרינק־העלדישקייט פון דעם ברוקלינער קאָלאָנעל האָט זיך פאַר־שפּרייט איבערן גאַנצן זאַל און מאַרשאַל זשוקאָוו אַליין איז צו־געקומען כאַפּן אַ בליק אויף מיקין.

ער האָט געטראָפן מיקין באַשעפטיקט מיט אויסלערנען די מוזיקאַלישע רוסן דעם וועסט־פּאָינטער „אַלמאַ מאַטער". צום באַדויערן האָט קיינער פון די רוסן נישט געקענט נאָכהאַלטן מיקיס טרילנדיקע טענער. מיקי איז איבערגעגאַנגען צו דער פּשוטער מעלאָדיע פונעם ליד פון די היי־סקולן.

זשוקאָוו איז געווען אַנטציקט און האָט מיטגעזונגען. „מאַרנינג־סאָן גריטס מעני באַננערס" (די פרימאָרגנדיקע זון באַגריסט אַ סך פאָנען) האָט ער געשריגן. ביים סענטימענטאַלן סוף, וואָס באַגריסט די רויט־שוואַרצע שול־פאָן, האָט מיקי באַקומען אַ בליצנדיקע אינספּיראַציע, ער האָט אַריינגעמישט די רוסישע ווערטער: „קראַס־

נאַיאַ אי טשאָרנאַיאַ״. זשוקאָוו איז געווען געריִרט. ער האָט אַרומ־גענומען מיקין. מיקי האָט דערקלערט דעם סאָוויעטישן קאָמאַנ־דיר אַלס „ערן־גראַדואַנט פון דעם יינגלשן הייסקול״. ביזן סוף אָוונט האָבן זשוקאָוו און מיקי אַרומשפּאַצירט געאָרעמט, טוישנדיק זיך מיט וויצן. זשוקאָוו האָט פאַרגעשטעלט מיקין פאַר זיין שטאַב. ביים צעשיידן זיך האָט ער אויסגעדריקט מיקין זיין האַרציקע אָנערקענונג: „מיקי, דו ביסט מיין פריינד, דער איינציקער אַמע־ריקאַנער וואָס ווייסט ווי אַזוי אַריינצוגיסן״!

באַלד נאָך דעם איז מיקי נאָמינירט געוואָרן אַלס בריגאַדיר פון גענעראַל קלעי. די דערהויבונג איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן, אָבער אין הערבסט 1945 איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן בראָנזענעם שטערן און אַ לויבלעטער פון דער אַרמיי פאַר „גלענצנדיקער פירערשאַפט״ און „אומגעוויינלעכער פעיִקייט צו באַהאַנדלען אינטער־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען״.

דעם „לעגיאָן־פאַרדינסט־מעדאַל״ האָט מיקי נישט באַקומען — טראָץ דעם, וואָס דריי מאָל האָט מען אים אַריינגעשטעלט אין דער ליסטע. — צוליב „נאַרישע טעכנישע סיבות״, ווי ס׳האָט זיך אויס־געדריקט גענעראַל עקהאָלס.

צום סוף יאָר 1945 האָט הילדרינג געבעטן ביי גענעראַל קלעי ער זאָל באַפרייען מיקין. „כ׳האָב פאַר אים זייער אַ וויכטיקע באַשטימונג, און כ׳וואָלט געקענט שלאָפן רויִק ווען מיקי פאַרנעמט זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט״.

די וויכטיקייט פון דער באַשטימונג איז באַשטאַנען אינעם אָפּקלייבן פאַר די פּראָצעסן אין נירנבערג און אויפן ווייטן מזרח ריכטער, פּראָקוראָרן און אַדוואָקאַטן פאַר די הויפּט־מלחמה־פאַרברעכער. קלעי האָט אומווויליק צוגעשטימט און מיקי האָט זיך אומגעקערט אין פענטאַגאָן אַלס שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר מלחמה־פאַרברעכנס.

ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג מיט עמאַן אין וואַשינגטאָן,

איידער ער איז אַוועק אויף זיין טור פון צען טויזנט מייל אַרום דער וועלט.

ער איז בייגעווען ביים נירנבערגער פּראָצעס און געזאָרגט דערפאַר, אַז די נאַצישע פאַרברעכנס זאָלן פאַרגעשטעלט ווערן אין זייער גרויליקער העסלעכקייט פאַר די צוקונפטיקע דורות. דאָן האָט ער זיך אַהיימגעלאָזן גרייט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אויף אייביק די מיליטערישע בגדים.

אויף איינעם פון די אָפּרו־פּלעצער איז ער אויסגעשטאַנען אַ נסיון. ער האָט באַמערקט אַ פיינעם סאַפּירשטיין אין איינעם פון די צירונג־געשעפטן. דער פּרייז איז געווען טויזנט דאָלאַר. ער האָט זייער געוואָלט ברענגען אַ מתנה עמאַן דעם סאַפּירשטיין. ער איז אָבער בייגעשטאַנען דעם נסיון און געבראַכט אַהיים דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט.

מיט זעקס חדשים שפּעטער האָט אים באַזוכט שלמה שמיר און מיקי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די געפאַרן און האָפענונגען פון פּאַלעסטינע. אין דעם האָט ער געזען דעם אַלטערנאַטיוו צו דער טויטן־מאַסקע פון דאַכאַו — אַן אַלטערנאַטיוו אין איינקלאַנג מיט דזשאָן אַדאַמס בליק אויף דער מיסיע פון אַמעריקע: „צו ווערן די עמאַניציפּאַטאָרין פון דעם פאַרקנעכטעטן טייל פון דער מענטשהייט".

אויפן וועג אַהיים האָט מיקי פאַרקערעוועט אויף וועסטמינסטער־ראָוּד — די אַלטע פון די דופּטנדיקע אולם־ביימער. אין זיינע אויערן האָט געקלונגען די אוראַלטע פראַזע: דאָרט ווו ס'איז קיין מענטש נישט פאַראַן, זיי דו דער מענטש".

עקזיסטירט ערגעץ נויט און דו קענסט העלפן, איז דיין פליכט צו העלפן.

דער אָנגעצויגענער שטילשטאַנד איז סוף כל סוף געבראָכן געוואָרן דורך אַ דירעקטער אינטערווענץ פון תל־אביב. און געטאָן האָט עס בן־גוריונס אָנגעזעענער פאָרשטייער אין אַמעריקע, דער געדאַנקען־רייכער און עלאַסטישער משה שרת, ווּעמענס שוואַרצע

טשופּרינע און דיפּלאָמאַטישע וואָנצעס האָבן געדינט אַלס רייכער מאַטעריאַל פאַר די קאַריקאַטורן, בעת זיין שפּעטערדיקער פּרעמיער־שאַפט פון ישראל.

סוף אַפּריל האָט משה שרת איינגעלאַדן מיקין און זיין פרוי אויף אַ פּסח־מאָלצייט אין אַ רעסטאָראַן אויף מאַנהעטן. מיקי האָט, ווי געוויינלעך, געהאַט דאָס וואָרט. ער האָט געשמועסט האַפּערדיק, אפשר שוין צו האַפּערדיק די גאַנצע צייט פון מאָלצייט. שרת, אַן איידעלער און הויך־געבילדעטער מאַן האָט נאָכדענקענדיק געקוקט אויף עמאַן און געשוויגן.

נאָכן עסן זענען די פּאָרלעך אַרויס אויף אַ שפּאַציר דורך ברייענט פּאַרק. מיקי האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט פרוי שרת און איבערגעלאָזן עמאַן מיט דעם אויסגעפּרוווטן דיפּלאָמאַט.

שרת האָט צוגעפירט עמאַן צו אַ שטילער באַנק נעבן פאָנטאַן און אָנגעשטעלט אויף איר זיינע גרויסע, פאַרטראַכטע אויגן.

— איר פילט זיך מן־הסתם גליקלעך מיט מיקין אין דער היים?

עמאַ האָט צוריקגעענטפערט, ווי זי וואָלט זיך פאַרטיידיקט:

איז דאָס אַזוי אומנאַטירלעך?

— זיכער נישט. אייער מאַן איז אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. איך קען גאַנץ גוט פאַרשטיין און אָפּשאַצן וואָס ס'הייסט פאַר אייך די צעשיידונג יעדעס מאָל ווען איר מוזט בלייבן אַליין.

עמאַ האָט געענטפערט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטים:

קענט איר דאָס טאַקע אָפּשאַצן, הער שרת? אין דער אמתן?

— מאַדאַם מאַרקוס, איך פּרעטענדיר נישט צו זיין אַן אַלצ־וויסער, אָבער כ'האָב עפּעס דורכגעמאַכט אין מיין לעבן. איך אַליין האָב דערצויגן אַ פאַמיליע און כ'האָב אַ שטיקל באַגריף, וואָס איר האָט דורכגעלעבט אין די צייטן ווען ער איז געווען ווייט פון אייך.

— און דאָך ווילט איר אים ווידער אַוועקנעמען פון מיר.

„אים אַוועקנעמען?״ — דאָס קלינגט אַזוי גרויזאַם — האָט שרת געענטפערט.

ס׳איז באמת גרויזאַם, הער שרת!

— לאָמיר אפשר זאָגן אויסבאָרגן? — שרת האָט אָפּגעאָטעמט

— הלוואי וואָלט איך געקענט אייך איבערגעבן וואָס פּאַראַ וויכטיקע ראָלע מיקי האָט געשפּילט ביים איבערבויען די הגנה... אַלס לערער, פריינד און וועגווייזער פאַר אונדזערע יונגע אָפיצירן. מ׳קען זאָגן, אַז מיקי איז דער זייל פון דער באַנייטער הגנה.

עמאַ איז געזעסן שטיל און זיך צוגעקוקט צו דעם יונגוואַרג וואָס האָט זיך געפּליעסקעט אונטערן שפּריץ פונעם פאָנטאַן. זי האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שוואַכער און געשטיקטער שטים:

— און אויף וואָס, טראַכט איר, שטיצט זיך מיין לעבן? — זי האָט דערפילט, אַז זי פאַרלירט די זעלבסט־קאָנטראָל. זי האָט אַריינגעלייגט איר האַנט אין האַנט־טאַש.

— פאַר וואָס מוז דאָס זיין מיקי? שטענדיק מיקי? אין פאַרלויף פון זיבן יאָר האָב איך נאָר פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ בליק אויף מיין מאַן. אַ קורצע באַגעגעניש דאָ און אַ „וויקענד״ דאָרטן. די מענטשן אין בערלין האָבן געזען מיקין, די האַוואַיער, און יעדע אַנדערע מיליטערישע באַזע אויף דער וועלט און איך האָב זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ קאָלעקציע פון פּאָסטמאַרקעס. האָט איר אַ באַגריף וואָס ס׳הייסט אַ גאַנצן טאָג קנעלן מיט קינדער און ביי נאַכט זיצן אַליין אין אַ ליידיקן צימער?

משה שרת האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פול מיט סימפּאַטיע: „אין געוויינלעכע באַדינגונגען וואָלט געוועזן אוממעגלעך פון אייך עפּעס צו פאַרלאַנגען״.

— טאָ ווי אַזוי זשע קענט איר?

— ווייל דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע סיטואַציע. איך רעד בלויז אינעם נאָמען פון בן־גוריון, אָדער אפילו אינעם נאָמען פון אונדזער האַלבן מיליאָן קאָלאָניסטן. אפשר קענען זיי אויסשטיין דעם פאַרלוסט פון זייער איבערמענטשלעכער מי אין פאַרלויף

פון צענדליקער יאָרן. זיי האָבן אויך פריער געליטן... שרת האָט אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט — וואָס אָבער וועט זיין מיט די פּליטים ביי אונדזערע טויערן? פאַר זיי איז גאָרנישט נישט געבליבן אַחוץ דער איינציקער חלום...

עמאַ האָט אָפּגעקערט איר בליק:

— כ׳ווייס, כ׳ווייס...

— אפשר ווייסט איר נישט גענוי ווי פאַרצווייפלט אונדזער לאַגע איז. מיר וואַגן דאָס נישט צו פאַרעפנטלעכן. אונדזער מאָראַל אין דער היים קען גאַנץ מעגלעך צעשפּליטערט ווערן.

עמאַס אויגן האָבן זיך צוריקגעקערט צו שרתן:

— איז דאָס אַזוי האָפענונגסלאָז?

— ניין, אַ דאַנק די אויפטועכן פון מיקין ביז איצטער.

עמאַ האָט דערפילט אַ פּלוצעמדיקע אינטויִטיווע שרעק ווי פאַר אַ פאַרלאָרענער שלאַכט.

— איר טאָרט מיך נישט שטעלן אין אַזאַ לאַגע! ס׳איז נישט אָרנטלעך!

— יאָ־יאָ, ס׳איז נישט אָרנטלעך, האָט שרת צוגעשטימט. ס׳איז נישט פאַרנונפטיק אויך. אפילו האַרצלאָז — אויב איר ווילט עס אַזוי אָנרופן. אָבער דאָך — אַ נויטווענדיקייט.

— ס׳מוז זיך געפינען עמעצער אַנדערש — די ווערטער האָבן זיך שווער אַרויסגעריסן פון איר האַלדז. — עמעצער, ערגעץ, ווו...

— ס׳קען זיין. אָבער כ׳האָב אים ביז איצטער נישט געפונען.

עמאַ איז שטיל געבליבן. זי האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם וועג צו דער פאָלקס־ביבליאָטעק, מיט וועלכן מיקי און מאַדאַם שרת האָבן זיך צוריקגעקערט פאַרטיפט אין אַ שמועס.

די אונטערשטע שורה פון דעם איז אָט וואָס — האָט שרת געזאָגט — מיר קענען דערווייל נישט געבן אונדזערע בחורים דאָס געווער וואָס זיי פאַרלאַנגען. אפילו נישט די געהעריקע קליידונג. און אויב מיר האָבן געפונען די פּירערשאַפט, אין וועלכע זיי נייטיקן זיך, זאָלן מיר אויך דאָס זיי אַוועקנעמען?

צוויי שעה שפּעטער איז עמאַ געזעסן אַליין אין שלאָפצימער. מיקי האָט אונטן געבלעטערט די ציַיטונגען. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום טעלעפאָן, פּרוי סטיוועֶנסאָן גרייט אוודאי איצטער צו אַ נאָכמיטאָג־מאָלצייט פאַר די קינדער. זי האָט אַ מאָל דורכ־געמאַכט אַן ענלעכע סיטואַציע מיט טשאַרליך, הגם קיין מאָל נישט אַזוי שאַרף. עמאַ האָט אָנגעהויבן טעלעפאָנירן און לאַנגזאַם צוריק־געלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל: ווי פאַרנונפטיק פּרוי סטיוווענסאָן זאָל נישט זיין, וועט זי איר נישט קענען געבן קיין אַנדערע תשובה ווי די, וואָס זי האָט פון איר געהערט נישט איין מאָל:

— „אַ וועסט־פּאָינטער איז טאַקע מערער פון אַ מאַן און דאָך נישט קיין מאַן — כ׳מיין, אַ הייראַטס־מאַן.״

עמאַ וואָלט געקענט מיקין צוריקהאַלטן. אָבער דאָס וואָלט געווען ווי אָפּהאַקן די פליגל ביי אַן אָדלער אָדער דערשטיקן דאָס קול פון אַ סאָלאָוויי. עפּעס אַ באַשעפעניש וואָלט געבליבן, אָבער שוין נישט מער קיין אָדלער און נישט קיין סאָלאָוויי. אַ געצוימטער מיקי וועט קיין מאָל שוין נישט זיין — מיקי.

אייגנטלעך איז די אילוזיע פון אַ ברירה נישט מער ווי אַן אילוזיע. אין דער אמתן איז נישטאָ קיין ברירה. דו קענסט פּאַראיבל האָבן און זיך קעגנשטעלן דער דאָזיקער פעסטער איינגעגלויבטקייט זיינער?

נאָך אַלעמען איז דאָך די עקשנות פונעם גייסט אַ טייל פון דעם, וואָס דו ליבסט. און האָט מען ליב אַ מאַן, איז דאָך הייליק דער באַגער צו לאָזן אים זיך אויסלעבן פריי אָן חשד און חרטה. אויב מיקיס האַרץ ציט זיך ערגעץ, טאָ זאָל ער גיין אַהין פריי און מיט איר ברכה.

עמאַ האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס אין קאָרידאָר. מיקי האָט געשוויגן ווען זי האָט אים געלאָזט וויסן איר באַשלוס. דער אויס־דרוק פון פאַרלייכטערונג אויף זיין פּנים האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז איר באַשלוס איז אַ ריכטיקער. צען מינוט שפּעטער, ווען ער

איז אַוועק צו דער יידישער אַגענטור איז זי אַוועקגעפאַלן אויפן בעט אויסגעמאַטערט און דערשעפּט, צו שוואַך אפילו צו וויינען.

די לעצטע טעג אין אַמעריקע האָט מיקי אויסגענוצט אויף צו פאַרשן די סיטואַציע. ער האָט עס געקענט מאַכן בעסער איידער אַ פרעמדער פאַלעסטינער. דאָס ערשטע האָט ער געפּרווט דערגיין די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע צו אַן עווענטועלער יידישער מדינה. ער האָט ביי קיינעם נישט איבערגעלאָזט קיין צווייפל אין זיין גלויבן, אַז די יידן וועלן קענען אויסשטיין אַן אינוואַזיע.

ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק האָט ער דערקלערט:

— די הגנה פאַרמאָגט די העכסטע מאָראַל פון וועלכער ס'איז אַרמיי אויף דער וועלט.

אַלס אילוסטראַציע האָט ער איבערדערציילט דעם ענטפער וואָס מ'האָט געגעבן אויף זיין פראַגע ביי אַ מיליטערישער באַראַטונג: ווי וואָלט איר געהאַנדלט ווען די אַטאַקירער באַפאַלן אַ גרענעץ־דאָרף מיט צוואַנציק טאַנקען? ער האָט ציטירט דעם ענטפער: „מיר וואָלטן קעגן זיי אַרויסגעשיקט פערציק מאַן. צוויי אויף אַ טאַנק. דאָס וואָלט געווען מער ווי גענוג".

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער געשיכטע איבער די קאַנצעלאַריעס פון קאָנגרעס און פון דער אַדמיניסטראַציע. אין פּענטאַגאָן האָט אַ באַרימטער גענעראַל נישט איינגעשטימט מיט אים. ער האָט געפאָכעט מיט אַ פּאַק פּאַפּירן, וואָס האָבן געשטאַמט פון ענגלישן אינפאָרמאַציע־דינסט און דערקלערט, אַז דער יידישער ישוב וועט אָפּגעווישט ווערן אין פאַרלויף פון צען טעג דורך די אַטאַקירנדיקע אַראַבישע אַרמייען. ער האָט אויפגעוויקלט אַ וואַנט־מאַפּע פון מיטעלן מזרח און געטענהט: אפילו אַ מאַזשינאָ־ליניע וועט נישט העלפן די יידן, מיקי! זיי האָבן נישט קיין הינטער־פּאָזיציעס.

— מ'קען נישט בויען בלויז אויף אַריטמעטיק — האָט אים מיקי געענטפערט — אָט האָבן מיר געזען ווי ראָבערט ע. לי האָט

צעקלאַפּט אין ראַפּפּאַהאַנאָק טאָל די יוניאָן־כוחות, וועלכע זענען געווען שטאַרקער פון אים צווייפאַכיק. אָדער נעמט ווינגייטן, וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין בורמאַ מיט עטלעכע קאָמפּאַניעס. שאַצט נישט גרינג מוט און געניאַליטעט און דער עיקר — דאָס וואָס די ציוניסטן פאַרמאָגן — אַנטשלאָסנקייט.

מיקי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט צו זיין פריינד טאָם דיואי, אין אָלבאַני, די רעזידענץ פונעם גאָווערנער. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פאַר אַ סגולה אַ קליינעם העלפאַנט־שפּילצייג פון תל־אביב. ער האָט אָנגעצייכנט זיינע אָפּעראַטיווע פּלענער אין פּאַלעסטינע אויף אַ העפט אין דיואיס קאַנצעלאַריע.

מיקי האָט פאַרגעשטעלט מיט פּינקטלעכקייט זיינע פּלענער פאַר זיין פריינד לאָוועל לימפּוס, מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי ניוס״, וועלכער וועט שפּעטער באַשרייבן די פּאַלעסטינע־קאַמפּף. ער האָט אָנגעצייכנט די פּלענער, וואָס ער וועט רעקאָמענדירן אין תל־אביב, און צוגעשריבן: „מיר וועלן די דאָזיקע מלחמה געווינען, אויב מיר וועלן בלייבן אויף די פיס די ערשטע עטלעכע וואָכן״.

די איבעריקע צייט האָט ער פאַרבראַכט מיט טעדי קאָלעק, בן־גוריונס כל־ולך אין דער יידישער אַגענטור, און מיט אַלעקס ברוידע, אַ דינער אַסקעטישער הגנה־אָפיציר, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן קאָלעקן ביים רעקרוטירן מענטשן און מאַטעריאַלן. מיקי האָט פאַר זיי געעפנט וויכטיקע טירן און זיי צוגעשטעלט פאַכמענישע עצות וועגן סאָרט און צאָל פון דער אויסשטאַטונג פאַר די פאַרשידענע פראָנטן אין פּאַלעסטינע. מיקי איז געווען אויסגעקאָכט אין טראַנספּאָרט־פּראָבלעמען אַ דאַנק זיין גוטער רעפּוטאַציע אויף די האַפנס אַלס אָרנטלעכער אויפזיכט־קאָמיסאַר. דורך איין טעלעפאָן־געשפרעך האָט ער אַרויסבאַקומען טובות, וואָס אַנדערע האָבן אפילו נישט געוואָגט צו בעטן. ער האָט אויסגעפונען מיליטערישע טעכניקער און אַ טראַנספּאָרט־ספּעציאַליסט, אין וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט.

דעם 30־טן אַפּריל האָט מען איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר מיקין און עמאַן אינעם הויז פון ד״ר עמנואל ניומאַן, דעם וועטעראַן פון די ציוניסטישע פירער אין אַמעריקע. שפּעטער איז אָנגעקומען באַרטליי קראָם און נאָך עטלעכע מענטשן און מ׳האָט דיסקוטירט די אויסזיכטן פון דער נייער יידישער רעפּובליק. וועט זי אויסהאַלטן, אָדער וועט דער ווידערשטאַנד זיין אַ זעלבסט־מאָרד? אפשר וואָלט בעסער געווען צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס און זיך אונטערגעבן, כדי צו ראַטעווען די לעבנס פון די אומבאַ־שיצטע פרויען און קינדער?

מיקי איז געווען דער איינציקער אָפּטימיסט. די יידישע מדינה וועט אויפשטיין, זי מוז אויפשטיין. נאָך צוויי טויזנט יאָר וואַרטן קלאַפּט איצטער די געשיכטע אין אונדזער טויער. ווען מיר נישט עפענען דאָס טויער, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ס׳וועט שוין קיין מאָל נישט זיין אַזאַ געלעגנהייט.

צוויי טעג שפּעטער, אויפן לופטפעלד א״נ פון זיין פאַרשטאָר־בענעם פריינד, פיאָרעלאָ לאַ־גוואַרדיאַ, איז מיקי געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין אַעראָפּלאַן, וואָס האָט אים געדאַרפט אַוועקנעמען פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויף זיין דרייצנטער רייזע.

עמאַ האָט אים נאָכגעקוקט אַ צעמישטע און זיך געקלאַמערט אינעם אָרעם פון פרוי סטיווענסאָן. זי האָט זיך באַמיט צו פאַר־טרייבן דעם פאָרגעפיל, וואָס האָט זיך פלוצעם אַריינגעשניטן אין איר האַרץ.

מיקי האָט באַמערקט דעם שאָטן אויף איר פּנים.

— זיי מוטיק, סניפּפּי! האַלט דעם קאָפּ הויך! — האָט ער אויסגעשריגן — כ׳גיב דיר מיין וואָרט, אַז אין יוני־מאָנאַט וועל איך זיין צוריק.

דאָס איז געווען אַ נבואה וואָס איז אויף אַ טראַגישן אופן מקויים געוואָרן.

קאַפּיטל צען

דער צוויי מאָטאָרדיקער דאַקאָטאַ־עראָפּלאַן געטריבן פון אַ הגנה־פרייוויליקן פּילאָט פון דרום־אַפריקע איז געפלויגן קווער איבער דעם מזרחדיקן טייל פון מיטל־לענדישן ים. ביי די גריכישע אינדזלען האָט ער זיך פאַרקערעוועט לינקס און געלאָזט זיך צום ברעג פון פּאַלעס־טינע, ווייל דאָס לופטפעלד פון לוד איז געווען אין אַראַבישע הענט. דער אַעראָפּלאַן האָט געלאַנדעט נישט ווייט פון תּל־אביב.

מיקי מאַרקוס איז ווידער געווען אויפן ציוניסטישן באָדן.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער שוין אַרויפגעקלעטערט די געדרייטע שטיינערנע טרעפּ צו בן־גוריונס קאַנצעלאַריע אינעם רויטן הויז. ער האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין דער טיר פונעם אופנעם־צימער און שטיל מיט אַ ווייך קול אַ שעפּטשע געטאָן: שלום!

דאָס מיידל, אַ סאַרדזשענט, פאַרנומען ביי איר שרייבמאַשין האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג, נישט באַמערקנדיק דעם אַריינ־געקומענעם. אויפהייבנדיק דעם בליק האָט זי אַ קוויטש געטאָן:

— מיקי! — מיקי סטאָן!

אַ שיק־ייִנגל אויפן וועג צו בן־גוריונס צימער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און זיך צוגעקוקט; אַזוי אויך אַ פאַרברויגטער אָפיציר, סאָרטירנדיק פּאַפּירן אין אַ שופלאָד.

במשך מינוטן האָט דער קאָרידאָר זיך אָנגעפילט מיט אַ שושקעריי פון אויפרעגנדיקע שטימען:

— אומגלויבלעך, מיקי! זייט איר עס באמת? זייט איר צוריק־געקומען צו אונדז פון אַמעריקע? אַזוינס פּאַסירט נישט!

מיקי, פאַרכמורעט און אויפגערעגט פון דער שאַקירנדיקער שטוינונג:

— כ׳האָב דאָך געזאָגט אייך אַז כ׳וועל צוריקקומען. זייט איר נישט געווווינט צו מענטשן וועלכע האַלטן וואָרט?

מיט אַ מאָל איז געוואָרן טויט־שטיל. דער אָפיציר איז אַרויס־געטראָטן פאָרויס.

— אַנטשולדיקט, מיקי! מיר זענען געוואָרן צו סקעפּטיש. נאָך אַלעמען ווייסן מיר וואָס ס׳דערוואַרט אונדז. אונדז איז שווער צו גלויבן אַז אַ מענטש ביים פולן פאַרשטאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט אין זיין אייגן לאַנד, זאָל צוריקקומען צו אונדז נאָך דעם ווי ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי שוואַך ס׳זענען אונדזערע אויסזיכטן.

איר דאַרפט פאַרשטיין אַז אייער ערשטער באַזוך איז געווען אַ געוואַלדיקער אויפטו. „ער איז משמעות נישט ביים קלאָרן זינען" — האָבן אַנדערע געזאָגט. איצטער, אַז איר זייט צוריקגעקומען, גלויב איך אַז איר זייט באמת נישט ביים פולן זינען. אָבער מיר אַלע דאָ זענען וואַנזיניק — און איר זייט איינער פון אונדז...

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט: „ברוך הבא, קאָלאָנעל!"

מיקי האָט געדריקט דעם אָפיצירס האַנט מיט זיינע מעכטיקע לאַפּעס.

— אַ דאַנק, דן! דער בעל־הבית איז דאָ?

מיקי האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר פון בן־גוריונס חדר־מיוחד.

— שלום, באַלעבאָס! כ׳וועל אייך לאַנג נישט פאַרהאַלטן. כ׳האָב אייך געבראַכט די בשורה אויף וועלכער איר וואַרט.

די שאַרף־ברוינע אויגן האָבן אויפגעבליצט דורכדרינגלעך:

— יאָ?

— אויב איר וועט איינהאַלטן די גרענעצן אין צפון ביזן 15־טן מאַי און דאַן פּובליקירן די אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה — וועט זי פון אַמעריקע אַנערקענט ווערן.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס, מיקי?

— כ'האָב דאָס אויסגעפאָרשט אין וואַשינגטאָן. כ'מיין אַז איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיין נבואה.

בן־גוריון האָט דורכן פענצטער זיך פאַרקוקט אויף די שוימיקע כוואַליעס פונעם ים. אַ שיף האָט שימערירט אויפן ווייטן האָריזאָנט.

„ווי קאַלט וואַסער פאַר אַ דורשטיקן, איז גוטע נייעס פון אַ ווייט לאַנד." מיקי האָט זיך צעשמייכלט:

— אַלץ האָט זיין צייט אונטער דער זון (קהלת ג׳) 1).

אין קעלער צימער פונעם הויפּט־שטאַב האָט אַ הייפל אָפיצירן פון מיטטיילונגס־דינסט אים איבערגעגעבן אַלע נייע אַנטוויקלונגען דורך דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. געווען דערמונטערנדיקע נייעס פון צפון: חיפה איז באַפרייט, טראָץ דער הילף פון די אָפּטרעטנדיקע ענגלענדער צו די אַראַבער. אינעם מזרחדיקן גליל איז דורך געלונגענע אַטאַקעס פון יגאל אלון באַפרייט געוואָרן טבריה און דאָס לאַנג־באַלאַגערטע צפת. אין דרום איז די לאַגע געווען נישט אַזוי פויגלדיק: אין נגב שמוגלען זיך דורכאַנאַנד אַריין די פאַנאַטישע „מוסולמענישע ברידער" פון עגיפּטן. אין צענטער הערשט נאָך אַלץ אומרו. נאָך דעם ווי די הגנה האָט באַהערשט דעם קאַסטעל, אַ באַרג־שפּיץ אויפן וועג קיין ירושלים, וווּ אַ רוימישע פעסטונג האָט אַ מאָל באַהערשט די צוטריט־וועגן צו ירושלים, האָט מען באַוויזן אַריינצופירן דריי וויכטיקע טראַנספּאָרטן אין דער הויפּטשטאָט. אָבער דעם 20־טן אַפּריל זענען די יידן געצוווּנגען געוואָרן זיך צוריקצוציען צוליב די נויטן פון נגב און די אַראַבישע פעטליע אַרום ירושלים האָט זיך ווידער פאַרצויגן. נישט געקוקט אויף די לאָקאַלע דערפאָלגן פון די פלמח־טרופּעס אין ירושלים גופא, איז דער לעבנס־וויכטיקער וועג צו דער שטאָט ווידער אין געפאַר.

מיקי האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט זיינע פלמח־פריינד אין צפון. ער איז געווען זיכער אַז די אַראַבישע אינוואַזיע וועט זיך אָנהייבן אין צפון און אפשר נאָך פאַר דעם 15טן מאַי, דעם טאָג פון דער ענגלישער עוואַקואַציע. בן־גוריון האָט אים געבעטן ער זאָל

צוערשט געפינען אַ וועג ווי צוצושטעלן הילפס־מיטלען דער באַלאַ־גערטער ירושלים. אַלץ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום לאַטרון, אַ טעגאַרט־פעסטונג אויף אַ הויכן פּונקט, אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע דערפער, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג קיין ירושלים, אויף מערב זייט פונעם באַב־על־וואַד־טאַל. די ישראל־פּאָזיציעס אין דער געגנט זענען געהאַלטן געוואָרן פון דער גבעתי־בריגאַדע.

ווען מיקי איז אַריין אין שטאַב־צימער פון דער בריגאַדע האָט אַן אָפיציר געהאַלטן פאַר זיך אַן אויסגעשפּרייטע מאַפּע, דערקלערנ־דיק: „וואָלט איך געהאַט אַ פּאָר 75־קער האַרמאַטן און אַ פּאָר אָנגריף־אַעראָפּלאַנען, וואָלט איך...”

מיקי איז געוואָרן אויסער זיך: „סער, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט, איך וואָלט פאָרגעשלאָגן אויפצוהערן מיט די „אויב'ס” און „ווען'ס” און באַזירן אייערע פּלענער אויף דעם וואָס איר פאַרמאָגט!

ער האָט צאָרנדיק פאַרלאָזט דאָס צימער, באַמערקנדיק:

— כ'וועל נישט גיין אין מלחמה אַריין מיט בעלי־חלומות! זיי שטעלן אין געפאַר דעם ציל.

שפּעטער האָט מיקי אַנאַליזירט פאַר בן־גוריונען די לאַגע פון לאַטרון־פראָנט:

— אַ דירעקטער אָנגריף אויף לאַטרון איז כמעט אוממעגלעך, באַזונדערס, אויב אירע פעסטונגען וועלן באַזעצט ווערן מיט דעם אַרטילעריע־באַלאַדענעם עבר־הירדן־לעגיאָן. מ'מוז אויסגעפינען אַן אַנדערן וועג קיין ירושלים.

דערווייל האָט ער אויסגעאַרבעט אַ נייעם טראַנספּאָרט־פּלאַן פאַר ירושלים, אין וועלכן די עיקר־קרעפטן זאָלן באַנוצט ווערן נישט אַלס באַגלייטער פון די טראַנספּאָרטן, נאָר אויף אָפּצורייניקן די אַרומיקע בערג פון די אַראַבער. איין איינציקע קאָמפּאַניע וועט זיין גענוג פאַר דער באַגלייטונג און אַ צווייטע — אין רעזערוו.

נאָך דעם איז מיקי אַוועק אין גליל. ער איז אָנגעקומען אויפן ווינטיקן באַרגשפּיץ פון צפת פאַר מיטאָג. זיין ערשטער באַזוך איז געווען אויפן באַרג כנען, איצטער שוין דער פּלמחס באַוווסטער

הויפּט־שטאַב, און דורכגעפירט אַ שנעלע אינספּעקציע אין די באַראַקן, איבערציילנדיק די קאָלדרעס אויף יעדן בעט און דורכקוקנדיק די קליידער־זאַפּאַסן. באַמערקנדיק אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע שיך אונטער־אַ בעט, האָט ער זיי אויפגעהויבן און געוויזן אַלונס שטאַב־אָפיצירן.

— ברענגט אַהער אַ שוסטער. באַקומט אַ סאָלדאַט אויפן וועג צו זיין ציל בלאָטערס אויף די פיס, וועלן נישט העלפן קיין באַפעלן, קיין דראָונגען און געשרייען. נישט נאָר וואָפן דעצידירט אין קריג, נאָר אויך שיך אויף די פיס.

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיקל פּראָטעסט:

— אָפיצירן זענען נישט קיין ניאַנקעס...

מיקי האָט שאַרף רעאַגירט: „ווי אָפיצירן, ליגט אויף אייך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אייערע סאָלדאַטן, נישט בלויז פירן זיי אין שלאַכט נאָר אויך פאַרזיכערן זייער קאַמפּספּעיִקייט. אַ קאָמאַנ־דיר מוז קענען זיינע סאָלדאַטן און זייערע פּראָבלעמען — און נישט אַרויסגעבן הייליקע באַפעלן פון זיין פּריוואַטן אָלימפּ!״

זינט זיין צוריקקער איז מיקי באַאומרויִקט פון די סימנים פון נאַפּאָלעאָנישע גרויסהאַלטונג ביי געוויסע הגנה־אָפיצירן. ס׳וואָלט געווען אַ טראַגישע איראָניע ווען אין נאָמען פונעם געזונטן דיסציפּלין־פּרינציפּ וואָלטן די יידישע קרעפטן פאַרגליווערט געוואָרן דורך בלינדע גרויסקייטס־קאָמפּלעקסן. און אַ ספּאָנטאַנע פאָלקס־אַרמיי, באַזירט אויף אימפּראָוויזאַציע זאָל זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון דעם. ביי זיין אינספּעקציע אויפן צפתער פראָנט האָט ער די דאָזיקע טעמע אַנטוויקלט ברייטער:

— כ׳מיין נישט אַז אַלע גרענעצן צווישן אָפיציר און סאָלדאַט דאַרפן אָפּגעווישט ווערן, אָבער לאָמיר נישט שאַפן קיין קינסטלעכע גרענעצן. ווענדט מען זיך צו אַ סאָלדאַט ווי צו אַן איינפאַכן נומער וועט מען באַקומען דעם ענטפער ווי פון אַ נומער. רעדט מען אָבער צו אים ווי צו אַ קעמפנדיקן סאָלדאַט וועט מען באַקומען דעם דער־וואַרטן ענטפער.

ער האָט דורכשטודירט אַ זאַמד־מאַפּע פון צפתער פראָנט. נאָך

דעם האָט ער באַזוכט אַלע קאַמף־פּלעצער, מיט די לאָקאַלע קאָמאַנדירן פון יעדן פּונקט. ער האָט אויסגעפאָרשט די קלענסטע דעטאַלן: ווו האָבן זיך די אַטאַקירער אויסבאַהאַלטן, וואָס פאַראַ מאַשין־געווער האָבן זיי באַנוצט אאַז״וו. נאָך דער אויספאָרשונג האָט ער געזאָגט אַלונען:

— כ׳גראַטולירט אייך מיט אייער טריומף! איר האָט אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט. אַ גרויסע אָפּעראַציע מיט ווינציקע קרעפטן. איך האָב זיך איבערצייגט אַז אין דאָזיקן לאַנד קען פּאַסירן דאָס אוממעגלעכע.

פון דעסטוועגן האָט מיקי אָנגעוויזן, אַז דער אַראַבישער קאַמף ביי צפת פון די „נישט רעגולערע" איז געווען פון אַ נישט הויכן מיליטערישן קאַליבער. „אויפן גרונט פון דאָזיקן נצחון דאַרף מען זיך נישט שאַפן קיין אילוזיעס וועגן שונא וואָס וועט אַטאַקירן ווען די אינוואַזיע וועט זיך אָנהייבן".

מיקי איז פאַרבליבן מיט אלונס קרעפטן עטלעכע טעג. גענוי ווו ער האָט זיך געפינען איז נישט געווען קלאָר, צוליב די אָפּעראַטיווע אַקציעס פון פּלמח וועלכע האָבן געצילט צו פאַרשפּאַרן די צפונדיקע אינוואַזיע־וועגן. אַ נישט־אָפיציעלע באַשרייבונג פון דער אַרמיי־געשיכטע האָט פאַרצייכנט אַז אין דער דאָזיקער תקופה האָט מיקי זיך געפונען אויף אַ באַזע נישט ווייט פון דער לבנון־גרענעץ.

פונקט ווי אין נאָרמאַנדיע, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט, זייענדיק ווייט פון גענעראַל־שטאַב, אַריינצוכאַפּן זיך אין סאַמע געדיכטעניש פונעם קאַמף. אין אַ בריוו צו עמאַן פון יוני פון אַ פּרוי אַ ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר אין הגנה איז געשריבן:

— כ׳האָב באַגעגנט מיקין שוין צוויי מאָל בעת דער גליל־שלאַכט אַרומגערינגלט פון פּלמח־סאָלדאַטן. ס׳זענען געווען זייער שווערע באַדינגונגען. מיקי האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצן גלאַנץ, מיט אים איז אונדזער פאָלק גרייט צו גיין מיט פרייד — אַנטקעגן קוילן".

ער האָט זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט אין די קיבוצים אויף מערב

פון ים כנרת, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אַ געפאַר פון אַ סירישער פאַנצער־אַטאַקע. קיין אַרטילעריע איז נישט געווען. מיקי האָט זיי געלערנט צו גראָבן שמאָלע אָקאָפּעס לענג־אויס די צוטריט וועגן און באַזעצן זיי מיט וואָלונטערן באַוואָפנט מיט „מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס״. די פאַרטיידיקער האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז די פאַנצערס וועלן צוקומען גאַנץ נאָענט און דאַן זיי באַוואַרפן מיט די מאָלאָטאָוו־פלעשער.

די־אָ טאַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטע: די סירישע פאַנצערס האָבן אַטאַקירט אָן קאָאָרדינאַציע מיט אינ־פאַנטעריע. אין מישמאַש פון דעם אומדערוואַרטן קאַמף זענען אַ סך טאַנקען אויפגעריסן געוואָרן, אָדער אַריינגעפאַלן אין די יידישע הענט. אַ טייל האָט זיך אָפּגעטראָגן. אָבער די אמתע מלחמה־גרוילן האָבן ערשט באַדאַרפט קומען.

דעם 14טן מאַי 1948, 4.30 נאָך מיטאָג, אַרומגערינגלט פון אומברחמנותדיקע שונאים, אויסגעמאַטערט פון באַלאַגערונג און הונגער, מיט אַ וואָלונטערן־אַרמיי נישט צוגעפּאַסט צו מאָדערנער קריגספירונג, אָן פריינד צווישן די פעלקער, האָט די דעמאָקראַטישע ישראל פּראָקלאַמירט איר אומאָפּהענגיקייט. דוד בן־גוריון, פּרעמיער־און קריגס־מיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג האָט דעק־לאַרירט, אַז „די נייע רעגירונג וועט זיך באַזירן אויף די יסודות פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום לויט די באַגריפן פון אונדזערע נביאים״.

דאָס טויטע לאַנד פונעם טויטן ים האָט ווידער אויפגעלעבט.

דער אויסטערלישער חלום פון טעאָדאָר הערצל איז מיט שטאַרקע אָרעמס פון פּיאָנערן אויסגעהאַמערט געוואָרן אין אַ ווירקלעכקייט. נאָך צוואַנציק יאָרהונדערטער פּאַסיוויטעט האָבן די יידן גענומען זייער גורל אין אייגענע הענט. זיי וועלן מער נישט זיין קיין גערודפטע מינאָריטעט, וואָס ווערט אויסגעראָטן ביסלעכווייז. אין ישראל וועלן שונאים זיך אָנשלאָגן אָן אַ פראָנט פון אַ פאַראייניקט פאָלק.

עס זענען פלוצעם פאַרשוווּנדן דער אָנגעזאַמלטער דורך צוויי

טויזנט יאָר יאוש, הכנעה און שפלות. מיטל־יאָריקע פּליטים, סאַברע־שיינהייטן און שול־יוגנט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט געשלאָסענע אָרעמס אין אַ ווילדן האָראַ־טאַנץ. ווירדיקע דאָקטוירים און אָרטאָ־דאָקסישע למדנים האָבן פאַרגעסן זייער חשיבות, געלאַכט און געוויינט און זיך געקושט אין די גאַסן. ס׳איז געווען די דערלייזונג, אומ־גלויבלעך פאַר די וואָס האָבן איבערגעלעבט פאָגראָמען און שחיטות. ס׳איז געווען אַן אַהיימקומען פון טויזנט יאָריקן וואַנדערוועג אין אַן אומפריינדלעכער וועלט.

ס׳איז געווען אַ ספּאָנטאַנישער עמאָציאָנעלער אויסגוס, צו וועלכן דער אומפּאַרטייאישסטער מענטש האָט נישט געקענט בלייבן גלייכ־גילטיק. אפילו דער נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענער מלחמה־פאָטאָגראַף ראָבערט קאַפּאַ, וואָס איז אויסגעווען אין אַלע וועלטעקן, איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן אין דעם עקסטאַטישן ווירוואַר.

בן־גוריון האָט קוים באַוויזן אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען פון דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינה און שוין האָבן עגיפּטישע אַעראָפּלאַנען געדעגנט מיט באָמבעס אויף דער אומבאַשיצטער תל־אביב. גרויסע נייע עגיפּטישע טאַנקען האָבן געטרעשטשעט איבער דער פאַר־טרוקנטער נגב־ערד. געפּאַנצערטע לעגיאָנען פון עבר־הירדן און איראַק האָבן געשטראָמט פון מזרח איבער די ישראל־גרענעצן, באַהאָגלענדיק די הייליקע שטאָט מיט פייער. די סיריער, פאַראייניקט מיט לבנון האָבן אַטאַקירט פון צפון. די מלחמה מיט די אַראַבער האָט זיך געפירט אויף פינף פראָנטן — אַ מלחמה צווישן קרובהשע פעלקער, וועלכע האָבן דורך הונדערטער יאָרן זיך געטיילט מיט דער אידעלער פאָעטישער באַגריסונג: „שלום“.

צו דער דראַמע פונעם לאַנגיאָריקן ציוניסטישן חלום איז צוגע־קומען מעלאָדראַמע.

אַמעריקע האָט גלייך געמאָלדן איר אָנערקענונג פון דער יידישער מדינה — ווי מיקי האָט פאָראויסגעזאָגט.

אָבער די שמחה איז פאַרשטערט געוואָרן. אַרמייען ווי היישעריקן זענען באַפאַלן ישראל. די באַפרייונג האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן

אין אונטערגאַנג. ווי די פאַרכאַפּטע צייט־טאַבעלען פון די אַראַבער האָבן שפּעטער אויפגעדעקט, האָבן זיי זיך געגרייט צו פאַרנעמען חיפה אַרום דעם 20טן מאַי, און תל־אביב און ירושלים אַרום דעם 25טן מאַי.

און זיי האָבן געהאַט אַ גרונט פאַר זייער זעלבסטזיכערקייט. אַנטקעגן די אויף שנעל־צונויפגעשטעלטע, קנאַפּ־טרענירטע יידישע כוחות, אונטערן קאָמפּסדרוק שוין פינף חדשים, האָבן די אַראַבער אַרויסגעשטעלט פינף אַרמייען, באַוואָפנטע מיט אַרטילעריע, טאַנקען, און אַעראָפּלאַנען.

אָפּשאַצונגען וועגן די צאָלן פון די קעגנערס זענען געווען פאַרשידן. גלאָב־פּאַשאַ, דער ענגלישער קאָמאַנדיר פון אַראַבישן לעגיאָן אין עבר־הירדן, האָט נאָכן קריג פאַרעפנטלעכט, אַז די אַראַבישע אַרמייען האָבן געציילט 21.500 מאַן, קעגן זיי זענען געשטאַנען 65.000 יידן. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז די צאָלן זענען „היפּאָטעטישע". אַ מערקווירדיקער ביישפּיל פון ענגלישער אונטער־שאַצונג.

לויט נייטראַלע קוועלן, געשטיצט אויף די ציפערן פון ביידע צדדים, קומט אויס אַז די אַראַבער האָבן אויסגעשטעלט 32.000 מאַן, לויט פאָלגנדיקן שליסל:

עגיפּטן: 10.000 רעגולערע סאָלדאַטן און 2.500 „מוסולמענישע ברידער"	12.500
עבר־הירדן: 4.500 אַראַבישער לעגיאָן און 1.500 גרענעץ־טרופּן:	6.000
סיריע:	5.500
איראַק:	4.000
לבנון:	1.500
אַראַבישע באַפרייונגס־אַרמיי — נישט רעגולערע פּאַלעסטינער:	2.500
ס"ה	32.000

סאַודי־אַראַביע האָט צוגעשטעלט נישט מער ווי אַ 300 מאַן.

אין צאַל האָבן די יידן זיך אויסגעגלייכט און אפשר אַ ביסל איבערגעשטיגן די אַנפאַלער. קאָמפּליצירט די לאַגע האָט דער פאַקט וואָס די טרענירונג פון די יידישע קעמפער איז נישט געווען קיין פולע — און דער הויכער עלטער פון אַ טייל פון זיי. בן־גוריונס רעגולערע אַרמיי איז באַשטאַנען פון 25.000 מאַן: דריי קליינע פּלמח־בריגאַדעס צוזאַמען: 7.500 מאַן, זיבן אַרטיקע בריגאַדעס צו 2.500 מאַן אַיעדע. אויסער דעם עטלעכע טויזנט געוועזענע „שטער־ניסטן" און „אצל'ניקעס" און אַלס צוגאָב — אַ צען טויזנט אונטער־שטיצונגס־פּערסאָנאַל און נאָך אַ וואָסערע צען טויזנט, מענער און פרויען, אין האַלב־מיליטערישן „משמר לאומי" (נאַציאָנאַלע וואַך).

אין רעזערוון האָט די ישראל־באַפעלקערונג — אַ באַפעלקערונג פון זעקס הונדערט טויזנט — נישט געקענט קאָנקורירן מיט אַ באַ־פעלקערונג פון 40 מיליאָן אויף אַ הונדערט־פאַכיק גרעסערן שטח, ווי דער ברעגיקער פּאַס פון ישראל. דער אַריינשטראָם פון די האַלב־אויסגעהונגערטע פּליטים פון ציפּערן און די וואָלונטערן פון אַמע־ריקע, דרום־אַפריקע און קאַנאַדע האָבן ווינציק וואָס געענדערט די לאַגע פון ישראל.

פיל ערנסטער איז געווען דאָס פּראָבלעם פון דער אַראַבישער אויבערהאַנט אין געווער און טרענירונג. אפילו די קלענסטע אַראַבישע מדינה — לבנון — איז געווען באַוואָפנט פאַרשווענדעריש, מיט אַ מעכטיקער פעלד־אַרטילעריע, טאַנקען און פּאַנצערס. דריי פון די אַראַבישע מדינות האָבן געהאַט לופט־פלאָטן.

אַמבעסטן באַוואָפנט זענען געווען די עגיפּטער, גרייט אַריבער־צוואַרפן איבער דער גרענעץ אַ פולשטענדיק־געפּאַנצערטע דיוויזיע, אונטערשטיצט פון צוויי־מאָטאָרדיקע באָמבערס און אַן עסקאַדראָן פון ענגלישע „פייער־שפייערס". דער אַראַבישער לעגיאָן פון עבר־הירדן מיט זיינע שנעלע מאַשין־געווערן פון טיפּ „מאַרמאָן־הערינג־טאָן", געפּאַנצערטע וועגענער און בעיקר די שווערע אַרטילעריע: גרויסע ענגלישע מאָרטאַרס און קאַנאָנען אַנטוויקלטע אין דער צוויי־טער וועלט־מלחמה; דער גרעסטער פון זיי איז געווען דער 25

פונטיקער קאַנאָן (די ענגלענדער קלאַסיפיצירן אַרטילעריע לויט דער וואָג פון דער באָמבע און נישט לויט דעם אומפאַנג פון דער רער). די איראַקער האָבן געהאַט אַ מעכאַניזירטע בריגאַדע מיט טאַנקען און דזשיפּס, אינפאַנטעריע אויף לאַסט־וועגענער, איין אַרטילעריע־באַטאַליאָן און איין עסקאַדראָן פון צוועלף קאַמפּס־עראָפּלאַנען.

די באַוואָפענונג פון די סירישע און לבנונישע אַרמייען איז געווען די זעלבע ווי די איראַקישע, נאָר טיילווייז פון פראַנצויזישער פּראָדוקציע. די סירער האָבן אויך געהאַט אַ לופט־פלאָט.

די אַראַבישע אַרמייען זענען יאָרן־לאַנג געווען טרענירט דורך פראַנצויזישע אָפיצירן (סיריע און לבנון) און ענגלישע אָפיצירן (עגיפּטן, עבר הירדן און איראַק). אויסער דעם איז די עגיפּטישע אַרמיי געווען פאַרפלייצט מיט אַנטלאָפענע דייטשישע אָפיצירן, צווישן זיי אויך פאַנצער־ספּעציאַליסטן, און די אַנדערע אַראַבישע אַרמייען האָבן געהאַט ענגלישע מיליטערישע מיסיעס, ווי ס׳האָט אויפגעדעקט אין אַ בריוו צום לאָנדאָנער „טיימס״, דעם 22־טן מאַי, ל. ווילקעס (אַ מיליטערישער פּאָליציסט), איינער פון אַ סך אַלאַר־מירטע ענגלענדער קעגן דער בעווין־סטישער פאַררעטערישער פּאָלי־טיק. ער האָט אַזוי געשריבן:

„ענגלישע מיסיעס טרענירן און באַוואָפענען אויף ס׳ניי אַראַ־בישע אַרמייען אין סאַודיען און איראַק. די ענגלישע לופט־מיסיעס פונקציאָנירן נאָך אַלץ אין איראַק. דער אַראַבישער לעגיאָן פון עבר־הירדן איז סובסידירט פון אונדזער רעגירונג און ווערט קאָמאַנדירט פון 38 ענגלישע אָפיצירן״.

און ער האָט צוגעגעבן:

„יעדער אַראַבישער טאַנק אָדער אַעראָפּלאַן איז זיי צוגעשטעלט געוואָרן פונעם פאַראייניקטן קעניגרייך. צווישן 1945 און 1947 האָבן מיר צוגעשטעלט בלויז עגיפּטן פערציק מיליטערישע אַעראָפּלאַנען, 38 אויסשפּיר־אויטאָס און 298 מיליטערישע לאַסט־וועגענער״.

ישראלס באַוואָפענונג האָט אויסגעזען טראַגי־קאָמיש אין פאַר־

גלייך מיט דער אַראַבישער: אַ לופט־פּלאַט פון איבונג־אַעראָפּלאַנען מיט אַ מאַקסימום־שנעלקייט פון 80 מייל אַ שעה; קיין איינציקער טאַנק; די אַרטילעריע איז באַשטאַנען פון פיר פראַנצויזישע 65 מ"מ באַרג־האַרמאַטן פון יאָר 1905; אַ טוץ היימיש־געמאַכטע מאָרטאַרס, די אַזוי־גערופענע „דאַווידקעס" וועלכע האָבן אַנגעמאַכט אַ טומל נאָר נישט געטראָפן אין ציל. טעלעכע 20 מילימעטערדיקע אַנטי־לופט־קאַנאָנען און פּראָפעסיאָנעל געמאַכטע פיר אינטש מאָרטאַרס. עטלעכע הונדערט געפּאַנצערטע וועגענער צונויפגעלאַטעטע אין אונטערערדישע פאַבריקן.

דאָס ביסל ביקסן פון דער ישראל אַרמיי איז געווען אַזוי פאַרשידן, אַז זיי האָבן גיכער דערמאָנט אַ לאָמבאַרד איידער אַ געווער־לאַגער. אַ העלפט פון דער צאָל היימיש־געמאַכטע סטענס וועלכע האָבן געשאָסן טרעפלעך נאָר אויף אַ שטרעקע פון דרייסיק יאַרד און אַ מישמאַש פון לייכטע מאַשין־געווערן פון ענגלישער, טשעכאָסלאָוואַקישער, פּוילישער און פראַנצויזישער פּראָדוקציע, צווישן זיי די עסטרייכישע „שוואַרצלאָזע" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַר וועלכע אַמוניציע און זאַפּאַס־טיילן זענען נישט געווען בנמצא.

נישט נאָר דאָס געווער איז געווען נישט סטאַנדאַריזירט, נאָר די הגנה־כוחות, צונויפגעשטעלט פון אָפּשטאַמיקע פון זעכציק לענדער, האָבן נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך, אַ פאַקט וועלכער האָט געהאַט אַזאַ טראַגישע ווירקונג אויפן גורל פון מיקי מאַרקוס.

מיקי האָט אַנאַליזירט די סיטואַציע אויף אַ קאָנפערענץ מיט בן־גוריון און יגאל ידין, שטעלפאַרטרעטער פון דעם קראַנקן יעקב דורי, הויפּט פון דער הגנה. די קאָנפערענץ האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, די נאַכט פון 14 און 15טן מאַי. ער האָט געמאַכט דעם סך־הכל:

— אַלזאָ, באַלעבאָס, דאָס האָבן מיר און דאָס האָבן מיר נישט. און אַזוי ווי קיינער וועט אונדז נישט העלפן מוזן מיר אַליין קעמפן!

אין דער צייט ווען ער האָט דאָס רעזומירט האָט ישראל געהאַלטן דעם באַפעלקערטן ים־ברעג לאַנד, די ניישטאָט ירושלים, דעם

באַלאַגערטן יידישן קוואַרטאַל פון אַלט־ירושלים, די טאָלן פון עמק יזרעאל און בית־שאן, אַ פּאָר טוץ קיבוצים צעשפּרייט אין גרויסן, ווייטן נגב און דעם מזרחדיקן טייל פון גליל. דער מערבדיקער טייל פון גליל איז צוגעטיילט געוואָרן די אַראַבער לויטן באַשלוס פון די „פאַראייניקטע פעלקער". ישראל האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן גרענעצן אויף אַ לענג פון זעקס הונדערט מייל.

אין מיט לאַנד האָט די מזרח גרענעץ פון ישראל טעאָרעטיש געדאַרפט גרייכן די ברעגן פון ירדן. פאַקטיש, איז דער מזרח־סאַמאַריער געגנט צו צפון פון ירושלים, אַריינגערעכנט דעם אַראַבישן „דרייעק" געווען באַווינט פון אַראַבער. אַראַבישע באַפרייונג־כוחות האָבן פאַרפלייצט די געגנט גלייך נאָך דער אָפּשטימונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער" אין 1947 אַזוי, אַז די גרענעץ פון ישראל איז געוואָרן אָפּגערוקט אַ סך ווייטער צו מערב־צו און אַ היפּשע שטרעקע צווישן תל־אביב און חיפה איז באַשטאַנען נאָר פון אַ שמאָלן פּאַס לענג־אויס דעם ים־ברעג.

ישראל איז געווען געגליכן צו אַן איבערגעקערטער האַק וועמענס טעמפּע זייט, דער גליל, און די ברייט־צעשפּרייטע שאַרף, דער נגב, זענען געווען באַהאַפטן מיט אַ דין הענטל, דעם ים־ברעג פּאַס.

צוויי פינפטל פונעם וועג תל־אביב—חיפה איז דער ים־ברעג געווען זייער שמאָל און לאָקנדיק פלאַך. ווי אַ גיגאַנטישע שפּיז, אָנגעשטעלט מיטן שפּיץ צום מיטללענדישן ים, האָט מיט זיך געביל־דעט דער אַראַבישער „דרייעק", געשטיצט אויף נאַבלוס און דזשענין צו צפון פון ירושלים און טול כרם צו מערב פון ירושלים. דער „דרייעק" האָט זיך געפינען אויפן הויכלאַנד, אַן אויסגעצייכנטער פלאַץ פאַר אַרטילעריע־באַטעריעס און אַ שפּרינגברעט פאַר די אַראַבישע פאַנצערס. אין אַ געוויסן פונקט האָט דער „דרייעק" דער־גרייכט ביז זעקס מייל פון וועג תל־אביב—חיפה. דאָס איז געווען אַזוי דראָענדיק, אַז מיקי האָט גלייך ביים אָנקומען קיין פּאַלעסטינע פאָרגעלייגט צו פאַרכאַפּן נאַבלוס דורך פאַראַשוטיסטן — ביז ער האָט

אויסגעפונען אַז די הגנה האָט נישטביידע — נישט קיין פּאַראַשוּ־טיסטן און נישט קיין אַעראָפּלאַנען.

שטייענדיק פאַר דער מאַפּע פון ישראל אין שטאַב פון דער הגנה, און באַטראַכטנדיק דעם גוואַלדיקן איבערוואָג פון די אַראַבישע כוחות, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אַז די אַראַבישע סטראַטעגיע וועט קלאַפּן אויפן שוואַכן ישראל־צענטער און אַזוי אַרום צעטיילן ישראל אין צווייען און דורך אַ שנעלן פעלד־צוג געבן דעם אַנטשיידנדיקן קלאַפּ.

דער „דרייעק" איז געווען אין די הענט פון דער נישט רעגולערער אַראַבישער „באַפרייונגס־אַרמיי", אָבער זיי האָבן געקענט איבערגעבן זייערע פּאָזיציעס דעם אַראַבישן לעגיאָן פון עבר־הירדן. וואָלט דער לעגיאָן אַטאַקירט דעם שמאָלן האַלדז פון ים־ברעג אין דער צייט ווען די עגיפּטער אַטאַקירן אין דרום און די סיריער און לבנונער אין צפון, וואָלט ישראל געשטאַנען פאַר דער געפאַר צו ווערן צעפּיצלט. די איינציקע האָפענונג פון די יידן איז געווען איינצוהאַלטן דעם ים־ברעג, די פּאָרטן פון חיפה און תל־אביב, ווייל נאָר דורכן ים קענען זיי באַקומען הילף, וועלכע וואָלט אפשר געענדערט די לאַגע. אַן אַראַבישער דורכברוך צום ים־ברעג, צווישן תל־אביב און חיפה, וואָלט אויסגעשטעלט די פּאָרטן פאַר דער באָמבאַרדירונג פון דער אַראַבישער אַרטילעריע. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אָפּעראַציע־פּלאַן פאַר די אַראַבער, לויט מיקיס אַנאַליז.

אָבער ביי די אַראַבער האָט קיין אחדות נישט עקזיסטירט, ווי ס'איז צו זען פון די ווייטערדיקע שורות, אין דעם איז געלעגן דער באַהאַלטענער כוח פון דער הגנה.

די „פּאַראייניקטע אַראַבישע פּאַן" איז געווען צעלעכערט פון פאַרדאַכטן און מיסטרויען. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום די אַמביציעס פון אַבדאַללאַן, דעם ענגלישן פּופּן־קעניג פון עבר־הירדן. אַבדאַללאַ האָט געוואָלט פאַרנעמען ירושלים צוליב אינטערנאַציאָנאַלן פּרעס־טיזש. געלינגט עס אים וועט ער אויפבויען אַ האַשעמיטן־אימפּעריע, וועלכע וועט פאַרנעמען סיריע און לבנון און נאכהער גאַנץ פּאַלעסטינע.

אַבדאַללאַס פּלענער האָבן סותר געווען די פּלענער פון גרויס־מופטי פון ירושלים, וועלכער האָט בעסער אַליין געוואָלט זיין דער צענטער פון אַן אויף ירושלים־באַזירטער אימפּעריע. דאָס איז אָבער געווען אַ קנאַפּע טרייסט פאַר די איבעריקע מיטגלידער פון דער אַראַבישער ליגע. די סיריער, נאַטירלעך, האָבן געקוקט אויף אַבדאַללאַן מיט פאַרדאַכט, זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט צונישט צו מאַכן זיינע פּלענער, כדי צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די הויפּט־וואַסערן פון ירדן.

עגיפּטן וועלכע האָט פּרעטענדירט צו זיין די פירערן פון דער „אַראַבישער ליגע״ האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו פאַרשנעלערן דעם ציל פון אַ מעגלעך־צוקונפטיקן קאָנקורענט.

איראַקס זאָרג איז באַשטאַנען אינעם דעראָבערן די אויל־ראַפינעריעס פון חיפה. לבנון האָט געציטערט צוליב איר צווייפל־האַפטיקן מצב — אַ באַפעלקערונג פון איבער 50% קריסטן אין אַ ים פון מוסולמענישע לענדער.

סאַוד־אַראַביע איז געווען צעריסן מיט אַלעמען. די שטרענג־אָרטאָדאָקסישע וואַהאַביטן־פאַמיליע האָט זיך נישט געקענט צונויפ־ריידן מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער „אַראַבישער ליגע״, צוליב רעליגיעזע און דינאַסטישע אונטערשיידן.

די אַראַבישע צעשפּליטערטקייט וועט פון דעסטוועגן נישט אָפּשטעלן דעם מאַרש פון די עגיפּטישע טאַנקען אין נגב און נישט פּייכט מאַכן דעם פּולווער פון די באָמבעס פון אַראַבישן לעגיאָן אויף ירושלים. אין בעסטן פאַל קען מען אפשר געווינען אַ שטיקל הפסקה. אַפילו אָפּערירנדיק באַזונדער וואָלט געווען גרויס די געפאַר, אַז די עגיפּטישע געפּאַנצערטע באַטאַליאָנען און דער מאָטאָריזירטער לעגיאָן פון עבר־הירדן, וועלן פאַרנעמען גרויסע שטחים פון ישראל. ווייניקער געפערלעך וואָלט געווען אַ סירישער אָדער איראַקישער דורכברוך. אָבער ישראל איז געווען אַזוי קליין און אירע פאַרטיידי־קונגס־פּאָזיציעס אַזוי שוואַך, אַז אויך דאָס האָט געקענט דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע.

מיקיס עיקר־האָפענונג איז געלעגן אין אַבדאַללאַס פאַרבלענדע־

ניש וועגן ירושלים, ווּ זיין פאָטער חוסיין איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין אַמאַר מעטשעט.

דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל האָט געוווּסט אַז די פּאַנצערס פון לעגיאָן וועלן זיין קנאַפּ עפעקטיוו אין די שמאָלע געסלעך פון אַלט־ירושלים. דרך אגב, אין זיינע מעמואַרן באַקלאָגט זיך אויף דעם דער גענעראַל גלאַב־פּאַשאַ.

מיקי האָט עס געזאָגט אין ניו־יאָרק לאָוועל לימפּוסן: „וועלן די אַראַבער פּאַרשווענדן געגוג צייט אין ירושלים ביז מיר וועלן אַריינ־ברענגען הילפס־מיטלען דורך די פּאָרטן, איבערהויפּט שווערע אַרטילעריע, וועלן מיר זיי אַרויסלאָזן די קישקעס אויפן צענטראַלן פראָנט״.

זעקס און דרייסיק שעה שפּעטער איז דאָס גאַנצע אינוואַזיע בילד געוואָרן בולט. זיי האָבן אַטאַקירט אויף אַכט פראָנטן און די ישראלים האָבן געהאַט שוידערלעכע פּאַרלוסטן. אָבער דער „אַראַבי־שער לעגיאָן״ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום ירושלים און נישט געטראַכט אפילו וועגן אַ דורכברוך צום אומבאַשיצטן זאַמדיקן ים־ברעג.

דאָס איז געווען שלעכטע נייעס פאַר די ליידנדיקע ירושלימער איינוווינער, אָבער פון ריין מיליטערישן שטאַנדפּונקט, האָט עס געגעבן די ישראלים אַ געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. וואָס ווייטער, האָט זיך קלאָרער אַרויסגעוויזן, אַז די אַראַבער האָבן נישט קיין קאָאָרדי־נירטן אַטאַקע־פּלאַן, פאַר וועלכן מיקי האָט זיך אַזוי געשראָקן. די הויפּט־אַטאַקע האָט געדאַרפט גיין אין דער ריכטונג פון אָפּשניידן חיפה פונעם דרום, דורכן אַראַבישן לעגיאָן, מיט דער הילף פון די איראַקער, אָבער צוליב דער צעשפּליטערטקייט פון די אַראַבישע צילן האָט מען איבערגעלאָזט דעם ים־ברעג די עגיפּטער. סיריע און לבנון האָבן אָנגעגריפן אין גליל און עבר־הירדן האָט איבערגענומען דעם פראָנט פון ירושלים.

לויט קלאַנגען איז אַבדאַללאַ געווען דער הויפּטשולדיקער אין דעם. ער האָט געגעבן פּריאָריטעט דעם ירושלים־פּלאַן און האָט

איבערגענומען פאָרמעל די קאָמאַנדע איבער די אַראַבישע אַרמייען פון דעם איראַקישן גענעראַל נאָך אין 14־טן מאַי. (גענעראַל גלאָב פאַשאַ האָט פאַרטיידיקט אַבדאַללאַן און געטענהט אַז די אַראַבער האָבן בכלל נישט געטראַכט וועגן אַ קאָאָרדינירטן פּלאַן. זיי האָבן זיך איינגערעדט אַז זיי זענען אַ שטאַרק מיליטעריש פאָלק און באַטראַכט די יידן פאַר אַ פאָלק פון קליינהענדלער).

ס׳איז נישט וויכטיק וועלכע פון די ווערסיעס איז די ריכטיקע, וויכטיק איז בלויז דאָס, וואָס דעם 15־טן מאַי האָט דער „אַראַבישער לעגיאָן” זיך אַ לאָז געטאָן צו די טויערן פון ירושלים, אָנשטאָט צום אומבאַשיצטן ים־ברעג. אַזוי אַרום האָט די הגנה געהאַט די מעג־לעכקייט צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פראָנט נאָך פראָנט. מיקי האָט באַקומען אַ שאַנס צו קעמפן.

ידיעות פון נגב האָבן עס גלייך באַשטעטיקט: כוואַליעס פון עגיפטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם פלאַכן, האַרטן מדבר־באָדן אין אַ מעכאַניזירטן שטראָם; צוואַנציק פאַרויסגייענדיקע טאַנקען, פערציק געפּאַנצערטע אויטאָס און 1.500 אַנדערע לאַסט־וועגענער באַגלייט פון צוויי באַטאַליאָנען שווערער אַרטילעריע, מיט צען טויזנט מאַן. דאָס גרויסע פלאַכלאַנד פון נגב און זיינע שאָסייען זענען געווען ווי ספּעציעל צוגעשניטן פאַר אַ געפּאַנצערטער איג־וואַזיע.

און אין דער לופט האָבן פייער־שפייערס אָן ווידערשטאַנד אָפּגע־רייניקט דעם וועג פאַר די אַטאַקירער.

קעגן אָט דעם כוח זענען געשטאַנען זיבן און צוואַנציק צוואָר־פּענע קיבוצים „באַפעסטיקט” מיט שטעכל־דראָט און מיט טרופּן באַוואָפנטע מיט ביקסן — פון דרייסיק ביז הונדערט און צוואַנציק מאַן אין יעדן קיבוץ. ——— דוד ליון גליות.

~~דוד קעגן גליות:~~ די עגיפּטישע אַטאַקעס זענען געגאַנגען אין צוויי קאָלומנעס: איינע — פאַזע דעם ים־ברעג, אין דער ריכטונג פון תל־אביב, אַ קאָלומנע פון שווערע פאַנצערס; די צווייטע — אַ מעכאַניזירטע אינפאַנטעריע־קאָלומנע וואָס האָט זיך געריסן צו

פאַראייניקן מיט די „מוסולמענישע ברידער" וועלכע האָבן גראַסירט אין נגב כדי צו פאַרנעמען חברון.

די ערשטע קאָלומנע האָט נישט אָנגעטראָפן קיין באַלדיקן ווידערשטאַנד, דער ים־ברעג אין דרום איז געווען באַזעצט מיט אַראַבער. די ערשטע שלאַכט איז פאָרגעקומען אין כפר דרום, אַ קיבוץ, וועלכן מיקי האָט פריער באַזוכט און איז געלעגן צוויי הונדערט יאַרד מזרח־צו פון וועג. די עגיפּטער האָבן אַטאַקירט מיט אַכט טאַנקען. אַ קליינער פלמח־גאַרניזאָן האָט זיי מיט נסים צוריק־געשטויסן. זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ קליינע אינפאַנטעריע־גרופּע צו האַלטן דעם קיבוץ אונטער פייער און די הויפּט־קאָלומנע האָט פאָרגעזעצט אומגעשטערט איר וועג מיטן ים־ברעג. די מאָראַל פון די נגב־פאַרטיידיקער איז געפאַלן. אַ באַרוועסער גערילאַ־קעמפער, וועמענס שטאַרקסטער וואָפן ס'איז אַ האַנט־גראַנאַט איז גאַנץ נאַטיר־לעך, אַז זיין מוט זאָל פאַלן ביים געקנאַל פון גיגאַנטישע קאַנאָנען. שוויס־באַגאָסענע קיבוצניקעס האָבן פאַרצווייפלט זיך צוגעקוקט ווי נייע „פייער־שפייערס" האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און צעשמע־טערט זייערע אומפאַרטוישלעכע וואַסער־טאַנקען.

נאָך שווערער האָט געווירקט אויפן הויפּט־שטאַב אין תל־אביב די ידיעה, אַז סירישע פאַנצערס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דער יידישער פאַרטיידיקונג נישט ווייט פון טבריה און ס'דראָט אַ געפאַר אַז זיי זאָלן זיך דורכשניידן אַ וועג ביז צו דער אַראַביש־געהאַלטענער טעריטאָריע אינעם צענטראַלן גליל.

אַ טייל פון די הגנה־לייט האָט פאָרגעשלאָגן צו פאַרלאָזן דעם באַפאַלענעם נגב און שטעלן אַ ווידערשטאַנד די עגיפּטער נישט ווייט פון תל־אביב, ווו ס'זענען געווען קאָנצענטרירט די מערסטע דרום־כוחות פון דער הגנה. מיקי האָט נישט איינגעשטימט. „די עגיפּטער מוזן גלייך אָפּגעשטעלט ווערן, האָט ער געזאָגט בן־גוריונען — זיי פאַרמאָגן טאָקע די בעסטע באַוואָפנטע אַרמיי, אָבער די ריזיקאַלישסטע ליניע פאַר זייער אָנגריף". ער האָט געראָטן צו מאַכן אַ וואָגנדיקע אַטאַקע אויף עזה, אַן אַראַבישע הויפּט־באַזע

מיט אַ באַפעלקערונג פון אַכציק טויזנט, צוואַנציק מייל פון דער עגיפּטישער גרענעץ, כדי אָפּצושטעלן דעם מאַרש פון עגיפּטישן אַוואַנגאַרד.

דאָס איז געווען אַ צו געוואַגטער שריט — און מיקי האָט עס גלייך פאַרשטאַנען. — האָט ער פונדעסטוועגן געפאָדערט, אַז די ישראלים זאָלן גלייך מאַכן אַ קאָנטער־אַטאַקע, כדי נישט איבער־צולאָזן די איניציאַטיוו אין די הענט פונעם שונא.

— איר וועט מיר זאָגן אַז מיר האָבן נישט די כוחות צו אַטאַקירן, זאָג איך אייך אַז מיר האָבן יאָ. אפילו מיט לייכטע איינהייטן קענען מיר אַטאַקירן דעם שונאס צענטער, איידער ער וועט האָבן די צייט און די מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירן, אָפּהאַלטן אים פון אויפשטעלן זיינע האַרמאַטן און צוגרייטן זיינע פּאַנצערס. מיר קענען אויסנוצן זיין שרעק פאַר נאַכט־אַטאַקעס, מאַכן אָנפאַלן אויף זיינע פּראָוויאַנט־ליניעס און אים אַרויסברענגען פון גלייכ־געוויכט. אַזוי זענען די אַמעריקאַנער רענדזשערס (קאָמאַנדאָס) טרענירט געוואָרן צום קאַמף: אָנצוהאַלטן אַ סטראַטעגישע פאַר־טיידיקונג קעגן פיל שטאַרקערע כוחות דורך אומאויפהערלעכע אויסמאַטערנדיקע לאָקאַלע אַטאַקעס.

בן־גוריון האָט זיך דערמאָנט אַז אין זיין ערשטן באַריכט איבערן נגב האָט מיקי פאָרגעשלאָגן אַזאַ סאָרט פאַרטיידיקונג. ער האָט איינגעשטימט. ער האָט דורכגעקוקט מיט מיקין די ליסטע פון דעם נייעם געווער־טראַנספּאָרט וואָס איז אָנגעקומען אין חיפה, כדי צו באַשטימען וויניקסטנס אַ טייל פאַרן נגב, און שיקן מיקין מיטן טראַנספּאָרט צום דרום מיט דער האָפענונג צוזאַמענ־צוהאַלטן דעם דערשלאָגענעם נגב.

גלייך נאָך זיין צוריקקומען אין ישראל, האָט מיקי אָנגעשריבן עמאַן אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט זי צו שיקן אַן ענטפער דורך אַלעקס ברוידע, „ווייל איך בענק אַזוי פיינלעך נאָך דעם אָנבליק פון דיין האַנטשריפט". איצטער, דעם 16־טן מאַי, האָט ער אַוועק־

געשיקט אַ בריוו, דעם לעצטן וואָס ער האָט געשריבן איידער ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין טומל פון שלאַכטפעלד.

„מיין טייערע,

ווי דו קענסט זיך אַליין פאָרשטעלן, בין איך איצטער אַזוי באַשעפּטיקט ווי קיין מאָל נישט אין מיין לעבן. אָבער כ׳בין צופרידן פון די רעזולטאַטן. כ׳בין געווען אין צפון בעת די זיגן דאָרטן און האָב זיך אומגעקערט פונקט צו דער צייט, כדי בייצוזיין די פּראָקלאַמירונג פון „יידישן שטאַט״. מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און כ׳האָב דיך אין געדאַנק אַרומגענומען טויזנט מאָל, ווייל כ׳ווייס אַז די נאָענטע צוויי וואָכן וועלן זיין די שווערסטע.

מיין זיס לעבן, מיין נשמה! מיין קומען אַהער איז געווען דאָס ריכטיקסטע וואָס כ׳האָב געקענט טאָן. אפשר וועלן מיר פאַרלירן אַ סך געלט, אָבער כ׳פאַרזיכער דיר אַז כ׳וועל אַהיימקומען צו דיר געזונט און פריש און אַז אונדזערע קרבנות זענען געווען באַרעכטיקטע.

מיט מיין גאַנצער ליבע פון דיין איבערגעגעבענעם מאַן, ליבהאָבער און אַלץ מיטאַנאַנדער —

מיקי.״

קאַפּיטל עלף

דער אימפּעטיקער פּאַרויסמאַרש פון די אָנפאַלער האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן. אַחוץ בן־גוריונס ברכה, זענען צו דער דאָזיקער אויפגאַבע גרייט געווען אַ צאָל מיט ראַדיאָ אויסגעשטאַטע דזשיפּ׳ס און מיט נייע מאַשין־געווערן, אָנגעקומענע נישט לאַנג פון אַמעריקע און פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון פֿייערקראַפט, באַוועגלעכקייט און קאָמוניקאַציע ביז איצטער אומ־באַקאַנט אין ישראל. ביים פעלן פון פּאַנצערס, וועלן זיי מעגלעך קענען דינען אַלס קליינע, עפעקטיווע טאַנקען־גרופּן, פעיִק צו אַן „אָנגריף־און אַנטלויף־טאַקטיק״, אַרום וועלכער ס׳וועט זיך קענען איינשטעלן אַ פּאַרטיידיקונגס־ליניע וואָס וועט זיין גלייכצייטיק אַגרעסיוו און בויגזאַם. דאָס איז געווען מיקיס באַליבטע טאַקטיק. ער איז באַשטימט געוואָרן פונעם גענעראַל־שטאַב אויפצופּאַסן אויף דער דורכפירונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע.

דער קאָמאַנדיר פון דער ניי־געשאַפענער אָפּטיילונג איז געווען ישראל כרמי, אַ קרעפטיקער וועטעראַן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכער האָט דורכגעמאַכט די קאַמפּן אין ליביע, איטאַליע און יוגאָסלאַוויע. אַ דערפאַרענער קאָמאַנדאָ־קעמפער מיט טעמפּע־ראַמענט. יגאל ידינס באַפעל איז געווען קורץ און בינדיק:

„אָרגאַניזיר אַן אַטאַקירנדיקע אָפּטיילונג אין פאַרלויף פון 48 שעה און לאָז זיך אַוועק צום נגב״.

אין תל־השומר־קעמפּ, אין דער אָפיצירן שולע, האָט כרמי מאָביליזירט זיינע קאָמפּאַניע־ און פּלאַטון־קאָמאַנדירן און צונויפ־געזאַמלט זיין מאָטאָריזירטע גרופּע.

דער רוקנביין פון דער אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פון צוויי דזשיפ־קאָמפּאַניעס, צו פופצן דזשיפּס אין יעדער קאָמפּאַניע. די דזשיפּס זענען געווען נייע און געהאַט צו צוויי מאַשין־געווערן יעדער: אַ מיטלמעסיקע טשעכישע „בעזאַ״ פון פּאַרנט, רעכטס, און אַ לייכטע דייטשישע „שפּאַנדאַ 34״ הינטן, פון לינקס. צו דעם האָט כרמי צוגעגעבן: אַ קאָמפּאַניע פון פּלמח־אינפאַנטעריע אויף העלף־טרעקס; אַ מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג פון היימיש־געמאַכטע געפּאַנצערטע וועגענער; אַן אונטערשטיצונגס־קאָמפּאַניע, אויסגע־שטאַט מיט זעקס דריי־אינטשיקע „מאָרטאַרס״; זעקס מיטלמעסיקע מאַשין־געווערן און אַ פּלאַטון פון אָקאָפּע־גראָבערס.

די דאָזיקע אויסשטאַטונג איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט צוויי לאַנג־רעריקע אַנטי־לופט־קאַנאָנען, וועלכע זענען לויט מיקיס פּאָרשלאָג אויפגעשטעלט געוואָרן אויף העלף־טרעקס און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַנטי־טאַנק־וואָפן.

די סעקציע־קאָמאַנדירן זענען געווען מערסטנטייל פון גדנ״ע (יונגוואַרג באַטאַליאָנען פון דער הגנה). די שאָפערן — געוועזענע מיליטערישע שאָפערן פון דער ענגלישער אַרמיי: 700 קעמפּער פון דער בעסטער קוואַליטעט, איינס און איינס.

אָוונט צייט איז די ערשטע אָפּטיילונג געווען גרייט אין וועג אַריין. כרמי האָט באַפוילן אַז זי זאָל זיך גלייך אַרויסלאָזן צום נגב. מיקי איז מיטגעגאַנגען מיט דער דאָזיקער פאָרמאַציע. כרמי וועט קומען שפּעטער. אַרום האַלבער נאַכט האָט מיקי באַקוקט די אין רייען אויסגעשטעלטע דזשיפּן. ער האָט זיך דאָ געפונען אין זיין סביבה, ווי כרמי האָט עס געזאָגט: „מיקי פילט זיך היימיש מיטן פּלמח. ער קען נישט די שפּראַך פון די סאַברעס, אָבער ער האָט מיט זיי אַ בשותפותדיקע האַרץ־שפּראַך. זיי פאַר־שטייען זיך קעגנזייטיק אויסגעצייכנט״.

מיקי איז צופרידן געווען צו זען צום ערשטן מאָל די ישראל־טרופּן געהעריק באַקליידט. דער טראַנספּאָרט, וועלכער איז אָנגעקומען ערב דעם אומאָפּהענגיקייטס־טאָג, האָט אַחוץ געווער פאַרמאָגט

אויך וואַלענע מונדירן און שטיוול. ווען כרמי האָט שטאַלצירט מיט די נייע „בעזאַס״, „שפּאַנדאַס״ און די פולע קאַסטנס אַמוניציע האָט מיקי באַמערקט:

— אמת! אָבער אונטערשעץ נישט די דאָזיקע וואַרעמע אוני־פאָרמען; סאָלדאַטן וואָס ציטערן פון קעלט זענען נישט פעיִק אָנצושטעלן ריכטיק זייערע ווונדערבאַרע קאַנאָנען.

ער אַליין, אין אַ שווערן ראָק ווי אַ שוץ קעגן דער נאַכטיקער מדבר־קעלט, איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם פירנדיקן דזשיפּ ביי דער זייט פון שאָפער. די דזשיפּס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום דרום מיט אויסגעלאָשענע ליכטער. זיי האָבן געדאַרפט דורכפאָרן דעם שונאס פּאָזיציעס. ביים שיין פון דער האַלבער לבנה זענען זיי געפאָרן מיט אַ שנעלקייט פון פערציק מייל אַ שעה, פאַרביי תבואה־פעלדער און אייקאַליפּטוס־וועלדלעך, מאַכנדיק אַ ברייטן אומקרייז כדי אויסצומיידן דאָס אַראַבישע דאָרף מסמיה. די מחנה איז געפאָרן אָפן, גרייט צו עפנען אַ פייער יעטוועדע מינוט. די שלאָף־זעק זייערע האָבן די סאָלדאַטן אַריבערגעוואָרפן איבער זייערע היטלען, שאַפנדיק פון ווייטנס אַן עפעקט וועלכער האָט צעמישט דעם שונא. געפאַנגענע אַראַבער פון די שפּיאָניר־אָפּטיילונגען האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס פאָרן רוסישע לייכטע טאַנקען. אין פרימאָרגן זענען זיי אָנגעקומען קיין נגבה — צום טויער פון נגב — אַן אויסגעטרוקנטער און מיט שטויב באַ־דעקטער קיבוץ פון 220 מענטשן אויף אַ משופּעדיקן פּלאַכלאַנד, מיט שיטער צעשפּרייטע ווערבעס, אַקאַציעס און אַליוון־ביימער — צו באַשאָטענען דעם ברענענדיקן נגב. ווי נאָר די זון איז אַרויס, האָבן מיילער אָנגעהויבן טרוקענען און הענט זענען געווען פאַרנומען מיטן פאַרטרייבן די זשומענדיקע מחנות קאָמאַרעס. די קאַמופלאַזשירטע דזשיפּס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן קיבוץ. די סאָלדאַטן האָבן זיך געגרייט צו זייער אָפּרו, ווייל ביינאַכט וועלן זיי דאַרפן ווייטער זיך דורכרייסן דורך דעם שונאס ליניעס.

וואַכפּאָסטנס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף די קיבוץ־

וועגן, בעת אַ ברומעניש האָט פּלוצעם אויפגעציטערט די לופט. צוויי קליינע פּינטעלעך — בלויז אַ ברוכצאָל פון דער עגיפּטישער לופטמאַכט — האָבן זיך באַוויזן אויף מערב פונעם בלייך־בלויען הימל: צוויי עגיפּטישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געקענט ברענגען חורבן אויף אַ פּלאַץ, ווו ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין איינציקער אַנטי־לופט קאַנאָן. נגבה האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט דורכ־געמאַכט איר היסטאָרישע טאַנקען־באַלאַגערונג, אָבער זי איז שוין געווען אַ צילברעט פאַר די עגיפּטישע אַעראָפּלאַנען. די אַעראָ־פּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז מ׳האָט געקענט זען אונטער זייערע פליגל די 500־פונטיקע באָמבעס. לויט אַ סיגנאַל זענען די מערסטע סאָלדאַטן אַריין אין די בונקערס. אַנדערע זענען שטיין געבליבן ווי פּאַראַליזירטע צוקוקנדיק ווי פון אַ הויך פון 200 פוס האָבן זיי אַרונטערגעלאָזט זייערע באָמבעס. איינע האָט אויפגעריסן אויף אַ נאַקעט בערגל און די צווייטע — אין אַ ליידיקן בונקער.

מיקי איז צוגעקומען צום קאָמאַנדיר וועלכער איז געשטאַנען אונטער אַ ווערבע.

זיי וועלן צוריקקומען צו באַנייען דאָס שפּיל — האָט ער אים שטיל איינגערוימט — באַפעל דיינע סאָלדאַטן צו עפענען אַ פייער. באַנוץ דיין פייער־קראַפט!

די „פייער־שפּייערס" האָבן זיך אומגעקערט און אַראָפּגעלאָזט זיך אַזוי נידעריק ווי 50 פוס פון דער ערד און באַשאָסן די שוצלאָזע קאָמפּאַניע פון מאַשין־געווער. און אַז דער ליאַרעם האָט דערשטיקט די באַפעלן, האָבן מיקי און דער קאָמאַנדיר געכאַפּט זיך פאַרן געווער. די אַנדערע האָבן זיי נאָכגעטאָן. דער־זעענדיק דעם קוילן־האָגל האָבן זיך די אַעראָפּלאַנען אויפגעהויבן הויך און פאַרשוווּנדן.

ס׳זענען געווען עטלעכע פאַרוווּנדעטע. אויף אַן אופן וואָס זאָל נישט טרעפן אין אויטאָריטעט פונעם קאָמאַנדיר, האָט מיקי פאַר־געשלאָגן צו באַהאַנדלען פריער די פאַרוווּנדעטע. שאָק־געליטענע

זענען געווען אַ סך. די מערסטע — צום ערשטן מאָל אונטערן פייער פון אַ לופט־אַטאַקע.

בהדרגה איז צוריקגעקומען דער צוטרוי צו די אייגענע כוחות. ס׳איז געווען צו זען באַשיימפּערלעך, אַז אפילו ביקסן־פייער — אויב געהעריק קאָנצענטרירט — קען פאַרטרייבן די שרעקלעכע „פייער־שפייערס״.

מיקי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די סאָלדאַטן, געקלאַפּט זיי אין די פּלייצעס, זיך געוויצלט און אויף אַזאַ אופן זיי באַרויִקט און דערמונטערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ יונגן בחור וואָס איז צוויי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן אין אָרעם:

— האַלט דאָס אָן אַזוי, גרשון, ביז ביי די עגיפּטער וועלן זיך אויסלאָזן די קוילן! ביי אַ צווייטן סאָלדאַט, וועלכער האָט געציטערט פון שאָק, האָט מיקי זיך אָפּגעשטעלט און אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט אַ קאָמאַר און צערטלעך גערעדט צו דעם: „כ׳געדענק דיך וואָלדאַ, פון מיין פריערדיקן באַזוך!״ דער בחור האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

אַזאַ מין אויפפירונג האָט דער פלמח הויך געשעצט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל איז נישט נאָר אַ שטאָבן בעל־יועץ אין די קאַנצעלאַריעס פון תל־אביב, נאָר אויך אַ מוטיקער סאָלדאַט וועלכער פאַרלירט נישט דעם קאָפּ אונטערן פייער.

אַ קרעפּטיקער זעכצניאָריקער סאָלדאַט האָט געזאָגט צו זיין פּלאַטון־קאָמאַנדיר:

דער דאָזיקער מאַן שלינגט אַרונטער אַ שלאַכט מיט אַלע צען פינגער.

מיקי האָט נישט בלויז הנאה געהאַט פון אַ שלאַכט, ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון דערלייזונג — שווער דאָס צו פאַרשטיין פאַר די יעניקע וועלכע האָבן נישט געקענט זיין לעבנס־געשיכטע.

מיקיס פריסטע יאָרן זענען געווען פול מיט נידערגעשלאָגנקייט. אָן אַ פאָטער, אָן וואָרצלען אין דער קריסטלעכער סביבה איז ער

אַריינגעפאַלן אין אַן עמאַציאָנעלן וואַקוום. וועסט־פּאָינט האָט גע־עפנט אַ וועג פאַר זיינע עמאַציעס. אין רעגירונגס־דינסט און אין זיין משפּחה־לעבן האָט ער געפינען אַ געוויסע באַפרידיקונג. אין די מלחמה יאָרן איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן אויף גאַנצע זיבן יאָר מעבר לים. ער האָט זיך איבערגעגעבן זיין לעבנס־ציל, דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, ווו ער האָט זיך ווידער אַמאָל אָנגעטראָפן אויף גרויליקייטן. דאָס מאָל — אויף די גרויליקייטן פון דאַכאַו וועלכע האָבן פון דאָס ניי געעפנט זיינע אַלטע פּסיכישע ווונדן.

אָבער נישט נאָר דאָס אַליין האָט אים צוגעצויגן צו ישראל. אַ מענטש איז מער ווי בלויז אַ זאַמלונג פון פּרווידיאַנישע קאָמפּ־לעקסן.

קוים האָט ער פאַרזוכט די פרייע לופט פון ישראל, האָט ער שוין נישט געקענט נישט אומקערן זיך אַהער. גענעראַל קלעי האָט עס ריכטיק דעפינירט:

„מיקי איז געווען אַ קעמפערישע נאַטור, אָבער נישט קיין אַוואַנטוריסט. ס׳איז געווען ביי אים זייער וויכטיק אויף וועמענס צד צו קעמפן. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט צופרידנשטעלן מיט טעאָריעס, ער האָט געמוזט האַנדלען״.

דער נגב איז געוואָרן מיקיס סטיכיע. קיין שום אַנדער סיטואַציע אין זיין לעבן האָט נישט אַזוי צונויפגעשמאָלצן זיינע טיפסטע פאַרלאַנגען, אינטעלעקטועלע איבערצייגונגען און שווער־דעראָ־בערטע מיליטערישע פעיִקייטן — ווי דער נגב.

דער ווייטערדיקער מאַרש אין נגב האָט געמוזט אָפּוואַרטן די פינצטערניש, ווען די עגיפּטישע אַעראָפּלאַנען האָבן נישט באַוואַכט די וועגן. ווען ס׳איז נאָר געוואָרן פינצטער האָט זיך די דזשיפּ־מחנה אַוועקגעלאָזט צום קיבוץ „דורות״, די צייטווייליקע הויפּט־קוואַרטיר פון דער נגב־בריגאַדע.

ווידער האָבן זיי זיך באַוויגן אָן ליכטער, געמאַכט אומוועגן, כדי אויסצומיידן די ווינציקע אַראַבישע דערפער אינעם דרום.

די פאַרזיכטיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גוט אויסגע־

רעכנט. מיקיס ראַדיאָ האָט אויפגעכאַפּט אַ געשפּרעך אין אַראַביש, אין דעם האַרטן קאַיראָ־אַקצענט:

— קאַפּיטאַן! פּאַרוואָס שיצט איר נישט מיין פליגל?

— אוממעגלעך! דער וועג איז מינירט. מ׳מוז אָפּוואַרטן ביזן פרימאָרגן.

אַ שטראָם פון געקליבענע אַראַבישע קללות האָט באַגריסט די דאָזיקע מעלדונג. דער צווייטער אָפיציר האָט געענדיקט אַזוי אָפּגע־ענטפערט. פאַר די ישראלים איז געווען קלאָר דער באַטייט פון דאָזיקן אויסטויש פון העפלעכקייטן... די שרעק פון די עגיפּטער פאַר נאַכט־קאַמפן.

מיקיס שאָפער האָט געוואָלט וויסן צי ס׳וואָלט נישט געווען קיין גלייכע זאַך „פּאַרטיק" צו מאַכן אַ פּאָר איינהייטן... מיקי האָט מיט אַ האַנט־באַוועג געהייסן אים פאָרן ווייטער:

— מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין כדי צו צע־קוועטשן דעם קאָפּ פון דער עקדיש און נישט זיין ווידל. מ׳מאַכט נישט קיין אָנפאַל אָן גענויע ידיעות וועגן כוח פון שונא.

איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן האָבן זיי דערגרייכט די קאַקטוס־אַלעע פונעם קיבוץ־מויער — אַ געדיכטע גרופּע פּרימיטיווע הילצערנע שטיבער אַרומגערינגלט מיט טיפע וואַדיס און נידעריקע כוואַליעס־פּאַרמיקע בערגלעך. מיקי איז אַריין אין הויפּט־קוואַרטיר און דאָרטן געטראָפן נחום שריגן, דעם קאָמאַנדיר פון דער נגב־בריגאַדע, זיצנדיק מיט רויטע אויגן איבער אַ הויפן מאַפּעס.

שריג איז נאָר וואָס אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין פריערדי־קער קוואַרטיר אין ניר־עם דורך אַ לופט־אַטאַקע וועלכע האָט צעשטערט זיינע בענזין־רעזערוואַרן און זעקס אויטאָמאָבילן. ער האָט פּרובירט ווידער צונויפשטעלן זיין בריגאַדע וואָס האָט געציילט 800 מאַן.

ס׳איז געוואָרן קענטיק אַז דער יוגנטלעכער פלמח־קאָמאַנדיר איז דערשלאָגן פון זיין טאָפּלטער אויפגאַבע: קעמפן און גלייכ־צייטיק האַלטן אָפן די זאַפּאַסן־ליניעס פון נגב. ער האָט נישט

געהאַט די געהעריקע אויסשטאַטונג און טרענירונג פאַר דער טאָפּל־טער אויפגאַבע. זיין נידערגעשלאָגנקייט האָט זיך אָפּגערופן אויף זיינע אָפיצירן און סאָלדאַטן. די בחורים זענען אויסגעשטאַנען באַלאַגערונג, קעלט און הונגער מיט גרויס העלדישקייט. קעגן מיט ביקסן באַוואָפנטע אָנפאַלער האָבן זיי געקעמפּט מיט די הוילע הענט. זיי האָבן אָבער נישט געקענט טאָן דאָס זעלבע קעגן טאַנקען און „פייער־שפייערס״.

די „ווילדע חיות פון נגב״, באַרימט פון זייער העלדישקייט, האָבן זיך געפונען אין אַ מאָראַלישן קריזיס, צעמישט פון דעם שונאס פאַרבלענדנדיקער מאַכט.

מיקיס ערשטער שריט איז געווען צו ווייזן זיי די נייע וואָפן פון דער דזשיפּ־קאָמפּאַניע, וועלכע האָט איבערגעשטיגן די טאָטאַלע פייער־קראַפט פון די ישראלים אין נגב. שריגס וועטעראַנען, אַרום־שלייכנדיק אַרום די דזשיפּס און זייערע סאָלדאַטן אין פאַרלאַטעטע שיך, האָבן געקוקט מיט הנאה און נישט אָן קנאה אויף די פיינע מונדירן פון די ניי־אָנגעקומענע און אויף די שטאַרק־געבויטע „בעזאַס״ און „שפּאַנדאָס״. אין צווישן איז כרמי אָנגעקומען מיט דער צווייטער אָנגריף־גרופּע.

די געמיטער האָבן זיך אויפגעמונטערט. מיט אַזעלכע כוחות קען מען מאַכן גאַנץ אַנדערע פּלענער. כרמיס און שריגס אָפיצירן זענען אַריין אין שטאַב־צימער און אָנגעהויבן אַ היציקע באַראַטונג. מיקי איז געזעסן אין אַ ווינקל, נאָכפאָלגנדיק די דעבאַטע.

צוערשט האָבן די ישראלים גערעדט ענגליש צוליב מיקין. אָבער אין דער קאָכעניש פון דער דיסקוסיע זענען זיי אַריבער אויף העברעיש. מיקי האָט געזען אַז די דעבאַטע דרייט זיך אין אַ צירקל און רירט זיך נישט פון אָרט: זאָל מען די דזשיפּס אויסנוצן אויף פאַרשטאַרקן די שוואַכע קיבוצים, אָדער אין סטראַ־טעגישע צענטערן? אפשר גאָר שאַפן פון זיי אַ פאַרטיידיקונגס־ליניע פון מזרח צו מערב?

מיקי האָט געבעטן דאָס וואָרט און געזאָגט קורץ און שאַרף:

„איר מוזט אַטאַקירן!״ איינער פון שריגס שטאַב־אָפיצירן האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ט׳הייסט, ער איז נישט מסכים. מיקי ווי נישט באַמערקנדיק עס, האָט פאָרגעזעצט:

— כ׳ווייס, איר טראַכט אוודאי, אַז איר זייט שוואַך, אָבער ווען איר קאָנצענטרירט אַלע אייערע כוחות — די דזשיפּס, די מאַשין־געווערן, די אינפאַנטעריע קענט איר צונויפשטעלן אַן אַטאַקירנדיקע מאַכט וועלכע וועט קענען דערלאַנגען דעם ריכטיקן קלאַפּ! ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל — איר דאַרפט אויפהערן זיך צו שפּילן אין קליינע גרופּעס. זאַמלט אַלץ צונויף און אַטאַקירט! ער האָט אַריינגעקראַכט מיט דער לינקער פויסט אין זיין האַנט־פלאַך.

דער נישט־איינשטימיקער אָפיציר האָט די ווערטער אויפגענומען מיט אַ ביטערן שמייכל און באַמערקט אין העברעיש:

— זאָל ער רעדן! ער מיינט, אַז ער קען אונדז עפּעס אויסלערנען וועגן מדבר־קאַמף...

מיקי האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער, אָבער פון טאָן פון זיינע רייד האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געווענדט דירעקט צום אָפיציר:

— פאַרשטייט, דער גענעראַל־שטאַב האָט באַשטימט: „צוריק־שטויסן די עגיפּטישע אַטאַקע״. דורך פאַרטיידיקונג וועט איר דאָס קיין מאָל נישט באַווייזן. איר דאַרפט דעם שונא דערלאַנגען קלעפּ דורך זייטיקע וועגן, אים אַרויסשלאָגן פון זיין גלייכגעוויכט. אין אייער סיטואַציע איז דאָס וואָרט „פאַרטיידיקונג״ געפערלעך, טויט־לעך, לאָמיר דאָס אויסמעקן פון דעם נגב־ווערטער־בוך.

פון אָט דער באַהויפּטונג, אין גאַנצן אַנדערש פון זייער פריער־דיקער דיסקוסיע, זענען די פלמחניקעס שטיין געבליבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. מיקי האָט זיך אויסגעדרייט צו כרמין:

— איר דאַרפט זיי געבן צו פאַרשטיין, כרמי, אַז אַ קעמפער וועלכער טראַכט פון פאַרטיידיקונג איז שוין אַ פאַרלוירענער. איר

דאַרפט אַטאַקירן, אַטאַקירן און אַטאַקירן ביז דער שונא ווערט דער צווייפלער און הייבט אָן טראַכטן אין טערמינען פון פאַרטיידיקן זיך. ווען איר דערגרייכט דאָס, — ווען זיין מאָראַל הייבט אָן פאַלן — איז אייער זיג נאָענט.

כרמי האָט אָנגעהויבן איבערזעצן מיקיס ווערטער און האָט צוגעגעבן געוויכט דער אַרגומענטאַציע מיט זיין צווייהונדערט־פונטיקן שווערן קערפער. נאָך אַ לעבהאַפטיקן געדאַנקען־אויסטויש האָט ער זיך געווענדט צו מיקין:

— זיי ווילן וויסן, ווו איר לייגט פאָר צו אַטאַקירן!

— עזה!

— עזה? — האָבן זיי אין שרעק אויסגעשריגן, — דאָס איז דאָך די הויפט־באַזע פון די עגיפטער אין נגב!

— ריכטיק! דורך פאַרכאַפּן עזה וועט איר אָפּשניידן זייער אַרמיי אין צפון. זיי וועלן בלייבן אָן זאַפּאַסן און וועלן אָפּשטעלן זייערע אַטאַקעס אין מזרח.

שריג האָט גענומען דאָס וואָרט:

— אין עזה איז פאַראַן אַ גרויסער גאַרניזאָן. אפילו אַ פּאַטראָל אונדזערער האָט זיך נישט געקענט אַריינרייסן אין עזה.

אַ פּאַטראָל איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַן אָפענסיווע. הערט אויף צו צעטרענצלען אייער פאַרמעגן אין גראַשנס. הערט אויף צו שקראָבן מיט אַ פינגער ווען איר קענט דערלאַנגען מיטן פויסט.

די זאָרגפולע קאָפּשאָקלענישן האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן. מיקי האָט איינגעזען אַז אויך דאָ, פונקט ווי אין תל־אביב, איז זיין עזה־פּלאַן אויפגענומען געוואָרן אַלס אַ צו געוואַגטער. אים האָט דאָס אויסגעזען קרישטאָל־קלאָר: עזה איז דאָס האַרץ פון דער עגיפּטישער פּאָזיציע און אַ נאַכטיקע בליץ־אַטאַקע אויף דעם אַראַבישן גאַרניזאָן וואָלט זיך פאַרענדיקט מיט דערפאָלג.

אָבער די פּלמחניקעס זענען נישט טרענירט אויף אָפּעראַציעס אין קאָאָרדינירטע אַקציעס פון גרויסן מאַסשטאַב. זיי ליגט נאָך אַלץ אין טעם די צעשמעטערנדיקע קראַפט פון דער עגיפּטישער אַרמיי.

ער וועט זיך מוזן באַנוגענען מיט עפּעס ווייניקער. דער עיקר איז אַוועקצושטעלן די „ווילדע חיות פון נגב" אויף זייערע קעמפּנדיקע פיס, — פאַרשטאַרקן זייער וואַגנדיקע טרייב־קראַפט וואָס איז זייער גרעסטער פאַרמעגן. ווען ס'זאָל אים נאָר געלונגען אָנצינדן ערגעץ ווו אַ פונק אַז זיי זאָלן אָנהייבן טראַכטן אַגרעסיוו...

נאָך זייענדיק פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן געפינען אַן אויסוועג, איז צו מיקין צוגעקומען אַ יונגער קאָמפּאַניע־אָפיציר און נישט אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איר ווילט אַריינשטעקן פלעקער אין דעם עגיפּטישן פאָרויס־מאַרש, ריכטיק, קאָלאָנעל?

— פלעקער, טשוועקעס, שרויפשליסלען — איצטער רעדט איר צו דער זאַך! איר האָט פאַר זיך אַ שונא וואָס שרעקט זיך פאַר נאַכט־קאַמפן, ווען עמענס קאָמוניקאַציע־ליניעס ציען זיך אַלץ מער אויס, וואָס ווייטער ער גייט אַרויפצו מיטן ים־ברעג; זיינע באַזעס געפינען זיך נאָענט פון אייך און איר קענט זיי אָנגרייפן. — וועט איר אים לאָזן מיט פאַראַד אַריינמאַרשירן קיין תל־אביב און ירושלים, אָדער איר וועט אים צעפּיצלען אויף שטיקער, צונאָגלען זיינע טרופּן און צעשטערן זיינע אינוואַזיע־פּלענער?

איצטער האָבן שוין עטלעכע קעפּ צוגעשאָקלט איינשטימיק. ביס־לעכווייז האָט זיך די שטימונג געביטן. מ'האָט אויפגעהערט רעדן וועגן עזה אָבער ס'זענען אַרויסגעשווומען אַנדערע פּלענער. — קלענערע פּלענער מיט דער אויסרעכענונג צו באַאומרויִקן איידער צו פאַראַליזירן דעם שונא. אָבער דאָך „אָפענסיווע־פּלענער".

פון אַ באַרג־אַראָפּהאַנג, נישט ווייט פון בית־חנן, צו צפון־מזרח פון עזה, האָט אַ האַרמאַטן־באַטעריע אומברחמנותדיק באָמבאַרדירט, טאָג איין טאָג אויס, ניר־עם. מ'האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ נאַכט־אַטאַקע און אָפּווישן די באַטעריע. מיקין האָט דאָס שטאַרק הנאה געטאָן. רייבנדיק די הענט פון פרייד, האָט ער איבערגעקוקט דעם פּלאַן וועלכן ס'האָבן אויסגעאַרבעט שריג און כרמי: אַ דזשיפּ־קאָמ־פּאַניע וועט אָפּשניידן דעם וועג צו דרום און מערב און באַשיסן

עזה; דערווייל וועט די פלמח אינפאַנטעריע מאַכן אַן אומדערוואַרטן אָנפאַל אויף דער קאַנאָנען־באַטעריע.

— ס׳איז אַן אָנהויב, האָט מיקי געזאָגט כרמין. נאָך איין אָדער צוויי דערפאָלגן וועלן אייערע יינגלעך זיך נישט אַזוי באַאומרויקן. איר ווייסט וואָס דער קליינער קאָרסיקאַנער (נאַפּאָלעאָן) האָט געזאָגט וועגן קאַמף קעגן גרעסערע אַרמייען? „איך קאָנצענטריר מיינע טרופּן און אַטאַקיר איין פלאַנק. דאָס רופט אַרויס אַ סומאַטאָכע. דאַן אַטאַקיר איך ערגעץ אַנדערשוווּ, אַלע מאָל מיט אַלע מיינע כוחות״.

נאָך זון־אונטערגאַנג האָבן די דזשיפּס אָנגעפילטע מיט בענזין, אַרויסגעלאָזט זיך פון זייערע באַהעלטענישן, און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ קאָנוואָי־פּאָזיציע. מיקי איז ווי פריער אַריינגעשפּרונגען אין ערשטן דזשיפּ. כרמי האָט אַרויפגעלייגט אַ קרעפּטיק־מוסקולירטע האַנט אויף זיין אַקסל.

— ס׳וועט נישט גיין. די הויפּטקוואַרטיר האָט מיך געוואָרנט וועגן אייך.

אָבער כ׳מוז אָבסערווירן ווי די בחורים באַנעמען זיך אונטערן פייער — האָט מיקי פּראָטעסטירט — כ׳מוז זען ווי אַזוי דער גאַרניזאָן אין עזה וועט רעאַגירן.

— לויט בן־גוריונס באַפעל איז אייער הויפּט־אויפגאַבע לעבן צו בלייבן. ס׳שטייט אונדז פאַר אַ לאַנגע מלחמה.

נישט ווילנדיק איז מיקי איבערגעגאַנגען אין נחום שריגס שטאַב־אויטאָ וועלכער האָט באַדאַרפט וואַרטן אין אַ באַשטימטן פּונקט נישט ווייט פון די אַטאַקירנדיקע כוחות.

די דזשיפּ־קאָמפּאַניע מיט כרמין אין דער שפּיץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום קיבוץ בארות יצחק, ביי עזה. די אינפאַנטעריע האָט מאַרשירט אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג, אויסנוצנדיק יעדע באַהעלטעניש אויף צו אָבסערווירן דאָס אַרויסבליצן פון די קאַנאָנען־רערן וואָס וואָלטן פאַרראַטן די פּאָזיציע פון זייער באַטעריע.

קורץ נאָך האַלבער נאַכט האָבן די דזשיפּס זיך פאַרנומען אויף

אַ זייטיקן וועג פון בארות יצחק צו עזה; אַרום אַ הונדערט יאַרד ווייטער פון דער אויסגעלאָשענער שטאָט, האָבצן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז און אויף כרמיס סיגנאַל געעפנט אַ פייער פון אַלע זייערע געווערן: „בעזאָס", „שפּאַנדאָם", „טאָמי"־ביקסן — אַ האָגל פון דעם קאָנצענטרירטן פייער האָט באַלויכטן דעם צעשפּאָלטענעם באָדן און ליימיק־געלע פעלדזן פונעם מדבר.

אין די ערשטע מינוטן איז נישט געקומען קיין ענטפער, בלויז ליאַרעמדיקע געשרייען און קללות — אַן אַלגעמיינע צעמישעניש. ענדלעך האָט דער עגיפּטישער גאַרניזאָן אָנגעהויבן באַהאָגלען מיט אַן אַרטילעריע־פייער דעם דרום פון שטאָט. די ישראלים האָבן געענדערט זייער פּאָזיציע, באַשיסנדיק ווייטער די שטאָט פון אַן אַנדער ווינקל און זיך צוריקגעצויגן.

דערווייל איז די אינפאַנטעריע אַרויפגעקראָכן אויף דעם דורך די אַראַבער געהאַלטענעם באַרג ביז פופציק יאַרד ווייט פון זייער קאַנאָנען־באַטעריע. ביים הויך־פּונקט פון דער דזשיפּ־אַטאַקע, 4 מייל צו דרום־מערב, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שיסעריי. די אַראַבישע אַרטילעריסטן זענען צעמישט געוואָרן. אין דער פינצטערניש האָבן זיי נישט געזען דעם כוח פון שונא. זיי האָבן זיך דערשראָקן, געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און אַוועק, ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

די ישראלים האָבן געטראָפן אויפן בערגל זעקס האַרמאַטן. נישט האָבנדיק קיין דערפאַרונג מיט אַרטילעריע, האָבן זיי נישט געוווסט ווי אַזוי צוצושפּאַנען די האַרמאַטן צו זייערע וועגענער, ווי אַזוי אַוועקפירן זיי אַן די רעדער, האָבן זיי צעשטערט זייערע שיסמעכאַניזמען. איצטער האָבן זיך די עגיפּטער געכאַפּט, שוין אַ ביסל צו שפּעט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָבן זיי געעפנט אַ לאַנג־שטרעקיקן אַרטילעריע־פייער, אָבער נישט געוואַגט אַריינצולאָזן זיך אין די אומזיכערקייטן פון דער נאַכט.

כרמי האָט זיך דער ערשטער פאַרבונדן מיט מיקין און שריגן.

— די בירגער פון עזה זענען נישט מוזיקאַליש — האָט דער

קרעפטיקער קאָמאַנדיר געמאָלדן — זיי נעמען נישט אויף מיט פרייד די קלאַנגען פון אונדזער מוזיק.

— איר האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ דעם שונא, אָבער מיט רח־מנות — האָט מיקי געזאָגט — איר האָט זיי געצווונגען אַראָפּצובייגן די קעפּ אויף אַ ווייל. איר זעט, נחום ? איצטער וועלן זיי גיפּטער באַגעגענען מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז. זיי האָבן נאָך אַלץ די אויי־בערהאַנט, אָבער זיי וועלן זיך נישט פילן אַזוי חוצפּהדיק. איצטער וועלן מיר זען וואָס אייערע „ווילדע חיות" האָבן באַוויזן.

אָנקומענדיק צום טרעף־פּונקט, האָט מיקי דערהערט דאָס איינ־געהאַלטענע געזאַנג פון דעם טריומפירנדיקן פלמח־ליד :

דעם אָדלערס וועג — אין הימל־הויכן,
דעם אייזלס — אויפן באַרג־שטעג שמאָלן —
אומעטום דעם פיינט מיר גרייכן...

— זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט, נחום ! — האָט מיקי געזאָגט.

די „ווילדע חיות" זענען געווען באַלאָדן מיט רויב און מוט און צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע טעג — מיט זעלבסט־צוטרוי.

פיל וויכטיקער ווי די טראָפייען איז אין מיקיס אויגן געווען די געהויבענע מאָראַל. דער פאַרמעסט קעגן אַ שונא וועלכער האָט געמאַכט ויברח. נאָך אַלעמען, איז דער שונא שוין גאָר נישט אַזוי אומבאַזיגבאַר. מיקי האָט אַ קלאַפּ געטאָן איינעם פון די בחורים אין פּלייצע :

— איז די מצריים באַפאַלן אַן אימה ?

— נאָך ווי אַזוי ! זיי זענען זיך צעלאָפן איבערן באַרג ווי די האָזן!

— דאָס צווייטע מאָל לאָז זיי נישט אַנטלויפן. דורך נעמען געפאַנגענע ווערט פאַרקלענערט זייער מענטשן־קראַפט. זיי האָבן שוין איצט מער אַרטילעריע ווי אַרטילעריסטן.

צו מאָרגנס האָט מיקי געמאַכט אַן איבערזיכט איבער דער אָפּעראַציע.

— אַט אַזוי דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרמעסטן מיטן שונא. און גיין וואָס ווייטער צו אַלץ גרעסערע צילן.

איצטער איז מען שוין ווייניקער גענויגט געווען צו דיסקוטירן מיט אים. אָבער אַ האַרט קערנדל פֿון צווייפֿל איז נאָך פֿאַרבליבן.

— באַפֿאַלן קאַנאָנען־פּאָסטנס איז איין זאַך, אָבער פֿאַרמעסטן זיך קעגן אַ קאָנצענטרירטער פּאַנצער־מאַכט איז אַ גאַנץ אַנדערע...

— כאַפּט עס דער טייוול! אין מלחמה איז אַלץ אַ ריזיקע! האָט מיקי זיי געזאָגט. ווען איר וואַרטן אויף גינסטיקע באַדינגונגען ווערט איר זיך קיין מאָל נישט רירן פֿון אָרט. איר דאַרפֿט טעטיק זיין מיט דעם וואָס איר פֿאַרמאָגט!

— ס'איז אויך נישט דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר האָבן געזען „פּיער־שפּייערס" — האָט מען אים דערמאָנט אומעטיקלעך.

— דאָס איז זיכער! אָבער אויך דאָס קען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געווינס פֿאַר אונדז. די עגיפּטער לייגן גרויס געוויכט און פֿאַרלאָזן זיך צופֿיל אויף זייער ענגלישער באַוואָפֿענונג. אויב איר וועט זיי באַווייזן אַז איינפֿאַכע ביקסן שטעלן אין געפֿאַר זייער מעכטיק וואָפֿן, וועלן זיי אויפֿגעטרייסלט ווערן. פֿאַרגעסט נישט, אַז אַן איינציקע קויל קאָן אַרונטערשיסן אַן אַעראָפּלאַן — אויב זי טרעפֿט דעם פּילאָט, דעם בענזין־טאַנק אָדער דעם מאָטאָר.

„איר פֿאַרלאַנגט פֿון אונדז צו טרעפֿן אין לאָך פֿון אַ נאָדל"
—האָבן עטלעכע אומצופֿרידענע פּראָטעסטירט.

— דוד המלך האָט דאָס באַוויזן מיט אַ שטיינער־וואַרפֿער, נישט אמת?

צופֿרידענע ברייטע שמייכלען האָבן אויפֿגענומען דעם וויציקן ענטפֿער, אָבער בלויז אויף אַ ווײַלע. באַלד האָט זיך ווידער דערהערט דאָס גוט־באַקאַנטע ברומען פֿון דער ווייטנס.

די פֿאַרזאַמלטע אָפֿיצירן אין שטאַב־שטיבל האָבן זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן יעדער צו זיין געווער און זיך געלאָזט צום האַלב־באַשיצטן קאָמאַנדע־אָקאָפּ, נישט ווייט פֿון שטיבל. די אַנדערע אָקאָפּעס האָבן זיך גלייך אויסגעפֿילט מיט טרופּן און זייער געווער. בלויז

איין מאַן — אַן אָפיציר פון דער דזשיפּ־קאָמפּאַניע — האָט נישט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל. ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט זיין נישט־קאַמופלאַזשירטן דזשיפּ נעבן שטאַב־שטיבל. נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיקיס וואָרענונג, איז ער געלאָפן צום דזשיפּ און געטראָפן געוואָרן אין פוס פון אַ מאַשין־געווער פונעם ערשטן פון די דריי „פייער־שפייערס" וואָס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט גאַנץ נידעריק איבערן קעמפּ. אָבער כאָטש אַזוי, האָבן שורות ביקסן פון די אָקאָפּעס כסדר געהאָגלט אויף זיי.

די „פייער־שפייערס" האָבן געקרייזט נידעריק איבער דער געגנט פון דער הויפּט־קוואַרטיר און באַרעגנט זי מיטן פייער פון זייערע מאַשין־געווערן. אָבער זיי האָבן נישט געוואָגט איבערצוחזרן אַ צווייטן נידעריקן פלי, נאָר אויסגעלאָדן זייערע קליינע באָמבעס פון אַ מער־וויניקער הויכער ווייטקייט. איין באָמבע האָט געטראָפן אַ שטאַל, אַ צווייטע האָט עקספּלאָדירט נישט ווייט פון דער הויפּט־קוואַרטיר.

די זיך צוריקקערנדיקע פון די אָקאָפּעס אָפיצירן האָבן געטראָפן זייער שטאַב־שטיבל אין אַ קלאָגעדיקן מצב. איין וואַנט איז געווען איינגעפאַלן און דאָס גאַנצע שטיבל צעלעכערט פון קוילן. אויפן טיש ביי וועלכן מיקי איז געזעסן עטלעכע מינוט פאַרן אָנפלי האָט זיך געפינען אַ טיפער איינשניט אינעם האָלץ. זיין לייוונט־טאַש — אין גאַנצן צעלעכערט.

הגם קירצער ווי געוויינלעך, האָט דער לופט־אַטאַק איבערגע־לאָזט דערדריקנדיקע נאָכווייען: פאַרוווּנדעטע, צעשמעטערטע גע־ביידעס. דער זיג פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט האָט שוין נישט אויסגעזען אַזוי גלענצנדיק.

מיקי האָט דערפילט אַז די דערשלאָגנקייט קומט ווידער צוריק און דער מוט פון וועלכן ס'איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג הייבט ווידער אָן זינקען.

ער האָט אויפגעשנורט זיין צעלעכערטן טאַש און האָט אַלץ אַרויסגענומען.

— עי, זעט נאָר דעם דאָזיקן הוט! — ער האָט געהאַלטן הויך אַ צעלעכערטע כאַקי־יאַרמולקע. — כ'וועל מאַרשירן אין דעם איבער די גאַסן פון תל־אביב און באַגריסט ווערן אַלס העלד!

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן אַ העמד און אַ כאַפּ־טוענדיק אַ מעסער פון טיש, אָפּגעשניטן די צעלעכערטע אַרבל:

— זייער שיין פון די עגיפּטער — כ'וועל האָבן אַ זומערדיק העמד!

דערמונטערט פון עטלעכע שמייכלען, איז ער אַרויס אין דרויסן און אַראָפּגענומען פון געוועש־שטריק אַ פּאָר פּריש־געוואַשענע כאַקי־הויזן. די הויזן זענען געווען צעלעכערט אין אַ פּוס. ער האָט זיי מיט גרויס צערעמאָניע פּאַרקירצט ביז די קני: „איצטער האָב איך שוין אַ פולשטענדיקע זומער־גאַרדעראָב!"

די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט, נישט אַזוי פון דעם אַמוזירנדיקן עפעקט, ווי פון מיקיס אָנשטעקנדיקער האָפערדיקייט. בטחון האָט ממש געפּלאָסן פון אים ווי פון אַ רעזערוואַר אָן אַ דנאָ. אפשר איז ער טאַקע גערעכט? וואָס האָבן זייערע באָמבעס אויפגעטאָן אַזעלכעס, פאַרשווינדנדיק אַזוי פיל גאַזאָלין און אַמוניציע? עטלעכע ברעטער צעשמעטערט! אויב דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל איז אַזוי זעלבסט־זיכער און מוטיק ווענן זייער לעבנס־קאַמף, פאַרוואָס קענען זיי זיך נישט דערלויבן דאָס זעלבע?

ביי אַזעלכע דעליקאַטע מאָראַל־באַדינגונגען אין נגב, איז דער גענעראַל־שטאַב אין תל־אביב אַרויס מיט אַ פּלאַן צו באַ־פולמעכטיקן אַן עסקאַדראָן קאַמפּס־אַעראָפּלאַנען דורכצופירן אַן אָפענ־סיווע. יגאל ידין איז געוואָרן אַלץ מער באַזאָרגט פונעם צווייטן עגיפּטישן קאָלום, וועלכער האָט זיך אַריינגעשניטן אינעם צפון־מזרח, דורכן מדבר. אויב דעם דאָזיקן קאָלום זאָל געלינגען צו פאַראייניקן זיך מיט די איינהייטן פון „אַראַבישן לעגיאָן" אַרום חברון, קען אַ קאָמבינירטע אַטאַקע פון דרום אָנגרייפן ירושלים. כרמי האָט באַקומען אַ באַפעל איבערצושניידן דעם וועג באר־שבע — חברון. דער צילפּונקט איז געווען אַ בריק איבער

אַ וואָדי נישט ווייט פון אַראַבישן דאָרף דאַהאַריאַ, אַרום דעם האַלבן וועג צווישן דיביידע שטעט.

געגוי אַזאַ מין אָפּעראַציע — טיף אין דער אַראַבישער טערי־טאָריע — האָט מיקי די גאַנצע צייט פאַרגעלייגט. ער האָט אַרויס־געלאָזט אַ פריידיקן אויסגעשריי, אַרומגעכאַפּט דעם שטוינענדיקן, צווייהונדערט־פונטיקן כרמי אַרום דער טאַליע און אים אויפ־געהויבן אין דער לופטן. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט די אויפרייס־מאַטעריאַלן וואָס האָבן זיך געפינען אין נגב און זיך אַוועקגעזעצט אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון אָנפאַל.

מ'האָט באַשלאָסן צו שיקן פופצן דזשיפּס אָנגעפירט פון כרמין. אין דער באַגלייטונג פון דריי קאָמאַנדאָ־אויטאָס מיט אָקאָפּע־גראָבערס און צוויי הונדערט פונט ט. נ. ט.־עקספּלאָדיר־שטאָף. איין פּלאַטון פון פינף דזשיפּס וועט זיכערן דעם צוטריט צו באר־שבע, אַ צווייטער — אַרום דעם דאָרף — אויפצונעמען די פּאָזיציעס אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג און אַ דריטער — וועט באַשיצן די סאַפּערן וועלכע וועלן דאַרפן שנעל אויפרייסן די בריק.

כאָטש דער אָביעקט איז געווען כמעט צו מזרח פון דורות, האָבן זיי כדי צו פאַרפירן דעם שונא געמאַכט אַן אומוועג צו דרום אין דער פאָרעם פון אַ פאַרקערטער „חית״ (U) ביז צום בריק.

צופרידן פון די פּלענער, האָט מיקי פאַרלאָזט דאָס שטיבל, אויסגעטאָן דאָס העמד און זיך אַוועקגעלייגט מעדיטירן אויף דער זון. ער האָט עס שטענדיק רעקאָמענדירט די ישראל־פירער. ער האָט אַמאָל זיך געאַמפּערט מיט ישראל גלילין, דעם פּאָליטישן הויפּט פון דער הגנה, פאַר וואָס מען נעמט נישט אַריין אין טעגלעכן פּראָגראַם פון די אָפיצירן אַ שעה אויף מעדיטאַציע.

ביין־השמשות האָט ער ווידעראַמאָל דורכגעקוקט דעם מאַרשרוט, אָנגעצייכנטן פון כרמין, דורכגעקוקט די טרופּן וועלכע דאַרפן מאַכן דעם לאַנגן ריזיקאַלישן וועג הינטער דעם שונאס ליניעס.

— איר וועט דאָס דורכפירן, האָט ער פאַרזיכערט. איר האָט

שוין פאַרזוכט דעם טעם פון זיג. דער אָנבליק פון לאָרבער־קראַנץ וועט שוין נישט פאַרשווינדן פון אייערע אויגן.

די נבואה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. די בריק האָט אַרונטערגעקראַכט צום וואַסער־דנאָ אין וואָדי ווי אויסגערעכנט. דאָס האָט געקאָסט נישט מער ווי איין קויל פאַר אַן אַנטקעגנקומענדיקן אויף אַן אייזל באַוואָפנטן אַראַבער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אויף דער לאַנדשאַפט.

אויפן צוריק־וועג האָבן זיי אויסגעמיטן עגיפּטישע לופט־פּאַטראָלן. די דזשיפּס האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע באַזיגנדיק די פאַררעטערישע זאַמד־בערג. מיקי האָט באַגריסט דעם דאָזיקן העלדנ־טאַט מיט שטאָלץ.

— איצטער גייט איר אויפן ריכטיקן וועג, — האָט ער געזאָגט אויף אַ שטאַב־זיצונג. די עגיפּטער וועלן מוזן אויסשטעלן וואַך־פּאָסטנס אויף אַלע בריקן, דאָס מיינט אָפּציען טרופּן פון דער פראָנט־ליניע.

— זייערע אַרטילעריסטן שלאָפן שוין נישט רויִק ביינאַכט, מורא האָבנדיק פאַר אַ צווייטן בית־חנן. אפילו די וואָס זענען אַנטלאָפן וועלן פאַרשפּרייטן אויפגעבלאָזענע געשיכטעס וועגן דער גרויס פון דער אַקציע, אַרויסרופנדיק פּאַניק און צווייפלענישן. אַלץ סימ־נים וועלכע אַנטמוטיקן אַן אַרמיי.

— אַטאַקירט און אַטאַקירט! לאָזט זיי נישט צורו; צעשפּאַלט נישט אייערע כוחות און זאָלן אייך נישט אָפּהאַלטן קיין דעטאַלן; זיי וועלן נישט אויפהערן זיך שרעקן אַזוי לאַנג ווי איר וועט זיי נאָכאַנאַנד אַטאַקירן.

פון יענעם טאָג אָן האָט אין נגב זיך אַנטוויקלט אַ נייע קאַמפּס־מעטאָדע: אַטאַקיר, פאַרכאַפּ און אַטאַקיר ערגעץ אַנדערש. די עגיפּטישע זאַפּאַסן־ליניעס זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. עס זענען אויפגעריסן געוואָרן אַמוניציע־סקלאַדן, באַן־רעלסן. קיין פּאָסטן איז נישט געווען געזיכערט פון אַ נאַכט־אַטאַקע. די אַטאַקעס זענען געקומען יעדעס מאָל פון אַן אַנדער ריכטונג. אַ

וואַסערע דרייסיק דזשיפּס און עטלעכע הונדערט מאַן האָבן קאָנ־טראָלירט אַ שטח וועלכער איז געווען באַזעצט פון טויזנטער גוט־באַוואָפנטע עגיפּטער.

ווען כרמי און שריג האָבן דערלאַנגט אומברחמנותדיקע קלעפּ אין די הינטער־ליניעס פונעם שונא, האָבן אין זייערע אויערן געקלונגען מיקיס ווערטער:

— זאָרגט זיך נישט וועגן איינצלנע קיבוצים; אייער אויפ־גאַבע איז אויסצומאַטערן דעם שונא, פאַרטיידיקן דעם נגב אַלס אַ גאַנצקייט; געדענקט! איר זייט אַצינד אַן אַטאַקירנדיקע מאַכט. איר קעמפט קעגן אַ שונא וועלכער איז אין דער אמתן נישט פאַראינטערעסירט אין אויסגאַנג פון דער מלחמה; ער וויל בלויז אַהיימקומען אומבאַשעדיקט. אייערע סאָלדאַטן ווילן קעמפן. באַ־גרייפט איר ווי וויכטיק דאָס איז? זיי ווילן קעמפן!

מיקי האָט זיך באַמיט אַנצוהאַלטן דעם דאָזיקן מוט אויף אַ הויכער מדרגה. ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען פון כרמיס אויגן און זיך אַוועקלאָזן אויף אויסשפּיר־ פּאַטראָלן. אַ פּלמח־וועטעראַן האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר מאַשין־געווערן אַנגעוואָרפן טויט־שרעק אויף אַ גאַנצער קאָמפּאַניע פון די „מוסולמענישע ברידער".
עדות געזאָגט, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר מאַשין־געווערן אַנגעוואָרפן אַ

בעטסאַל אַמיוו, דעמאָלט אַן אונטער־אָפיציר אין נגב, געדענקט מיקין ווי ער פלעגט פלוצעם זיך באַווייזן אין אַ פּאָר־וואָרפענעם ווינקל, אַרויסשפּרונגענדיק פון אַ „פּייפּער־קאָב" (אַ קליין אַעראָפּלאַנדל), צו האַלטן אַ שנעלע לעקציע: „די ראָל פון דזשיפּ אין דער מאָדערנער מלחמה". עדגאַר אָבאַלאַנס, דער ענגלישער מיליטערישער שרייבער, גיט מיקין דעם גאַנצן קרעדיט פאַרן רעוואָלוציאָניזירן דעם מיליטערישן געדאַנק פון ישראל.

אָבער מער פון אַלעם האָט ער געווירקט מיט זיין גלויבן אינעם זיג. ער האָט ממש אָנגעשטעקט אַלעמען. אמת־טרייע, מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבענע מענטשן זענען פאַראַן ווייניק אויף דער וועלט. מעגלעך אַז דורך עפּעס אַ פאַרגיטיקונגס־געזעץ איז זייער ווירקונג אַזוי געוואַלטיק.

איינער אַ הגנה־וועטעראַן האָט דאָס אַזוי דערקלערט:

— האָסט שטענדיק באַגערט מיקין צופרידן צו שטעלן, אפילו בלויז אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיין אָנערקענען דיך אַלס אַ מענטש מיט אַן אייגענעם איך...

און ישראל כרמי האָט אַזוי געזאָגט:

— מיר האָבן זיך נישט געניטיקט אין אַ נאַפּאָלעאָן אין נגב. מיר האָבן זיך געניטיקט אין מיקי מאַרקוס.

מיקי האָט גאַנץ גוט געפילט די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס מ'האָט אָנגעלאָדנט אויף זיינע פּלייצעס. די לעצטע וואָך פון מאַי האָט ער זיך געטראָפן אויפן באַלויכטענעם לופט־פעלד מיט זיין געוועזענער סעקרעטאַרשע איירין בראָזאָ:

— צי כ'האָב זיך געשראָקן אין מדבר? געוויס! מיר האָבן דורכגעפירט שטיקלעך אַרבעט, וועלכע יעטוועדע אַנדערע אַרמיי וואָלטן זיי באַצייכנט אַלס זעלבסטמאָרד. אוודאי האָב איך געלעבט אין שרעק! אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געטאָרט וויסן!

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז מיקי געזעסן אין אַ ביר־הויז אין תל־אביב און דערציילט קווענטין ריינאָלד, דעם אַמעריקאַנער שרייבער און מלחמה־קאָרעספּאָנדענט, וועגן די אַקציעס אין נגב. ריינאָלד האָט באַשריבן מיקיס דערציילונג אין זיין אַרטיקל: „לאָזט דאָס איבער דעם פאָלק".

„מיר האָבן געוווסט אַז די אַראַבער באַזיצן אַ טוץ גוטע מאַשין־געווערן אויף דעם דאָזיקן באַרג. מיין חברה האָט געטענהט: "ס'איז איינפאַכער זעלבסטמאָרד אָנצוגרייפן מיט דעם וואָס מיר פאַרמאָגן". „כ'האָב אָוועקגעשטעלט עטלעכע בחורימלעך מיט צוויי־אינטשיקע מאָרטאַרס אויף סטראַטעגישע פּונקטן, דעקנדיק דריי זייטן פון באַרג. פון דער פערטער זייט זענען מיר ווי ס'איז דערקראָכן ביז צום באַרג. כ'האָב באַפוילן צו דערלאַנגען פון די מאָרטאַרס — ווי איר ווייסט, מאַכן זיי אַן אַ שרעקלעכן טומל — נו, האָבן זיי אויסגעדרייט זייערע מאַשין־געווערן אויף די מאָרטאַרס, אָבער מיינע הויפּט־

כוחות האָבן זיך געפונען אויף דער פערטער זייט באַרג... און איידער די אַראַבער האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, זענען מיר געווען ביי זייערע גאָרגלען. מיר האָבן פאַרכאַפּט צוועלף מאַשין־געווערן אין בעסטן צושטאַנד״.

ריינאָלד גיט אויך איבער מיקיס אַ שאַרפן קאָמענטאַר וועגן דער אַראַבישער האַלטונג אויפן שלאַכטפעלד: „קיין מענטש קען נישט קעמפן, אויב ער האָט נישט פאַרוואָס, און וואָס האָבן זיי? אַבדאַללאַ? פאַרוק? בעווין? כ׳שטעל מיר פאָר אַז ווען מ׳זאָל באַפאַלן זייער לאַנד וואָלטן זיי עס גוט פאַרטיידיקט. אָבער דאָס איז דאָך נישט זייער לאַנד — און זיי ווייסן דאָס, — און ס׳איז צו זען, זיי זענען ווייניק וואָס פאַראינטערעסירט אין דעם.

מיקי האָט דערציילט דעם אַמעריקאַנער שרייבער וועגן אַן עגיפּטישן פּילאָט וואָס איז געפאַנגען געוואָרן בעת זיין אַעראָפּלאַן איז אַרונטערגעשאָסן געוואָרן דורך הגנה „פּאַפּ־גאַנס״*) אין תל־אביב, ווי אַזוי ער האָט זיך געשראָקן אַז מען וועט אים צערייסן אויף שטיקער:

„צו וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרפן מיר דאָס!״ מיר האָבן אים אַריינגעשטעלט אין אַ האָטעל און אים געגעבן אַ גוטע מאָלצייט, ביכער, און איצטער איז ער דער גליקלעכסטער מצרי וועלכן איר האָט ווען עס איז געזען״.

דאָס איז געווען טיפּיש פאַר מיקיס שטרענג־פּראָפעסיאָנעלער שטעלונג צום שונא. אַ פראַגמענט פון אַ באַמערקונג נאָטירט אין איינס פון זיינע ביכער אין אַ צייט פון שטילשטאַנד אויפן פראָנט לייענט זיך אַזוי:

„כ׳האָב קיין באַגריף נישט ווי טיף ס׳קאָן זיין האַס — און כ׳וויל עס נישט וויסן...״

די באַגעגעניש רענאַלד—מאַרקוס האָט געוואָרפן אַ ניי ליכט

*) פּאָפּ גאָנס — אַ קינדער־שפּילצייג ביקסל.

אויף מיקיס עפּנטלעכן שטאַנד. נאָך פּאַר דעם צוזאַמענטרעף מיט מיקין, האָט רענאַלד זיך אָנגעהערט וועגן בן־גוריונס אַ זייער וויכטיקן און לעגענדאַרן אַמעריקאַנישן מיליטערישן ראַטגעבער — אַ גאון אין פּלאַנירונג — וואָס האָט אַליין אָנגעפירט מיט צענדליקער מיילטערישע אָפּעראַציעס. דער מיליטערישער קאָרעס־פּאָנדענט איז דערשטוינט געוואָרן, דערקענענדיק אין דעם דאָזיקן לעגענדאַרישן „קוירנעל סטאָן" זיין באַליבטן „קאָמפּאַניאָן" פון דער לאַ־גוואַרדיאַ־עפּאָכע, עקס־קאָמישיאָנער, מיקי מאַרקוס. מיקי האָט אים שנעל אַ ווונק געטאָן צו מאַכן אַ שווייג — אייגנטלעך אומ־זיסטע מי. מיקיס פּראָמינענטע ראָל אַלס איינער פון די העכסטע קאָמאַנדירן אין דער הגנה איז געוואָרן אַלץ מער אַן אָפענער סוד. ביי מיקיס ערשטן באַזוך אין לאַנד איז געלונגען צו פאַרדעקן זיינע אויפטוען אין דער הגנה. אפילו אַזאַ כיטרער רעפּאָרטער ווי קענעט בילבי פון דער „ניו־יאָרק העראַלד־טריבון", האָט זיך נישט געכאַפּט ווער עס איז דאָס דער אַמעריקאַנער קוירנעל, דער מחבר פון די טרענירונגס־האַנט־ביכלעך.ביידע ביכער: „אַ צוזאַ־מענשטויס פון שיקזאַלן" פון די ברידער קמחי און „די שאַרף פון דער שווערד" פון נתנאל לאָרטש האָבן אים נישט געפירט אויף די שפּורן פון מיקיס פּינקטלעכן נאָמען.

מיקי מאַרקוס האָט געזאָלט, לויטן היסטאָריקער לאָרטש, איינ־געשלאָסן ווערן צוזאַמען מיט יעקב דורי, יגאל ידין און משה דיין אַלס די הויפּט־זיילן פון דער ישראל־אַרמיי. דער שטאַרקסטער באַ־וויז וועגן מיקיס איינפלוס אויף דער אַרמיי קומט צום אויסדרוק אין בילביס „בייער שטערן אויפן נאָענטן מזרח", ווו ער דערמאָנט צופעליק וועגן דער סטרוקטור פון דער יידישער אַרמיי:

— אפילו מאַרקוס — שרייבט דאָרט בילבי — האָט קיין מאָל נישט דערגרייכט קיין פולשטענדיקע אויטאָריטעט.

צו מאָרגנס נאָך זיין צוריקקומען פון נגב האָט מיקי באַזוכט ישראל גלילין אין „רויטן הויז". פאַרברוינט, מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט, לויט דער גבית־עדות פון גלילי האָט ער שטאָלצירט

מיט די קוילן־לעכער אין זיין הוט. „כ׳האָב זיי אויך אין די הויזן, אָבער צופעליק האָב איך זיי דעמאָלט נישט געטראָגן, זיי זענען געהאָנגען אויפן וועש־שטריק... צו אונדזער גליק צילט נישט דער שונא אַזוי גוט בעת מיר טראָגן די הויזן"...

מיקי האָט זיך גענומען צו וויכטיקע ענינים. ראשית כל, האָט אים באַאומרויקט דער הויכער פּראָצענט פון קאָפּ־וווּנדן אין נגב — אַ רעזולטאַט פון דער נייגעריקייט פון די פּלמחניקעס, וואָס „שטעקן אַרויס די קעפּ פון די אָקאָפּעס צו באַטראַכטן די אָנקומענדיקע טאַנקען. אָבער קאַסקעס וואָלטן אַ ביסל געהאָלפן".

שנית, האָט ער געפאָדערט פאַר די סאָלדאַטן שטיוול. און צו לעצט — געווער.

— איר האָט דאָרטן אין מדבר אַ גוטע אַרמיי. מיטן ריכטיקן וואָפן קען זי ווערן די בעסטע אין דער וועלט. כ׳האָב געהערט, אַז איר האָט עטלעכע נייע שוועדישע האַרמאַטן. שיקט זיי שנעל איבער אַהין, אום גאָטעס ווילן...

ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט אין נגב. דער מאַרש פון די עגיפּטער האָט זיך פאַרלאַנגזאַמט ערשטנס, אַ דאַנק כרמיס דרייסטע נאַכט־אָנפאַלן און צווייטנס — דורך דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די קיבוצים ביים ים־ברעג (יד־מרדכי האָט זיך פאַרטיידיקט גאַנצע זעקס טעג). די מצרים האָבן באַוויזן זיך דורכצושלאָגן צו צפון ביז צו אשדוד, בלויז צוואַנציק מייל פון תל־אביב.

קעגן די עגיפּטער איז געשטאַנען די גבעתי־בריגאַדע, האַלטנ־דיק אַ לאַנגע ליניע פון זיבעצן קיבוצים און אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטע נאָך אירע אַפּריל־פאַרלוסטן אויפן צענטראַלן פראָנט. אין איילעניש האָט מען איר געשיקט צו הילף אַ זשמענקעלע פון פּלמחס „ווילדע חיות".

די עגיפּטישע פאַנצערס זענען געשטאַנען גרייט צו אַ דורכ־ברוך ביי אשדוד. די אַטאַקירער האָבן פאַרמאָגט אי פיל־גרעסערע כוחות, אי טאַקטישע איניציאַטיוו. זיי האָבן געקענט אויסוויילן

די פונקטן צו אַטאַקירן. אָבער דער קאָמאַנדיר פונעם קאָלום מוכאַמעד נעגוי׳ב האָט זיך געקווענקלט. ער איז צעפּאַסעוועט געוואָרן פון די בליץ־אַנפאַלן און געווען דערשטוינט פון דער עקשנותדיקער פאַרטיידיקונג פון די קיבוצים. דער קוראַזש וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם אָנפאַנג־שפּרונג פון די עגיפּטער, איז פאַרשוווּנדן. צווייפל און פאַרזיכט, די פלאָגן פון יעטוועדער מיליטערישער איניציאַטיוו, וועלכע מיקי איז געווען אַנטשלאָסן אַריבערצופירן צום שונא, האָבן אָנגעהויבן געבן די דערוואַרטע רעזולטאַטן.

נעגוי׳ב האָט זיך נישט געקענט באַשליסן. ער האָט זיך געזשובעט גענוג לאַנג, כּדי צו דערמעגלעכן דאָס אַריבערפירן די 20 מ״מ קאַנאָנען אין די „העלף־טרעקס״ אין נגב; גענוג לאַנג, אַז דער גבעתי־קאָמאַנדיר, אבידן זאָל קענען אָנהויבן אַ געוואַגטע אַטאַקע קעגן איינעם פון די עגיפּטישע פלאַנקן. אבידן האָט באַנוצט אַ פּלאַטון פון דזשיפּס צו פאַרנאַרן די זיך שנעל־באַוועגנדיקע עגיפּטישע פּאַנצערס; געטריי די ענגלישע טרעניר־ביכער, האָבן די עגיפּטישע פּאַנצערס זיך אַרויסגעלאָזט פאַרויס דער טאַנקען־מאַכט, דונערנדיק מיט זייערע צוויי־פונטיקע האַרמאַטן און מאַשין־געווערן, און געטריבן די דזשיפּס צו אַ געדיכטן אָראַנזש־וועלדל. דאָרט האָבן געוואַרט אויף זיי ישראל־אַרטילעריסטן מיט לאַנג־רעריקע שוועדישע קאַנאָנען אויף העלף־טרעקס. ווען די פּאַנצערס האָבן זיך דערנענטערט ביז 500 יאַרד פון דער אָראַנזשן־פּלאַנטאַציע, איז אויף זיי געעפנט געוואָרן אַ צעשמעטערנדיק פייער. די טאַנקען־פירער האָבן זיך דערשראָקן און געמאַכט דעם אמתן ויברח. אויפן צווייטן פלאַנק האָבן די „ווילדע חיות פון נגב״ אָנגעגריפן די עגיפּטישע פּאָזיציעס און אונטערגעצונדן אַן עגיפּטישן טראַנספּאָרט־קאַראַוואַן. גלייכצייטיק האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן די ערשטע מעסערשמידס פון דער ישראל־אַרמיי. די מצרישע קאָמאַנדע האָט באַפוילן אירע שוין נישט מער חוצפּהדיקע רייען: „גראָבט זיך איין!״

אַזוי אַרום איז דער קריזיס אין נגב אַוועק. אויך אין צפון

האָט דער פראָנט זיך סטאַביליזירט. דער גאַלאַנטער משה דיין פון פלמח האָט באַוויזן אומגלויבלעכע וווּנדער מיט זיינע צוויי 62 מ״מ קאַנאָנען און אַ פייערוואַרפער, אָפּשטעלנדיק די סירישע דראָנג ביים שפּיץ פון ירדן־טאָל. נידעריקער אַ ביסל, איז אַן איראַקישע בריגאַדע, אונטערשטיצט פון ״פיורי״־קאַמפּס־עראָפּלאַנען צוריק־געשטויסן געוואָרן ביי גשר און האָט קוים באַוויזן אַריבער דעם ירדן צו דער אַראַביש־געהאַלטענער סמריה, אין שומרון, און פאַר־נומען דעם פלאַץ פון ״אַראַבישן לעגיאָן״ אין דרייעק.

אַזוי אַרום האָט די הויפּט־סצענע זיך אַריבערגעטראָגן אין דער געפייניקטער הויפּט־שטאָט, וועלכע איז שוין לאַנג געווען געאָגראַפיש איזאָלירט פון דער יידישער מדינה, אָבער גייסטיק אומאָפּטיילבאַר פון איר: י ר ו ש ל י ם .

קאַפּיטל צוועלף

דער ביטערסטער קאַמף אין דער ישראל־אַראַבישער מלחמה האָט זיך געפירט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אַרום אַ פּראָנט, וועלכן די העכסטע מיליטערישע קאָמאַנדירן פון ביידע צדדים האָבן באַטראַכט פאַר אַ צווייט־ראַנגיקן.

וויבאַלד דער אַנגריף איז נישט געווען קאָנצענטרירט אויף ישראלס שוואַכן צענטער, האָבן ביידע, סיי מיקי מאַרקוס, סיי יגאל ידין באַטראַכט דעם עגיפּטישן מאַרש אין דרום אַלס דעם געפער־לעכסטן. מאַיאָר גענעראַל גלאַב־פּאַשאַ פון זיין זייט, האָט געוואָלט מיט זיין מאָטאָריזירטן „אַראַבישן לעגיאָן" דערגרייכן די אָפענע וועגן צו תל־אביב. ירושלים איז אין די אויגן פון ביידע גענעראַל־שטאַבן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ זייטיקע פּאָזיציע, וועלכע וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די וועלכע וועלן זיגן אַנדערשוו. ירושלים, אָפּגעשניטן פונעם פלאַכלאַנד ביים ים־ברעג, איז שווער צו פאַרטיידיקן. אָבער דער דאָזיקער ריין־מיליטערישער שטאַנד־פונקט איז נישט געווען צום האַרצן פון ביידע פּאָליטישע פירער. בן־גוריון און קעניג אַבדאַללאַ האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם באַטייט פון באַהערשן די אַלטע הייליקע היסטאָרישע שטאָט, איינע פון די גרויסע וועלט־צענטערן פון דער ציוויליזאַציע.

פּאַריז, אַטען, ווין, סאַן־פראַנציסקאָ, וועלכע באַצויבערן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אויסער יעדער לאָגיק, קענען נישט קאָנקור־רירן אַלס קולטור־און ציוויליזאַציע־צענטערן מיט ירושלים, — און אוודאי נישט מיט איר קדושה.

אַרויסהויבנדיק זיך אין וויסער פראַכט פון צווישן די שפּיציקע

יהודה־בערג, אָטעמט ירושלים מיט צייטלאָזיקייט און גבורה. אויף אירע שטיינערנע גאַסן האָבן אָפּגעהילכט די קולות פון קעמל־קאַראַוואַנען סוחרים; דער טעמפּער קלאַפּ פון די פערדישע קאָפּיטעס פון די קרייצפאַרער, דער טראָמפּייט־געפּייף אין מלך דודס הויף און די זיפצן פון די קריסטלעכע עולי־רגל אויפן וועג צו דער גאָלגאָטע. אירע טורעמדיקע פעסטונג־ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט אויף יידן, עגיפּטער, גריכן, סיריער, רוימער, פּערסן, קריסטן, בעדווינער און טערקן. אין איר געשיכטע פון דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר האָט ירושלים דורכגעלעבט צענדליקער באַלאַגערונגען חורבנות, און ווידער־אויפבוי. אויף אירע גאַסן האָבן מאַרשירט די חיילות פון נבוכדנצאר, אַנעקסאַנדער מוקדון, פּאָמפּייוס, טיטוס און סאַלאַדין. מ׳האָט זי שטענדיק באַזיגט, אָבער קיין מאָל נישט באַהערשט.

„אורו סאלים" — די שטאָט פון פרידן — איז שוין געווען הייליק אין אברהמס צייטן. פאַרערט פון דריי הויפּט־גלויבנס, האָט זי פאַר אַ לאַנגער צייט געהאַט אַ ספּעציפישן באַטייט פאַר די יידן, איר עלטסט־איבערגעבליבן פאָלק. פאַר זיי איז די שטאָט אַ טאָפּלטער סימבאָל. דער געבורט פון זייער פאָלק אונטער דוד המלך און די אַלטע האָפענונג ווידער אויפצושטעלן זייער היימלאַנד נאָכן לאַנגן גלות.

טויזנטער יאָרן האָבן יידן מתפלל געווען: „אויב כ׳וועל דיך פאַרגעסן ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן", און געקלאָגט אויף איר טאָפּלטן חורבן, דעם חורבן בית ראשון אין יאָר 586 פאַר קריסטוסן דורך נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, און דער חורבן בית שני פון טיטוסן אין יאָר 70 נאָך קריסטוסן.

„וועט זי אַ דריט־מאָל פאַלן", האָט זיך בן־גוריון אויסגעדריקט אין זיין פּראָוויזאָרישן קאַבינעט, „וועלן דאָס אפשר אונדזער סאָל־דאַטן איבערטראָגן, אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק".

און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן: ירושלים מוז בלייבן אין יידישע הענט. מ׳וועט צונויפקלייבן אַ נייע בריגאַדע כדי צו עפענען די צעקאַליעטשעטע וועגן צו דער שטאָט — און מיקי מאַרקוס וועט

איבערגיין צום צענטראַלן אָפּשניט זיינעם, און אפשר דאָרט איבער־חזרן ווי מ׳האָט הייס געהאַפּט דעם נס פון די לעצטע טעג אינעם נגב.

אין 1948 האָט ירושלים אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש ווי די הויפּטשטאָט פון די מלכים דוד און שלמה. אין דרום און מערב פון דער אָריגינעלער אַלט־שטאָט זענען אויסגעוואַקסן נייע יידישע קוואַרטאַלן און שכונות וועלכע האָבן זיך אויסגעשפרייט ביז צופוסנס פון דער פּאַרצייטיקער שטאָט. די אַלט־שטאָט, איינגעשלאָסן אין די פעסטונג־ווענט געבויטע פון „סולימאַן דעם מעכטיקן״ אין 1538, האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרליק אַנטקעגן דער נייער שטאָט.

אינעווייניק, אין דער אַלטשטאָט, געפינען זיך נאָך אַלע די גרעסטע רעליגיעזע אוצרות פון די דריי הויפּט־גלויבנס: דער כותל המערבי; די קירכע פון הייליקן קבר און דער אָמאַר־מעטשעט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן אין דער אַלט־שטאָט געלעבט 2.500 יידן, דער רוב פונעם אַלטן טיפּ פרומע יידן. זייער שכונה לענג־אויס דער דרום־מזרח־וואַנט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע קוואַרטאַלן און איז אויסגעשטאַנען אַ ברוטאַלע באַלאַגע־רונג; עס האָט זי באַשיצט אַ קליינע גרופּע יונגע וואָלונטערן.

דער רוב פון ירושלים׳ס 100.000 יידן האָט באַוווינט די ניי־שטאָט אין באַפעלקערטע אינגדזלען, דורכגעשניטענע פון אַראַבישע קוואַרטאַלן. די יידן האָבן געהאַלטן אַ גרופּע באַצירקן אין צפון און דרום־מזרח, צעטיילטע צווישן זיך דורכן אַראַבישן צענטער. אַ צווייטע אַראַביש־געהאַלטענע פּאָזיציע — די פּאָרשטאָט „שייך דזשעראַך״ — צפון־מזרחדיק פון דער ניישטאָט — האָט פּאַרבלאָ־קירט דאָס הדסה־שפּיטאָל און דעם העברעישן אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים. געווען אויך געמישטע קוואַרטאַלן, ווו קיינער פון די צדדים האָט נישט געהאַט די אויבערהאַנט.

זינט דעצעמבער 1947, ווען דאָס צופירן פּראָוויאַנט קיין ירושלים האָט גורם געווען פּאַרצווייפלטע קאַמפן אויף די וועגן, זענען ענלעכע געשלעגן אויסגעבראָכן אין דער באַריקאַדירטער שטאָט צווישן דעם מופטיס „נישט רעגולערע״ און דער הגנה. מיקי האָט

שוין דעמאָלט געהאַלטן, אַז כל־זמן ס׳וועט נישט זיין קיין טעריטאָ־ריאַל־געאייניקטע פאַרטיידיקונגס־ליניע וועלן די יידישע קוואַרטאַלן זיין אויסגעשטעלט אויף דער שטענדיקער געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן.

אין דער נאַכט פון 13טן מאַי 1948 האָבן די ישראלים אָנגע־גריפן אין אַ דריי־שפּיציקער „היי־גאָפּל־אָפּעראַציע״, כדי צו פאַר־פעסטיקן זייערע ליניעס און שאַפן אַ שלאַכט־אַרענע ווייט פון די באַפעלקערטע צענטערן. אין צענטער פון שטאָט האָבן זיי פאַרכאַפּט די „ענגלישע זיכערקייט־זאָנע״ און פאַרטריבן די אַראַבישע נישט־רעגולערע פון נאָטער־דאַם־מאָנאַסטיר — ביים צונויפקום פון ביידע טיילן שטאָט — די אַלט־און ניי־שטאָט. און אויף דרום האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין די גריכישע און דייטשישע קוואַרטאַלן כדי צו פאַרמירן איין פאַרטיידיקונגס־ליניע מיט די פריער איזאָלירטע יידי־שע קוואַרטאַלן. אין צפון האָבן טרופּן פון אצ״ל אָפּגעריייניקט דעם שייך־דזשעראַך־קוואַרטאַל, עפּענדיק דעם וועג צום הר־הצופים און איבערשניידנדיק גלייכצייטיק די אַראַבישע פאַרבינדונג מיט ראַ־מאַללאַ און סימריה. דעם מופטיס נישט רעגולערע, אַרויסגעטריבענע פון די מערסטע שטאַרקע פונקטן, האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין דער אַלטשטאָט און געשיקט צאַרנדיקע הילפס־רופן צום קעניג אַבדאַללאַ. זייערע הילפס־רופן זענען געוועזן איבעריק; דער הערשער פון עבר־הירדן, אַנטשלאָסן צו טאָן אַלץ, כדי צו פאַרכאַפּן ירושלים האָט שוין געהאַט דעצידירט אַריינצוּוואַרפן אין קריג אַרום ירושלים די בעסטע טיילן פון זיין גוט־טרענירטן „אַראַבישן לעגיאָן״.

דער „אַראַבישער לעגיאָן״, ווי אַ בעדויִנער־אַרמיי אונטער ענ־גלישער קאָמאַנדע, שטאַמט נאָך פון די צייטן, פון דעם סאָלדאַט־מיסטיקער ט. ה. לאָרענס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לאָרענס, דער ענגלענדער, האָט טרענירט די מדבר־נאָמאַדן פון „שעריף פון מעקקאַ״, הוסיין, כדי צו קוועלן דעם בשותפותדיקן שונא, די טערקן. נאָך דעם זיג פון די אַליִירטע, האָבן די זין פון חוסיין, פייסאַל און אַבדאַללאַ, געוואַרט באַלוינט צו ווערן דורכן

אויפשטעלן אַ האַשעמיטישע אימפּעריע אין סיריע. אָבער דער געהיימער ענגליש־פראַנצויזישער אָפּמאַך פון יאָר 1916, האָט איבערגעגעבן סיריע אין די הענט פון די פראַנצויזן. האָט מען פייסאַלן אַרויפגעזעצט אויפן טראָן אין איראַק, און אַבדאַללאַן איז צוגעטיילט געוואָרן דער עבר־הירדן מיט אַ צולייג פונעם שנעל זיך באַוועגנדיקן „אַראַבישן לעגיאָן" אַלס פּאַרגיטיקונגס־מתנה. הגם נאָמינעל איז דער אַראַבישער לעגיאָן אין דינסט פון אַבדאַללאַן, איז ער פּאַקטיש טרענירט, פינאַנסירט און אויסגעשטאַט געוואָרן דורך לאָנדאָן. דזשאָן גלאָב, וואָס איז צו דער געלעגנהייט געוואָרן אַן „אַראַבער", אַ פּאַשאַ און אויך — גענעראַל, האָט אָנגעפירט מיטן לעגיאָן און דער ענגלישער בריגאַדיר נאָרמאַן אָ. לעש איז געווען דער צווייטער אין קאָמאַנדע. אַלע העכערע קאָמאַנדירן פון אַראַבישן לעגיאָן זענען געווען ענגלישע.

גלאָבס מיליטערישע כוחות זענען באַשטאַנען פון בערך 6.000 פראָנט־סאָלדאַטן, אָרגאַניזירט אין פיר מעכאַניזירטע רעגימענטן אין דער צאָל פון 4.500 מאַן, אַדמיניסטראַטיוו גרופּירט אין צוויי בריגאַדעס, און 1.500 מאַן פון גרענעץ־קאָרפּוס פון עבר־הירדן, וועלכע זענען פריער געשטאַנען אין פּאַלעסטינע צו באַוואַכן ענגלישע אָביעקטן. ווען די ענגלענדער האָבן זיך עוואַקויִרט איז דער גרענעץ־קאָרפּוס איבערגרופּירט געוואָרן אין איינהייטן אונטער גלאָבס קאָמאַנדע.

קיינער פון לעגיאָן האָט נישט געדאַרפט גיין צו פוס. אַ פלאָט פון מאָדערנע לאַסט־אויטאָמאָבילן האָט באַדינט די אינפאַנטעריע. צו דעם האָבן זיי געהאַט פופציק געפּאַנצערטע אויטאָס פון טיפּ „מאַרמאָן הערינגטאָן", פּראָדוצירט אין דרום־אַפריקע און אַ צאָל געפּאַנצערטע „העלף־טרעקס", באַוואָפנטע מיט ברען־קאַנאָנען. די „מאַרמאָן־הערינגטאָנס" האָבן געפירט צוויי־פונטיקע קאַנאָנען און אַ „בראַונינג" מאַשין־געווער. זיי האָבן אויך געשלעפּט די שווערע אַרטילעריע.

גלאָבס אַרמיי איז געווען גוט באַוואָפנט מיט ביקסן, מאַשין־געווערן, דריי־אינטשיקע מאָרטאַרס און אַן אַ שיעור אַמוניציע. אָבער

זיין שטאַרקסטע אָפּטיילונג איז געווען די פעלד־אַרטילעריע. זי האָט פאַרמאָגט פון 6־פונטיקע אַנטי־טאַנק־שראַפּנעלן ביז צו 18־פונטיקע באַטעריעס און צוויי באַטעריעס פון דער מעכטיק־צעשמעטערנדיקער 25־פונטיקער באָמבע.

לאַנג לאַנג פאַר דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, אין נאָוועמבער 1947, ווען דער לעגיאָן איז געשטאַנען אין פּאַלעסטינע, האָט ער באַנוצט זיינע באַיאָנעטן אין די לאָקאַלע קאַמפן גאַנץ אָפט. אין חיפה האָט אַן אַראַבישער פירער געלויבט דעם לעגיאָן פאַרן אָנטאָן די יידן „גרויס שאָדן". איצט האָט דער לעגיאָן זיך אַ לאָז געטאָן אין פולן גאַנג. גלאַב פּאַשאַ שרייבט, אַז זיין ערשטער אַריינמאַרש האָט געטראָגן אַ דעפענסיוון כאַראַקטער. ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, אַז „די ביקסן־מייסטערישע ישראלים וועלן פאַרכאַפּן גאַנץ ירושלים, אַריינשטורמען קיין יריחו און אַזוי אַרום אַריינגעמען אין אַ פּאַסטקע זיינע פאַנצער־באַטאַליאָנען. די גאַנצע פּאָזיציע אין פּאַלעסטינע וועט זיך ענדערן ווען די יידן וועלן פאַרכאַפּן די אַלענבי־בריק. דער אַראַבישער לעגיאָן וועט זיין אָפּגעשניטן פון זיין באַזע און דאָס וועט זיין אַ מיליטערישע קאַטאַסטראָפע".

גלאַב פּאַשאַ האָט פון דעסטוועגן זיך צוריקגעהאַלטן פון אַריינשיקן זיינע פאַנצערס אין די שמאָלע געסלעך פון ירושלים. „די יידן זענען ספּעציאַליסטן אין „הויז־צו־הויז" קאַמפן. דער לעגיאָן וועט פאַרלירן פון זיין באַוועגלעכקייט און זיין אויבערהאַנט אין באַוואָפענונג. דער אַריינמאַרש קיין ירושלים קאָן אונדז קאָסטן אַ העלפט פון אונדזער אַרמיי".

דעריבער האָט ער אַטאַקירט דער ערשטער נאָך פאַרן 15־טן מאַי — די מער־וויניקער באַשיצטע יידישע דרויסן־פּאָסטנס אין דער פּעריפעריע פון דער הויפּטשטאָט. דעם פערטן מאַי האָט זיין אַרטילעריע באַשאָסן די קיבוצים אין עציון־בלאָק, אויפן וועג חברון־ירושלים, דעם בלאָק וועלכן מיקי האָט שוין פריער פאַרגעלייגט צו עוואַקויִרן. דעם 11טן מאַי האָבן צוויי אינפאַנטעריע־קאָמפּאַניעס, פאַרשטאַרקט מיט 3 אינטשיקע מאָרטאַרס און געפּאַנצערטע אויטאָס

באַהערשט די דראָט־צוימען און די מיט מינעס־פּאַרזייטע קיבוצים פון גאַנצן עציון־בלאָק. דער דרוק פון לעגיאָן האָט די ישראלים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן צוויי פאָרשטעט: עטרות און נוה־יעקב, אויף צפון פון ירושלים, וועלכע האָבן בלאָקירט די אַראַבישע קאָמוניקאַציע מיט ראַמאַללאַ. די דאָזיקע אַקציעס האָבן נישט צופרידנגעשטעלט אַבדאַללאַן. אין פרימאָרגן פון 15טן מאַי איז דער לעגיאָן אַריבער די אַלענבי־בריק און אַריינמאַרשירט קיין פּאַלעסטינע. אַרום אַ העלפט פון דער אינפאַנטעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט צפונדיק צו פאַטראָלירן דעם אַראַבישן דרייעק און צו פאַרבלייבן אין רעזערוו אַרום ראַמאַללאַ. די איבעריקע טרופּן צוזאַמען מיט די פּאַנצערס און דער אַרטילעריע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַנטקעגן ירושלים.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געווען מיט אצ״ל ביי שייך דזשעראַך — די בריק צו די ישראל־טרופּן אויפן הר הצופים. דער לעגיאָן האָט זיך געגייטיקט אין דעם קוואַרטאַל כדי צו קומען אין פאַרבינדונג מיט דער אַלטשטאָט. די אצ״לניקעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים פאַרכאַפּן יפו, האָבן עקשנותדיק זיך פאַרטיידיקט אין אַ „הויז צו הויז״־קאַמף. זיי האָבן אָבער נישט געקענטביישטיין דאָס פייער פון דעם לעגיאָנס אַרטילעריע. גלאָב האָט אַריינגעשיקט עטלעכע הונדערט מאַן אין דער אַלטשטאָט צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף די יידן און צו באַזעצן די טורעמס פון דער דיקער סאַראַצענער וואַנט. אַ צווייטע אָפּטיילונג האָט נייטראַליזירט די איזאָלירטע ישר־אלים אויפן הר הצופים. איצט איז ער גרייט געווען צום גרויסן אָנגריף אויף דער באַפעלקערטער ניי־שטאָט — אַבדאַללאַס אמתער ציל.

דעם 21טן מאַי האָבן זיך אין צפון פאַראייניקט די פּאַנצערס פון די לעגיאָנערן מיט דעם מופטיס „נישט רעגולערע״, וועלכע האָבן געציילט 2.000 מאַן; אין דרום האָט זיך דער גרענעץ־קאָרפּוס פאַראיי־ניקט מיט די עגיפּטישע „מוסולמענישע ברידער״ אין איין אַטאַקע אויף רמת־רחל, די יידישעי פאָרשטאָט אין דרום, נישט ווייט פון בית־לחם.

די טרופּן פון די „מוסולמענישע ברידער״, דער אַוואַנגאַרד פון

דער עגיפּטישער קאָלומנע, האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו קאָאָר־דינירן זייערע אַטאַקעס מיטן גרענעץ־קאָרפּוס פון עבר־הירדן. אָבער זיי האָבן אונטערדריקט זייער קעגנערשאַפט און אָנגעגריפן רמת־רחל וועלכע האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן די קאַנאָנען־און פאַנצער־אַרמיי מיט איין איינציקן אַלטן האַרמאַט פון יאָר 1916.

זיבן מאָל איז רמת־רחל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס בייטאָג, פלעגן די קיבוצניקעס פון רמת רחל אַטאַקירן ביינאַכט און אַרויסטרייבן די פאַרכאַפּערס.

אין יענע טעג פון די קאַמפן אַרום דער הויפּטשטאָט האָט מיקי זיך אומגעקערט קיין ירושלים. איצטער איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער רעזולטאַט פון דער יידיש־אַראַבישער מלחמה וועט זיין אָפּהענגיק פונעם אויסגאַנג פון די קאַמפן אין ירושלים. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מאַנדבאַס, אַ הויך־וווקסיקער הגנה־קאָמאַנ־דיר, אַרויסגעקוקט פון זיין אָקאָפּע, אַ צעאַקערטע פון באָמבעס, דער־וואַרטנדיק אַנגסטלעך אַ שפּייז־טראַנספּאָרט. „מיר האָבן געהאַט זאַפּאַסן גענוג פאַר איין טאָג”. — האָט ער געוווסט. פּלוצים איז דערשינען אַ דזשיפּ וואָס איז געקראָכן אויף אַ זייטיקן וועג צו זיין אָקאָפּע. פון דזשיפּ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הגנה־שטאַב־אָפיציר און אַ פעסטער אויטאָראַטיוו־אויסזעענדיקער פרעמדער.

— כ'האָב אייך געבראַכט אַן אַמעריקאַנער קאָלאָנעל, האָט געזאָגט דער שטאַב־אָפיציר, פרעגט מיך נישט זיין נאָמען.

מיקי האָט געדריקט מאַנדבאַס האַנט, און אָנגעהויבן פונעם עיקר.

— קענט איר מיליטערישע טעאָריע ?

— יאָ — האָט מאַנדבאַס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — פון דער ענגלישער אַרמיי.

— ווען איר וואָלט געווען דעם שונאס קאָמאַנדיר, וואָס וואָלט איר געטאָן ?

— נו, גוט. אונדזער ליניע אויף די דאָזיקע בערג איז לאַנג און שיטער באַזעצט. ווען איך וואָלט געווען דער עגיפּטישער קאָמאַנדיר וואָלט איך אָפּגעשניטן אַ טייל, לאָמיר זאָגן אַ דריי הונדערט יאָרד,

כ׳וואָלט פאַרפעסטיקט מיין פּאָזיציע און דאַן געגאַנגען פאָרויס אָפּצו־בייסן נאָך אַ שטיק.

— געבוי! ס׳איז מיר אַ ווונדער פאַרוואָס טוט ער דאָס נישט, דער שונא.

מאָנדבאָס האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— גאַנץ מעגלעך ווייל ער ווייסט נישט ווי שוואַך מיר זענען.

מיקי האָט אויפגעהויבן זיין בינאָקל און באַטראַכט די ישראלדיקע פּאָזיציעס.

— אין אַמעריקע וואָלט מען אייך איבערגעגעבן צו אַ פעלד־געריכט פאַרן פרווון איינצוהאַלטן אַזאַ ליניע. דאָס איז פּשוט אַן איינלאַדונג צעשניטן צו ווערן.

ווידער האָט מאָנדבאָס געצויגן מיט די אַקסלען:

— אין ברירה! כ׳האָב נישט קיין אויסוועג. אַנדערש קען איך נישט פאַרטיידיקן דעם אָפּשניט.

מיקי האָט נאָכגעטראַכט: „גוט", האָט ער צוגעשמייכלט: אין ברירה... אפשר וועלן מיר קענען ווייטער אָנהאַלטן אונדזער אָפּנאַרעריי. האָט איר מאָרטאַרס? זאָל זיין כאָטש דריי־אינטשיקע?

אויסשפּרייטנדיק אַ מאַפּע אויף דער ערד, האָט מיקי אויסקאָמ־בינירט אַ פּלאַן ווי אַזוי מאָנדבאָס אינפאַנטעריע־וואָפן קען מאַכן דעם איינדרוק פון אַרטילעריע־פייער. ער האָט איבערגעשטעלט עטלעכע מאַשין־געווער פּאָסטנס, און אַנדערע אומגעוויינלעכע גרו־פּירונגען פון וואָפן, צוגעפּאַסט צו דער הגנה־טראַדיציע פון אימ־פּראָוויזאַציע.

דרייצן יאָר שפּעטער, שוין אַן עלטערער שטאַב־אָפיציר האָט נאָך מאָנדבאָס קלאָר פאַרגעדענקט יענע קורצע באַראַטונג: „מיקי איז געווען דער דינאַמישסטער מענטש וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט — ער האָט געשפּרודלט מיט איינפאַלן, און ווייט נישט קיין קאָנסערוואַטיוו. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען ווי זיך צוצופּאַסן צו אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען".

יוסף האַמבורגער, אַ צווייטער וועטעראַן אָפיציר פונעם ירושלי־

מער קאמפּעין פון יענעם פּעריאָד, דערציילט: „כ׳האָב געזען מיקין ווי ער איז „אַריינגעפּלויגן אין שטאָט אַריין״ און האָט אָרגאַניזירט איר פאַרטיידיקונג״.

דער קריטישער אָנגריף פון צפון אויף דער ניישטאָט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 23־סטן מאַי. אַ געפּאַנצערטער אַראַבישער לעגיאָן־קאָלום האָט אַוואַנסירט לענג־אויס די מויערן פון דער אַלטשטאָט צום מאָנאַסטיר פון נאָטר־דאַם. דער מאָנאַסטיר איז געווען אַ שליסל־פּאָזיציע צווישן די אַראַבישע קוואַרטאַלן אין צפון און אינעם האַרץ פון יידישן ירושלים; דער מאָנאַסטיר איז פאַרכאַפּט געוואָרן דעם 14טן מאַי. דער אצ״ל האָט פאַרטריבן די אַראַבישע „נישט־רעגולערע״, וועלכע האָבן אים געהאַלטן זינט די ענגלענדער האָבן געלאָזט אָפן זיינע טויערן. האָבן די אַראַבער באַהערשט דעם מאָנאַסטיר אין אַ קאָנטער־אַטאַקע און שפּעטער ווידער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אים דורך אַ פּלמח טרופּע. אַכט שעה נאָכאַנאַנד האָבן די אַראַבער באַשאָסן דעם מאָנאַסטיר מיט אַרטילעריע, מאַשין ביקסן און אינפאַנטעריע. די דעציזיע איז געפאַלן ווען אַ וועטעראַן פון די פראַנצויזישע מאַקיז אינדזלען האָט מיט אַ מאָלאָטאָוו־קאָקטייל געטראָפן אַ געפּאַנצערטן וואָגן און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטי־טאַנק שטרויכלונג.

אַנטוישט פון זיין פּרווו, האָט דער לעגיאָן באַשאָסן ירושלים מיט זיין שוואַכער אַרטילעריע פון דריי זייטן: פון שייך דזשעראַך, פון דער אַלטשטאָט און פון די דורך די עגיפּטער־געהאַלטענע בערג אין דרום, האָבן זיך געשאָטן באָמבעס אויף מענטשן, הייזער און עפנטלעכע געביידעס. די פאַרלוסטן זענען געווען שרעקלעכע. אָפיציעל געשאַצט אויף פינפפאַכיק ווי אין לאָנדאָן בעת דעם בליץ־קריג. די וואַסער פּאָרציעס אין דער באַלאַגערטער שטאָט זענען פאַרקלענערט געוואָרן ביז צו איין גלאָז וואַסער אַ טאָג. ציגאַרעטן זענען געווען מיט דיי־מענטן צוגלייך. די עלעקטרישע באַלויכטונג האָט אויפגעהערט.

קיין איינע פון די נסיונות וועלכע ירושלים האָט דערפאַרן איז נישט געווען מער גרויזאַם פונעם געפיל פון דער אומבאַהאָלפנקייט

קעגן דעם מערדערלעכן אַרטילעריע־פייער. מ׳האָט כמעט געהערט די ציין־קריצעניש פון די ווערטער פון דוב יוסף, גובערנאַטאָר פון דער שטאָט:

— מיר זיצן הילפלאָז ווען די אַראַבער באָמבאַרדירן טאָג און נאַכט. דער באַוווסטזיין, אַז מיר פאַרמאָגן נישט קיין איינציקן קאַנאָן אויף אָפּצוענטפערן אויף דעם פייער, האָט באַוויזן אונטערצוגראָבן די מאָראַל מערער פון יעדער אַנדערער איבערלעבונג.

אַממערסטן פאַרצווייפלט זענען געווען די אַריינגעכאַפּטע אין פאַסטקע יידן פון דער אַלטשטאָט. די לאַגע איז געוואָרן נאָך שווערער צוליבן פאַלן פון מיליטערישן אויטאָריטעט אין שטאָט. ס׳איז נישט געווען קיין פאַרבינדונג צווישן דער עציון־בריגאַדע אין שטאָט מיט די פלמח טרופּן פון דער הראל בריגאַדע אין די אַרומיקע בערג, און מיט די אצ״לניקעס וועלכע האָבן זיך כסדר געבונטעוועט.

כאָטש דער יידישער באַזיץ אין אַלטשטאָט האָט זיך כסדר פאַר־קלענערט, זענען דאָך די הילפספּלענער פאַרבליבן נישט קיין קאָאָר־דינירטע. אַ לאָקאַלע הגנה־אַטאַקע אויפן יפו־טויער האָט זיך אויס־געלאָזן מיט האָרץ־ווייטיק. שפּעטער האָבן די פלמחניקעס ביינאַכט זיך דורכגעשלאָגן צום ציון־טויער און אַריינגעבראַכט הילפסמיטלען אין וועלכע די אַלטשטאָט האָט זיך אַזוי שטאַרק געניייטיקט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט איינהאַלטן די פּאָזיציעס ביי טאָג.

טראָץ דעם האָבן די יידן איינגעהאַלטן אַלע זייערע פּאָזיציעס אין דער ניישטאָט און טיילווייז אויך אין דער אַלטשטאָט. מער ווי אַ וואָך נאָך דער אינוואַזיע, נישט געקוקט אויף די גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן און מאַטעריאַלן האָט זיך אַבדאַללאַ נישט דערנענטערט צו זיין ציל — צו ווערן קעניג פון ירושלים. אָן שום ספק, האָט ער קלאָר געמאַכט דעם ענגלישן קאָמאַנדיר זיין אומצופרידנקייט. גלאָב פּאַשאַ האָט פּלוצים געענדערט זיין טאַקטיק.

בערך אַכט מייל פון ירושלים און אַרום אַ האַלבע מייל צו צפון פונעם הויפּטוועג איז געשטאַנען דער הויכער ראַדאַר־באַרג, וועלכער האָט קאָנטראָלירט דעם צוגאַנג צו עטלעכע ישובים קעגן איבער דעם

וועג. צווישן אַנדערע — אויך דאָס אַראַבישע דאָרף אבו־גוש. וואָלט דער לעגיאָן באַהערשט דעם פּונקט, וואָלט ירושלים געקענט עפעקטיוו דערשטיקט ווערן. צוויי לעגיאָן קאָמפּאַניעס אונטערשטיצט פון מאָרטאַרס און אַרטילעריע האָבן אָנגעגריפן דעם איינציקן ישראל פּלאַטון וואָס האָט באַשיצט דעם באַרג.

נאָך אַ ביטערן קאַמף איז דעם לעגיאָן געלונגען צו פאַרנעמען דעם באַרג. אָבער ביי די פּרווון אַריינצודרינגען טיפער אויף דרום פון אבו־גוש, איז ער אָפּגעשטעלט געוואָרן ביים קיבוץ מעלה החמישה און ביים בלאָק פון די פעפערמאַן־הייזער. אַנדערע אַראַבישע פּרווון צו פאַרמאַכן דעם רינג אַרום ירושלים זענען דורכגעפאַלן. גלאָבס שטויס אויפן נאַטרדאַם איז געהעמט געוואָרן. זיין שווונגיקער שטויס אויף רעכטס פון אבו־גוש האָט אויך נישט בעסער אָפּגעשניטן. האָט ער באַשלאָסן צו באַזעצן די שליסל־פעסטונג לאַטרון. ער האָט אַראָפּגעבראַכט זיין פערטן רעגימענט און די שווערע אַרטילעריע־רעזערוון פון ראַמאַללאַ. זיין פּלאַן איז געווען מוראדיק איינפאַך: געלינגט אים צו פאַרשליסן דעם ירושלימער וועג, דורך וועלכן מען פירט אַריין הילפסמיטלען, וועט ער צווינגען די עקשנותדיקע פאַר־טיידיקער פון דער שטאָט צו פאַלן צו זיינע פיס.

לאַטרון איז געווען מערער ווי אַ שטעכיקער דאָרן אין די אויגן פון ישראל. דריקנדיק אויף דעם לעבנספּולס פון לאַנד, איז דאָס געווען, ווי אַ צוואַנג וועמענס אָרעמס זענען ערטערווייז געעפנט דורך די העלדישע יידישע אויפטוען. געלינגט עס גלאָבן צו פאַרמאַכן די צוואַנג, האָט ער געקענט האָפן אַז ירושלימס ווידערשטאַנד וועט ווערן געבראָכן.

לאַטרון איז נישט געווען איין פּונקט, נאָר אַ נעץ פון שטעכיקע פאַרצוימונגען פון מזרח צו מערב, לענג־אויס אַרויף־און אַראָפּ־באַרג־שפּיצן, מיט אַ דורכשניטס־הויך פון טויזנט פוס איבערן ים. דער צופוסנס פון די בערג — דער ביבלישער טאָל אילון, דאָס טויער צו די בערג פון יהודה, איז געווען די אומדורכדרינגבאַרסטע פּאָזיציע פון פּאַלעסטינע. דאָ זענען פאָרגעקומען היסטאָרישע געשלעגן. דאָ האָט

דער מלך דוד צוריקגעטריבן די פלישתים צום באַרגיקן פלאַכלאַנד. דאָ האָבן די סאַראַצענער אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף פון „ריטשאַרד דעם לייב", אַ העלדנמוט, אין וועלכן עס דערמאָנען אונדז די פעס־טונג־רויִנען אויפן באַרג־שפּיץ.

צו דער נאַטירלעכער פעסטונג־פּאָזיציע איז נאָך צוגעקומען די גרויסע טעגאַרט פּאָליציי־סטאַציע. אירע דיקע ווענט האָבן באַקרוינט דעם מערבדיקן באַרגשפּיץ. דעם הויפּט־אַרטילעריע־פּאָסטן האָבן זיי אויסגעשטעלט אויף אַ באַרג, טויזנט דרייהונדערט פוס די הויך, וועלכער האָט באַהערשט די גאַנצע געגנט. די אָקאָפּעס אויף די דערבייִיקע באַרג־אַראָפּהאַנגען און די קייט פון באַפעסטיקטע אַראַבישע דערפער אַרום האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע. צו באַצירן די דאָזיקע מיליטערישע „ליליע", איז צווישן די צוויי בערג, דעם הויפּטפּאָסטן פון דער שווערער אַרטילעריע און דער טעגאַרט־פעסטונג געשטאַנען אַ גרויסער שטיינערנער מאָנאַסטיר, מער־ווייני־קער די גרייס פון ניו־יאָרקס מעטראָפּאָליטאַן־מוזעום. דער לעגיאָן האָט באַלד דאָרטן אַריינגעשטעלט אַרטילעריע באַטעריעס.

ס'איז ממש אַ ווונדער דאָס פאַרנעמען דורך די ישראלים אין די ערשטע טעג פון דער אינוואַזיע די פעסטונג פון לאַטרון. נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגערייניקט די בערג איבערן „באַב־אַל־ואַד", דעם 15טן מאַי, אין דער אַזוי גערופענער „מכבי־אַקציע", האָבן זיי די צווייטע נאַכט פאַרכאַפּט דאָס אַראַבישע דאָרף לאַטרון. די אַנטלויפנדיקע אַראַבישע „נישט רעגולערע" האָבן נישט געפינען פאַר נייטיק צו מעלדן וועגן זייער מפּלה דעם אַראַבישן לעגיאָן. ווי עס זאָל נישט האָבן געוועזן, האָט יגאל ידין נאָכן אַדורכפירן עטלעכע טראַנספּאָרטן מיט הילפס־מיטלען קיין ירושלים, גלייך צוריקגעצויגן זיינע חיילות פון לאַטרון, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם פראָנט קעגן די עגיפּטער. אָן אַנטשיידונג וואָס איז שפּעטער שטאַרק קריטיקירט געוואָרן. די אָביעקטיווע לאַגע איז געווען אַזוי קריטיש, אַז וואָס דער שטאַב זאָל נישט האָבן געטאָן האָט מען פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט געקענט קריטיקירן. ס'איז פּשוט נישט געווען גענוג טרופּן צו פאַרטיידיקן

אַלע פּאָזיציעס. איצטער, צען טעג שפּעטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן די וויכטיקייט פון דער לאַטרון־פּאָזיציע פאַרן לעגיאָנס צוג אויף ירושלים. גלאָב פּאַשאַ האָט ממש פאַרפלייצט לאַטרון מיט געווער און מענטשן. די יידן האָבן געמוזט ווי־עס־איז צונויפשטעלן אַ קראַפט אים זיך קעגנצושטעלן.

ווען מיקי איז נאָך געווען אין נגב, האָט בן־גוריון געהאַט באַפוילן צו שאַפן אַ נייע בריגאַדע, די 7טע, מיט אַ שטאַב פון וועטעראַנען פון דער ענגלישער אַרמיי, אונטער דער קאָמאַנדע פון מיקיס אַלטן פריינד — שלמה שמיר. איין באַטאַליאָן האָט מען צונויפגעשטעלט פון איינהייטן אַרויסגעצויגענע פון די דריי עקזיסטירנדיקע בריגאַדעס אין דער געגנט פון תל־אביב. דער צווייטער באַטאַליאָן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון דער פאַנצער־שולע מיט איר פּערסאָנאַל און אויסשטאַטונג אונטער דער אָנפירונג פון דער שולעס קאָמענדאַנט, מיקיס פּראָטעזשע — חיים לאַסקאָוו, דער דריטער באַטאַליאָן — פון נאָר־וואָס אָנגעקומענע פּליטים פון ציפּערן.

בן־גוריון, אונטערן דרוק פון די ירושלימער הילפס־רופן, האָט געפאָדערט, אַז די נייע בריגאַדע זאָל גלייך אָנגרייפן לאַטרון. שמיר האָט פּראָטעסטירט, ווייל אַ בריגאַדע קען נישט באַשאַפן ווערן אין געציילטע טעג; וועגן אַטאַקירן איז שוין אָפגערעדט. ער האָט אָנגעוויזן אויף די שפּראַך־שוועריקייטן פון זיינע סאָלדאַטן און אויף דעם פעלן פון קליידער, אַמוניציע און וואַסער־פלאַשן. אַחוץ דעם קאָן מען נישט אַטאַקירן איידער שפּיאָניר־פּאַטראָלן פאָרשן אויס די גאַנצע געגנט מיט אירע וועגן און אומוועגן.

יגאל ידין האָט אונטערשטיצט שמירן, ביי וועלכן דער עצם־געדאַנק וועגן אַ דירעקטע אַטאַקע אויף לאַטרון איז געשטאַנען אונטער אַ פרעגצייכן. ער האָט געפילט אַז לאַטרון וועט שפּעטער ווערן אַרומגערינגלט הינטן־אַרום און איז נישט געווען מסכים מיט בן־גוריונס השערה, אַז אַ פּלוצעמדיקער וואָפנשטילשטאַנד וועט מעגלעך טרעפן ירושלים אין גאַנצן אָפּגעשניטן. אַלס „פּרעמדער", האָט זיך מיקי נישט אַריינגעמישט אין וויכוח וואָס איז געווען בעיקר אַ פּאָלי־

טישע אַנטשיידונג. בן־גוריון האָט סוף־סוף צוגעשטימט אויף אַן אָפּלייג פון אַ מעת־לעת. לענגער וואַרטן האָט ער נישט געוואָלט.

די הויפּט־באַזע פון דער זיבעטער בריגאַדע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין קיבוץ חולדה, צו מערב פון לאַטרון. דאָס סאָסנע־וועלדל פונעם קיבוץ האָט געשיצט דער בריגאַדע פון אַ בייז אויג. דער קינדער־גאָרטן האָט געדינט אַלס שטאַב. ווען מיקי איז אָנגעקומען, האָט שמיר רעפערירט וועגן מצב פאַר זיינע באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן.

חוטר־ישי, דער קוואַרטיר־מייסטער פון דער בריגאַדע, געדענקט ווי נייגעריק ער האָט זיך צוגעקוקט צום „פרעמדן" וועלכער האָט אַריינגעקוועטשט זיין געפּאַקטע פיגור אין אַ קינדער־בענקל און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די דערקלערונגען פון שמירן. שמיר האָט אָנגעצייכנט אַזאַ אָפּעראַציע־פּלאַן:

„איין באַטאַליאָן, אויסגעליען פון דער אַלכסנדרוני־בריגאַדע, וועט אָנגרייפן די טעגאַרט־פעסטונג אין דעם דאָרף לאַטרון, בעת אַ צווייטער — פון דער זיבעטער בריגאַדע, וועט אָנגרייפן דעם רעכטן פליגל. די אַנדערע צוויי באַטאַליאָנען וועלן שטיין אין רעזערוו, גרייטע צו אַוואַנסירן צום וויטסטן ציל, ראַמאַללאַ. פּלוצעם האָט דער „פרעמדער" אַריינגעוואָרפן אַ שאַרפע פראַגע וועלכע האָט באַוויזן אַז ער אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין דעם פּראָבלעם. ער איז אפילו געגאַנגען ווייטער און באַלויכטן אַ מעגלעכקייט וועלכע מיר האָבן פריער בכלל נישט גענומען אין באַטראַכט. ס'איז געווען אַ זייער געשיקטער פאָרשלאַג וועלכער האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזאַ.

שמיר האָט גלייך באַהאַנדלט מיקיס קאָנצעפּציע. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע וועגן דעטאַלן ווי: קאָמוניקאַציע, זאַפּאַסן, און צייט־אויסרעכענונגען. און כאָטש די אַטאַקע האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן דרייסיק שעה שפּעטער, האָט דער רוב פון דער בריגאַדע נאָך געטראָגן ציווילע קליידער, שיך, העלע אויבער־העמדער און אַ סך האָבן נישט געהאַט קיין ביקסן.

אין גאַנג פון דער דיסקוסיע האָט מיקי אַרויסגענומען פון זיינע

צעקנייטשטע כאַקי־הויזן אַ ווייכן טאָוול־באַנד, צוגערוקט זיין בענקל צו דער וואַנט און זיך גענומען לייענען. חוטר־ישי, אַ קליינער, היציקער מאַן, מיט ארויסשטאַרטשנדיקע סלאַווישע באַקנביינער און שטאָלצן גאַנג פון אַ קאַוואַלעריסט, האָט אַריבערגעקוקט אין צווייטן עק צימער — ער איז געווען טשעקאָווע צו וויסן, וואָס אַזוינס לייענט דער באַזוכער. ס׳איז געווען אַ באַנד פּאָעזיע. „און ווי ס׳האָט אויסגעזען", זאָגט חוטר־ישי, „איז ער געווען אין דער אמתן פאַרטיפט אין דעם. אַלס אַדוואָקאַט, ריכטער און מלחמה־וועטעראַן האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט פאַרשידענע מצבים פון מענטשן אונטער אַ דרוק, אָבער קיין מאָל נישט מיט אַ מער איינדרוקספולע רעאַקציע. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַן אויסערגעוויינלעכער באַלאַנסירטקייט — אַ מין אַבסאָלוטע רו און גלייכגעוויכט ביים איבערגאַנג פון פאַרשידענע קעגנגעזעצטע פּאָלוסן".

שפּעטער, ווען דאָס צימער האָט זיך אויסגעליידיקט, האָט שמיר פאָרגעשטעלט מיקין פאַרן קוואַרטיר־מייסטער. מיקי איז געווען צופרידן זיך צו באַקענען מיט אַ קאָלעגע — אַדוואָקאַט.

ווייניקער צופרידן איז ער געווען פון אייניקע אָנשויונגען וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אויף דער נאָר וואָס אָפּגעהאַלטענער באַראַטונג.

לויט ישראלס אינפאָרמאַציע־דינסט איז דער לאַטרון־גאַרניזאָן באַשטאַנען בעיקר פון „נישט רעגולערע", מיט אַ צוגאָב פון קליינע לעגיאָן־טרופּן. מיקין האָט דאָס אויסגעזען זייער פאַרדעכטיקט:

„איך בין אומצופרידן מיטן צושטאַנד פון דער אינפאָרמאַציע. מיר דאַכט זיך, אַז זי איז נישט ריכטיק. ס׳קאָן זיין אַז אין דער קורצער צייט האָט מען נישט געקענט אויסגעפינען עפּעס מער, אָבער מיר מוזן פּרובירן".

חוטר ישי האָט אָנגעוויזן אויף די זאַפּאַסן שוועריקייטן און אויף דעם אונטערשייד אין דער טרענירונג צווישן די נייע יידישע רעקרוטן און די אַראַבישע לעגיאָנערן, טרענירטע דורך ענגלישע אָפיצירן:

— די ענגלענדער זענען אַרויס דורך דער טיר און אַריין צוריק דורכן פענצטער...

מיקי האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גענעראַל מעק אַרטור האָט נישט געגלויבט די ענגלענדער, ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די הילף פון זייער ים־פלאָט קעגן יאַפּאַן...

און דאָך, האָט זיך חוטר־ישי „געדייצט", „האָט איר געלייענט דעם ענגלישן פּאָעט ספּענצער. יאָ, כאַפּט עס דער טייוול!"

מיקי האָט זיך „פאַרענטפערט": „וואָס איז שייך איינס צום צווייטן? בעווין מיט זיין געזינדל זענען אַ באַזונדערער, שמאָל־קעפּיקער סאָרט פון ענגלענדער — אַ פאַרשווונדניקער סאָרט, האָף איך. מישט זיי נישט צונויף מיט אַ ספּענצער אָדער שעקספּיר".

ווידער אַמאָל האָט מיקי באַאיינדרוקט דעם ישראל־אָפיציר.

אויף די טרופּן פון דער 7־טער בריגאַדע האָט ער געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערן רושם. אין דער פרי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך רעקרוטן אַרום דעם האָריזאָנטאַלן שטאַנג אינעם צענטער פון קעמפּ און זיך צוגעקוקט ווי דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל פירט דורך אַ סעריע פון אויגנבלענדנדיקע גימנאַסטיק. מיקי איז נישט געווען אין שטאַנד אויפצוכאַפּן איין איינציק וואָרט פון די ענטוזיאַסטישע קאָמענטאַרן פון די אַרומיקע, אָבער די פאַרערונג זייערע האָט מען געזען אין די בליקן... אַזוי אויך זיין הנאה.

איינער אַ יונג מיט שטייפע מוסקלען האָט נאָכגעקוקט מיקין מיט באַזונדערן אינטערעס. דערשמעקנדיק אין אים אַ קאָלעגע — אַ גימנאַסטיקער, איז מיקי אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, לאָזנדיק דעם פאַראינטערעסירטן ווייזן וואָס ער קאָן. דער בחור איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער אַטלעט. איידער וואָס־ווען זענען דער 46־יאָריקער קאָלאָנעל און דער 20־יאָריקער סאָלדאַט אַריינגעטאָן גע־ווען אין אַ פאַרמעסט פון אַקראָבאַטישער געשיקטקייט. די גע־שפּאַנטקייט פון די סאָלדאַטן, אַ פּראָדוקט פון די נאַצישע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן, אויסגעוואָרצלטקייט און פון דער דערוואַרטער

אומהיימלעכער קאַנאַנאַדע פון לאַטרון, איז פאַרשווונדן. אַ האַלבער קעמפּ האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעקוקט צום אומדערוואַרטן ספּעקטאַקל.

וועגן זיין „גוט־ברודערשאַפט" מיט די איינפאַכע סאָלדאַטן דערציילט אין אַ בריוו צו עמאַן דער מלחמה־רעפּאָרטער דזשאָן קמחי:

„איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן מיקיס אָנקום אויפן פראָנט פון לאַטרון. אַלץ איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַ דערשלאָגנקייט האָט געהערשט צווישן די קאָמאַנדירן און די סאָלדאַטן, בעת זיין אָנקום. אין פאַרלויף פון איין מעת־לעת האָט זיך די גאַנצע אַטמאָספער געביטן. מיקי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ באָד־האַנטעך אַרום די לענדן און אַלעמען פאַרגעלייגט צו נעמען זונבעדער. ער האָט געלאַכט און זיך געוויצלט מיט די סאָלדאַטן און גלייכצייטיק צוגעגרייט זיי צום קאַמף".

אין דער נאַכט פון דער געפּלאַנטער אַטאַקע, נאָכן מאָלצייט, איז שמיר געזעסן מיט מיקין אין זיין פּאַלאַטקע. אויפן בעט איז געשטאַנען זיין אָפענע וואַליזקע. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע אויבער־העמדער, אַ ראַזיר־מעסער און אַ הויפן ביכער: קורצע דערציילונגען. פון סאָמערסעט מאָוהאַגאַם, שערוואוד אַנדערסאָן, העמינגווייי און דאָראָטי פּאַרקער. עטלעכע פּאָעזיע־אַנטאָלאָגיעס און אַ בוך וועלכן שלמה שמיר האָט מיט נייגיר באַטראַכט: „דער מענטשלעכער גורל" פון לעקאָמטע־דע־נאָי.

שמיר האָט אויפגעהויבן זיין בליק און זיך פאַרטראַכט:

— זאָגט מיר, מיקי, פאַר וואָס פּטרט איר אַזויפיל צייט מיט די פּשוטע סאָלדאַטן? איר זענט דאָך אַ קאָלאָנעל!

מיקי, פוצנדיק זיין ביקס, האָט אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון דער פּאַלאַטקע אויף די שורות יונגע ציפּרעס־ביימער וועלכע וועלן באַשיצן די צוקונפטיקע דורות פון קיבוץ פון די מדבר־ווינטן.

— כ׳וואָלט אייך געקענט ענטפערן מיט אַ פּאָר שיינע פראַזן, שלמה, ווי אין נוסח: „אין יעדן מענטש געפינט זיך אַ פונק פון געטלעכקייט״ וכדומה. אָבער לאָמיר זיך נישט נאַרן. זיי ווען אפשר קלינגען קאָמיש אין מויל פון אַ מענטשן, וועלכער האָט ליב דעם טרונק און ווערט אַ סך מאָל פאַרלוירן אין אַ שענק. איך געהער נישט צו די וועלכע היטן אָפּ אַלע תרי״ג־מצוות. וועל איך אייך בעסער דערציילן אַ מעשהלע...

מיט אַ פּופצן יאָר צוריק איז אויסגעבראָכן אַ אויפשטאַנד אין איינער פון די ניו־יאָרקער טורמעס. ביים העכסטן פּונקט פון דער סומאַטאָכע איז אַ קליין הינטל פון אַ טורמע־וועכטער אַריינגעלאָפן צווישן די אַרעסטאַנטן. עטלעכע געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן פּייניקן דאָס הינטל. פּלוצעם האָט זיך פון דער טונקלעניש דערהערט אַ ברומען און ס׳האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דאָרט אַ האָריק באַשעפעניש, „דער אַלטער דזשים״. ער איז נישט געווען אַזוי אַלט, אפשר אַ יאָר פינף־און־פופציק. נאָר זיינע האָר זענען געווען ווייס און ער איז געגאַנגען שטאַרק איינגעבויגן ווי עפּעס אַ פאַרצייטיקע פרימיטיווע מענטש־מאַלפּע.

דזשים איז געווען אַ דרייפאַכיקער מערדער.

ער האָט זיך דערנענטערט צו די קראַטעס און אַרויסגעברומט: „ווער ס׳וויל ווערן מיט אַ קאָפּ קירצער, זאָל ער פּייניקן דאָס הינטל״. ס׳איז געוואָרן שטיל, ס׳האָט זיך בלויז געהערט דער יאָמער פון געפּייניקטן הינטל. דאָס הינטל איז פאַר אַ מאָמענט געווען אומאַנטשלאָסן, צום סוף האָט עס דאַנקבאַר געטוליעט דאָס קעפּל צו דזשימס פיס. די קנייטשן אויפן פּנים פו אַלטן מאַן זענען געוואָרן ווייכער און ווען ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אָנגעהויבן פּיעשטשען דאָס הינטל, זענען זיינע אויגן געוואָרן צאַרט און מילד. — אַ מין איבערגעקערט בילד, פון דאָריאַן גריי*).

---

*) אַ שיינער מאַן האָט זיך פּלוצעם דערזען אין שפּיגל ווי אַ העסלעכע מאַלפּע.

ווען דאָס הינטל איז אַוועק צו זיין באַלעבאָס איז דזשים ווידער געוואָרן דזשים דער מערדער.

„אָבער אין דער רגע פון מיטלייד צום הינטל האָב איך געזען אין זיין פנים די אָפּשפּיגלונג פון גאָט. די געטלעכקייט געפינט זיך אין יעדן מענטש, שלמה! און איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן".

עס האָט געבלאָזן אַן אַוונט-ווינטל. זיי זענען אַוועק צו דער הויפּט-קוואַרטיר, איבערקוקן צום לעצטן מאָל די אַטאַקע-פּלענער. ווען שמירס שטאַב האָט קוים באַוויזן זיך אַרומצוקוקן אַרום דעם קאָנ-פערענץ-טיש, האָט זיך דערהערט אַ וואָרענונגס-געשריי: „עגיפּ-טישע אַעראָפּלאַנען!"

די „פּייער-שפּייערס" האָבן באַשאָסן די באַזע. עטלעכע אָפיצירן פון דער געוועזענער „יידישער בריגאַדע", כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין פּאַניק צווישן די „גרינע" טרופּן פון די ניי-אָנגעקומענע, האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל פון גלייכגילט.

מיקי האָט זיך גלייך אויסגעצויגן אויפן בויך. ער האָט דערזען אַז חוטר-ישי איז געבליבן זיצן ביים טיש מיט פאַרלייגטע הענט, ווי אַרויספאָדערנדיק די קוילן. מיקי האָט אַן צערעמאָניעס אויס-געשריען:

— לאָז זיך אַרונטער אויפן באָדן, טיפּש איינער!

חוטר-ישי וועלכער פלעגט שאַרף אָפּענטפערן אפילו הויפּט-ריכטער האָט זיך אָן אַ וואָרט אויסגעצויגן אויפן באָדן.

„דער שטרענגער טאָן אין מיקיס שטים האָט דאָס געמאַכט", האָט ער שפּעטער דערקלערט. געוויינלעך איז זיין שטים געווען אַ צאַרטע, ער פלעגט זיך ווענדן צו אונדז ווי צו קינדער. דאָס מאָל האָט זיין קול געקלונגען מיט שטאָלענער אויטאָריטעט".

ווען די אַעראָפּלאַנען זענען אַוועק האָט מיקי קריטיקירט די טעאַטראַלישע האַלטונג פון די הגנה-אָפיצירן. עטלעכע פון זיי זענען שטיין געבליבן אויף זייערע פּלעצער, נישט אַריין אין די אָקאָפּעס און נישט אָנגעטאָן אפילו די שוץ-קאַסקעס.

„איר דעמאָנסטרירט נישט פאַר אייערע סאָלדאַטן קיין העל־דישקייט, דאָס איז אידיאַטיזם! ווילט איר באמת אַז זיי זאָלן בעת דער באָמבאַרדירונג זיך אַרומדרייען פראַנק און פריי ווי אין אַ וואָל־טאָג? אויב איר לערנט זיי זוכן שוץ אין די אָקאָפּעס, דאַרפט איר זיין אַ ביישפּיל! די קויל אויף וועלכער ס'איז פאַרשריבן אייער נאָמען וועט אייך סיי־ווי געפינען... אָבער דאָס הייסט נישט אַז איר דאַרפט איר שיקן אַן איינלאַדונג..."

נאָך איין דערינערונג פון יענעם אָוונט, דעם 25־סטן מאַי, איז געבליבן ביי חוטר ישי: אַ שמועס מיט מיקין וועגן משפחה־לעבן. פאַראַן מענטשן וואָס אַנטפּלעקן זיך אומאויפהערלעך אין זייער טאָג־טעגלעכער האַלטונג. אַנדערע, ווי מיקי, אין קורצע אויפ־בליצן. יעדעס מאָל ווען ער האָט דערמאָנט עמאָס נאָמען האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן. זי איז געווען זיין אַלטאַר...

☆

אַלץ איז גרייט געווען פאַר דער אָפּעראַציע „בן־נון" — דער גע־היימער צייכן פון דער לאַטרון־אַקציע. אַלץ איז געלעגן אין די הענט פון גורל.

אויף דער צווייטער זייט פונעם רו:קן טאָל האָט געוואַרט דער אַראַבישער לעגיאָן. אָריגינעל — אַן איינציקער רעגימענט. שפּע־טער — פאַרשטאַרקט מיט בעדוי:נער־קאָמפּאַניעס — איז דער גאַרניזאָן באַשטאַנען פון צוויי רעגימענטן, אַרום 2500 מאַן, מיט שווערער אַרטילעריע, אַנטי־טאַנק־האַרמאַטן און געפּאַנצערטע ווע־גענער. די מערבדיקע פּאָזיציעס: די פּאָליציי־סטאַציע, דאָס אַראַ־בישע דאָרף לאַטרון און דער מאָנאַסטיר זענען געהאַלטן געוואָרן פון גלאָבס 4־טן רעגימענט. דער 2־טער רעגימענט האָט באַשיצט דעם „קאַנאָנען־באַרג" און די אַראַבישע דערפער: איוב און יאַלו — אין דרום און אין צפון.

די יידישע אַטאַקע איז אַוועק שלעכט גלייך פון אָנהייב. נישט

געלונגענע זאַפּאַס־פאַרגרייטונגען, וועגן וועלכע מיקי האָט געוואָרנט די הגנה־פירער אַ לענגערער צייט, האָבן פאַרפלאָנטערט דעם אַרויסמאַרש פון חולדה. צוליב דער שרעקלעכער היץ האָט זיך גלייך געפילט דער מאַנגל אין וואַסער־פלאַשן. געווען בלויז זיבעציק פעלד־פלאַשן. מ׳האָט אימפּראָוויזירט און צוגעטשעפּעט איינפּאַכע ביר־פלעשער. צו דעם קומען נאָך צו שפּראַך־שוועריקייטן. 4 אַזייגער פאַרטאָג, אָנשטאָט צוויי אַזייגער, האָבן זיך טומלדיק אַרויס־געלאָזן די ערשטע לאַסט־אויטאָס פון דעם אָנגרייפנדיקן „אלכסנ־דרוני״־באַטאַליאָן. די אַראַבער זענען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער אַטאַקע בעת די יידן האָבן פאַר דער צייט אָנגעהויבן שיסן פון זייער איינציקן אַלטן 65 מ״מ האַרמאַט. די געפּלאַנטע „איבער־ראַשנדיקע״ נאַכט־אַטאַקע האָט פאַרלוירן יעדן שפּור פון איבער־ראַשונג. ביז ישראלסביידע קאָלומס זענען צוגעקומען צום שפּרונג־ברעט־פונקט, האָט שוין די זון אַרויסגעקוקט פון הינטער די בערג. די אַראַבער פון דער פּאָליציי־סטאַציע און מאָנאַסטיר האָבן געזען אַלע צוגרייטונגען פון דער יידישער אינפאַנטעריע. די ישראלים האָבן מאַרשירט פאָרויס און מיקיס פאַרדאַכטן האָבן זיך באַשטעטיקט: ניט „נישט־רעגולערע״ מיט אַ ביסל לעגיאָנערן זיצן אין לאַטרון, נאָר די בעסטע טרופּן פון אַראַבישן לעגיאָן, אָפּערירנדיק מיט שווערע קאַנאָנען און מאָרטאַרס, וועמענס פּינקטלעכער ציל איז געווען דיריגירט פון די סאַנדהוירסט־טרעניִרטע ענגלישע אָפיצירן. יעדעס בערגל און גריבל איז באַשאָסן געוואָרן לויט אַ פריער אויסגע־אַרבעטן פּלאַן. די ערד איז צעאַקערט געוואָרן פון דעם פאַרניכטנדיקן פייער.

די קאַטאַסטראָפע איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. פון מזרח זענען אָנגעקומען די ערשטע כוואַליעס פון „חמסין״, דער פייערדיקער מדבר־ווינט, וועלכן די נביאים האָבן שוין באַצייכנט אַלס אַ קללה פון גאָט. אפילו דער פאַרהאַרטעוועטער בעדוִינער ווייכט פון אַ „חמ־סין״. פאַר איראָפּעער איז זיין אָפּשאַכנדיקער עפעקט אַ פולשטענ־דיקער.

די נייע סאָלדאַטן פון דער צווייטער יידישער קאָלומנע האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע וואַסער־פלאַשן און אויסגעפונען אַז זיי זענען צעבראָכן אָדער דאָס וואַסער איז אויסגערונען. זוכנדיק שוץ, האָבן זיי זיך פּלוצעם געפונען צווישן פייער פון קעגנגעזעצטע ריכטונגען וואָס איז געקומען פון די כלומרשט אומשולדיקע אַראַבישע דערפער בית־זית און בית־סוסין, באַזעצטע אַ טאָג פריער פונעם אַראַבישן לעגיאָן. די ישראלים האָבן איבערהויפּט נישט געוווסט פון דעם — און איבער די קעפּ האָט געסמאַליעט אַן אומברחמנותדיקע זון.

די פּלאַטוןֿ און סעקציע־אָפיצירן פון דער הגנה האָבן פאַר־צווייפלטע פּרובירט באַהערשן דעם וואַקסנדיקן כאַאָס, אָבער זייערע באַפעלן זענען געפאַלן אויף טויבע אויערן. די קאָמאַנדירן האָבן נישט געקענט זיך צונויפרעדן מיט זייערע עמיגראַנטן־טרופּן. זיי זענען געלאָפן פאַרויס און די סאָלדאַטן זענען געבליבן הינטערשטעליק.

די פאַרלוסטן האָבן דערגרייכט אַריבער אַכט הונדערט און וואָלטן געווען פיל גרעסער ווען נישט דער שנעלער אַריינמישונג פון רעזערוון. שלמה שמיר, אַ באַגאָסענער מיט שוויס, האָט אַריינגע־וואָרפן אין קאַמף זיינע געפּאַנצערטע כוחות. לאַסקאָוו האָט אין אַ געלונגענעם צוג באַוויזן זיין העלדישקייט און טאַקטישע געשיקטקייט. ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די צוויי אַראַבישע דערפער, און אַזוי אַרום דערמעגלעכט דעם רוב פון דער אינפאַנ־טעריע, פאַרכאַפּטע אין אַ פאַסטקע זייך צוריקצוציען. מ׳האָט אָבער נישט געקענט לייקענען אַז „בן־נון נומער איינס" האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. מעגלעך, ווי די פאַרטיידיקער פון „בן־נון" האָבן געטענהט, אַז די אַטאַקע האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרלייכ־טערט דעם דרוק אויף ירושלים.

איבער פערציק פאַרוווּנדעטע זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט און אַנדערע שוואַך־טרעניִרטע רעקרוטן האָט מען געפונען טויטע מיט די זעלבשיצער פון זייערע ביקסן פאַרהאַקט.

די ידיעה וואָס איז אָנגעקומען צוויי טעג שפּעטער האָט נאָך פאַרגרעסערט דאָס טרויעריקע בילד: דער ישראל־גאַרניזאָן אין דער

אַלטשטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן. די גאַנצע אַלטשטאָט מיט אירע מאָנומענטן און הייליקטימער איז אַריבער אין אַראַבישע הענט.

ס׳איז געווען, אפשר, דער טרויעריקסטער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער יונגער יידישער רעפּובליק. דער פּיל־קעפּיקער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן. די אַנטשיידונג וועגן ירושלים איז כמעט ווי אויסגעפאַלן לטובת די אַראַבער.

אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס פאַלן פון דער אַלטשטאָט און דער בראָך אין לאַטרון געווען אַ רעזולטאַט פון די חילוקי־דעות אין דער הויפּטקוואַרטיר פון ישראל.

ס׳איז נישט געווען קיין צענטראַלער שטאַב אויפן ירושלימער פראָנט אונטער וועלכן סיי די הגנה סיי דער פלמח זאָלן זיין אונ־טערוואָרפן. בן־גוריון און ידין האָבן זיך נישט געקענט אייניקן ווער ס׳דאַרף זיין דער הויפּט־קאָמאַנדיר אויפן דאָזיקן פראָנט. די קאָנקורענץ צווישן די ענגליש־טרענירטע וועטעראַנען פון דער יידישער בריגאַדע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און פלמחס קיבוץ־טרענירטע גאָרילעס האָט נאָך געטליעט.ביידע זענען געווען איינגעגלויבט אין זייערע מלחמה־מעטאָדן און נישט רעספּעקטירט איינער דעם אַנדערן.

די לאַגע איז נישט געווען אין גאַנצן האָפענונגסלאָז. ס׳איז געווען אַ שאַנס, אַ שוואַכער שאַנס, אַז דער שטראָם פון מפּלות זאָל גיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אָבער ווו געפינט מען אַ מענטש פון גרויסן סטראַטעגישן וויסן, וועלכער זאָל געווינען דעם צוטרוי פון אַלע פראַקציעס און דערצו — אַ דינאַמישע פערזענלעכקייט ווי ס׳פאָדערט זיך פאַר ריכטיקער פירערשאַפט אין פעלד?

בן־גוריון האָט אויף דער דרינגענדיקער זיצונג פון זיין קאַבינעט דערקלערט:

ס׳קען זיין אַז מיר וועלן מוזן איבערגעבן דעם גורל פון ישראל און די קומענדיקע דורות אין די הענט פון אַ מענטשן אָן וועלכער ס׳איז ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט. האָט דען נישט אַמעריקע אַליין, די עלטסטע פון די איצטיקע דעמאָקראַטיעס, אויפגענומען מיט

אָפּענע אָרעמס די הילף פון אַ לאַפּאַיעט, פּאַן־שטובע, קאָשטשיושקאָ? קען מען פאַרלייקענען אַז דער „נס פון נגב" איז געשען אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק מיקין?

און אַזוי איז דעם 19טן טאָג אין אייר תש"ח — דעם 28סטן מאַי 1948 אַרויס דער באַפעל פון דער פּראָוויזאָרישער ישראל־רעגירונג אונטערגעשריבן פון דוד בן־גוריון:

„בריגאַדיר־גענעראַל סטאָן ווערט נאָמינירט אַלס הויפּט־קאָמאַנ־דיר פון ירושלימער פראָנט. אונטער זיין באַפעל וועלן שטיין די בריגאַדעס: עציוני און הראל און די נייע זיבעטע בריגאַדע. גענעראַל סטאָן האָט דאָס רעכט צו פאַרמירן זיין שטאַב פון אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן פון די אויבנדערמאָנטע בריגאַדעס".

ביז איצטער איז די גרעסטע קערפּערשאַפט פון ישראל־טרופּן אונטער אַן איינציקע קאָמאַנדע באַשטאַנען פון אַ בריגאַדע און ס'זענען נישט געווען קיין אָפיציעלע אָפיצירן־ראַנגען. אין מיקיס הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ דיוויזיע. צו באַצייכענען זיין נייעם שטאַנד האָט מען אויסגעפונען אַ נייעם טיטל: „אַלוף". קיין יידישער סאָלדאַט אין ארץ־ישראל, זינט דעם אומשטערבלעכן יהודה המכבי, דער באַזיגער פון סירישן טיראַן אַנטיאָכוס דער פערטער, האָט נישט געהאַט אַזאַ טיטל. מיקי מאַרקוס איז געוואָרן גענעראַל פון דער ישראל־אַרמיי. דער ערשטער גענעראַל זייט צוויי טויזנט יאָר.

קאַפּיטל דרייצן

מיט איין קלאַפּ האָט מיקי דערוואָרבן אַ טאָפּלטן ערע־צייכן: דעם בריגאַדיר־שטערן, וועלכן מ׳האָט אים רעקאָמענדירט נישט איין מאָל, נאָר שטענדיק פלעגן אַרויסשווימען עפּעס שטערונגען און די נאָמינאַציע איז נישט צושטאַנד געקומען — און די אַקטיווע פעלד־קאָמאַנדע, וואָס דער פּענטאַגאָן האָט כסדר זיך אָפּגעהאַלטן פון צו געבן אים צוליב זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַלס שטאַב־פּלאַנירער. אָבער צוזאַמען מיט דער נאָמינאַציע האָט מיקי איבערגענומען אויך אַ גרויסן קאָפּווייטיק — אַ יאָך אין וועלכן ער וועט דאַרפן איינשפּאַנען זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות, די דערפאַרונג וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ לעבן.

זיין פאַרצווייגטע קאָמאַנדע האָט געגרייכט פון די כוואַליקע בערג פון חולדה, איבער דער באַרגקייט פון יהודה, ביז דער קאַלך־שטיינערנער פּראַכט פון דער הויפּטשטאָט — מיילן הויכע באַרג־שפּיצן, ווי איבערגעקערטע שיסלען, טיפע טאָלן, מיט ווילדע פּלאַ־מענדיקע בלומען און ריזיקע פעלדזן — אַ שטיק לאַנד, צו רוי אויף צו זיין שיין, אָבער ווי די בערגקייטן אין סיעראַ־נעוואַדאַ, פּרעכטיק אין זיין ווייט־אויסגעשפּרייטער ווילדקייט.

זיינע בעסטע טרופּן זענען געווען, ווי די בערג וואָס זיי האָבן באַשיצט: האַרטקערנדיק און צעפּרעסן דורך די ציינער פון דער צייט. זיינע צוויי וועטעראַנען־בריגאַדעס — די ציוני־בריגאַדע אין דער הויפּטשטאָט און די הראל־בריגאַדע פון פּלמח, לענג־אויס דעם ירושלימער קאָרידאָר האָבן געקעמפט 6 מאָנאַטן נאָכאַנאַנד אָן אָפּרו מיט אַ סך פאַרלוסטן. וואָס שייך די נייע 7טע בריגאַדע, איז זי געווען

שרעקלעך אומדערפאַרן. דער אַמעריקאַנער האָט גאַנץ גוט געוווּסט פון די אָנגעשטרענגטע פּערזענלעכע באַציִונגען צווישן זיינע אונטער־קאָמאַנדירן, פאַרשאַרפטע נאָך מער אין פאַרלויף פון די אומאויפהער־לעכע קאַמפן. אַ נאָמינירטער פון בן־גוריונען און אין נאָענטע פאַר־בינדונגען מיט די ענגליש־אָריענטירטע שמיר און לאַסקאָוו — וועט ער, וואַרשיינלעך, זיך אָנשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די „ריינע" גערילאַ־קעמפער — די פלמחניקעס.

די אונטערשטיצונג פון בן־גוריון איז אים געווען פאַרזיכערט. אין די אויגן פון שטאַלענעם פּרעמיער־מיניסטער איז דער אַמעריקאַ־נער קאָלאָנעל געווען אַן אַנטפּלעקונג, אַ סימבאָל פון דער גרויסער אונטערשטיצונג פאַר ישראל מצד די נישט־ציוניסטן (און אפילו נישט־יידן) פון מעבר לים. ביז איצט, איז בן־גוריון געווען ביי דער מיינונג, אַז דער לעבנס־ציל פון ישראל ווערט אין דער וועלט אונטערשטיצט בלויז פון אַ הייפל ציוניסטן־פאַנאַטיקער. דורך מיקין און די אַנדערע צען טויזנט פרייוויליקע, איז געוואָרן בולט דער פאַקט, אַז ס׳זענען פאַראַן אַ סך טאַלענטירטע מענער און פרויען אין פאַרשידענע לענדער ביי וועלכע דער העראָישער קאַמף פון ישראל האָט געוועקט זייער אָפּפערוויליקייט.

מיקי האָט געוווּנען דעם פולשטענדיקן רעספּעקט און צוטרוי מצדן „באַלעבאָס". דער אַמעריקאַנער ראַטגעבער איז געווען אין דער לאַגע פון אַ טאַסקאַניני וועלכער דאַרף פאַרמירן אַן אָרקעסטער פון נישט דערפאַרענע קינדער. ס׳איז אים אָבער געלונגען אָנצושלאָגן די ריכטיקע טענער — נישט צו שווערע, אָבער אויך נישט קיין לייכטע, און שטענדיק באַפאַרבט מיט הומאָר.

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס טרוימער מיט אַ ניכטערן פּראַקטישן בליק אויף דער ווירקלעכקייט. אַ באַלאַנס פון אַנטקעגנ־געזעצטע איינגעשאַפטן, אומגעוויינלעכע פאַר דורכשניטלעכע מענטשן. און ווייל אויך בן־גוריון איז באַשאָנקען מיט דער מתנה, האָט ער דאָס גלייך אָפּגעשאַצט ביי מיקין.

דער נייער קאָמאַנדיר האָט גענוי אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט

פון דער אונטערשטיצונג פונעם שטאַרקסטן מאַן אין ישראל, אין פאַל פון אינערלעכע רייבונגען. אָבער זיין באַלדיקע זאָרג איז געווען דער שונא, דער אַראַבישער לעגיאָן אויף דער צווייטער זייט פונעם טאָל, וועלכער האָט געוואָרגן די אויסגעהונגערטע הויפּט־שטאָט און זי באָמבאַרדירט. נאָך דעם זיג אין לאַטרון האָט גע־נעראַל גלאָב־פּאַשאַ באַלד איבערגעפירט זיינע שווערע פינף־און־צוואַנציק־פונטיקע קאַנאָנען קיין ירושלים. ער האָט באַהאַגלט ירוש־לים מיט שראַפּנעלן. דער מאַנגל אין שפּייז און אַמוניציע איז געוואָקסן. די נאַפט־זאַפּאַסן האָבן זיך אין גאַנצן אויסגעלאָזט.

אָבער מיקי איז נישט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק כדי ווידער צוגרייטן אַ שלעכט־פּלאַנירטע אַטאַקע ווי די אין לאַטרון. די אומ־זיסטע קרבנות פון לאַטרון האָבן אים קראַנק געמאַכט. די ערשטע אויפגאַבע וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט איז געווען צו פאַר־מיידן אַן איבערחזרונג פון דעם אויגן־רייסנדיקן מאַנגל אין זאַפּאַסן פאַר דער אויסגעהונגערטער שטאָט און פון דער אינפאָרמאַציע־פאַרבינדונג.

אין חולדה האָט מיקי אויספּלאַנירט אַ נייעם סיסטעם פון קאָ־מוניקאַציע צווישן ירושלים און תל־אביב. בן־גוריון האָט אויפן אָרט באַשטעטיקט זיין פּלאַן. נאָך דעם האָט מיקי באַרירט די פראַגע פון די וואַסער־פלאַשן.

„האָבן מיר נישט קיין אָריגינעלע מיליטערישע וואַסער־פלאַשן, האָט ער איינגעטענהט מיט זיינע קוואַרטיר־מייסטער, דאַרפן מיר זיי אויסמעקן פון אונדזערע אינווענטאַר־רשימות און אימפּראָווי־זירן עפּעס אַנדערש. דער עיקר איז נישט די פלאַש נאָר דאָס וואַסער. יעדנפאַלס דאַרפן מיר גלייך צוגרייטן אַלץ, און נישט אין דער לעצטער מינוט פאַרן קאַמף".

כדי צו פאַרשטאַרקן די לאָגיסטיק פון דער אַרמיי האָט ער אַרויסגעגעבן „נייע אינסטרוקציעס פאַר די בריגאַדע־קאָמאַנדירן", וועלכע האָבן באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון אַלע זייטן:

1) דער קאָמפּאַניע־אָפיציר דאַרף מיטטיילן וועגן זיינע באַ־

דערפענישן אַזוי שנעל ווי מעגלעך, אָבער ער טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט דער בלויזער מעלדונג. ער מוז ענערגיש פאָדערן פון הויפּט־קוואַרטיר־מייסטער אַלץ וואָס ער דאַרף.

2) ס׳דאַרף קולטיווירט ווערן די דיסציפּלין וועגן זאַפּאַסן־פּאַרזאָרגונג אין דער ריכטיקער צייט. ס׳מוז הערשן אַ שטאַרק געפיל פון דרינגלעכקייט בעת מיליטערישע אַק־ציעס.

3) „צייט" איז אייער הערשער. אַלץ מוז פאַרענדיקט ווערן אין צייט. איר מוזט אַרבעטן „לויטן זייגער" און נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דער צייט־טאַבעלע".

דער זאַפּאַסן צוזאַמענבראָך אין דער „בן־נון אָפּעראַציע" איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער נישט־ריכטיקער אינפאָרמאַציע, אַז די דערפער בית־זית און בית־סוסין זענען נישט באַזעצט פונעם שונא. אַן אויספאָרשונג פון מיקיס פּאַטראָלן האָט שנעל פעסט־געשטעלט אַז די דאָזיקע פליגל־פּאָזיציעס געפינען זיך נאָך אַלץ אין די הענט פון אַראַבישע טרופּן. מ׳מוז ראשית כל אַרויסטרייבן די אַראַבער פון די דאָזיקע דערפער איידער מען הייבט אָן אַ נייע אַטאַקע. אַ נייע באַטעריע פון 4־אינטשיקע מאָרטאַרס, אָנגעקומענע דעם 20־סטן מאי פון פראַנקרייך איז נאָר וואָס געבראַכט געוואָרן צום פראָנט. אין דער שפּיץ פון דער באַטעריע איז געשטאַנען דער הגנה־ספּעציאַליסט יהודה פריהאַר. מ׳האָט גלייך אָנגעהויבן באַשיסן די טרופּן פון לעגיאָן אַרום דעם מאָנאַסטיר. צוויי פון די מאָרטאַרס האָט ער ארויפגעזעצט אויף העלף־טרעקס" און אָנגעגריפן בית־זית און בית־סוסין. די מעכטיקע מאָרטאַרס האָבן צעשאָסן און אַרויס־געטריבן די אַראַבער פון זייערע שטיינערנע קאַנאָנען־פּאָסטנס און דערמעגלעכט דער אינפאַנטעריע זיך צו באַפעסטיקן דאָרט. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. אָט די קליינע אַקציע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איינער פון די וויכטיקסטע זיגן אין דער מלחמה. דאָס האָט נישט נאָר געגעבן די ישראלים אַ שפּרונג־

ברעט פאַר ווייטערדיקע אַקציעס, נאָר האָט אויך געשאַפן דאָס ערשטע רינגעלע אין דער קייט וואָס האָט דערמעגלעכט דעם שפּע־טערדיקן „בורמאַ־וועג".

מיקיס צווייטער שריט איז געווען דאָס צונויפשטעלן זיין פּער־זענלעכן שטאַב. ער האָט אָנגעהויבן מיטן „אויסלייזן" פון חיים לאַסקאָווס דזשיפּן־ספּעציאַליסט גאַבי אַנאַקאָוו. גאַבי אַנאַקאָוו, אַ מאָגערער מוסקולירטער בחור פון קאַווקאַז, וועמענס איידעלע מאַניערן האָבן נישט אויסגעגעבן זיין פעלדזיק־שטאַרקן כאַראַקטער איז געעזסן און געלייענט — בעת אַ קרעפּטיקער אָפיציר האָט אַריינגעשטורעמט אין זיין געצעלט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— דו ביסט גאַבי? איך בין מיקי סטאָן.

גאַבי האָט זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות וועגן דער פאַמיליאַ־רער האַלטונג פון דעם אַמעריקאַנער קאָמאַנדיר. ער איז אָבער נישט געווען צוגעגרייט צו אַ פּערזענלעכן באַזוך זיינעם אין זיין געצעלט. ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען און זיך געשטעלט אויף „אַכטונג".

— צעשטריי זיך, גאַבי! ס׳זעט אויס, ביסט הונגעריק, בחור! לאָמיר גיין עפּעס כאַפּן אין מויל אַריין.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פונעם עס־צימער פאַר אָפיצירן און ביי רינד־פלייש און בעבלעך אָנגעצייכנט די נייע פליכטן פאַר דעם דזשיפּן־ספּעציאַליסט, באַפּעפערנדיק זיינע רייד מיט לעבהאַפטע, ווען אפילו נישט געלונגענע פּרוון אין העברעיִש. „עטלעכע אָפיצירן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער טיש", דער־ציילט גאַבי, „מייקל סטאָן האָט קיין מאָל נישט געדאַרפט אויפ־הויבן זיין שטים כדי צו באַשטעטיקן זיין אויטאָריטעט. מ׳האָט גלייך געזען אַז דאָס איז אַ מענטש וואָס ווייסט וואָס ער זאָגט"...

גאַבי האָט גלייך פאַרגעטערט מיקין, פּונקט ווי זיין פריערדיקן קאָמאַנדיר, חיים לאַסקאָוו.

— דאָס איז געווען אַ מענטש — האָט גאַבי זיך פאַרכליניעט —

וואָס נאָר צען מינוט פאַרברענגען מיט אים האָסטו אים פאַרגעטערט און נישט פאַרגעסן שוין דאָס גאַנצע לעבן.

אַלס זיין אַדיוטאַנט האָט מיקי אויסגעקליבן אַלעקס ברוידע, דעם הגנה־אָפיציר מיט וועלכן ער האָט זיך באַגעגנט אין טעדי קאָלעקס ביוראָ אין ניו־יאָרק. ברוידע איז געווען אַ סאָלדאַט אַן אינטעלעקטואַל; דין, מיט אַן אַסקעטישן אויסזען, אַ לאַנג שמאָל געזיכט און אַרונטערגעלאָזטע וואָנצעס, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רוסישן אַריסטאָקראַט — אַ פּרוש. געענוי ווי גאַבי און דער קוואַדראַט־אַקסלדיקער חיים לאַסקאָוו האָט ער געהאַט רעספּעקט פאַרן אַמעריקאַנער, אַ רעספּעקט וואָס האָט געגרענעצט מיט פאַרגעטערונג.

מיקיס שטאַב איז געשטאַנען אין עקרון, אין צפון־מערב פון חולדה, די ביבלישע שטאָט, ווו די פּלישתים האָבן געליטן גרויסע מפּלות בעת זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם הייליקן ארון. אָפיציעל וועט די הויפּט־קוואַרטיר געשאַפן ווערן ווען מ׳וועט זיך ווידער פאַרבינדן מיט ירושלים. אָבער מיקי האָט שוין אָנגעצייכנט פאַר בן־גוריונען אַ פּלאַן פון אַ שטאַב, אַ מאָדעל פאַר דער גאַנצער אַרמיי, פון די טאַלאַנטן פון ביידע — פון דער הגנה און פונעם פּלמח.

די פאַראייניקטע כוחות אין ירושלים וועלן אָנגעפירט ווערן פון יגאל אלון, הויפּט פון פּלמח. די אַרומוואַנדערנדיקע 7־טע דיוויזיע, שוין מאָטאָריזירט, וועט זיין אונטער דער קאָמאַנדע פון חיים לאַסקאָוו; און מיקיס געהילף אין שטאַב: שלמה שמיר; יצחק ראַבין פון פּלמח אַלס אָפּעראַטיווער אָפיציר; חיים הערצאָג, דער לייטער פון דער מיטטיילונגס־דינסט און אפרים בן־ארצי, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון „אל־על״, זיין קוואַרטיר־מייסטער.

דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל וועט זיין פּעיִק אונטערצונעמען אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב. מיקי האָט שוין אויסגעאַרבעט די פּלענער ווי אַזוי צו פאַרנעמען לוד, רמלה, ראַמאַללאַ און אַנדערע אַראַבישע שליסל־צענטערן. אָבער די ערשטע אויפגאַבע איז צו באַזיגן דעם צאַם פון לאַטרון.

מיקי האָט געוויגן און געמאָסטן זיינע קרעפטן אַנטקעגן דעם גוט־דערנערטן און פון ענגלישע אָפיצירן אָנגעפירטן אַראַבישן לעגיאָן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פוטבאָל־־טרענירער וועלכער נעמט איבער די לייצעס פון אַ נישט־דערפאַרענער גרופּע פון אַ קליינעם קאָלעדזש, און אָן אַ רעזערוון־באַנק. ער איז געווען געצוווּנגען זיך צו באַגרענעצן צו טאַקטיקעס וועלכע זיין מאַנשאַפט איז בכוח דורכצופירן, און גלייכצייטיק זיך קעגנשטעלן אַ גוט־טרענירטן קעגנער, אַ קאָנצענטרירטן אויף שטאַרקע פּאָזיציעס וואָס מ׳קען נישט דורכברעכן. מ׳וועט שוין געפינען עפּעס אַן אויסוועג, אַ נישט געוויינלעכע איבערראשונג. די קונץ איז צו קענען באַלאַנסירן צווישן פּערפּעקטקייט און כיטרעקייט און האָפן אויף דאָס בעסטע. קיין פּלאַן איז הונדערט פּראָצענט נישט זיכער, מזל איז אַ שטילער שותף אין יעדער דערפאָלגרייכער מיליטערישער אַקציע.

גלייך פון אָנהויב איז מיקי געווען אַנטשלאָסן אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימום פון זיינע קליינע פּאַנצער־קרעפטן. חיים לאַסקאָוו האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועלכער איז מיקין שטאַרק געפעלן געוואָרן. לאַסקאָוו וועט עפענען די שלאַכט מיט אַ דירעקטער שאַרפער אַטאַקע אויף די מערב־פּאָזיציעס: די פּאָליציי־סטאַנציע, דאָס דאָרף לאַטרון און דעם מאָנאַסטיר. די אינפאַנטעריע וועט אַרומרינגלען דעם הינטערשטן טייל פון „קאַנאָנען־באַרג״ און פאַרכאַפּן דעם אַרטילעריע פּאָסטן און אַזוי אַרום צעשפּאַלטן די צוויי לעגיאָן־רעגימענטן, און דאַן וועלן די ישראל־פּאַנצערס צוזאַמען מיט דער אינפאַנטעריע דערלאַנגען דעם לעצטן טויט־קלאַפּ. דאָס איז געווען אַ געוואַגטער און קאָמפּליצירטער פּלאַן, פאָדערנדיק אַ פּינקטלעכע צייט־אויסרעכענונג, נאָך פיל מער ווי די קאָמפּליצירטסטע מאַנעוורעס.

אַזוי ווי ס׳וועט זיין בעיקר אַ 7־טע־בריגאַדע־אָפּעראַציע, פאַלט זי אַרונטער אונטער שלמה שמירס קאָמאַנדע. מיקי, שלמה שמיר, חיים לאַסקאָוו און אַנדערע אָפיצירן האָבן באַאַרבעט דעם פּלאַן מיט אַלע זיינע איינצלהייטן, ביז די באַוועגונגען פון יעדער אָפּ־

טייל/נג. עס האָט זיך אויסגעשיילט אַ פּלאַן פון אַן אַטאַקע אין דריי פאַזן:

1) לאַסקאָווס געפּאַנצערטע מאַכט וועט אין די פרימאָרגן־שעהן אַריינשטורמען אין דער פּאָליציי־סטאַציע, אַנדערע שאָק־טרופּן וועלן אַריין אין דאָרף און באַזייטיקן די אַראַבישע קאַנאָנען־באַטעריע אין מאַנאַסטיר.

2) די אינפאַנטעריע פון דער 7־טער בריגאַדע, דריי קליינע קאָמפּאַניעס פון רעקרוטן־עמיגראַנטן, אָנגעפירט דורך די פאַרהאַרטעוועטע פלמח־טרופּן, וועט שנעל איבערנעמען און פאַרפעסטיקן די ניי־איינגענומענע פּאָזיציעס, דער־מעגלעכנדיק די פּאַנצערס זיך איבערצוגרופּירן אויף צו אַטאַקירן אַנדערשווו, לויט דער פאָדערונג פון דער סי־טואַציע.

3) איין דערפאַרענער אינפאַנטעריע־באַטאַליאָן פון דער גבעתי־בריגאַדע, אויפן אָרט פון דער באַשעדיקטער אין דער ערשטע אַטאַקע אויף לאַטרון אַלעקסאַנדראָני־בריגאַדע, וועט צוערשט אַריבערגעפירט ווערן צו זייער „שפּרונג־ברעט פּאָזיציע אין „באב על־וואד" (שער־הגיא). צו דער באַשטימטער שעה וועלן זיי זיך אַרויסלאָזן צו צפון צו און אַטאַקירן דעם „קאַנאָנען־באַרג" און דאָס דאָרף יאַלו פון הינטן, שפּעטער וועלן זיי פאַרזעצן זייער טיפן פלאַנקן צוג צו מערב און באַפאַלן הינטן־אַרום דעם שטאַרקן פונקט פון אימוואַס אין שכנות פון דער פּאָליציי־סטאַציע און אַזוי אַרום פאַרהיטן אַ קאָנטער־אַטאַקע אויף לאַסקאָוון פון אימוואַס.

פינקטלעכע צייט־אויסרעכענונג איז געווען לעבנס־וויכטיק פאַר דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע. ווייל נישט נאָר איז לאַסקאָווס אַמוניציע געווען באַגרענעצט, נאָר אויך די אַרטילעריע־שטיצע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פיר באַרג־האַרמאַטן און עטלעכע טומל־מאַכנדיקע נישט פינקטלעכע „דאַווידקעס". פאַרשטאַרקט איז

די אַרטילעריע געוואָרן דורך פּריהאַרס 4־אינטשיקע מאָרטאַרס, וועלכע מ׳האָט אויפגעשטעלט אויף אַ באַרג־אָפּהאַנג אין צפון פון חולדה. די אַראַבישע מאָרטאַרס האָבן אַהין נישט דערגרייכט.

פון דעסטוועגן האָט מיקי זיך נישט געקענט דערלויבן קעגנ־צושטעלן אַ פּאָזיציע פון קאַנאָנען מיט אַ שטרעקע־לויף פון כמעט 7 מייל, העכער צוויי מאָל ווייטער פון זיינע. לאַסקאָווס אַנגריף וואָס וועט צווינגען דעם שונא אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ וועט נאָר געלינגען דעמאָלט ווען די אַקציע פון גבעתי־באַטאַליאָן וועט געלינגען.

די גבעתי־בריגאַדע פון וועלכער מען וועט אויסבאָרגן טרופּן פאַר דער אַקציע „בן־נון נומער 2״ איז געווען אַ דערפּאַרענע פראָנט־ליניע פאָרמאַציע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט ביי די קאָמוני־קאַציע־קאַמפּן אין דרום־מזרח פון תל־אביב און אויך ביים אָפּשטעלן די עגיפּטישע פּאַנצערס ביי אשדוד. זי האָט אָבער געהאַט אַ סך פאַרלוסטן אין קאַמף מיט די עגיפּטער. שמעון אבידן, דער גבעתי־בריגאַדיר, האָט אַרויסגעצויגן דעם באַשעדיקטן 52־טן באַטאַליאָן און אויסגעפּילט זיינע רייען מיט נייע רעקרוטן און אים אָפּגעשיקט צו דער נייער קאָמאַנדע.

דעם 29־טן מאַי האָט זיך עמי, דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר פון דער גבעתי־בריגאַדע, געמאָלדן צו דער ערשטער שטאַב־באַראַטונג אין חולדה.

— נו, שלמה! וואָס איז דער פּלאַן? — האָט ער זיך נאָכ־געפרעגט.

שמיר און זיין אָפּעראַציע־אָפיציר, חיים הערצאָג, האָבן אָנגע־צייכנט דעם פּלאַן: דער גבעתי־צוג צו צפון פון באַב־על־וואַד אַריבער דעם שונאס ליניעס וועט אָפּשניידן דעם צוריקטריט פאַר די אַראַבישע קרעפטן פון דעם „קאַנאָנען־באַרג״.

— ווי געפעלט דאָס דיר, עמי?

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף עמיס טונקעלן פּנים.

— און וואָס וועט זיין ווען זיי וועלן באַשליסן זיך נישט צוריק־צוציען?

זיינע אַנדערע פראַגן זענען געווען פון זעלבן סקעפּטישן כאַראַק־טער. עס האָט מיקין אויסגעזען, אַז דער גבעתי־אָפיציר פאַר־אינטערעסירט זיך מער מיט דער זיכערקייט פון זיינע טרופּן ווי מיטן דערפאָלג פון דער אַקציע.

ווען עמי איז אַוועק איז מיקי געבליבן זיצן פאַרזונקען אין מחשבות, נאָכקוקנדיק אים. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו הערצאָגן:

— לאָמיר זיך נעמען צו דער עבודה...

לויטן פּלאַן האָט זיך די אַטאַקע געדאַרפט אָנהייבן דעם זעלבן אָוונט, אָבער דער גבעתי־באַטאַליאָן איז אַרויס אין מאַרש שפּעטלעך און האָט געמוזט איבערנעכטיקן אין בית־סוסין, האָט מען די אַטאַקע אָפּגעלייגט אויף אַ גאַנצן מעת־לעת.

לאַסקאָוו האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אויף צומאַכן טאָג־איבונגען, דעם 30־סטן מאַי, כדי יעדע פּאַנצער־מאַנשאַפט זאָל אויס־פּרובירן איר שנעלקייט און קאָאָרדינאַציע מיט דער פאָרמאַציע וואָס וועט אַטאַקירן ביינאַכט לאַטרון. די יונגע אָפיצירן האָבן אויפגעּ־נומען די רעפּעטיציע אין העלן טאָג האַלב־שפּאַסיק. ביז מיקי איז אָנגעקומען און אויפגעקלערט: ביינאַכט וועט נישט לייכט זיין אָנצו־האַלטן קאָנטאַקט מיט דער אינפאַנטעריע, סיידן יעדער קאָמאַנדיר וועט זיך האַלטן ביי זיין צייט־טאַבעלע.

די סמאַליענדיקע זון איז אַוועק, איבערלאָזנדיק שפּורן פונעם לעצטן חמסין. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ נאַכט אָן אַ לבנה, אָן דעם געוויינטלעכן אָפּפרישנדיקן ים־ווינטל. ווען לאַסקאָווס פּאַנצערס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דריי שורות, איז מיקי אַריינגעשפּרונגען אין פירנדיקן פּאַנצער פון דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר. דאָס מאָל האָט אים קיינער נישט געקענט אָפּהאַלטן. טראָץ דעם וואָס „בן־נון נומער 2" איז טעכניש געפירט געוואָרן פון שלמה שמיר, איז אָבער דער בריגאַדיר סטאָן, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון ירושלימער פראָנט, געווען פריי צו גיין ווו ער האָט געוואָלט.

דער שוואַכער פּונקט פון לאַסקאָווס צוואַנציק פּאַנצערס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ׳האָט זיי נישט געקענט קוואַליפיצירן

אַלס פּאַנצערס. דאָס זענען געווען „סאַרדין־שאַכטלעך", באַפּעסטיקט מיט צוויי שטאָל־פּלאַטן און אַרויפגעשטעלט אויף אויסשפּיר־אויטאָס. די וועגענער זענען אין עטלעכע פּלעצער געווען באַדעקט בלויז מיט האָלץ, און ערטער־ווייז אין גאַנצן הויל, אָן באַדעקונג. פון דעסטוועגן האָט יעדער וואָגן פאַרמאָגט אַ טורעם מיט אַ זיק־פּלאַץ פאַר אַ מיטלמעסיקע זיך דרייענדיקע מאַשין־ביקס און אַ צווייטע סטאַטישע מאַשין־ביקס. דער גרעסטער טייל פון די „פּאַנצערס" איז געווען אין דער ערשטער קאָלומנע וואָס האָט געדאַרפט אַטאַקירן די פּאָליציי־סטאַציע. אויסער די „פּאַנצערס" זענען געווען אין דער קאָלומנע 5 וועגענער מיט טראַקטאָר־רעדער אויף קייטן, פירנדיק מאַשין־ביקסן, פייער־וואַרפערס און אינפאַנטעריע, און אַן אונטערשטיצונג־קאָמ־פּאַניע מיט לייכטע מאָרטאַרס.

לאַסקאָווס אַנדערע צוויי קאָלומנעס, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מאָנאַסטיר אין דעם אַראַבישע דאָרף, זענען באַשטאַנען פון דריי פּאַנצערס און איין אינפאַנטעריע־פּלאַטון אין יעדער קאָלומנע. דער קאָמאַנדקאַר מיט צוויי דזשיפּס ביי די זייטן איז דער ערשטער אַרויס פון חולדה. טראָץ דעם אויסגעשטערנטן הימל איז די נאַכט געווען אַ פינצטערע. ווען די קאָלומנע האָט זיך געצויגן איבערן אַספאַלט־שאָסיי האָט מיקי געקוקט אויף צוריק, אָנשטרענגנדיק זיך צו אונטערשיידן די נאָכפאָרנדיקע פּאַנצערס.

— דיינע שאָפערן מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט, האָט ער לאַסקאָוון געמאָלדן, אַ גרינטלעכע צוגרייטונג באַצאָלט זיך...

פאָרנדיק צווישן נידעריקע גראָזן און שאַרפע בערגלעך, האָט די „פּראָצעסיע" אָנגעהויבן אַרויפקריכן צום „שפּרונג־ברעט"־פּונקט, אַ הויכלאַנד פאַרנומען ביי דער „אָפּעראַציע נחשון". ס'איז געווען שטיל אין טאָל. פונוויטנס האָט זיך דערטראָגן אַ שיטערע האַווקעריי פון מאַשין־ביקסן.

מיקי האָט זיך געפונען אין אַ גלענצנדיקער שטימונג, ענטוזיאַס־טיש ווי שטענדיק פאַר אַן אַטאַקע. זיין קאָנצעפּציע איז געווען: „אַן אַטאַקירנדיקע אַרמיי איז אַ זיגרייכע אַרמיי". ווי דער „אינדי־

אַנער" יאַבלאָק, מיקיס פריינד אין פּוס־באַל־שטערן האָט אָפּט באַמערקט:

„מיקי האָט פּשוט נישט געקענט אויפכאַפּן מיט זיינע חושים דעם באַטייט פון געפאַר. סיטואַציעס וועלכע האָבן אַרויסגערופן געשפּאַנטקייט ביי אַנדערע האָבן ביי אים נאָר פאַרשאַרפט זיין רעפלעקס".

אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג, דעם 31־טן מאַי, האָבן זיך די דריי קאָלומנעס צעטיילט און אַוועק געהיים צו זייערע צילן. לאַסקאָווס געפּאַנצערטער אויטאָ איז מיט אַ זייטיקן וועג צוגעקומען ביז צוויי הונדערט יאַרד ווייט פון דער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרטן, אַ ביסל ווייטער, ביי אַ גראָזיקער שוצוואַנט פון אָנגעשאָטענער ערד איז אויפגעשטעלט געוואָרן די הויפּט־קאָמאַנדע פון באַטאַליאָן. אַיין דזשיפּ האָט געפירט קאָמוניקאַציע־אויסשטאַטונג און דער צווייטער — צו דער דיספּאָזיציע פון מיקין.

מיקי האָט זיך אַרויסגעהויבן פון אויטאָ, אָפּאָטעמענדיק טיף. נאָרמאַל איז די נאַכט־לופט אין די ירושלימער בערג ווי אַ גוטער ריינער ווין: לייכט, דורכזיכטיק און טרוקן. היינטיקע נאַכט איז זי געווען שווער און באַוועגלאָז. מיקי האָט אַ פּאַטש געטאָן אַ בייזער „באַרחאַש"־פליג, אָנגעטאָן זיין שטאָלענע שוץ־קאַסקע און זיך אַוועקגעזעצט ביי לאַסקאָווס זייט אונטער אַן אַקאַציע־בוים. זיי האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון שונא, אפילו אַ ביקסן קויל האָט זיי געקענט טרעפן, אָבער די נאַכט־פינצטערניש האָט אַרויסגערופן דאָס פולשטענדיקע געפיל פון אָפּגעזונדערטקייט.

ביסלעכוויז האָט זיך פון דער פינצטערניש גענומען אויסשיילן דער זוים פון באַרגשפּיץ און די טעגאַרט־פעסטונג פון לאַטרון, שוואַרץ און מוראדיק, אַ טויזנט פוס איבערן טאָל. פון דער ריכטונג פון מאָנאַסטיר האָט זיך דערטראָגן אַ שיסעריי. אַ קורצער, שאַרפער אויסטויש פון שאָסן, און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

לאַסקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער. לויט דער צייט־טאַבעלע האָט זיך עס שוין געדאַרפט אָנהויבן. ער האָט זיך איינ־

געבויגן צו קאָנטראָלירן ביי מיקין זיין זייגער. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ זעץ פון אַ שווערן מאָרטאַר הינטער זיי, ווי דאָס אַרויספּלאַצן פון אַ קאָרעק פון אַ שאַמפּאַניער־פלאַש. פופצן סעקונדעס שפּעטער האָט אַ פלאַצנדיקע באָמבע באַלויכטן אַ ווינקל פון דער גרויסער פיר־טורעמדיקער פּאָליציי־סטאַציע. די שלאַכט איז אַריין אין פולן גאַנג. אַ געלונגענער שאָס פון אַ יידישן האַרמאַט האָט געטראָפן, אין אַן אַנטי־טאַנק־קאַנאָן פון דעם לעגיאָן. לאַסקאָווס פאַרשער האָבן אויסגענוצט די פינצטערניש און דעם געבוי פון שטח און זיך דערנענטערט צו דער פּאָליציי־סטאַציע. זיי האָבן אַריינגע־האָגלט אַ מאַשין־געווער פייער אין דער סטאַציע. סאַפּערן האָבן אויפגעריסן דעם פּאַרקאַן פון שטעכל־דראָט און געעפנט אַ וועג פאַר די סאָלדאַטן מיט די פייער־וואַרפערס. הגם די אַראַבער האָבן צוריקגעשאָסן פון זעקס־פונטיקע אַנטי־טאַנק־קאַנאָנען און מאַשין־ביקסן, איז אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום דער דאַך פון דער פעסטונג שוין געשטאַנען אין פלאַמען. די ישראל־אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן פונקט צו דער צייט.

דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער אַקציע איז געשילדערט געוואָרן פון י. ראַוסאן דעמאָלט ערשטער לייטענאַנט, אַדיוטאַנט אין 4־טן באַטאַליאָן פון אַראַבישן לעגיאָן:

„אַכט יידישע פּאַנצערס האָבן זיך דורכגעריסן דורכן צוים פון שטעכל־דראָט אַרום דער פּאָליציי־סטאַציע. מיר האָבן באַמערקט צוויי פון זיי, עפענענדיק אַ פייער פון „פייער־וואַרפערס" אויף די פענצטער און דעם אייזערנעם טויער, כדי צו עפענען אַ וועג פאַר זייער אינפאַנטעריע, אַריינצודרינגען אין דער פעסטונג און פאַרניכטן אירע פאַרטיידיקער. די אַראַבישע לעגיאָנערן האָבן אין גרויס איילעניש גענומען שיסן אין אַלע ריכטונגען.

„דאָס פייער פון די „פייער־וואַרפערס" האָט געטראָפן צוויי הילצערנע געביידעס און זיי זענען אַוועק אין פלאַמען. ס'איז געוואָרן ליכטיק ווי אין העלן טאָג. דאָס ליכט האָט אויפגעדעקט דעם שונאס פּאָזיציעס און דעם פּלאַץ פון זייערע פּאַנצערס".

דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער. די אַטאַקירער האָבן זיך געריסן פאָרויס און די האַרמאַטן־שאָסן פון לעגיאָן האָבן זיי געשניטן פון אַלע דריי באַפעסטיקטע פּאָזיציעס, באַלייכטנדיק דעם טאָל פאַר מײלן אַרום. דער סטאַקאַטאָ־געקנאַל פון די אַנטי־טאַנקן־קאַנאָנען איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם געדונער פון דער שווערער אַרטילעריע.

ביים באַרג־זייט פון דעם באַטאַליאָן־שטאַב האָבן קוילן און שראַפּנעלן זיך אָנגעשלאָגן אין דער שוץ־וואַנט. מיקי האָט אין גרויס שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו די ראַדיאָ־ראַפּאָרטן פון די קאָמאַנדירן. ענדלעך איז די שיסעריי פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן, צוערשט אַרום דעם מאָנאַסטיר און שפּעטער אויך אַרום דער פּאָליציי־פעסטונג.

מיקי איז אויפגעשפּרונגען און טריומפירנדיק אַ זעץ געטאָן מיט זיין פויסט אין האַנט־פלאַך.

— חיים! לאַטרון איז דיינע!

די ראַפּאָרטן האָבן באַשטעטיקט אַז די פּאַנצערס האַלטן אין זייערע געווינסן אין אַלע פּונקטן און זיי וואַרטן אויף דער אינפאַנטעריע. לאַסקאָוו האָט באַפוילן די אינפאַנטעריע פון דער 7טער בריגאַדע זיך אַריינצווואַרפן אין דער אַקציע. אין געציילטע סעקונדעס אַרום האָבן די סאָלדאַטן אויפן באַרג געהערט דעם מאָטאָר־רויש פון די אינפאַנטעריע־לאַסט־אויטאָס. באַלד איז שטיל געוואָרן און ס׳האָט זיך געהערט אַ אומקלאָרער באַפעל, וואַרשיינלעך, אויסצוּ־שטייגן פון די וועגענער. גלייך נאָך דעם האָט אָפּגעהילכט אַ שרעק־לעכער אויפרייס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד אַרום.

מיקי האָט זיך אויסגעדרייט צו לאַסקאָוון זייער אַלאַרמירט:
„מינעס!״.

ביידע מענער האָבן זיך אויסגעשטרעקט פאָרויס זיך איינצוהערן וואָס ס׳וועט ווייטער פּאַסירן. ס׳האָבן זיך דערהערט פאַרשטיקטע געשרייען, וואַרשיינלעך פון אַן אומגליק. דער רויש פון די מאָטאָר־

וועגענער האָט זיך באַנייט. לאַסקאָוו האָט געשיקט אַן אָפּיציר אויס־צופאָרשן וואָס ס׳איז געשען.

די ראַדיאָ־רופן האָבן זיך פאַרשטאַרקט:

— ווו איז די צוגעזאָגטע אינפאַנטעריע?

די רופן זענען געוואָרן אַלץ דרינגלעכער, ספּעציעל פון דער פּאָליציי־פעסטונג. ס׳זענען אָנגעקומען לעגיאָן־רעזערוון. פונעם דאַך און פון די פענצטער פון דער פעסטונג האָבן זיי באַהאָגלט די ישראל־פּאַנצערס מיט גראַנאַטן — אַ סאָרט אַטאַקע וואָס האָט זיך געלאָזט פילן באַזונדערס די אָפענע וועגענער. דעם לעגיאָנס זעקס־פונטיקע האַרמאַטן האָבן אויסגעפונען דעם ריכטיקן מרחק און אָנגעטאָן גרויס שאָדן. דער אַטאַקירנדיקער ישראל קאַלום איז באַנוצט געוואָרן צום דורכברוך אָבער נישט געווען צוגעפּאַסט צו פירן אַ דויערנדיקע פּאָזי־ציע. אַ רויִקע ראַדיאָ־מעלדונג צו די קאַנאָנען־שיסער אין חולדה פון אַ יונגן אָפּערייטאָר וואָס זיין אויטאָ איז געשטאַנען אין הויף פון דער פּאָליציי־סטאַציע האָט געלויטעט:

„דער שונא האָט אַריינגעבראַכט 25־פונטיקע... שטעלט אָן אייער קאַנאָנען צו רעכטס...״ פּויזע. אַן אויפרייס. „אונדזער וואָגן איז אין פלאַמען״. דערנאָך — שטילקייט.

דער אָפּיציר וועלכן לאַסקאָוו האָט געשיקט אויסצופאָרשן איז צוריקגעקומען. ער האָט געמאָלדן: ״כ׳האָב באַוויזן צו זען די ליכטער פון אונדזערע טראַנספּאָרט־וועגענער וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו זייער באַזע. וואַרשיינלעך, זענען עטלעכע אינפאַנטעריסטן אַרויפ־גייענדיק אויף זייערע וועגענער ארויף אויף אַ מינע־פעלד״.

מ׳האָט נאָך געקענט ראַטעווען די סיטואַציע. די אַטאַקע פון גבעתי־באַטאַליאָן האָט זיך נאָכנישט אָנגעהויבן. ווען זיי געלונגען האַנדלען שאַרף לויטן פּלאַן וועלן די לעגיאָנערן זיין געצווונגען אויסצודרייען זייערע קאַנאָנען אין זייער ריכטונג און דאָס וועט דערמעגלעכן די פּאַנצערס זיך איבערצוגרופּירן. דערווייל האָט דער סיגנאַל־דזשיפּ זיך נישט געקענט פאַרבינדן מיטן גבעתי־באַטאַליאָן. לאַסקאָוו האָט אַרויסגעצויגן אַ פלאַש, אַ היבשן זופּ געטאָן און

איר איבערגעגעבן מיקין. דערווייל איז געקומען צולויפן גאַבי אַנאַקאָוו, זיך ווישנדיק דעם שטערן. ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען די פלאַש וואָס מיקי האָט אים דערלאַנגט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַ שלונג געטאָן. ער האָט זיך פאַרכליניעט. דאָס איז געווען קאָניאַק און נישט קיין וואַסער. ער האָט צוריקגעגעבן די פלאַש זיינע שמייכלענדיקע קאָמפּאַניאָנען.

פאַרשנדיק די טונקעלע קאָנטורן פונעם באַרגשפּיץ האָט מיקי פּלוצעם אָנגעכאַפּט לאַסקאָוס אָרעם: „זע נאָר, חיים! אויף יענער זייט מאָנאַסטיר, רעכטס!"

אויסדרייענדיק זיך, האָט לאַסקאָוו דערזען דעם פייער אויפבליץ און דערהערט דעם קנאַל פון אַן 18פונטיקן שראַפּנעל פון דער ריכטונג פון אימוואַס, די שליסל־פּאָזיציע וועלכע האָט באַדאַרפט באַזייטיקט ווערן דורך דער גבעתי־פלאַנקן־אַטאַקע.

— ווו איז עמי, צו אַלדע שוואַרצע יאַר? — האָט מיקי געשריגן.

לאַסקאָוו איז צוגעלאָפן צום ראַדיאָ־דזשיפּ און געפאָדערט אַ באַלדיקע פאַרבינדונג מיטן גבעתי־באַטאַליאָן. אָבער זיין אָפּעראַטאָר האָט נישט געקראָגן די פאַרבינדונג.

די לעגיאָן־קאָמאַנדאַ, דערשמעקנדיק עפּעס אַ טעות אין די ישראל־פּלענער, האָט געעפנט אַ קאַנאָנען־פייער אין אַלע ריכ־טונגען. די סצענע האָט לעבעדיק געשילדערט דער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט מנחם תלמי:

„דער טאָל אילון האָט געקאָכט און געזאָדן. ס׳האָט אויסגעזען אַז די עקספּלאָזיעס קומען פון זיין אייגענעם אינגעווייד. מאַשין־געווער קוילן אין די צענדליקער טויזנטער זענען געפאַלן אויף די בערג און פעלדזן. די צעריסענע ערד, וועלכע האָט איינגעשלונגען אַ האָגל בליי אַ וואָך פריער האָט ווידער געעפנט איר מויל".

אין סאַמע מיטן פון גיהנום זענען מיקי און לאַסקאָוו געשטאַנען אונטערן אַקאַציע בוים און זיך צוגעקוקט צום פייער שטראָם פון דער אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע. זיי האָבן אומאויפהערלעך געשאָלטן, לאַסקאָוו אין רוסיש און מיקי אין ענגליש:

— זיי נוצן אַרטילעריע ווי מאַשין־ביקסן, האָט לאַסקאָוו געברומט.

— געגנוי אַזוי שרעקלעך ווי אויף די ים־ברעגן פון נאָרמאַנדיע, האָט מיקי צוגעשטימט.

— וואָס האָט פּאַסירט מיט עמין?

דער אַמעריקאַנער האָט באַשלאָסן דאָס אַליין אויסצופאָרשן. ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך לאַסקאָווס אָפּהאַלטנדיקן אים אָרעם און אַוועקגעשפּרייזט באַרג־אַרונטער אין דער פינצטערניש. לאַסקאָוו האָט אים נאָכגעשיקט גאַבין מיטן דזשיפּ.

ווען דער דזשיפּ איז אָנגעלאָפן, איז מיקי אין אים אַריינגעשפּרונגען. אייניקע פון די ישראל אטאקירער האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַטאַקע איז דורכגעפאַלן. מיקי און זיין שאָפער האָבן געמאַכט אַן אומקרייז און זענען אָנגעקומען צו דער הינטער־ליניע און אויסגעטיילט וואַסער. אפילו פון אַזוי נאָענט האָט מיקי נישט געקאָנט אויסגעפונען ווו דער גבעתי־באַטאַליאָן געפינט זיך. ער האָט אויפגעהויבן צוויי פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און געהייסן גאַבין זיך אומקערן.

זיי האָבן געטראָפן לאַסקאָוון אַ טרויעריק־פאַרטראַכטן. פון בריגאַדע הויפּט־קוואַרטיר האָט מען אים געמאָלדן: דער גבעתי־באַטאַליאָן איז געבליבן שטעקן אין צור־איוב. ער קען נישט אַוואַנסירן. מען האָט אים דערלויבט זיך צוריקצוציען.

מיקי איז געבליבן פאַרשטיינערט. דיר־איוב געפינט זיך דאָך אין מזרח ווייט פון דער שלאַכט־זאָנע, ס'הייסט, אַז די גבעתי־אַטאַקע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט גלייך פון אָנהויב. פון זיי וועט קיין הילף שוין נישט קומען.

מיקי האָט זיך קוים איינגעהערט אין לאַסקאָווס ווייטערדיקע ווערטער:

— כ'האָב מורא אַז מ'קען מער נישט אויסהאַלטן. וועט ווערן ליכטיק וועלן מיר אַרומגערינגלט ווערן. כ'גיי זאָגן שלמהן, אַז מ'מוז זיך צוריקציען.

— געוויס! — האָט מיקי אַ פּאַרטראָגענער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט זיך מיט אַ שווער געמיט אַוועקגעזעצט אויפן גראָז שפּילנדיק זיך מיט זיין רעוואָלווער. אַ מידיקייט האָט באַהערשט זיינע גלידער.

ס'האָט געשפּראָצט אויף אַ טריבן פרימאָרגן. אין מזרח זענען געשטאַנען שאָטנדיקע קאָנטורן פונעם בלוט־באַטרונקענעם לאַטרון, נאָך אַלץ אין די הענט פונעם שונא.

מיקי האָט זיך אומגעקערט אין דער הויפּטקוואַרטיר אין חולדה. צוזאַמען מיט שלמה שמירן, האָבן זיי געזוכט אין ראַדיאָ עפּעס אַן אָנדייטונג פונעם מיסטעריעזן צוזאַמענברוך פון דער גבעתי־אַטאַקע. אמת, די לעגיאָן־טרופּן אין די מזרחדיקע שטאַרקע פּונקטן פון לאַטרון זענען געווען גוט פאַרפּעסטיקט און גוט באַוואָפנט, זיי זענען אָבער געווען צעשפּרייט אין אַ סך פּונקטן. אין יעדן אָרט אַ פּלאַטון, העכסטנס אַ קאָמפּאַניע, ווי אַזוי זשע האָבן זיי געקענט אָפּשטויסן אַ קאָנצענטרירטע לאָקאַלע אַטאַקע פון אַ גאַנצן באַטאַליאָן?

„הערט זיך איין, עס רופט נומער איינס, נומער איינס", אַ געהיימע ידיעה איז אָנגעקומען. גבעתי איז אָנגעקומען צום שפּרונג־ברעט־פּונקט: באַב־על־וואַד. באַלד גיבן מיר איבער אונדזער פאַרלוסטן־ראַפּאָרט".

מיקי און שמיר האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און געוואַרט. אַ באַאומרויִקטער האָט דער יונגער ראַדיאָ־אַפּעראַטאָר זיך אויסגע־דרייט צום קאָמאַנדיר:

— גבעתי מעלדעט, אַז זיי האָבן צוויי טויטע, סער!

מיקי האָט מיט שטוינונג אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס?! — האָט ער געדונערט, ס'איז נישט מעגלעך. פרעג איבער נאָך אַ מאָל".

דער בחור האָט געוויזן די צאָל 2 פאַרצייכנט אין זיין העפט.

— זיי האָבן דאָס מאָל איבערגעחזרט, סער, ס'איז קיין צווייפל.

מיקי האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן, ער איז געווען אויסער

זיך פון די פרטים וואָס מ׳האָט אַרויסגעקוועטשט פון גבעתי־קאָמאַנדיר.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַט וואָס: דער באַטאַליאָן קאָמאַנדיר האָט באַשלאָסן, גלייך נאָך דעם ווי ער איז אַריין אין דער טעריטאָריע פון לעגיאָן, אַז ער וועט נישט באַווייזן דורכצופירן די אַטאַקע אין צפון זייט פון יאַלו, לויטן פּלאַן, האָט ער זיך פאַרקירעוועט אויף מערב צו דעם דאָרף דיר איוב, וואָס ער האָט פאַרנומען אָן אַ ווידערשטאַנד. פון דאָרטן האָט ער זיך געלאָזט אויף צפון צום „קאַנאָנען־באַרג״, זיין הויפּט־ציל. שלעפנדיק זיך באַרג אַרויף צום אַרטילעריע פּאָסטן האָט זיין צווייטע נישט דערפאַרענע קאָמפּאַניע זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן פייער פונעם שונא. צוויי פון זיינע סאָלדאַטן זענען געפאַלן ביים ערשטן שאָס, האָט ער באַשלאָסן אַז די פּאָזיציע וועט נישט קענען אַטאַקירט ווערן אָן שווערע פאַרלוסטן. ער האָט זיך צוריק־געצויגן באַרג־אַראָפּ, און זיך אויך אַרויסגעצויגן פון דיר־איוב און זיך אומגעקערט צו דער ישראל־ליניע.

אַ שטאַרק אויפגערעגטער איז לאַסקאָוו אַריין אין שטאַבצימער ראַפּאָרטירן זיינע פאַרלוסטן.

שפּעטער איז די גבעתי־געשיכטע אויפגעקלערט געוואָרן. די אָפיצירן און סאָלדאַטן פונעם באַטאַליאָן זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך פון די קינדער יאָרן. זיי האָבן אַלע געשטאַמט פון דער געגנט אַרום תל־אביב. זיי זענען געווען פּערזענלעכע פריינד. אין אַ פריערדיקע שלאַכט זענען די בחורים פון אַ גאַנץ פאַרשטעטל אומגעקומען. פון דעמאָלט אָן איז פאַר עמין יעדער קרבן געווען אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע.

נאָכמער, לויט ווי די ברידער קמחי דערציילן, האָט דער באַטאַ־ליאָן קאָמאַנדיר באַקומען אַ קלאָרע אינסטרוקציע פון זיין בריגאַדיר, שמעון אבידן:

— לאָז זיך נישט אַריין אין אַן אַקציע וואָס קען זיך פאַרענדיקן מיט נישט נייטיקע פאַרלוסטן פאַר דיין מאַנשאַפט״.

שמעון אבידן האָט זיך געהאַט זיין מיינונג וועגן די קאָמאַנדירן

וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער לאַטרון־אַקציע און זייערע פּלענער.

ס׳איז געווען אַ קלאָרע, כאָטש טראַגישע לעקציע, טראָץ בן־גוריונס באַמיַונגען צו פּאַראייניקן די פראָנט־קאָמאַנדע, האָט זיך אָבער פאַר אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג געפאָדערט מער ווי אַ שטריך מיט דער פען. די אייגנשאַפט פון היפּער־אינדיווידואַליזם, אַזוי לעבנס וויכטיק פאַר ישראל אין די שווערע פּיאָנער־יאָרן, איז נאָך געווען טיף איינגעוואָרצלט.

מיקי איז געקומען צום שלוס, ווי ער האָט דאָס אויפגעקלערט שמירן און לאַסקאָוון:

— אונדזער פּלאַן איז געווען אויסגעצייכנט. מיר האָבן פּשוט נישט געהאַט די מענטשן אים דורכצופירן.

אין זיין ראַפּאָרט צו יגאל ידין, איז מיקי געווען גענוג פּאָרזיכטיק נישט צו פאַרקלענערן שמירס ראָל אַלס פעלד־קאָמאַנדיר. וועגן זיך האָט ער געזאָגט גאַנץ איינפאַך: „כ׳בין דאָרט געווען און צוגעזען די שלאַכט״. און האָט צוגעגעבן: „דער פּלאַן איז גוט. די אַרטילעריע — גוט. די פאַנצערס — אויסגעצייכנט. די אינפאַנטעריע — געמיין״.

מיקיס אָנוועזנהייט אויפן שלאַכטפעלד איז נישט אַדורך אומ־באַמערקט. דזשאָן קמחי האָט געשריבן צו עמאַן:

„זיינע סאָלדאַטן, יונגע בחורים, זענען אומדערפאַרן אין קאַמף. זיי נייטיקן זיך אין צוטרוי. מיקי אַליין פירט זיי צו זייערע אַקציעס, בראש אין דעם ערשטן געפאַנצערטן וואָגן. כ׳בין אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע טרופּן ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון שלאַכט. איין טעמע בלויז האָבן זיי געהאַט פאַר זייערע געשפּרעכן: „סאַראַ גענעראַל! ס׳אַראַ קאָמאַנדיר!״

פאַר די אָפיצירן האָט דער מאָרטאַר־ספּעציאַליסט פריהאָר געמאַכט דעם סך־הכל:

„ער איז געווען אויפן פּלאַץ ווו אַ קאָמאַנדיר דאַרף זיין בשעת אַן

אַקציע. אומאָפּהענגיק פון דער צאָל סאָלדאַטן, מעג עס זיין אפילו אַ דיוויזיע, דאַרף דער קאָמאַנדיר זיין אויפן פראָנט.

און דאָך האָט דער לעגיאָן געהאַט אַ נצחון. די פאַרביטערטקייט אין תל־אביב איז געשטיגן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אָנפאַנג פון דער גבעתי־אַטאַקע האָט שטאַרק אַלאַרמירט די אַראַבער. עטלעכע לעגיאָן־איינהייטן, אין סאַמע צענטער, אויס מורא צו ווערן אָפּגעשניטן פון זייער באַזע, האָבן זיך צוריקגעצויגן קיין ראַמאַללאַ. שאַפנדיק אַ ריס צווישן 2טן און 4טן רעגימענט, און מ'האָט דאָס נישט אויסגענוצט.

אין דער ווירקלעכקייט האָט די צווייטע אַטאַקע אויף לאַטרון שטאַרק אויפגעטרייסלט דעם לעגיאָן און האָט פאַרלייכטערט דעם דרוק אויף ירושלים. גלאַבס קאָמאַנדירן האָבן געוווּסט, אַז נאָר על־פּי־נס האָבן זיי אויסגעמיטן אַ מפלה. זיי האָבן פון אַזוי ווייט ווי ראַמאַללאַ אַראָפּגעבראַכט אין איילעניש נייע רעזערוון צו פאַרשטאַרקן די פראָנט־ליניע פון לאַטרון. ס'איז זיי קלאָר געוואָרן אַז אַ נייער אָפּעראַטיווער מוח פון גרויסן קאַליבער אָפּערירט אויף דער זייט פון ישראל.

באַלד האָבן גלאַבס שפּיאָנען באַשטעטיקט די השערה. די נייעס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פאַרדריסלעכן פּירוש. אין זיינע מעמואַרן שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער געצוווּנגענער צוריקציִונג פון זיין ענגלישן שטאַב, באַלד נאָכדעם ווי לאָנדאָן האָט פאַרגעלייגט אַ וואָפן־שטילשטאַנד אין דער פאַרזיכערונגס־קאָמיסיע ביי די פאַראייניקטע פעלקער.

„וואַרשיינלעך, קאָמענטירט גלאַב, בייגט זיך ענגלאַנד אונטערן דרוק פון ניו־יאָרק. מיר זענען איבערראַשט געוואָרן פון דער ידיעה אַז אַ קאָלאָנעל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דוד מאַרקוס, האָט קאָמאַנדירט די ישראל־אַרמיי וואָס האָט אַטאַקירט לאַטרון".

די באַוועגונג פאַר אַ באַלדיקן פייער־איבעררייס האָט צוגעגעבן אַ נייעם עלעמענט צו דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע. זי האָט אויפ־געטרייסלט די אונטערשטיצער פון אַראַבישן לעגיאָן מיט זיינע

פערציק ענגלישע אָפיצירן, אָבער זי האָט אויך געשאַפן קאָמפּלי־קאַציעס פאַר זייער אַמעריקאַנער קעגנער. ווען מ׳האָט אין 22־סטן מאַי אַרויסגעבראַכט אין ניו־יאָרק דעם ערשטן פאָרשלאַג וועגן שטיל־שטאַנד האָבן אים די יידן גלייך אָנגענומען און די אַראַבער אָפּגע־וואָרפן. קעניג אַבדאַללאַ האָט דערקלערט:

„מיינע סאָלדאַטן זענען נישט אַריין אין פּאַלעסטינע כדי אָפּצו־שטעלן די מלחמה איידער זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל״.

איצטער האָבן די אַראַבער גענומען נאָכטראַכטן — די אַלטשטאָט פון ירושלים איז אין זייערע הענט. דער לעגיאָן אין לאַטרון איז שטאַרק פאַרפעסטיקט. לויטן פאָרשלאַג פון די פאַראייניקטע פעלקער, דאַרפן די אַרמייען, די טרענירונגען און די מלחמה זאַפּאַסן שטיין בלייבן אויף דער שטופע, אויף וועלכער זיי שטייען ביים אָנהויב פון וואָפנשטילשטאַנד. וואָס ס׳וועט פּאַסירן מיט דער באַלאַגערטער באַפעלקערונג איז נישט געווען קלאָר. אָבער אויב ירושלים וועט זיין ביים וואָפנשטילשטאַנד איזאָלירט, וועלן די אַראַבער קענען טענהן, אַז זי איז עפעקטיוו אַרומגערינגלט, און זי וועט פאַרשאַפן די יידן גרויס קאָפּווייטיק. מיטן ווזקס פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סענטימענט פאַר אַן אָטעם־פויזע, איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט, אַז ישראל זאָל זיך נישט געפינען אין אַ קלעם, ווען ס׳וועט זיך צעקלונגען דער גלאָק פון פייער־איבעררייס. ס׳מוז געשאַפן ווערן עפּעס אַ פאַר־בינדונג צווישן ים־ברעג און ירושלים, און דאָס — זייער שנעל.

נאָך אַ טאָג פון באַראַטונגען אין רויטן הויז מיט בן־גוריונען און ידין, האָט מיקי באַטראַכט דאָס פּראָבלעם ביי זיך אין האָטעל־צימער ביז שפּעט ביינאַכט.

ער האָט דערלאַנגט אַ באַדייטנדיקן קלאַפּ דעם לעגיאָן אין לאַטרון. ער איז נישט געווען עפעקטיוו צוליב די שטרויכלונגען פון זיין פערסאָנאַל. אַזוינע זאַכן האָבן פּאַסירט און וועלן פּאַסירן אין מלחמה.

להיפך צו דער איינבילדונג פון ציווילע מענטשן, איז מלחמה נישט קיין דועל צווישן שאַרפזיניקע סטראַטעגן, אַ מין שאַך־שפּיל.

אין דער אמתן איז מלחמה פול מיט השערות, צופאַלן און מענטשלעכע טעותים. די בעסטע קאָמאַנדירן טאַפּן אין דער פינצטער, פאַרלאָזן זיך אויף השערות און מאַכן אָפט נישט־געלונגענע קאַלקולאַציעס, דער בעסטער פּלאַן קען אַדורכפאַלן צוליב אַ צופעליקן פאַרזען.

מ׳קען נישט אָפּלייקענען אַז די ישראלים האָבן מוט, אָבער זיי זענען נישט טרענירט און סובאָרדינירט לויט די וועסט־פּאָינט־שטאַנדאַרטן — אייגנשאַפטן אָן וועלכע מען קען נישט פירן קיין מלחמה אין גרויסן מאַסשטאַב. דער גרעסטער קאַמפּס־מוט האָט זיין גרענעץ. ס׳וועט אפשר זיין אוממעגלעך אַרויסצורייסן לאַטרון פון גלאָבס הענט.

אָבער אַ לעבנס ליניע, ווי שוואַך זי זאָל נישט זיין, מוז אויסגעאַרבעט ווערן. מ׳מוז געפינען אַ צוגאַנג צו ירושלים וואָס איז אין געפאַר.

מיקי איז אַרויס אויפן באַלקאָן און טיף איינגעאָטעמט די געזאַל־צענע ים־לופט. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו די שוימיקע כוואַליעס וואָס האַלטן זיך אין איין יאָגן צום טונקעלן ברעג.

אַזוי ווי דער ים, וועט ער ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל קלאַפּן אין די פאַרהאַקטע טויערן פון לאַטרון. אָבער צו ראַטעווען ירושלים קען מען זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויף דער דאָזיקער לעזונג.

קאַפּיטל פערצן

דער געדאַנק צו געפינען אַ זייטיקן וועג קיין ירושלים, וואָס זאָל אויסמיידן די אַראַבישע בלאָקאַדע, האָט אַ לאַנגע צייט שוין געמאַטערט די פירער פון דער הגנה, און מיקין צווישן זיי. קיינעם איז נאָך ביז איצטער נישט געלונגען צו געפינען אַזאַ וועג איבער דער שטיינערדיקער וויסטעניש פון יהודה. אַ ריי אינצידענטן פון אָנהייב חודש מאַי האָבן אויפגעלעבט די האָפענונג צו געפינען אַזאַ וועג.

עטלעכע טעג פאַר דער אַראַבישיער מאַסן־אינוואַזיע האָבן דריי פּלמח בחורים אין קרית ענבים, אויף מערב פון ירושלים, באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַזוכן תל־אביב בתנאי, אַז זיי וועלן אַליין געפינען דעם וועג זיך דורכצורייסן דורך דער אַראַבישער בלאָקאַדע. די יונגע קעמפער, באַוואָפנטע מיט לייכט געווער, האָבן ביי דער לבנה־שיין זיך דורכגעשניטן אַ וועג אין די וואַלדיקע בערג איבער באַב־על־וואַד, זיי האָבן זיך דורכגעגנבעט דורך די אַראַבישע באַרג־פּאַטראָלן און מ׳האָט זיי אויפגענומען מיט אַן אומגלויבלעכן ברוך־הבא אין חולדה.

דעם 15טן מאַי איז אַן איינציקער לאַסט־אויטאָ, באַלאָדן מיט פּראָוויאַנט, וועלנדיק אויפן וועג צו מזרח אויסמיידן לאַטרון, פאַר־קראָכן אויף אַ זייטיקן קאַנאַלן־וועג אין דרום פון דער פעסטונג, פּאַראַלעל צום הויפּטוועג. דער וועג, דורך אַ שפּיציקער באַרגקייט, אַ געשיצטער פונעם לעגיאָנס אַרטילעריע־פּאָסטנס, האָט זיך געדרייט צווישן תבואה־פעלדער און זיך פאַרענדיקט ביי הר־טוב, נישט ווייט פון באַב־על־וואַד. די ישראלים האָבן שוין דעמאָלט באַהערשט

באַב־על־וואַד און די בערג אַרום אים לענג־אויס דעם קאָרידאָר. אַ וואָך שפּעטער האָט אַ פּלמחניק, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, צוליב אַן אויפגעריסן בריקל אויפן הויפּטוועג קיין לאַטרון, זיך פאַרקירעוועט מיט זיין געפּאַנצערטן וואָגן אויפן זעלביקן „ציגן־וועג" און אויך ער איז בשלום אָנגעקומען קיין ירושלים.

דאָס פּראָבלעם איז: באַשטאַנען אינעם דורכשניידן אַ זיכערן און פּערמאַנענטן וועג פון חולדה ביז צום קאַנאַל הינטער לאַטרון.

אַן אָנדייטונג אויף אַזאַ מעגלעכן וועג האָט געשאַפן דאָס פאַר־נעמען די צוויי אַראַבישע דערפער בית־זית און בית־סוסין האַרט פאַר דער אַטאַקע אויף לאַטרון — „בן־נון נומער 2". די דאָזיקע דערפער האָבן געהאַט אַ פּאַטאַלע ווירקונג אויף דער אַקציע פון „בן־נון נומער 1".

די שטיינערנע הייזקעס פון די דערפער זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ „ציגן־וועג" צווישן די בערג, וועלכער האָט זיך געצויגן פון מזרח־זייט פון חולדה און פאַרלענגערט מיט פיר מייל ישראלס אויסגעשטרעקטע האַנט צו ירושלים.

צווישן בית־סוסין און די ישראל־פּאָזיציעס ביי הר־טוב האָט זיך געפונען אַ שטרעקע פון דריי מייל הפקר־לאַנד. פונעם אַראַבישן דאָרף ביז צום געהיימען קאַנאַל הינטער לאַטרון איז דער וועג געווען קירצער אויף אַ העלפט, אָבער ער איז געווען גוט פאַר אַן אָדלער, נישט פאַר קיין מענטשן. דער וועג האָט זיך געצויגן איבער אַ לאַנד־שאַפט פון משופּעדיקע נאַקעטע בערג, באַוואַקסענע מיט דערנער און צעשפּאָלטענע פון גרובנס און גרויסע אָפּגעבראָכענע פעלדזן־שטיינער. הונדערטער יאָרן האָט קיין מענטשלעכער פוס נישט באַטראָטן אָט דעם דאָזיקן אָפּגעבליאַקטן וועג אין דער וויסטעניש. אָבער קיינער איז ביז איצט נישט געצווונגען געווען אויסצושטיין אַזאַ נסיון.

דעם 31טן מאַי האָט מיקי אָנגעפירט מיט אַ קליינעם פּאַטראָל צו מזרח פון בית־סוסין. מיט אים אין דזשיפּ זענען געווען: שלמה שמיר, חיים הערצאָג און עמוס חורב, דער פלמחניק, וואָס האָט דורכגעפירט זיין געפּאַנצערטן וואָגן דורכן קאַנאַל הינטער לאַטרון.

חורב, אַ לעבהאַפטער, אַ בעל־נסיון, האָט פריער אָנגעפירט מיט די פּלמח־טרופּן אין דער דאָזיקער געגנט. אַפילו יגאל ידין, דער באַרימטער אַרכעאָלאָג, איז נישט געווען אַזוי באַהאַוונט אין דער געגנט ווי עמוס חורב. אַ זייטיקער שטויביקער וועג האָט זיך געצויגן פון דאָרף אַרונטער צו אַ זאַמדיקן פּלאַץ, צופוסנס פון אַ באַזונדערס משופּעדיקן באַרג. עטלעכע טייטלביימער האָבן באַפּוצט דעם ביבלישן פּייזאַזש.

אַ ביסל נידעריקער פון דעם „אַאַזיס", האָט אַ סטעזשקע, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט פייגנביימער, זיך געצויגן עטלעכע הונדערט פוס די לענג אין די בערג אַריין און פאַרשווונדן ביים אָפּגרונט פון אַ שטיינערנעם באַרגאָפּריס. וואָס עס געפינט זיך פון יענער זייט באַרג, האָט קיינער נישט געוווּסט אויף זיכער, אָבער חורב איז געווען אַ בעלן דאָס אויסצופאָרשן. מיקי האָט אָוועקגעשטעלט צוויי מאַשין־ביקסן אויפן הויכלאַנד פון בית־סוסין אַלס שוץ, און דער פּלמחניק האָט אָנגעהויבן אַרויפקריכן אויפן משופּעדיקן פעלדזיקן באַרג. ער איז פאַרשווונדן, און ווען ער האָט זיך ווידער באַוויזן אויפן באַרג, איז זיין פּנים געווען פול צאָרן. חורב האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָרט געפונען צוואַנציק טויטע יידישע סאָלדאַטן, ווייזט אויס, קרבנות פון דער אַטאַקע „בן־נון נומער איינס".

ער האָט אָבער געבראַכט נאָך אַ נייס: דער קאַנאַל געפינט זיך אויף אַ שטח, צו וועלכן מ׳קען צוקומען, הגם די פאַרצוימונגען פון די משופּעדיקע בערג זענען געפערלעך. ער האָט דעם איינדרוק, אַז מ׳קען אויספּלאַנעווען אַ וועג אַהין. ער איז גרייט דורכצושניידן דעם וועג אַהין מיטן דזשיפּ. מיקי האָט אים האַרציק אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— דאָס הייסט ביי מיר דיבורים, יונגערמאַנטשיק!

גלייך נאָך זון־אונטערגאַנג האָט חורב אַריינגעזעצט עטלעכע העלדישע פּלמחניקעס אין זיין דזשיפּ און צוגעפאָרן צו די פייגנביימער. ער האָט אָנגעשטעלט זיין דזשיפּ אַרויפצו אויף אַ 60 גראַדיקן באַרג־אויסבויג, געגעבן גאַז — און היידאַ אַרויף. דער שטאַרקער

דזשיפּ איז געקראָכן איבער קוסטעס און דערנער, איבער גליטשיקע אויבערפלאַכן פון מאַסיווע שטיינער, פאַרקראָכן אין בלאָטיקע שפּאַלטן, אַרויסגעקראָכן און געפאָרן ווייטער. חורבס אויסערגעוויינ־לעכער זכרון האָט אים געפירט אין דער פינצטער. אָבער אויפן ערשטן באַרגשפּיץ האָט דער דזשיפּ אַרויסגעלאָזן אַ ציין־קריצנדיקן גרילץ און שטיין געבליבן. זיינע הינטערשטע רעדער זענען פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַ ריזיקן פעלדז. חורב איז אַראָפּגעשפּרונגען און מיט דער הילף פון זיינע חברים האָט ער אָוועקגעקייקלט דעם שטיין אָן אַ זייט. דער דזשיפּ איז ווייטער געפאָרן באַרג־אַרויף. די עקשנותדיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון דעם זיך הוידענדיקן דזשיפּ.

אָנגעקומען אויף אַ פלאַכן פּלאַץ האָט חורב איבערגעגעבן דעם רודער איינעם פון זיינע חברים און ער אַליין איז אָוועק פאָרויס זוכן דעם וועג. טראָט נאָך טראָט האָט ער געפירט דעם דזשיפּ אַרום גרויסע אָפענע שפּאַלטן און איבער הויפנס פעלדזן. אַ גע־שפּאַנטער, האָט ער מיט דער האַנט געגעבן וואָרענונגס־ און צושטימונגס־צייכנס.

ביים ערשטן אַראָפּלאָז פונעם באַרג, איז איין פּלמחניק אַרויס־געשליידערט געוואָרן פון דזשיפּ. נישט פאַרלירנדיק דעם מוט, האָט ער געהאָלפן זיינע חברים אויסטרעטן דעם וועג. אַן אַרבעט וואָס איז געוואָרן אַלץ שווערער און געפערלעכער. דער דזשיפּ האָט געקענט זיך איבערקערן און אַראָפּקייקלען פונעם באַרג. חורב האָט געענוי אויסגערעכנט יעדן דריי פון די רעדער. זיי האָבן דערגרייכט בשלום דעם ערשטן אָפּגרונט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי דער פּראָצעס פון האַלטן די נשמה אין די זשמעניעס. ביים לעצטן באַרג־אַראָפּלאָז, שוין נאָענט פונעם קאַנאַל, האָט מען דעם דזשיפּ געמוזט טראָגן אויף די הענט. זיי האָבן דערגרייכט דעם ציל און זיך אַ לאָז געטאָן אויף דעם שטויביקן באָדן פון טאָל. דריי שעה שפּעטער נאָך זייער אַרויסמאַרש פון חולדה, האָט חורב געדריקט די האַנט פון דעם הראל־קאָמאַנדיר.

מ׳האָט מיקין איבערגעגעבן די נייעס דורכן ראַדיאָ. באַגרייפנדיק דעם באַטייט פון דער דערגרייכונג, האָט ער געגעבן פריאָריטעט דער נייער אַקציע. מ׳האָט אויפגעפּאָדערט חורבן ער זאָל אָנצייכענען דעם וועג אויף אַ מאַפּע. אין דער צווייטער נאַכט האָבן צען דזשיפּן, איינער פון זיי בן־גוריונס, אָנגעלאָדן מיט מיליטערישע זאַפּאַסן, זיך פאַרזאַמלט אין חולדה, און געשיקט געוואָרן נאָכצופאָלגן חורבן אַריבער די בערג.

אַלע, אויסער איינער, האָבן דורכגעמאַכט די אויסמאַטערנדיקע נסיעה און אָנגעקומען בשלום קיין ירושלים. ס׳איז געווען אַ וויכטיקער מאָראַלישער דערפאָלג, אָבער ער האָט נישט געלייזט דעם פונדאַמענטאַלן פּראָבלעם. מער ווי דזשיפּ־לאָדונגען האָט זיך געפאָדערט צו שפּייזן און באַשיצן די הויפּט־שטאָט און עפּעס מער ווי אַ באַרגוועג אויף איבערצוציִיגן די אויפזעער פון די „פאַראייניקטע פעלקער״, אַז דער ים־ברעג איז פאַרבונדן מיט ירושלים. אויסער דעם, איז דעם לעצטן אָפּשניט, אַ פיר הונדערט־פוסיקער אַראָפּפאַל צום קאַנאַל, אוממעגלעך געווען דורכצופאָרן מיט אויטאָס. אפילו די דזשיפּן האָט מען געמוזט אַראָפּטראָגן אויף די הענט.

מיקי האָט תיכף גערופן שמירן, לאַסקאָוון א״אַנד. ער האָט זיך צוגעהערט צו די אַרגומענטן פון זיינע געהילפן און לסוף זיך פאַרלאָזן אויף זיין אינטויִציע און פּלאַנירונגס־דערפאַרונג פון דריי צענדליק יאָרן.

— כדי צו געווינען די אַנטשיידונג וועגן ירושלים — האָט מיקי פאַרענדיקט — וועט מען דעם וועג דאַרפן מאַכן...

ער וועט דאַרפן איינשפּאַנען זיין גאַנצע ענערגיע אין איינע פון די אויסגערעכנטע ספּעקולאַציעס, וואָס צערונען אַ סך מאָל אויף די זייטן פון דער מיליטערישער געשיכטע. די דרינגענדיקע מיליטערישע הילפסמיטלען וועט מען ווייטער איבערפירן מיט די דזשיפּן און מוסקלען, אָבער מ׳מוז אָנהייבן די אַרבעט פון אויספלאַסטערן אַ ריכטיקן וועג, ברייט גענוג פאַר לאַסט־אויטאָס, וואָס

וועט זיך פאַרענדיקן אין אַ געשלענגלטן אָפּשניט צופוסנס פון פעלדז איבערן קאַנאַל.

דאָס איז אַ שרעקלעך־שווערע אונטערנעמונג. אַ דורכפאַל וועט באַדייטן אַ מוראדיקן קלאַפּ פאַר די יידישע האָפענונגען, און ס'קען זיין, אַז די לעצטע שויך. צו דער באַמערקונג פון זיינעם אַן אָפיציר, אַז מ'וועט מוזן אַרבעטן אין דער פינצטער, האָט מיקי געגעבן אַ שפּאַסיקן ענטפער, וועלכער האָט פאַרדעקט זיין עקשנות־דיקן באַשלוס:

— מיר האָבן דאָס באַוויזן אין ים־סוף, נישט אַזוי?

דער צווייטער און פערמאַנענטער בורמאַ־וועג, האָט מיקי פאַר־אָרדנט, וועט זיך אָנהייבן רעכטס פונעם אָריגינעלן. חורבס שפּור האָט זיך געצויגן צו צפון פונעם וועלדל ביי בית סוסין און שפּע־טער זיך פאַרקירעוועט אויף מזרח. דער פולער ברייטער וועג פאַר לאַסט־אויטאָס וועט זיך ציען גלייך צו מזרח, כדי צו פאַרשפּאָרן צייט, ער וועט דורכשניידן די באַרגשפּיצן מיט אַ מינימום פון זיגזאַגן.

דער פּלאַן האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע. דער הויפּט־אינזשיניער פון דער 7־טער בריגאַדע, נאָך אַ באַזוך אויף דעם געפּלאַנטן וועג, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין". דער וועג איז צו משופּעדיק און פאַרקלענערן די שיפּוע אין די שטיינערנע בערג איז אוממעגלעך, נישט פאַראַן דער געהעריקער אָנהאַלט. מיקי האָט אָפּנהאַרציק געקוקט דעם אינזשיניער אין די אויגן:

— כ'מיין אַז איר באַגרייפט נישט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך. מיר דיסקוטירן נישט „אויב" מיר זאָלן בויען אַ וועג, נאָר „ווי אַזוי"!

— פאַראַן אָבער אַזאַ זאַך ווי פיזישע באַגרענעצונג, און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

— אין פערצנטן יאָרהונדערט, — האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט — האָבן שפּאַנישע טרופּן אויסגעהאַקט צוויי הונדערט

טרעפ אַרויף אויף אַ פעלדז אין קאָרסיקאָ אין משך פון איין נאַכט. וואַרשיינלעך האָט אויך דעמאָלסט עמעצער געטענהט: אומ־מעגלעך!

דער אינזשיניער האָט נאָכגעגעבן. און דאָ האָט שלמה שמיר געגעבן זיין ביישטייער צום פּלאַן. אַליין אַ מענטש מיט טעכנישער דערפאַרונג, האָט ער ווידער אַרויפגעשלעפּט דעם אינזשיניער אויף דעם משופּעדיקן באַרג און דאָרט אויסגעלייגט אַ פּלאַנירטן וועג מיט מאַרקירטע שטיינדלעך. דער סקעפּטישער אינזשיניער האָט צוגעגעבן: „אפשר מעגלעך".

— אפשר, מעגלעך; דאָס איז אַלץ וואָס כ'האָב געוואָלט הערן!

— מיקי האָט אויפגעשטראַלט. ער האָט גלייך אַוועקגעשיקט בן־גוריונען אַ ראַדיאָגראַם: „מ'קען בויען אַ וועג אויב איר וועט צושטעלן די אויסשטאַטונג: הייבמאַשינען, שטיינשניידערס און מוליאַרעס, בעיקר מאַשינען". סאָלדאַטן, האָט מיקי געטראַכט, וועלן קענען אויסגלייכן דעם מער־ווייניקער דורכגאַנגבאַרן וועג צווישן חולדה און בית־סוסין, אָבער קיין שום זאַך קען נישט פאַרבייטן די מאַשינען, דורכצוהאַקן אַ וועג צווישן די פעלדזן.

באַלד נאָך דעם איז ער אַוועקגעפלויגן אין רויטן הויז.

— דאָס איז אַ געלעגנהייט אָן וועלכער מ'דאַרף זיך גלייך אָנכאַפּן און אָנווענדן דערויף דעם לעצטן גראַם ענערגיע — האָט ער דערקלערט בן־גוריונען. דאָס איז אַ פראַגע פון טויט אָדער לעבן פאַר ירושלים.

יגאל ידין האָט מסכּים געווען. אין משך פון מינוטן איז די זאַך געווען דערלייזדיקט. מ'האָט גלייך קאָנפיסקירט אַ הייבמאַשין און זי אַוועקגעשיקט. אינסטרוקציעס זענען אַוועק צו דער בויפאַך־סעקציע פון דער הסתדרות. פון תל־אביב, ירושלים און רמת רחל האָבן גרייז־גרויע שטיינהאַקערס און באַלמעלאָכעס פון די שווערע פאַכן זיך געמאָלדן צום ירושלימער פראָנט־קאָמאַנדיר.

מיקי האָט זיך נישט געלייגט קיין פייגעלעך אין בוזעם וועגן דער שווערער אויפגאַבע. האַלטנדיק איין אויג אויפן אַראַבישן לעגיאָן

אין לאַטרון, וועלכן מען האָט געקענט אַרויספירן פון גלייכגעוויכט בלויז דורך אַ שטענדיקער באַשיסונג פון זיינע פּאָזיציעס, און דאָס צווייטע — אויף אָרגאַניזירן אַ מיליטעריש־ציווילע אָפּעראַציע פון גרויסן פאַרנעם אויף אַזאַ קאָמפּליצירטן און דעליקאַטן אופן: מ׳האָט געדאַרפט אויסהאַקן אַ געהיימען וועג אונטער דער נאָז פון שונא, אין אַזאַ באַרגיקער געגנט, וואָס וואָלט אפילו אַ באַרגלייב געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן.

לינקס פון דעם באַרג האָבן זיך געפונען די אַראַבער פון לאַטרון: אין עטלעכע פלעצער — אויף אַ מרחק ווינציקער פון 500 יאַרד. רעכטס, אַרום הר־טוב — „אַראַבישע נישט רעגולערע״ אונטער עגיפּטישער קאָמאַנדע. אַראַבישע פּאַטראָלן פלעגן זיך כסדר דער־נענטערן צו די יידישע פּאָזיציעס. וואָלט איינער פון זיי באַמערקט, וואָס ס׳טוט זיך, וואָלט דער „בורמא־וועג״ צעשטערט געוואָרן דורך דער לעגיאָנס אַרטילעריע אין משך פון שעהען. מ׳האָט געמוזט מי־ליטעריש באַזעצן געוויסע פּונקטן לענג־אויס דעם שמאָלן קאָרידאָר, כדי צו שיצן די אַרבעטער. אַנדערע טרופּן וועלן דאַרפן באַוואַכן די בערג אַרום, כדי צו שיצן די אומבאַוואָפנטע וועג־אַרבעטער. דעם מערבדיקן טייל פונעם וועג האָבן געדאַרפט באַשיצן די אינפאַנטע־ריסטן פון דער 7־טער בריגאַדע. דעם מזרחדיקן טייל פון בית־סוסין האָט מיקי איבערגעגעבן דער הראל־בריגאַדע. זיי האָבן געדאַרפט באַזעצן דאָס הויכלאַנד און אָפּריייניקן די בערג פון אַראַבישע אָבסער־וואַטאָרן.

די ערשטע הייבמאַשין איז מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן פון שמירס אויפגעמונטערטע אינזשינירן. ווי אַ ריזיקער געלער דינאָזער האָט זיך דער קאַטערפּילער טראַקטאָר איינגעגראָבן אין דער צעריסענער ערד פון די מזרח־בערג, אויסגלייכנדיק פאַלדן און באַרגשפּיצן, דורכקלאַפּנדיק דיקע ווענט פון ערדפלאַכן. די לופט איז פול געוואָרן מיט רויטלעכן שטויב.

דערווייל האָט זיך שוין אָנגעהויבן די נויטפאַל־טראַנספּאָרט פאַר ירושלים דורך חורבס צייטווייליקן פלמח־וועג. פון חולדה האָט

זיך נאַכט־איין, נאַכט־אויס געצויגן אַ מאַלערישער קאַראַוואַן פון אייזלען, קעמלען, אָקסן־וועגענער און דזשיפּס מיט מעל, קאָנסערוון, געוועהר — זאַפּאַסן פון 400 טאָג קיין ירושלים.

איבער די הויקערדיקע בערגלעך האָבן די טראַנספּאָרטן זיך געשלעפּט אין שוואַכן לבנה־שיין צום אַראַבישן דאָרף בית־זית. צווישן בית־זית און בית־סוסין האָבן זיי אַנגעטראָפן הונדערטער אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעגלייכט בלאָטיקע גריבער, אַוועקגעקייקלט שטיינער און ברייטער געמאַכט דעם וועג פאַר די גרעסערע טראַנספּאָרט־וועגענער, וועלכע וועלן דאָרט באַלד דאַרפן דורכגיין. בהמות און דזשיפּס האָבן געקלעטערט אויפן בלאָטיקן, אומזיכערן חורב־וועג, באַגלייטע פון האַלב־נאַקעטע סאָלדאַטן. די טראַנספּאָרטן האָט מען אויסגעלאָדנט אויף דער משופּעדיקער הויך איבערן קאַנאַל, וועלכער איז נאָך דערוויי־ל געווען נישט דורכגאַנגבאַר.

איצטער האָבן די אַרבעט איבערגענומען ירושלימער צופעליקע הילפס־כוחות. וועטעראַנען פון דער שטאָטישער וואַך האָבן איינציקווייז אַרויפגעקלעטערט אויפן משופּעדיקן באַרג, אָנהאַלטנדיק זיך אָן בוים וואָרצלען און שטיינער. אויפן שפּיץ־באַרג האָט מען אויף יעדן פון זיי אָנגעלאָדנט אַן אייזל־משא אויפן צוריקוועג באַרג־אַראָפּ. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער ביים צווייטנס העמד — אַ קייט פון עלטערע וואָלונטערן „און דאָך, גיט איבער דוב יוסף, מיליטערישער גובערנאַטאָר פון ירושלים אין יענער צייט, האָט יעדער איינער פון די צוויי הונדערט מענער געטראָגן אַ 45 פונטיקן זאַק מעל אויף אַ שטרעקע פון דריי מייל ביז צום ירושלימער וועג צוויי מאָל אַ נאַכט — און אַזוי 5 נעכט כסדר".

אין באב־על־וואַד האָט מען דאָס אַלץ אַרויפגעלאָדן אויף שווערע לאַסט־אויטאָס. פון דאַנען האָט זיך דער וועג פאַרצווייגט. דער וועג־קנופּ פון באַב־על־וואַד האָט זיך געפונען אונטערן פייער פון די אַראַבישע דאָרפסלייט פון דיר־איוב. האָבן די ירושלימער פאַרריכט אַ זייטיקן וועג, וועלכן די אַראַבער האָבן צעשטערט דעם 13־טן מאַי. דעם דאָזיקן נויט־וועג האָט מען דערגרייכט ווען

מ׳איז אַרויסגעקומען אויפן קאַנאַל־שטעג און געגאַנגען ווייטער צו צפון, אויפן הרטוב־וועג. דער וועג האָט זיך געשלענגלט צו מזרח ביז בית מחסיר און שפּעטער צו צפון, אַרויפקומענדיק אויפן ירו־שלימער הויפּט־וועג ביי סריס, פינף מייל צו מערב פון קרית ענבים.

אין פאַרלויף פון דריי נעכט האָט מען פאַרברייטערט דעם הינטערדאָרפישן וועג פון ביידע עקן, אים גרייט געמאַכט פאַרן דורכ־גאַנג פון לאַסט־וועגענער. דער פילפאַרביקער געמיש פון טראַנס־פּאָרט־מיטלען האָט אָפּגעטראָטן דעם וועג די פינפטאָניקע ריזן, וועלכע האָבן זיך פאַמעלעך געהוידעט פאַרביי די מיט שוויס־באַגאָסענע וועגבויער. ביים פאַרזונקען אין אַ גרוב פלעגן זיי אַרויס־געצויגן ווערן דורך ווילִיקע הענט.

צווישן בית־סוסין און דעם קאַנאַל האָבן ביי נאַכט אין די בערג אָפּגעהילכט די קולות פון דער הויבמאַשין־מאַנשאַפט. זיי האָבן געאַר־ביט מיט איבערמענטשלעכע כוחות. ס׳האָבן זיי געהאָלפן צענדליקער שטיינהאַקערס פון ירושלים און ס׳איז זיי געלונגען אויסצוהאַקן אַ גרויסן טייל פון דעם פּרימיטיוון, אָבער שוין נוצלעכן באַרגוועג. די גרעסטע שטרויכלונג איז נאָך געבליבן: דער כמעט ווערטיקאַלער אַראָפּפאַל פונעם שפּיצבאַרג ביים קאַנאַל, דער אויסלאָדונגס־פּונקט.

דאָ האָבן די אינזשיניערן אויסגעלייגט אַ וואַסער־רערן־ליניע נאָך איידער דער דורכגאַנג איז געווען פאַרטיק. טויזנטער גאַלאָנען וואַסער פון די ציסטערנעס פון חולדה האָבן אָנגעפּילט די שוין פון לאַנג אויסגעליידיקטע וואַסער־טאַנקען פון דאָרשטיקן ירושלים. מ׳האָט געבראַכט אַ צווייטע הויב־מאַשין, מ׳האָט אויסגעשפּרייט דראָטנעצן איבער דעם פעלדזיקן וועג און ריזיקע טראַקטאָרן האָבן זיי איינגעפּרעסט.

סוף־סוף, נאָך פינף טעג אַרבעט, האָט אַן איינציקער דזשיפּ־שאָפער, פאַרבונדן די נאָז מיט אַ טיכל, כדי צו פאַרהיטן זיך פונעם שטויב, געמאַכט דעם ריזיקאַלישן פּרווו און זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן געשלענגלטן וועג. אַ טייוולאָניש־דרייסטער טאַקסי־שאָפער

איז אים נאָכגעפאָרן און שיר־נישט אַראָפּגעפאַלן פונעם פעלדז, אָבער זיי האָבן ביידע דערגרייכט דעם ציל לעבעדיקערהייט. אמת, אַרויף־צוריק האָט מען זיי געדאַרפט אַרויפשלעפּן מיט אַ הייבמאַשין, אָבער דער „אומצוטריטלעכער" משופּעדיקער באַרג איז שוין כמעט ווי באַזיגט געוואָרן. אַ מיילשטיין אין דער העלדישער דראַמע פון ישראלס „בורמאַ וועג". די דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פינצטער, אונטערן באַגלייט פון דער קנאַלעריי פון שונאס פייער.

דער אַראַבישער לעגיאָן איז פון ערשטן מאָל אויפמערקזאַם געוואָרן בעת דאָרפסלייט אין דער געגנט פון לאַטרון האָבן גע־מאָלדן וועגן דעם אַריינשטראָם פון ציווילע בירגער פון ישראל. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום געקלאַנג פון די הייבמאַשינען און אַ שטויבזייל פון צעשמעטערטע פעלדזן האָט אָנגעוויזן, אַז עפּעס טוט זיך דאָרט. די באַטעריעס פון „קאַנאָנען־באַרג" האָבן אָנגעהויבן האַוקען. קוילן פון האָוויצער־האַרמאַטן און מאָרטאַרס האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון די וועג־אַרבעטער. ווי דער שטייגער, האָבן די אַראַבער געשאָסן אויף אַ צעשפּרייטער שטרעקע מיט דער כוונה נישט בלויז אָנצוטאָן שאָדן, נאָר אויך צו פּראָוואָצירן אַן ענטפער, וואָס וואָלט אויפגעדעקט די טונקעלע שאָטנס.

מיקי האָט באַגריפן די אָנגעשטרענגטקייט פון די עלטערע אַרבעטער. דעריבער איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן זיי, געקלאַפּט זיי גוטברודעריש אין די פּלייצעס און דערציילט שטויגענדיקע מעשיות. זיין אָנוועזנהייט האָט ווי אַלע מאָל געווירקט אויפמונ־טערנדיק. ס'איז געווען שווער זיך צו שרעקן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ קאָמאַנדיר, וואָס קייקלט אַראָפּ פעלדזן־שטיינער און וויצלט זיך דערביי.

נאָך אַכט און פערציק שעה האָט דאָס אַרטילעריע פייער אויפגעהערט.

מער אָנגעשטרענגט און כמעט פּערמאַנענט זענען געווען די דועלן צווישן די יידישע פּאַטראָלן און קליינע אַראַבישע גרופּעס,

וועלכע האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש געפּרווּוט דערגיין וואָס עס טוט זיך הינטער די יידישע פראָנט־ליניעס. מיקי, צוזאַמען מיט שמירן און לאַסקאָוון, האָבן אויסגעאַרבעט אַלץ נייע פּלענער. זיי האָבן געוווּסט אַז אַן איינציקע עפענונג אין ישראלס שוצוואַנט, דורך וועלכער זיי וועלן זיך דערוויסן וואָס ס'קומט פאָר, וועט אַרויסרופן אַן אַרטילערישע אַטאַקע און אָפּווישן דעם וועג מיט זיינע בויערס.

די שוץ־כוחות פון ישראל זענען איינגעטיילט געוואָרן אין גרופּעס צו זעקס און ניין מאַן — באַוועגלעכע פּאַטראָלן און לאָקערער־פּאָסטנס. די לאָקערערס, צעשפּרייט אויף אַלע צוגאַנג־וועגן אין די בערג, האָבן באַקומען אַ באַפעל: „שיסן אויף יעדן קעגנשטאַנד, וואָס באַווייזט זיך אויפן האָריזאָנט".

די באַוועגלעכע פּאַטראָלן האָבן פּאַטראָלירט לענג־אויס דעם קאָרידאָר וואַכע צום געראויש פון די דערנער און קלעפּ פון די פּאָלנדיקע שטיינער. ס'איז נישט אַוועק קיין נאַכט אָן צוזאַמענשטויסן: קורצע, שאַרפע און מוראדיקע. די אַראַבישע פּאַרלוסטן זע־נען געווען גאַנץ היפּשע; אויך די יידן זענען נישט אַרויס אומבאַ־שעדיקט, אָבער די שוצליניע איז איינגעהאַלטן געוואָרן, קיין איינ־ציקער אַראַבער האָט זיך דורך איר נישט דורכגעריסן.

האַמערס האָבן געקלאַפּט, מאַטאָרן האָבן געברומט, שטיינ־האַקערס האָבן געקרעכצט, אויפזעערס האָבן געשאָלטן. ביי שטאַרקע פּונקטן אין די בערג זענען זונפאַרברוינטע יינגען מיט ביקסן אין הענט, אַרומגעקראָכן אין די נעכט און הינטער זיי האָבן זיך געהויבן העק, שאַפערן האָבן געהוסט אין דעם שטענדיקן שטויב און איבער דעם אַלעם האָט געטורעמט די שטאַרקע פיגור פונעם אַמעריקאַנער. ער האָט פּלאַנירט, אָרגאַניזירט, געמוטיקט די מענטשן ביי דער אַרבעט און דורכגעהאַקט דורך די פעלדזן אונטער קוילן־פייער אַ וועג, וועלכן מ'רופט נישט אָפיציעל דער „מאַרקוס־וועג".

מיקי איז געווען אומעטום. ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די טראַנספּאָרטן, דורכגעקוקט די צייט־טאַבעלן מיט די אינזשיניערן, קאָנטראָלירט די אַמוניציע פון די פּאַטראָלן. טאָג און נאַכט האָט

זיך זיין דזשיפּ אַרומגעיאָגט פון אָרט צו אָרט לענג־אויס דעם וועג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז דעמאָלט, ווען מיקי פלעגט אַרויס־שפּרונגען פון אים און צוואַרפן דאָ און דאָרט אַן עצה, אַ פריינדלעך וואָרט.

אין די זעלטענע מינוטן, צווישן איין דרעמל און צווייטן, האָט ער זיך געטראָפן מיט זיינע בריגאַדירן און אויסגעאַרבעט שלאַכט־פּלענער.

אַזאַ אַרט לעבן האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין פיזישן צו־שטאַנד. די מאָגערע סאָלדאַטן־פּאַרציעס. פאַרצערטע כאַפּ־לאַפּ, האָבן קוים געקאָנט זעטיקן זיין מעכטיקן אַפּעטיט. דערצו האָט ער זעלטן גערוט, זיין פּנים איז געוואָרן אָפּגעצויגן, אָבער זיין דינאַמישע ענערגיע האָט זיך נישט פאַרקלענערט אויף אַ האָר, אַזוי אויך דער שטאַרקער גלויבן אין זיך, וועלכער פלעגט מיטרייסן, ווי אַ שטראָם זיינע אונטערגעוואָרפענע. פאַראַן מענטשן, וואָס רופן אַרויס אומרו בלויז מיט זייער אַנוועזנהייט.

מיקי פלעגט שאַפן אַרום זיך אַ האַרמאָנישע אַטמאָספער, אין וועלכער ס׳זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע חילוקי־דעות, ווי שלמה שמיר פלעגט זאָגן:

„אַ האַלבע שעה מיט מיקין דערפרישט אויף לאַנגע, לאַנגע טעג״.

אַ סך מענטשן, און אפילו שלמה שמיר, זענען געווען ווערק־צייג ביים בוי פון „בורמאַ־וועג״. מיקי איז אָבער געווען דער זאַמלפּונקט, דער צענטער הן אין טעכנישן זין, הן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם פראָנט. ער אַליין איז געווען אַ מין „בורמאַ־וועג״ אין די אויגן פון די באַצויבערטע ישראלים, אַ פאַרבינדונגס־רינג מיט דער וועלט, די וועלט פון מונטערקייט, האָפענונג און צוקונפט, אַ רינג אין דער קייט פון דער אייביק־לעבנדיקער מענטשהייט.

אין סאַמע מיטן פון געראַנגל פאַרן „וועג״ האָט מיקי אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן דעם אַראַבישן לעגיאָן אין לאַטרון. גלאַב־פּאַשאַ קען פלוצעם אָנגרייפן דעם קיבוץ מעלה־החמישה, אונטער דעם ראַדאַר־באַרג. פאַרכאַפּט ער דעם קיבוץ, וועט ער

אָפּרייסן אַ שטיק פון וועג קיין ירושלים און מזרח — און די גאַנצע אַרבעט פון דעם נייעם „בורמאַ־וועג" וועט האָבן געווען אַ ברכה לבטלה.

אָבער וועט מעז אים צורו לאָזן אין לאַטרון, וועט ער איבערפירן זיינע כוחות קיין ירושלים און פאַרשטאַרקן זיין דרוק אויף דער שטאָט. מיקי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין בעטל אין חולדה, די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ... מ׳מוז ווידער אַטאַקירן לאַטרון, ווען אפילו נישט מיט דער האָפענונג זיי אַרויסצוטרייבן פון דאָרטן, איז אַמווייניקסטנס צו פאַרבינדן זיי די הענט, נישט צו לאָזן זיי טראַכטן וועגן שטערן דעם וועגבוי אָדער אַרויסלאָזן זיך אויף אַנדערע אַוואַנטורעס.

דאָס איז געווען ווי אין פוטבאָל — אַ מין „קוואָרטער־בעק־סיטואַציע" ווי ס׳וואָלט דאָס באַצייכנט זיין פוטבאָל־חבר טשאַרלי סטיוועַנסאָן. ביי דער לעצטער ישראל־אַטאַקע האָט דער „העלף־בעק" לאַסקאָוו צעשפּאָלטן דעם שונאס ליניע, אָבער די אַטאַקי־רער זענען נישט געווען אויפן פּלאַץ און דער גאַנצער עפעקט איז פאַרלאָרן געגאַנגען. און קיין רעזערוו־שפּילער זענען נישט געווען, ווייל אויך די רעזערוו־שפּילער זענען געווען פונקט אַזוי אומדער־פאַרן, און מען וואָלט אויך מיט זיי געדאַרפט דורכפירן די אַרבעט אויף אַ קונציקן אופן. און אפשר וואָלט אים געלונגען, זאָל זיין מיט אַ דורכפאַל, אָבער פאָרט אַ קאַמף מיטן שונא אויף זיין באָדן.

מיקי האָט זיך אויפגעהויבן, דערגרייכט זיין לייוונטענע טאַש, אַרויסצונעמען עטלעכע מאַפּעס. אויפן הויפן ביכער און פּאַפּירן איז געלעגן דער לעדערנער בינדער מיט עמאַס פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט אים געשיקט קיין בערלין. אַ שמייכלענדיקע האָט זי געקוקט אויף אים מיט אויגן פול מיט ליבע און דאָס האָט אים דערמונטערט. ס׳איז נאָך נישט אַוועק קיין חודש זינט ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז יאָרהונדערטער זענען פאַרביי.

פאַר דער דריטער אַטאַקע אויף לאַטרון האָט אַראָפּגענידערט

פון גליל די פלמח־בריגאַדע, יפתח, און זיך געשטעלט צו דינסט אויפן ירושלימער פראָנט. זי האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקן די צע־שלאָגענע באַטאַליאָנען פון דער 7־טער עציוני־ און פון פלמחס הראל־בריגאַדעס. דעם נייעם פּלאַן האָט מען אָנגערופן „יורם־אָפּע־ראַציע" — נאָך איינעם פון דוד המלכס קאָמאַנדירן. דעם פלאַן פון דער דריטער אַטאַקע האָבן אויסגעאַרבעט מיקי און יצחק ראַבין, אָפּעראַטיווער אָפיציר פון פלמח.

די שטאַרקסטע פייערקראַפט פון לעגיאָן האָט זיך געפונען אויפן קאַנאָנען באַרג. דאָס מאָל וועט די ישראל־אַטאַקע געוואַכט ווערן דירעקט אויפן אַרטילעריע־פּאָסטן פון די בערג פון דרום און מזרח. די אָפענסיווע וועלן דורכפירן דריי פלמח־באַטאַליאָנען. בעיקר די יפתח־בריגאַדע. די זיבעטע בריגאַדע וועט זיי געבן שטיצע פון איר אַרטילעריע, דעקן די פלאַנקן, דערהויפּט דעם „בורמאַ־וועג".

פאַרן אָנהויב פון דער הויפּט־אָפענסיווע וועט מען כלומרשט אַטאַקירן אין מערב און אין מזרח מיט איין יפתח־קאָמפּאַניע פון דער ריכטונג פון חולדה, דער אויסגאַנגס־פּונקט פון די פריערדיקע אַטאַקעס, כדי אָפּצוציען די אַראַבער צו מערב צו, דורכפירן בליץ־אָנפאַלן אויף זייערע באַזעס און צום סוף אַרומרינגלען דעם אַראַבישן גאַרניזאָן אויפן ראַדאַר־באַרג. פון באַב־על־וואַד וועלן אַרויס צוויי פלמח־באַטאַליאָנען: איין הראל־אָפּטיילונג וועט אַרויס פון פּאָסטן נומער 7, דרום פון קאַנאָנען־באַרג, און פּרובירן אַריינדרינגען אין דעם אַרטילעריע־פּאָסטן אויפן באַרג־שפּיץ; און אַ צווייטער — דער יפתח־באַטאַליאָן וועט אַרויס פון פּאָסטן נומער 22 אין מזרח און פאַרענדיקן די מלאכה...

די ערשטע סקיצע פון דער „יורם־אָפּעראַציע" האָט מיקי אָנגעצייכנט דעם 5־טן יוני אין זיין דיוויזיע־הויפּט־קוואַרטיר אין עקרון און זי באַוויזן זיינע פּאַרזיכטיקע צוגרייטונגען אין אַלע פּרטים:

1) מאַפּע אינפאָרמאַציע: א) דער שונא, אין דער גרויס פון אַ

בריגאַדע, פאַרשטאַרקט מיט אַ באַטאַליאָן פון שווערער אַר־טילעריע און אַנטי־טאַנק־האַרמאַטן, האַלט דעם וועג קיין ירושלים לענג־אויס לאַטרון־עמאַוס. אַ רעזערוו־באַטאַליאָן שטייט אין ראַמאַללאַ.

ב) אונדזערע קרעפטן זענען קאָנצענטרירט לענג־אויס דעם ירושלימער וועג. איין אָפּטיילונג אין דער געגנט פון רמלה וועט כלומרשט אַטאַקירן אין דער „ה״־שעה.

ג) צוויי פלמח־בריגאַדעס געפינען זיך אין דער הויפּט־קוואַרטיר עקרון. זייער שייד־ליניע: דער ירושלימער וועג. די עציוני־בריגאַדע פון ירושלים וועט אַטאַקירן אין דער „ה״־שעה.

2) די אויפגאַבע פון די כוחות פון ירושלים: עפענען דעם וועג ירושלים־תל־אביב. וועט דאָס זיי נישט געלינגען, דאַרפן זיי לכל הפחות פאַרכאַפּן אַלע שליסל־פונקטן.

3) טאַקטישע מיסיעס פון די בריגאַדעס:

א) פלמח, אונטער דער אָנפירונג פון יגאל אלון, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער לאַטרון־ליניע. ער דאַרף אַטאַ־קירן מיט זיין פולער קראַפט אויף דער ליניע עלקוואַבאַ — סאַ־ליט — בית־נוביה און אין דער ריכטונג דיר־איוב — יאלו־בית נוביה.

ב) די הראל־בריגאַדע פון דזשאַזעפּי אונטער דער קאָ־מאַנדע פון אלון, וועט אַטאַקירן קביבה מיטן ציל צו פאַר־נעמען ראַמאַללאַ.

ג) די עציוני־בריגאַדע ביי דער „ה״־שעה וועט אַטאַקירן ביי שייך־דזשעראַך.

ד) די 7־טע בריגאַדע וועט איינהאַלטן אירע פּאָזיציעס און וועט אָפּציען אויף זיך דאָס פייער פון שונא אין לאַטרון.

4) דער פלמח איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער „יורם־אָפּעראַציע״, פאַר אַלץ: זאַפּאַסן, קאָמוניקאַציע, טראַנס־פּאָרט און עוואַקואַציע. ס׳וועלן נישט זיין קיין ענדערונגען

אין די קאָמאַנדיר־פּאָסטנס און דעם סיגנאַל־קאָמוניקאַציע.

5) אַרטילעריע־שטיצע: דער צוגאָב „א" איז וועגן אַרטי־לעריע־פייער פּלאַן. די אַרטילעריע מוז נאָך דער נאַכט־באַשי־סונג איבערלאָזן ביי זיך 50% פון איר אַמוניציע, כדי זיך אַנטקעגנשטעלן די מעגלעכע קאָנטער־אַטאַקע פון די אַראַבער ביי טאָג.

ביז באַגין דאַרפן זיך אַלע פּאַרפּעסטיקן אויף זייערע פּלעצער, די אָפּענסיווע־שעה איז 22.00, זונטיק.

דער פּלאַן איז געווען גרייט, אָבער נישט די טרופּן. די יפתח־בריגאַדע האָט זיך געדאַרפט איבערגרופּירן אין סאַראָפאַנד ביי תל־אביב. לויט מיקיס מעלדונג צו יגאל ידין האָט איין יפתח־באַטאַליאָן נישט געהאַט קיין זאַפּאַסן. ווידער אַ מאָל האָבן מילי־טערישע פּלענער זיך אָנגעשטויסן אָן לאָגיסטישע שוועריקייטן.

אין צווישנצייט איז די אַרבעט אויפן „מאַרקוס־וועג" עטוואָס פאַרהאַלטן געוואָרן. גלייך ביים אָנהייב האָבן זיך פאַרשפּרייט אין ירושלים קלאַנגען וועגן דעם נייעם וועג. די ירושלימער זענען געווען אויסגעהונגערט און אָן מעדיצינישער הילף, אָבער זייער שטאַרקס־טער פאַרלאַנג איז געווען שווערער וואָפן, כדי אָפּצאָלן די אַראַבער פאַר זייער אומברחמנותדיקער אַרטילעריע מיט דער זעלבער מטבע.

אויפן סמך פון די אַפּעלאַציעס פון ירושלים, האָט מיקי פאַרלאַנגט פון תל־אביב אַ טראַנספּאָרט פון שווערע מאָרטאַרס. מאָרטאַרס זענען געווען באַזונדערס צוגעפּאַסט צו שטאָטשלאַכטן, ווייל זיי ווערן נישט אָפּגעהאַלטן דורך שטרויכלונגען אין וועג, ווי האַרמאַטן אין וועג. זייערע סנאַריאַדן הייבן זיך אויף און רייסן אויף אויפן פריער באַשטימטן ציל. זיי זענען אויך אַ סך באַוועגלעכער ווי האַרמאַטן און נעמען אַריין מער אויפרייס־שטאָף אין זייערע דין־וואַנטיקע סנאַריאַדן, ווי האַרמאַטן־קוילן פון דער זעלבער גרייס.

דעם 5־טן יוני מיטאָגצייט האָט ידין געמאָלדן מיקין, אַז ער

באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו דערפילן זיין בקשה. אין מיטן נאַכט, נאָך דעם ווי דער טראַנספּאָרט קיין ירושלים איז שוין געהאַט אַוועק, איז אָנגעקומען אין עקרון אַ באַטעריע פון שווערע מאָרטאַרס.

דער וועג איז נאָך נישט גרייט געווען אַריבערצופירן אַזעלכע שווערע משאות. ס'איז געווען גראָד עטלעכע שעה נאָכן ערשטן פּרווו פון די צוויי לייכטע אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגע־קייקלט פון דעם אַראָפּהאַנג איבערן קאַנאַל. אָבער די מאָרטאַרס דאַרף מען האָבן „באַלד" — הן צוליב דער מאָראַל פון דער באַ־פעלקערונג און הן צוליב זייער באַשטראָפנדיקן עפעקט.

מיקי האָט באַפוילן פונאַנדערצונעמען די פיר מאָרטאַרס — די רער באַזונדער, די באַזן־פּלאַטן באַזונדער און די זייטיקע שטיצעס באַזונדער — און יעדן טייל אויפלאָדן אויף אַ דזשיפּ. ער אַליין וועט באַגלייטן דעם ספּעציעלן טראַנספּאָרט.

די שאָפערן, צווישן זיי גאַבי אַנאַקאָוו, האָבן פּראָטעסטירט. דער נישט פאַרענדיקטער וועג איז פיל מיט געפערלעכע אויסבייגן און קאָפּשווינדלדיקע נידערפאַלן — דאָס איז נישט קיין וועג פאַר אַ הויפּט־קאָמאַנדיר.

— אויף וואָס, ווילט איר — האָט זיך מיקי געוויצלט, — זאָל איך וואַרטן, אויף אַ קאַדילאַק?

נישט גערן האָבן זיי געמאַכט פּלאַץ פאַר מיקין אין לעצטן דזשיפּ. אָבער מיקי האָט אויסגעקליבן גאַביס דזשיפּ. ער איז געווען דער צווייטער אין קאַראַוואַן.

דער טראַנספּאָרט האָט זיך געיאָגט ביז צום אַריינגאַנג פון „בורמאַ־וועג" מיט אויסגעלאָשענע ליכטער. ביז בית־סוסין איז דער וועג אַדורך גלאַטיק. ווייטער האָבן זיי זיך געשלעפּט וואַקלענדיק און האָצקענדיק... זיי האָבן אָנגעטראָפן וועג־אַרבעטער אויף יעדן שריט און טריט.

די שאָפערן האָבן געקרעכצט נישט אַזוי פון דער יוני־היץ, ווי פון וועג. ביי יעדן קער האָבן פינצטערע אָפּגרונטן געעפנט

זייערע מײַלער. דער קלענסטער טעות — און דער דזשיפּ פֿאַלט אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט פֿון הונדערטער יאַרד.

— ס׳גייט ווי געשמירט, גאַבי! — האָט מיקי לוסטיק קאָמענטירט ווען דער דזשיפּ האָט זיך געהאָצקעט און געבריקעט, ווי אַ ווילד טעקסאַס־פֿערדל.

— האָסטו ווען ס׳איז געטראַכט זיך צו באַטייליקן אין אַ ראָדעאָ?

— האָט אים מיקי געפֿרעגט.

דער אַמעריקאַנער, אַן ענטוזיאַסטישער פֿערדרייטער נאָך פֿון די צייטן פֿון זיין „פּאָלאָ"־שפּילן, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט באמת הנאה געהאַט פֿון דער נסיעה, ער פֿלעגט כסדר ענדערן זיין פּאָזיציע ווי אין אַ „זאָטל".

ביי דעם לעצטן געשלענגלטן באַרג־אַראָפּ צום קאַנאַל האָט זיך גאַבי אָפּגעשטעלט

— אפשר וואָלט געווען גלייכער פֿאַר אייך איר זאָלט גיין צופֿוס?

מיקי האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— כ׳פֿיל זיך אָבער זיכערער צו פֿאָרן מיט דיר.

גאַבי האָט אַ קרעכץ געטאָן און ווידער געלאָזט דעם דזשיפּ אין גאַנג. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דעם משופּעדיקן אַראָפּפֿאַל. שוין איין מאָל דערשראָקן פֿון עפּעס אַ מאָדנע געשטאַלט פֿון אַ שטיין, האָט ער זיך צוגעקייקלט ביז צום ראַנד פֿון אָפּגרונט און אין לעצטן מאָמענט איינגעהאַלטן דעם דזשיפּ. אַ צווייט מאָל, ווען דער דזשיפּ האָט זיך אויסגעבויגן אויף אַ משופּעדיקן פֿאַרדריי, האָט מיקי זיך אָנגעכאַפּט אין אַ פֿעלדז מיט זיינע מוסקולירטע הענט און אַזוי אַרום געראַטעוועט דעם דזשיפּ.

ביי יעדן אינצידענט פֿלעגט זיך מיקי פֿריילעך צעלאַכן און געקלאַפּט גאַבין אין פּלייצע

—דער חברה־מאַן פֿאַר אונדז האָט זיך כסדר אָפּגעשטעלט. דיר, גאַבי, גיב איך די דערלויבעניש אָנטייל צו נעמען אין די פֿאַרמעסטן אויפֿן טיטול: טשעמפּיאָן פֿון די שאָפֿערן.

— כ׳וואָלט ליבערשט געוואָלט אָנפֿירן אַן אינפֿאַנטעריע־אָפּ־

טיילונג, — האָט גאַבי געמורמלט — דאָס איז נישט קיין אַרבעט פאַר אַ סאָלדאַט.

— האָסט אַ טעות, מיין פריינד, דיין אַרבעט היינט ביינאַכט איז אַזוי וויכטיק, ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע אין גאַנצן לאַנד. דו פירסט דאָס ריכטיקע געווער קיין ירושלים. ביז איצטער האָט זי נישט געקענט צוריקשלאָגן. שטעלסט זיך פאַר די שמחה פון די ירושלימיער, ווען זיי וועלן הערן דעם קראַך פון אַ מאַרטאַר־סנאַריאַד און זיי וועלן קענען זאָגן: „דאָס איז אונדזערער?״

ווען מיקי מיט זיין גרופּע זענען אַריינגעפאָרן אין דער פאַר־שטאָט פון ירושלים האָט אַ ראַזיקער פרימאָרגן זיך צעשפרייט איבער דער שטאָט. „פריע שוואַלבן״ האָבן גלייך באַמערקט די נישט געוויינלעכע משא פון דעם טראַנספאָרט. ס׳האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען איבער ירושלים: ס׳זענען אָנגעקומען האַרמאַטן!

ביי דער הויפּטקוואַרטיר פון דער עציוני־בריגאַדע האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן און אויפגענומען מיט געררירטקייט די שאָפערן און די אַרטילעריסטן. זיי האָבן זיי אַרומגעכאַפּט און געקושט. מיקי איז געשטאַנען אין דער זייט און געשמייכלט. זיין גרעסטע באַלוי־נונג איז געווען ווען ער האָט געזען די פריילעכע פּנימער פון די ירושלימער. ירושלים וועט מער נישט זיין הילפלאָז.

צוויי טעג שפּעטער האָט מיקי, מיט דער אונטערשריפט „סטאָן״, אַרויסגעשיקט אַן אינסטרוקציע פון זיין הויפּטקוואַרטיר צום עציוני־קאָמאַנדיר. אַ קאָפּיע — דער 7־טער בריגאַדע און דעם פּלמח:

— „שיקט אַריבער צוואַנציק שטיינהאַקער מיט האַמערס היינט ביי נאַכט קיין בית־סוסין. זיי וועלן באַקומען באַפעלן פון־נעם אינזשיניער פון דער 7־טער בריגאַדע צו פאַרענדיקן דעם וועג, די הראל־בריגאַדע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טראַנספּאָרט פון די שטיינהאַקערס. ענטפער גלייך וועגן דעם״.

דעם 7־טן יוני האָט דער „בורמאַ־וועג״ געדאַרפט זיין פאַר־טיק און צוגעפּאַסט פאַר גרויסע לאַסטאויטאָס. די נייעס האָט דערגרייכט אין „רויטן הויז״ אין תל־אביב אין אַ ראַפּאָרט וועגן

די אינפאָרמאַציע־צוגרייטונגען פאַר „יורם", זי האָט געקלונגען לאַקאָניש:

„בייער סוביעקט: טראַנספּאָרט־באַגלייטונג — 11 דזשיפּס, 6 — 5 לאַסט־וועגענער וועלן אָפּציען היינט אָוונט. דריי לאַסט־וועגענער מיט ציווילע הילפס־מיטלען; דער בילאַנס פאַר הראל און עציוני".

די דריטע אַטאַקע אויף לאַטרון האָט מען נישט געקענט אָפּלייגן, שוין צוליב דעם אַליין, כדי צו זיכערן דעם פרייען טראַנספּאָרט־פאַרקער: ירושלים — תל־אביב. דער וואָפנשטילשטאַנד האָט געדאַרפט איינגעשטעלט ווערן. גראַף בערנאַדאָט, דער יו־ען־פאַרמיטלער האָט פובליקירט דעם וואָפנשטילשטאַנד אין 4 טעג אַרום, אין פאַרלויף פון די עטלעכע טעג וועט באַשלאָסן ווערן דער גורל פון ירושלים. בן־גוריון איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט געפאָדערט מעשים.

דעם 8־טן יוני אין אָוונט האָט מיקי געיאָגט אויפן נייעם וועג קיין אַבו־גוש; דאָס פאַרצייטיקע באַרג־דאָרף אויף מערב פון ירושלים. נישט ווייט פון דאָרף איז געווען די צענטראַלע הויפּט־קוואַרטיר פון פלמח. דער שאָפער איז געווען אַלעקס ברוידע.

כדי צו פאַרקירצן דעם וועג האָבן זיי אויסגעמיטן די דאָרפּישע סטעזשקע נישט ווייט פון הרטוב און געפאָרן מיט דעם געפלאַסטערטן, הגם ערטערווייז צעשעדיקטן קרייצוועג, ביי באַב־על־וואַד. ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צו באַב־על־וואַד זענען זיי באַשאָטן געוואָרן מיט אַ קוילן־האָגל פון די לאַקערערס אין די אַרומיקע בערג.

ברוידע האָט געגעבן גאַז און זיך אַוועקגעלאָזט אונטערן שוץ פון דיביימער ביים זייטנוועג. דער דזשיפּ איז אַדורך דעם קוילן־רעגן און אָפּגעקומען בלויז מיט אַ צעבויגענע טיר.

מיקי האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט יגאל אלון. דער ערנסטער יינגער פלמח־הויפּט, וועמענס טרופּן עס האָבן געליטן מוראדיקע פאַרלוסטן אין פאַרלויף פון דעם זעקס־חדשימדיקן קאַמף מיט די

אַראַבער, האָט שטאַרק געצווייפלט אין דער „יורם"־אָפעראַציע". ער האָט געפילט אַז זיינע סאָלדאַטן מוזן זיך אויסרוען. און ס׳איז נישט געווען קיין סוד, אַז ער האָט נישט געוואָלט זיין פאַרמישט אינעם פאַרמעסט מיט דעם שטאַרק־באַפעסטיקטן לעגיאָן אין לאַטרון.

צען מינוט שפּעטער האָט מיקי זיך געטראָפן מיט יגאל אלון אין דער הויפּטקוואַרטיר פון דער הראל־בריגאַדע. מיקי איז געזעסן אויפן שטיינערנעם צוים פונעם לאַגער. ער האָט גערעדט פריינדלעך און אָפנהאַרציק.

— כ׳ווייס אַז דיינע סאָלדאַטן, יגאל, זענען טויט־מיד. אָבער דער שונא איז אויך מיד. אַ גוטער קלאַפּ קאָן ענדערן די גאַנצע לאַגע. ס׳איז נישט דיין עסק זיך אויסצוקלייבן לאַטרון אָדער ראַמאַללאַ. די אַנטשיידונג איז געפאַלן ביי דער רעגירונג אין תל־אביב. אַ סאָלדאַט איז מחויב צו קעמפן ווו מען שיקט אים.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די „יורם־אָפּע־ראַציע". פונקט ווי די פריערדיקע „בן־נון נומער 2" איז דער אָנהייב געווען אַ פלאַמיקער. די פּינקטלעכע לויט דער צייט־טאַבעלע אויסגערעכנטע קלעפּ פון די ישראלים האָבן אַרויסגערופן דעם דערוואַרטן מיש־מאַש ביי די אַראַבער. זיי האָבן געשיקט טרופּן פון איין אָרט צום צווייטן צו האַמעווען די ישראל־אָפענסיווע.

דעם דעצידירנדיקן קלאַפּ אין דער אָפּעראַציע האָט געדאַרפט געבן דער פינפטער באַטאַליאָן פון הראל. ער האָט געדאַרפט אָנגרייפן די אַראַבישע פּאָזיציע נומער 13 אויפן באַרגשפּיץ פון יאַלו, אין סאַמע צענטער פון דער אַראַבישער באַפעסטיקטער ליניע. נאָך דעם ווי דער שפּיץ באַרג וועט פאַרנומען ווערן האָט דער דריטער באַטאַליאָן פון דער יפתח־בריגאַדע געדאַרפט אַרויסגיין פון דער פּאָזיציע נומער 22, אַריבערגיין דעם יאַלו־באַרג און דערלאַנגען די אַראַבער דעם טויטקלאַפּ אויפן „קאַנאָנען־באַרג".

די גאַנצע געגנט איז אַ נאַכט פריער אויסגעפאָרשט געוואָרן פון פלמח־פּאַטראָלן. דער צייכן פאַרן אויסגאַנגפּונקט פאַר הראל

איז געווען אַ פֿאַראײנזאַמטער ציפּרעסבוים אויפֿן ברעג פֿון אַ פלאַכן קאַנאַל.

צום אומגליק האָט זיך דאָרטן געפֿונען אַ צווייטער קאַנאַל וועלכער האָט געפֿירט צו צפון־מערב , נישט ווייט פֿון דעם ערשטן. די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פֿינצטערע, אָן אַ לבנה. דער ייִנגער אָפֿיציר, וועלכער איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט זיך פֿאַרקי־רעוועט לינקס צו דער מערבדיקער סטעזשקע. ווען דער הראל־באַטאַליאָן איז אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן באַרג איז ער אָנגעקומען נישט צום פּאָסטן נומער 13 לויטן פּלאַן, נאָר צום פּאָסטן נומער 14, און נאָך אַ האַרטנעקיקן 2־שעהדיקן קאַמף האָט ער דעראָבערט די נישט ריכטיקע פּאָזיציע.

דער יפתח־באַטאַליאָן איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט צו דער פּאָזיציע נומער 13. ס׳איז געווען שטיל. זיי זענען געווען זיכער, אַז ער געפֿינט זיך שוין אין די הענט פֿון הראל. זיי זענען געגאַנגען אין ענגע פֿאָרמאַציעס, ווען מיט אַ מאָל האָבן מאַשין־ביקסן געעפֿנט אויף זיי אַ גיהנומדיקן פֿייער און זיי זענען באַוואָרפֿן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן. אַ שטאַרק צעשלאָגענער, האָט דער באַטאַליאָן זיך צוריקגעצויגן.

אינעם פֿרימאָרגן האָט מיקי אויסגעפֿונען אַז איין באַטאַליאָן זײַנער איז אָפּגעזונדערט און אַרומגערינגלט פֿון שונא און דער צווייטער — צעזייט און צעשפּרייט אויפֿן הפקר־שטח. און אַזוי האָט ער געמאָלדן יגאל ידינען: „כ׳בין געווען געצוווּנגען ביידע באַטאַליאָנען צוריקצוציען״.

ווידער איז לאַטרון געבליבן ביים שונא. פֿרייד־באַריכטן האָבן זיך געטראָגן אינעם אַראַבישן לאַגער.

אָבער דער כלומרשטער אַראַבישער זיג איז געווען אַ פּוסטער. אין דער צייט פֿון די קאַמפֿן האָט אַ פֿינף און זעכציק־טאָניקער טראַנספּאָרט דורכגעדונערט דעם „מאַרקוס־וועג״ און אַריין קיין ירושלים מיט מעל, פֿרישע מאַראַנצן, מילך, בענזין און אַמוניציע

— און די אַראַבער האָבן נאָך אַלץ געלויבט איינער דעם צווייטן. זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט, וועלכע גרייפט אָן דעם נישט־ריכטיקן „העלף־בעק״, בעת דער מאַן מיטן באָל יאָגט זיך מיט אים אַריבער די ציל־ליניע אומגעשטערט. די נאָענטסטע נאַכט איז דער טראַנספּאָרט אויפן נייעם וועג פאַרטאָפּלט געוואָרן. די היסטאָרישע 22־סטע באַלאַגערונג פון ירושלים איז אויפגעהויבן געוואָרן.

דער באַשיידענער אַמעריקאַנער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט נישט געוואַרט אויף קיין לאָרבערקרענץ, אָבער אַלע האָבן אָנערקענט, אַז ער איז געווען די הויפּטפיגור ביים אויפבויען דעם נייעם וועג קיין ירושלים.

די „ניי־פּאַלעסטינע״ און די „הדסה נייעם־בלאַט״ האָבן געשריבן, אַז נאָר אַ דאַנק דעם אַמעריקאַנער העלד, בריגאַדיר מאַרקוס, איז דער געהיימער לעבנס־וויכטיקער וועג אויסגעהאַמערט געוואָרן. פּריוואַטע בריוו פון ירושלים האָבן כסדר דערמאָנט דעם „לעבן־ראַטעווענדיקן מאַרקוס־וועג״.

די בוי־אַרבעט איז געווען אַ מייסטערווערק פון אַ קאָמבינירטער אָפּעראַציע און אַ טריומף פאַר מיקיס טאַלאַנט אַרויסצובאַקומען דאָס בעסטע הן פון די פּלמח־קאָמאַנדירן און הן פון די קאָמאַנדירן, אָנהענגער פון דער ענגלישער טראַדיציע. ער האָט עלאַסטיש לאַווירירט צווישן זיי און נישט גלאָריפיצירט איין צד אויפן חשבון פון צווייטן.

דער פּלמח האָט צוגעשטעלט די ערשטע אויסשפּיר־אַרבעט פאַר דער געוואַגטער דזשיפּ־רייזע און באַוויזן, אַז דער געדאַנק פון פאַרבינדן צוויי אָפּגעטיילטע וועגשפּורן קען פאַרווירקלעכט ווערן. ווען די שטיינהאַקער זענען אָנגעקומען, האָט דער פּלמח דורך זיינע נאַכט־אָנפאַלן דערווייטערט די אַראַבישע דאָרפסלייט און פּאַטראָלן פון די שכנותדיקע בערג. די גוט אָרגאַניזירטע 7־טע בריגאַדע האָט געהאַט די דירעקטע השגחה אויף דער אַרבעט פון וועגבוי.

זי האָט קאָמבינירט די ציווילע אַרבעט מיט די פּאַטראָל־אָפּעראַציעס פאַר די טראַנספּאָרטן און זייער באַגלייטונג.

קיינער פון זיי וואָלט אַליין נישט געקענט דערפילן די אויפגאַבע. אונטער מיקיס געדולדיקער פירערשאַפט איז דער נס געשען — דער נס פון באַפרייען ירושלים.

קאַפּיטל פופצן

עלטער נאָך פון די תנ״ך־צייטן איז דאָס דאָרף אבו־גוש, וואָס ליגט אויף אַ באַרג־אַראָפּהאַנג אַכט מייל מערבדיק פון ירושלים. רייכע פלאַנטאַציעס פון פלוימען און מאַראַנצן באַדעקן די זייטיקע בערג. זיי ווערן באַוואַסערט פון קוואַלן, וועלכע האָבן אַ מאָל, אַ מאָל, צוגעשטעלט וואַסער אַ רוימיש באָד, אַ גאַסטהויז פון די קרייצפאָרער און אַן אָפּרופלאַץ פאַר אַראַבישע קאַראַוואַנען. די ווייסע הייזער און בכבודיקע טעראַסן פונעם דאָרף קוקן אַראָפּ אויף אַ פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע פון וויינשטאָקן, טאָלן און בערג.

אַבו־גוש האָט נישט זיין גלייכן אפילו אין אַ לאַנד פון היס־טאָרישע זכרונות. צו ערשט אַ קאָלאָניע פון כנענים (4000 יאָר פאַרן געבוירן פון קריסטוסן). צוויי טויזנט יאָר שפּעטער — די ביבלישע קרית היערים. זיבעציק יאָר נאָך דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג האָט דער 10־טער רוימישער לעגיאָן אויסגעהאַקט אַ שווימבאַסיין אַרום איינעם פון זיינע קוואַלן. אַכט הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער לעגענדאַרער קאַליף פון באַגדאַד, האַרון־על־ראַשיד, נישט ווייט פון דאָרט אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע אכסניה. אין יאָר 1142 האָבן די ריטער פון הייליקן „דזשאָן־אָרדן״ אויפגעבויט אַ גראַנ־דיעזע מיטלאַלטערלעכע קירכע און אַן אכסניה פאַר פּילגרימער אויפן הויפּט־אַריינגאַנג דורך די בערג קיין ירושלים. הונדערטער יאָרן איז דאָס דאָרף געווען אַ סטראַטעגישער צענטער. זיין לעצטן נאָמען — אבו־גוש — האָט עס צו פאַרדאַנקען אַ קריגערישן אַראַ־בישן שייך אין די פופציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט.

אָבער צום וויכטיקסטן איז זיין רעליגיעזער באַטייט. לויט דער

קאַטוילישער טראַדיציע איז דער פאַרבויטער טייל אין דרום פון ירושלימער וועג דאָס אָרט פונעם פאַרצייטיקן עממאַוס (לויטן הייליקן לוקאַס: אַ פּלאַץ ווייט פון ירושלים „זעכציק אַרבעטסטעג פון אַ פּאָר אָקסן״.* און דאָרטן האָבן צוויי איינוווינער פון דאָרף באַגעגנט דעם תחית־המתים אויפגעשטאַנענעם יעזוס קריסטוס, אינעם טאָג פון זיין „ווידערגעבורט״. דער נאָענטער באַרגשפּיץ אויף צפון, איז לויט דער פעסטשטעלונג פון יידישע געלערנטע „דער פּלאַץ, ווו ס׳האָט אַ לאַנגע צייט זיך געפונען דער הייליקער „ארון הברית״ מיט די לוחות, וואָס איז אַהין געבראַכט געוואָרן 1.100 יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון די פלישתים ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין ספר שמואל ב׳: „און די מענטשן פון קרית יערים זענען געקומען און אַרויפגעבראַכט דעם ארון פון גאָט צו אבינדבס הויז אויפן באַרג״. צוואַנציק יאָר איז דער ארון דאָרט געשטאַנען ביז דוד המלך האָט אים איבערגעפירט קיין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון אַ באַגייסטערטער פּראָצעסיע: און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָבן געשפּילט פאַר גאָט אויף אינסטרומענטן פון טענענהאָלץ, אויף האַרפן, אויף פּייפלעך און טאַמבורינעס, מיט גלעקלעך און צימבלען״.

היינט שטייט דאָרט, אויפן 2.450 פוסיקן הויכן באַרג־שפּיץ, דער מאָנאַסטיר נאָטר־דאַם, אויסגעבויט אין די מאָדערנע צייטן אויף די פונדאַמענטן פון אַ קירכע פון 4־טן יאָרהונדערט, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ פון אַ פריערדיקן יידישן בית־הכנסת. שפּורן פון יידישער אָריגינעלער מאָזאַיִק זעט מען נאָך איצט אויף די ווענט פונעם מאָנאַסטיר. ביים מאָנאַסטיר איז פאַראַן אַ צווייִשטאָקיק רוהויז פאַר פּילגרימער מיט שיין־פאַרפלאַנצטע גערטנער.

אָט אַהער האָט זיך מיקי אומגעקערט נאָך דער „יורם־אָפּעראַציע״, כדי צו פּלאַנירן זיינע נאָענטע מיליטערישע שריט. לויט די ווערטער פון פּיער אַלעקסאַנדער ליינס האָבן די ישראלים שטענ־

* 8 אַרבעטסטעג פון אַ פּאָר אָקסן זענען אַ מייל.

דיק רעספּעקטירט די נייטראַליטעט פון דעם מאָנאַסטיר. זיי האָבן אפילו געהאָלפן ברענגען שפּייז פאַר די הייליקע מאָנאַכן. אָבער די באָמבאַרדירונג פון מעלה־החמישה, דעם שכנותדיקן קיבוץ, האָט געצווונגען די מאָנאַכן זיך פון דאָרטן אַרויסצוציען און דאָס רוהויז האָט איבערגענומען די הראל־בריגאַדע; דאָרט האָט סטאַציאָנירט די הויפּטקוואַרטיר.

די לאַגע איז געווען קריטיש. דער אַראַבישער לעגיאָן האָט נאָך נישט געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך דורכצורייסן פון דעם ראַדאַר־באַרג צו אַבו־גוש. הגם די אַבו־גושער זענען קריסטן, אָבער דאָך אַראַבער, און מען דאַרף זיי באַטראַכטן אַלס פאַרבינדעטע פונעם שונא. די באַפעל־געשרייען אין ענגליש פון די לעגיאָן־אָפיצירן האָבן גאַנץ אָפט אָפּגעקלונגען אין די אַרומיקע טאָלן.

דער וואָפנשטילשטאַנד איז שוין געהאַט באַשטימט געוואָרן אויפן 11־טן יוני 10 אַזייגער פאַרמיטאָג. ס'הייסט אין אַ מעת־לעת אַרום. פון דעסטוועגן איז מיקי נישט געווען זיכער צי וועלן די אַראַבער זיך אונטערוואַרפן דער דאָזיקער באַשטימונג. יעדנפאַלס איז מיקי געווען זיכער אַז אין דער לעצטער מינוט וועלן זיי זיך באַמיען צו פאַרבעסערן זייערע פּאָזיציעס.

כל־זמן דער קאַמף גייט אָן, איז פאַראַן די געפאַר אַז די אַראַבער וועלן אויסגעפונען דעם „בורמאַ־וועג" — אויב נישט בכיוון, איז דורך אַ צופאַל. וועלן זיי אָפּשניידן דעם „בורמאַ־וועג" נאָענט פאַרן וואָפנשטילשטאַנד, וועט דאָס זיין אַ קאַטאַסטראָפע. די וואָפנשטילשטאַנד דעלעגאַציע וועט דערקלערן ירושלים אַלס אַן אָפּגעזונדערטע פּאָזיציע, אָן אַ פאַרבינדונג מיטן ים־ברעג און זי וועט נישט דערלויבן אַריינפירן פּראָוויאַנט אין שטאָט. ירושלים וועט זיין פאַרמשפּט אויף הונגער און אַנטוישונג, און גאַנץ מעגלעך — אונטערגיין.

ווי אַלע מאָל, איז די בעסטע פאַרטיידיקונג אַן אַטאַקע. אָבער די יידישע באַטאַליאָנען זענען געווען טויט מיד. מיקי האָט געמאָלדן

ידינען אַ טאָג פריער: „די באַטאַליאָנען זענען מיד. די צייט קורץ. היינטיקע נאַכט וועלן מיר נישט אָנגרייפן. ס'איז אוממעגלעך".

די הראל־בריגאַדע, אויסגעשעפּט פון פאַרלוסטן, קאַמפן און אונטערדערנערונג, האָט זיך געפינען אין אַ טרויעריקער לאַגע. נאָך אַ מאָנאַטן־לאַנגן קאַמף אין דער געגנט פון ירושלים זענען אַ טייל פּלאַטונען רעדוצירט געוואָרן ביז צו אַכט אָדער צען סאָלדאַטן — אַ פערטל פון זייער נאָרמאַלער מאַנשאַפט. זיי זענען געווען אַזוי דערשעפּט, אַז די זעלבער פלעגן אַנטשלאָפן ווערן אויף זייערע וואַכפּאָסטנס. אַ טייל פון זיי, אָפּגעטעמפּט פון די בלוטיקע שלאַכטן, זענען געוואָרן גלייכגילטיק צו דער גאַנצער וועלט.

נאָך אַ באַזוך אין די געצעלטן פונעם באַטאַליאָן האָט מיקי געמאָלדן: „אַ נייע אַטאַקע אויף לאַטרון איז אוממעגלעך אָן אַ פרישן באַטאַליאָן". ידין האָט געענטפערט: „כ'האָב נישט אין רעזערוו קיין סאָלדאַטן".

מיקי איז געזעסן אינעם פּרימיטיוון רוהויז און נאָכגעטראַכט וועגן דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע: תל־אביב וויל, אַז ער זאָל צונויפשטעלן אַ קאַמפגרופּע פון פאַרקלענערטע כוחות. ריכטיק איז, אַז די שוין צוויי מאָל אויפגעטרייסלטע פעסטונג־פּאַרטיידיקער פון לאַטרון קענען אַרויסגעטריבן ווערן פון זייער באַרג־נעסט ביי אַ גוט־אויסגערעכנטן אָנגריף. אָבער ווער איז בכוח אָנצוגרייפן?

מיקי האָט איבערגעקוקט זיינע נאָטיצן. צוויי מיטטיילונגען זענען אָנגעקומען פונעם קאַמף־פּלאַץ. די ערשטע, דער אַראַבישער לעגיאָן, מיט דער אונטערשטיצונג פון „נישט רעגולערע", האָט דורכגעפירט אַ פּלוצעמדיקן אָנגריף אויף בית־סוסין. די 7־טע בריגאַדע האָלט אים אָפּ. די צווייטע — דער אַראַבישער לעגיאָן האָט זיך דורכגעריסן און פאַרכאַפּט דעם קיבוץ גזר, פּרעהס חתונה־מתנה פאַר שלמה המלך אין יענער צייט.

מיקי האָט געפאָדערט לופט־הילף פאַר בית־סוסין און געשיקט

רעזערוון קיין גזר. ער האָט איבערגעשיקט וועגן דעם ידיִנען אַ דרינגענדיקן ראַדיאָגראַם:

„אין ליכט פון נאָענטן וואַפנשטילשטאַנד און דעם שונאס אַקטיוויטעט, פאַרלאַנג איך פון דיר פּריאָריטעט פאַר צוויי זאַכן:

1) קאָנצענטרירן אַלע כוחות אויף באַוואַכן דעם נייעם וועג.

2) אַטאַקירן לאַטרון.

דער מצב: די 7־טע בריגאַדע שטייט אויף דער וואַך צו שיצן דעם נייעם וועג אין די שליסל־פּונקטן.

ער האָט געראַטן דער 7־טער בריגאַדע צו ענטפערן אויף שיסערייען, אָבער נישט אָנהייבן קיין נייע. דער וואַפנשטילשטאַנד גייט אַריין אין קראַפט פּרייטיק 10 אַזייגער. און אַלס לעצט מאָס־מיטל אין פאַל פון אַ באַפעל צו אַוואַנסירן אויף לאַטרון, האָט מיקי באַפוילן איבערצופירן איין עציוני־קאָמפּאַניע פון ירושלים צו פאַר־שטאַרקן די אויסגעמאַטערטע רייען פון הראל.

מיקי האָט אַרויסגעגעבן אַ פייערלעכן באַפעל וועגן ערלעכקייט צווישן חברים־סאָלדאַטן. ער האָט דאָס פאָרמולירט: „די יידישע אַרמיי באַזירט זיך אויף די העכסטע עטישע און מאָראַלישע פּרינ־ציפּן.“

מיקיס דירעקטיוון זענען דאָס מאָל געווען לאַנגע און ערנסטע, און ווען ברוידע האָט זיי קאָפּירט, האָט ער געשפּאַסט:

וואָס איז עס? אייער לעצטער ווונטש? אַ צוואה?

— אפשר — האָט מיקי געענטפערט ערנסט.

ברוידע האָט דערפילט אַ קעלט איבערן לייב. צוויי שעה פריער איז ראָבערט קאַפּאַ אָנגעקומען פון ירושלים מיט דער ידיעה:

דער האָטעל „עדען“ גרייט צו פאַר מיקין אַ סיורפּריז, אַ הייסע באָד. ס׳וועט זיין אַ קאָפּ־שווינדלדיקער פאַרגעניגן — האָט קאַפּאַ פאַרויסגעזאָגט.

— אויב איך וועל דאָס דערלעבן, האָט מיקי געענטפערט. איר פאַרשטייט? מ׳קען ציען אַ גומי־בענדל ביז צו אַ געוויסער גרענעץ.

שפּעט נאָך מיטאָג, ווען שאָטנס האָבן גענומען קריכן איבער די רוזקע בערג, איז מיקי אַרויס אינעם גאָרטן פון מאָנאַסטיר. ס׳איז אים אַנטקעגנגעקומען אַן אויפפרישנדיקער געמיש פון ריחות פון פייגן, סאָסנע, אייקאַליפּטן און טאַמאַריסקן־ביימער.

פון דעם טונקל־ווערנדיקן מזרח האָבן זיך אַרויסגעשיילט פאַרטושטע קאָנטורן פון די לעגענדאַרישע טורעמס פון ירושלים. זיי האָבן געווונקען, גערופן מיסטעריעז, אָן ווערטער.

מיקי איז צוגעגאַנגען צום ברעג פון שפּיץ באַרג און זיך איינגעקוקט אין די צעשטערטע טעראַסן, וואָס האָבן אַ מאָל געשאַפן דאָס ביבלישע ווונדערלאַנד. ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט די ריינע שמעקנדיקע סאָסנע־לופט.

ער האָט געהערט טריט הינטער זיך: „מעג איך אייך פאַרשלאָגן טיי, סער״?

אַ יונג פאַרברוינט, ערנסט פּלמח־מיידל האָט אים דערלאַנגט אַ טעפּל טיי. מיקי האָט עס מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען. אַ ווײַלע איז דאָס מיידל געשטאַנען און געגאַפט אויף דער שטילער און רוזקער לאַנדשאַפט און געמורמלט עפּעס אין העברעיִש. מיקי האָט אויפגעכאַפּט דעם סענטימענטאַלן טאָן: צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דעם זומערס לעבן האַלט אָן אַ זייער קורצע צייט.

דאָס מיידל האָט זיך שנעל אויסגעדרייט:

— איז דאָס אַ ציטאַט פון קיטס אָדער גאָר פון שעקספּיר?

— פון שעקספּיר, פון זיינע סאָנעטן.

— קענט איר אפשר נאָך עפּעס דעקלאַמירן?

מיקי האָט געשמייכלט און געזופּט די טיי.

— ווי איז דיין נאָמען, חביבה?

— מרים!

— נו גוט, מרים׳שע... — ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל:

„אין דער צייט פון יאָר, קוק זיך איין אין מיר גוט,
געלע בלעטער, אפשר איינציקע,
הענגען אויף צווייגן און ציטערן פון קעלט —
נאַקעטע צעשטערטע כאָרן.
אָט נישט לאַנג האָבן זיסע פייגעלעך דאָ געזונגען...״

מרים האָט זיך פאַרכמורעט:

„ס׳איז דאָך אַזוי טרויעריק. און איך האָב געמיינט, אַז די סאָנעטן זענען ליבע־לידער״. זי האָט אויפגעשטראַלט. „האָט איר געלאָזן אַ ווייב אין דער היים, אָדער אַ געליבטע?

„כ׳האָבביידע״.

„אָ, אַזוי״.

„אין דער זעלבער פרוי״.

„אָ!״... ס׳איז מרימען געפעלן. אויב אַזוי דעקלאַמירט מיר עפּעס אַ ליד וועגן איר״.

מיקי האָט שוין געוואָלט אַרויסדרייען זיך פונעם קינד, ער האָט זיך אָבער מיישב געווען. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

„אָ, זאָג נישט, אַז כ׳בין דיר פאַלש געווען,
כאָטש מיין אָפּוועזנהייט ווייזט אויף דעם אָן,
ליבער איז מיר צו שיידן זיך פון זיך אַליין,
איידער פון מיין נשמה, וואָס אין דיין ברוסט רוט.
דאָרטן איז מיין ליבע־נעסט: און אויב כ׳האָב געוואַנדערט,
ווי אַ בראָדיאַגע אויף די וועגן, קום איך איצט צוריק
פונקט אין צייט, ווייל ס׳האָט די צייט קיין זאַך געענדערט,
און כ׳ברענג מיט זיך וואַסער אָפּצוואַשן מיין פלעק.
כ׳בעט דיך, גלויב נישט! כאָטש עס הערשן אין מיר
די שוואַכקייטן וואָס אַיעדנס בלוט באַפאַלן,
זאָל איך אַזוי נאַריש, זינלאָז האַנדלען קעגן דיר
און פאַר דיין גוטסקייט דיר אַזוי באַצאָלן?

נײַן, גאָרנישט אין דער ברייטער גרויסער וועלט, כ׳שריי אויס!
מײַנט עפּעס פאַר מיר, אויסער דיר, מײַן בליענדיקע רויז!״
(שעקספּיר, סאָנעט נומער 109)

מיקי האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ דזשיפּ האָט זיך געדראַפּעט באַרג־אַרויף. ווען ער האָט זיך דערנענטערט האָט מיקי דערקענט אינעם שאָפער, אַז ער ברענגט גוטע נײַעס. און אַזוי איז געווען:

די אַראַבער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון בית־סוסין און מ׳האָט זיי אַרויסגעטריבן פון גזר. דער פראָנט אַרום חולדה האָט זיך סטאַביליזירט. אָבער די איבעריקע ידיעות זענען געווען נישט קיין פריילעכע. אַרום באַב־על־וואַד און אין ירושלים גופא האָבן די אַראַבער אַטאַקירט און ס׳האָבן זיך צעפלאַקערט פאַרביטערטע געשלעגן. ווייזט אויס, אַז ביז דער לעצטער מינוט פאַרן וואָפנשטילשטאַנד וועט דער אַראַבישער לעגיאָן נישט אויפהערן פאָכען מיט זיין געפאַנצערטן ווידל.

אָן האָפענונג אויף פרישע רעזערוון האָט מיקי באַשלאָסן זיך קאָנצענטרירן אויף איין פונקט, אויף באַשיצן דעם נײַעם וועג, און אָט איז זיין אינסטרוקציע צו דער עציוני־בריגאַדע:

„אינעם שיין פון דעם זיך דערנענטערנדיקן וואָפנשטילשטאַנד און די אָנגריפן פונעם שונא, האַלט פעסט אייערע פּאָזיציעס. וואַרשײַנלעך וועלן די אַראַבער היינט בײַ נאַכט מאַכן דעם לעצטן פּרווו פון אַ גענעראַל־אָפענסיווע. זייט וואַך, פאַרטיידיקט זיך און פאַרגעסט די פּלענער פון אַ נײַער אַטאַקע אויף לאַטרון.

ענלעכע באַפעלן זענען אַרויס צו אַלע אָפּטיילונגען אויף דער גאַנצער ליניע. די וואַך־פּאָסטנס האָבן געדאַרפט פאַרגרעסערט ווערן, און די לאָקאַלע שטאַבן זענען אַליאַרמירט געוואָרן: „די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעריסן פון קייט. לאָזט זיי נישט צו צו נייע דערגרייכונגען.״

פּלמח האָט צוגעגרייט מיקין אַן איבעררעאַשונג צום אָנקומענדיקן וואָפנשטילשטאַנד, אויף זיין שטייגער: אַן אימפּאָזאַנטן „קומ־

זיך". זיי האָבן, ווי פון אונטער דער ערד, צונויפגעזאַמלט עקזאָ־טישע שפּייזן, וועלכע מ'האָט נישט געזען שוין מאָנאַטן לאַנג. מיקי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס אויפן גראָז צוזאַמען מיט די פּלמח־קאָמאַנדירן. ס'איז געווען שוואַרצער קאַוויאַר; פון דער קיך פון „קעניג־דוד" האָטעל אין ירושלים, האָט מען געבראַכט אַ געבראָטן לעמעלע; בערג פרישע פלוימען, באַרנעס און מאַראַנצן און וויין און שנאַפּס — כיד המלך. פאַר מענטשן, וועמענס איינציקע שפּייז איז געווען אַ שיטערע ציבעלע־זופּ, איז עס געווען אַ גרויסאַרטיקע סעודה.

דער אַמעריקאַנער האָט כסדר גערעדט וועגן מלחמה און וואָפנשטילשטאַנד. ס'וועט נישט זיין קיין אָפּרו־צייט. אַלע מילי־טערישע איינהייטן וועלן מוזן איבערגעבויט ווערן. אַ סך אומ־זיסטע קרבנות זענען געפאַלן צוליב נישטגענוגנדיקער טרע־נירונג. „מיר וועלן שטרענגער מאַכן אונדזערע אינסטרוקציעס און ראַטעווען לעבנס. אין דעם חודש פון וואָפנשטילשטאַנד וועלן מיר אויפשטעלן אַ נייעם דור קעמפער, פאַרהאַרטעוועטע, מוטיקע, דערפאַרענע און אומבאַזיגבאַרע".

מיקי האָט באַמערקט די פאַרלעגנהייט פונעם עולם. דער ציל פון דער שמחה איז דאָך געווען צו פאַרגעסן די מלחמה. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל שנאַפּס, אויפגעהויבן אין דער הויך און געווונטשן: „לחיים חברה־סאָלדאַטן!"

— עסט, טרינקט און זייט פריילעך — האָט אונטערגעכאַפּט אַ יונגער בלאָנדער בחור מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, — מאָרגן, מאָרגן... ווער ווייסט?

אַלעקס ברוידע האָט באַמערקט דעם אַמעריקאַנערס ערנסטן, דורכדרינגנדיקן בליק. ווידער האָט אים עפּעס אַ קלעמעניש אַרומגענומען. ער איז געוואָרן אומרויִק.

מיקי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שמחה מיטן גאַנצן פייער, מיט זיין שפּרודלדיקער פריילעכקייט. ער האָט געשפּאַסט, זיך געוויצלט, מיטגעזונגען אַלע מלחמה־לידער און געקייט אויף

ביידע באַקן. מיקי איז געווען אַן אכלן און שוין וואָכנלאַנג נישט הנאה געהאַט פון אַ גוטן מאָלצייט, שוין אָפּגערעדט פון אַ באַנקעט.

ס׳איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, נאָך דער סעודה און די לעצטע געזאַנגען. אַ דינער לבנה־סערף האָט זיך געוויזן דורך די וואָלקנס און פאַרשוווּנדן.

מיקי האָט געפרעגט אלונען:

— האָבן אַלע וואַכן באַקומען דעם באַפעל פון שטרענגער וואַכזאַמקייט?

— אַלע דיינע אינסטרוקציעס זענען אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך.

מ׳האָט געמאַכט די לעצטע שלאָף־צוגרייטונגען. מיקין האָט מען צוגעטיילט אַ שלאָפצימער צוזאַמען מיט זיין אַלטן גוטן פריינד מאַלאַ כהן, „די הייבמאַשין" — אויפן צווייטן שטאָק. ברוידע איז געשלאָפן אונטן. דער מאָגערער אַדיוטאַנט האָט שטיל פּראָטעסטירט. ער האָט אַ פאָרגעפיל, אַז ער מוז היטן מיקין אין די נאָענטע פיר און צוואַנציק שעה. ער איז זיך פאַרגעקומען אַ ביסל נאַריש מיט זיינע פאַרגעפילן. ער האָט באַגלייט מיקין אויף דער לעצטער קאָנטראָל פון די וואַכן, טיר און פענצטער, און זיי זענען אַוועק שלאָפן.

מיקי איז געלעגן האַלב אָנגעטאָן אויף זיין בעטל. אים קעגנ־איבער האָט די „הייבמאַשין" לייכט געכראָפּעט.

נאָרמאַל פלעגט מיקי איינשלאָפן ווי נאָר זיין קאָפּ האָט באַרירט דאָס קישן. היינטיקע נאַכט איז ער געווען אויפגערייצט, נישט פון דער שמחה, נאָר פונעם ערנסטן מלחמה־מאָמענט, וואָס איז צוגע־קומען צו זיין העכסטן פונקט.

די ערשטע מלחמה־רונדע איז אַריבער און די ישראלים האָבן זי איבערגעלעבט. קיין מאָל מער וועט די אויבערהאַנט פון די אַראַבער נישט זיין אַזוי גרויס ווי געווען, ווי ס׳האָט דאָס מיט באַ־דויערן פאַרצייכנט גענעראַל גלאָב פּאַשאַ אין זיינע מעמואַרן:

„די אַראַבישע אַרמייען האָבן אויסגעשאָסן זייער פּולווער. זיי

האָבן פאַרלוירן זייער אָפּענסיוו־טרייבקראַפט. מ׳האָט געזען באַ־שיימפּערלעך, ווי די אַראַבער ווערן שוואַכער און די יידן שטאַרקער״.

אויף אַלע פראָנטן האָבן די ישראלים אויסגעמיטן קאַטאַס־טראָפעס. אין די געפערלעכסטע מאָמענטן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַנטשלאָסנקייט און אויסגענוצט דעם לעצטן טראָפּן פון זייערע כוחות. טראָץ דער אינוואַזיע פון פינף אַרמייען, אָן מיליטערישע רעזערוון, האָבן די יידן אומעטום אַטאַקירט מיט ברען און מיט מוט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער געצוימטער אין פאַרלויף פון דורות פרייהייט־ווילן וואָלט פּלוצעם אויסגעבראָכן און אַרויס אויף דער פריי.

די אַראַבער איז געלונגען מיט זייער טאַנקען־אָפּענסיווע צו פאַרנעמען אין גאַנץ ישראל עטלעכע נישט אַנטשיידנדיקע פּונקטן: די אַלטשטאָט ירושלים; דעם עציון־בלאָק; צוויי קיבוצים אין נגב, און משמר־הירדן אין גליל. דער איבעריקער טייל גליל איז געבליבן אין יידישע הענט, אַריינגערעכנט אויך דעם מערב־טייל, וואָס איז געוואָרן צוגעטיילט די אַראַבער לויטן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער. אין צענטער האָבן די יידן פעסט געהאַלטן די נייַשטאָט ירושלים און דעם נייעם „בורמאַ־וועג״ — אַ פאַרבינדונג מיטן ים־ברעג. אין דרום וועט די העלפאַנטישע עגיפּטישע אַרמיי, וועלכע האַלט אָן די מזרח־מערבדיקע פאַרטיידי־קונגס־ליניע אין נגב, באַלד זיין אויסגעשטעלט אויף די זעלבע סכנות ווי די, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט פאַר די יידן. איבער אַלע גרענעצן האָבן געשטראָמט אַראַבישע פּליטים. „די אומגליקלעכע קרבנות״, לויט די שטויענדיקע ווערטער פון גענעראַל גלאָב, זענען דערצו געבראַכט געוואָרן דורך דער אַגיטאַציע פון זייערע אייגענע פירערס. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאַגן פון די יידן צו בלייבן אויף זייערע פּלעצער. די לעגענדע פון אַ פאַראייניקט אַראַביש פאָלק האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. וואָלט באמת עקזיסטירט אַן איינהייטלעכער אַראַבישער אַנטי־ציוניסטישער פראָנט, וואָלטן די יידן, מיט זייער קנאַפּ געווער, נישט געקענט אויסשטיין די אַראַבישע אָפּענסיוועס.

אין די פייערן פונעם לעצטן מלחמה־חודש איז נישט נאָר אויסגעשמידט געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע יידישע מדינה, נאָר אויך אַן אַרמיי, וואָס וועט די מדינה פאַרטיידיקן. ידין, לאַסקאָוו, שמיר, אלון און דיין, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויסערגעוויינלעך־גוטע מענטשן און וווּנדערבאַרע אָפיצירן. זיי האָבן שנעל זיך צוגעאייגנט די פּרינציפּן פון מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, פּלאַנירונג און אָפּעראַטיווער עלאַסטישקייט. די ישראל־סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומדערוואַרטע העלדישקייט וועלכע האָט איבערגעשטיגן די פאָדערונגען אפילו פון אַ פעטטאָן; ווען זיי געהעריק געאיבט ווערן, וועלן זיי זיך קענען פאַרמעסטן מיט יעדער אַרמיי אין דער וועלט.

ס׳איז נאָך אַלץ געבליבן דער קאָפּוויייטיק פון די אויפזועער פון די „פּאַראַייניקטע פעלקער”. די אַראַבער וועלן, אָן צווייפל, טענהן, אַז דער „בורמאַ־וועג” איז אַן איינזייטיקער באַרג־שטעג און נישט קיין לעגיטימער מיליטערישער וועג. זיי וועלן פאָדערן אויסצופּרוּוון דעם באַרג־אַרויף אויף דער זייער משופּעדיקער און ענגער שטרעקע איבערן קאַנאַל. מיקי איז געווען זיכער אַז גאַבי מיט זיין דזשיפּ וועט אויספירן אַלע פּרווון באַרג־אַרויף אין פולן גאַנג, פּאַמעלעך, אָדער גאָר זיך אַראָפּגליטשן ווי אויף אַ באַנאַנע־שאָלעכץ.

וואָס אָנבעלאַנגט זיך אַליין, האָט מיקי אויסגעפירט אַלץ וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ישראל איז געוואָרן אַ היסטאָרישער פאַקט. אין נאַצישן דייטשלאַנד איז דאָס זיין אַ ייד באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט. דאָ, אין דער קעמפנדיקער יידישער רעפּובליק, איז דאָס געוואָרן אַ צייכן פון גבורה און כבוד.

סוף־סוף איז שוין געקומען די צייט, ווען ער קען מיט אַ ריינעם געוויסן זיך אומקערן צו זיין עמאַן.

מיקי האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך פאַרקוקט אויף די ווייזערס פון זיין האַנטזייגערל. 2.15 נאָך האַלבער נאַכט. אין פלעטבוש איז איצטער 8.15 אָוונט. סניפּפּי פאָרעט זיך געוויס אין קיך מיטן

געשיר. ער זעט דעם אויסבויג פון איר קערפער. און הערט דאָס קלינגען פון איר וואַרעמען געלעכטער.

ס'איז געווען אַזוי פיל נישט דערזאָגטס צווישן זיי אין זיינע לעצטע אַמעריקאַנער טעג. ער האָט אָבער געהאָפט, אַז זי וועט דאָס אַליין פאַרשטיין. דאָס צעשיידן זיך איז געווען פיינלעך פאַר זיי ביידן. זי זיצט הינטער אַ לערער־שרייבטיש אין ברוקלין און ער אויף אַ באַרגשפּיץ אין ישראל. אָבער דאָס איז געווען אַ נויט־ווענדיקייט. אויפן שרעקלעכן שלאַכטפעלד פון ישראל האָט זיך נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ צאַרט וועזן ווי עמאַ. און דערצו נאָך, ווען ער, מיקי, מאַכט, ווי אינעם רינג, זיינע וועסט־פּאָינטער שטיק אויפן שלאַכטפעלד.

קוקנדיק אויף צוריק, האָט ער נישט געקענט מיט פולער אויפ־ריכטיקייט זאָגן, אַז אַלע זיינע שריט אין דער לעצטער צייט זענען געווען אומפאַרמיידלעך, אַ מין אכזריותדיקער פועל־יוצא אויף זיין וועג צו שלמות.

ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן ליילעך, אָנגעצונדן זיין פאָנאַר, פאַרשטעלט דעם ליכטשטראַל פאַר די אויגן פון זיין צימער־חבר און פאַר די מעגלעכע אַראַבישע שפּיאָנען אין די בערג — און באַלד געפונען דעם אויסצוג, וועלכן ער האָט געזוכט:

„מיר אַלע דאַרפן שפּילן אונדזער ראָל אינדיווידועל, אָבער מיר שפּילן זי גוט בלויז דאַן, ווען מיר פּרובירן זיך אַליין איבערשטייגן.

מיקי האָט פאַרבויגן דעם עק פון דעם זייטל פאַר אַ צייכן און אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן. זיינע נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט. פון יענער זייט פענצטער האָבן די צווייגן פון אַ ציפּרעסבוים געראַשט מיט אַ מין שטילן געיאָמער. דער ווינט פון מערב — דער פרייהייט־ווינט — איז געווען שאַרף. מיקי האָט אַריינגעקוקט אין דער נאַכט אַריין. דער הימל איז געווען פאַרנעפּלט, די לבנה איז פאַרשוווּנדן.

מיקי איז אַראָפּ פון בעטל אין זיינע לייכטע כאַקי־הייזלעך, ס׳איז אים געווען קאַלט, האָט ער אַראָפּגעשלעפּט דאָס ליילעך פון זיין בעט און פאַרוואָרפן עס איבער די אַקסלען, אַריינגעשטעקט די פיס אין סאַנדאַלן און לאַנגזאַם אַראָפּגעגאַנגען.

אין הויף פון מאָנאַסטיר האָט ער דערפילט די שטילקייט, וואָס הערשט אין אַ פּלאַץ ווו עס שלאָפן אַ סך מענטשן. דער קריץ פון די שטיינדלעך אונטער זיינע טריט האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ דונער. ער האָט זיך פאַרקערעוועט צו מערב פון מאָנאַסטיר. דאָרט, הינטער דער שטיינערנער צוים, האָט זיך געפונען אַ סטעזשקע צום באַרגשפּיץ.

ווען ער איז אַראָפּ פונעם ליידיקן פּלאַץ צום שטיינערנעם צוים איז אַ וועכטער אַרויס פון די שאָטנס. געווייינלעך, אין מיליטעריש־געפערלעכע שטחים, באַגעגנט מען זיך מיט אַ פריער באַשטימטן פּאַראָל. דאָ האָט דער וועכטער דערקענט זיין קאָמאַנדיר, אַ פאַכע געטאָן מיט אַן אויסגעמאַטערטער האַנט, און פאַרשוווּנדן צווישן די שאָטנס.

מיקי האָט צוריקגעענטפערט מיט אַ האַנט־באַוועג. ער איז אַריבערגעקראָכן דעם צוים און פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון באַרגשפּיץ. ס׳איז געווען 3.15 נאָך האַלבער נאַכט.

באַלד נאָך דעם איז דער וועכטער אָנגענומען איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק דעם סאָלדאַט וואָס האָט אים געדאַרפט איבערבייטן אַרויסגיין פון זיין געצעלט. דאָס איז געווען אַ רעקרוט פון מזרח־אייראָפּע. ער האָט אים געדאַרפט איבערבייטן ערשט 4 אַזייגער. אָבער דער הראַל־וועטעראַן, אויסגעמאַטערט פון שלאָפלאָזע נעכט אין פאַרלויף פון חדשים־לאַנגן קאַמף, איז געווען צופרידן פון די איבעריקע מינוטן אָפּרו. ער האָט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און גענעצנדיק אַוועק זיך אויסרוען.

דער רעקרוט, אין לאַנד בלויז עטלעכע וואָכן, דערצויגן אין אַן אָרטאָדאָקסישער סביבה וועלכע האָסט געוואַלד־טאָטן איז געווען שטאָלץ צו ווייזן, אַז ער פּאַסט זיך צו צו די פאָדערונגען פון זיין

נייעם היימלאַנד. ער האָט אַריבערגעוואָרפן די ביקס איבערן אַקסל און אָנגעהויבן פּאַטראָלירן.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון טריט צווישן די קוסטעס אין צפון. געטריי דעם באַפעל פון ספּעציעלער וואַכזאַמקייט איז ער געוואָרן געשפּאַנט און האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס צום שיסן.

צו ערשט האָט ער גאָרנישט באַמערקט אין דער פינצטער. באַלד האָט ער דערזען עפּעס אַ טונקעלע פיגור אין ווייסן.

— מי שם? (ווער איז דאָרטן) — האָט ער שאַרף אויסגערופן.

אַ ווינט־פאַרשטיקטער ענטפער.

איז דאָס ענגליש אָדער העברעיִש מיט אַן ענגלישן אַקצענט? ער אַליין איז נישט געווען באַהאַוונט נישט אין ענגליש און נישט אין העברעיִש. ער האָט אָבער שוין געהערט די ענגלישע געשפּרעכן פון די לעגיאָן־אָפיצירן און ער האָט געוווּסט, אַז זייער לאַגער געפינט זיך נאָענט פון מעלה־החמישה.

זיין קורצע טרענירונג האָט אים נישט אונטערגעזאָגט ווי ער זאָל האַנדלען אין דעם פאַל. איינס האָט ער געוווּסט: ער היט די הויפּטקוואַרטיר און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז זייער אַ גרויסע. ער האָט געגעבן אַ וואָרענונגס־שאָס אין דער לופטן. די אין ווייס געקליידעטע פיגור האָט כסדר גערעדט און זיך דערנענטערט צו אים. זי איז אַריבערגעשפּרונגען דעם צוים מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. איז דאָס אַ פריינדלעכע באַגריסונג אָדער אַ גראַנאַט־שליידער־פּאַרזוך?

אין דער שאָטנדיקער טונקלקייט האָט דער יינגער רעקרוט נישט געקענט באַשליסן. זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט האָט אים אויסגעמאָלט דאָס ערגסטע: נאָך אַ סעקונדע און ס׳וועט זיין צו שפּעט. ער האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס צום ציל און אויסגעשאָסן.

דאָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון באַדינגונגען, וועלכע וועלן זיך נישט איבערחזרן אַפילו אין פאַרלויף פון הונדערט יאָר: די טונקעלע נאַכט, דער איבערבייט פון די וועכטער פאַר דער צייט, די

שפּראַך־פּרעמדקייט און דער איינצלנער שאָס אין דער פינצטער פון אַ נישט דערפּאַרענעם סאָלדאַט, וואָס האָט געטראָפן אין ציל...

אָבער פּאַר מיקי מאַרקוס, פּונקט ווי פּאַר ס. דזשעקסאָן אין דער צייט פון בירגערקריג אין אַמעריקע, איז איין קויל גענוג געווען. ווען יגאַל אַלון איז געקומען צו לויפן, האָט ער געפונען מיקין ליגן נישט ווייט פונעם שטיינערנעם צוים מיט אַ דורכגעלעכערט האַרץ, אָן אַ פונק פון לעבן. מיקי האָט געטראָגן די כאַקי־הייזלעך, וואָס זענען געווען דורכגעלעכערט פון די קוילן פון די עגיפּטישע אַעראָ־פּלאַנען אין נגב. ער איז געפאַלן אַרום הונדערט פוס פונעם אָרט, וווּ מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט געטאַנצט און געזונגען, לויבנדיק גאָט, דער העלדישער קעניג, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגן. דער זייגער האָט געוויזן 3.50. זעקס שעה מיט צען מינוט איידער די האַרמאַטן זענען שטיל געוואָרן. דער לעצטער יידישער קרבן פאַרן וואָפנשטילשטאַנד.

אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט זענען די פירער פון יידישן שטאַט געזעסן ווי פאַרשטיינערטע, גרוי און פאַרזאָרגט, ווען בן־גוריון האָט הויך פאָרגעלייענט די דעפּעשע צו עמאַ מאַרקוס אין ניו־יאָרק. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז „די מיליטערישע פעיקייטן און די וווּנדערבאַרע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן האָבן אים פאַרשאַפט אַן אומשטערבלעכן ערנפּלאַץ אין אונדזער געשיכטע. ווי דער הויפּטקאָמאַנדיר פון ירושלימער פראָנט, איז ער געוואָרן דער פירנדיקער גייסט פון די קאַמפן, די שווערסטע פון אַלע קאַמפן וואָס מיר האָבן געפירט ביז איצטער".

צו אַ ציַיטונגס־רעפּאָרטער, וואָס האָט אים אינטערוויוּירט, האָט בן־גוריון געזאָגט פּשוט און קלאָר: „ער איז געווען אונדזער בעסטער מענטש!

די ישראל־סאָלדאַטן זענען געוואָרן ווי פאַרשטיינערט און אויפגע־טרייסלט נאָך מער ווי פון די פינף אַראַבישע אַרמייען. באַלד אָבער האָבן זיי דעמאָנסטרירט אין אַ סעריע גלענצנדיקע אַקציעס, אַז זיי

האָבן גוט באַנומען די תורה פון „אַטאַקירנדיקער פויסט״, וואָס דער בריגאַדיר פון ברוקלין האָט אין זיי אַריינגעקנעלט.

ווי ס׳האָט עס רירנדיק אין אַ בריוו צו עמאַ מאַרקוס געשריבן עוואַ קירשנער:

„איך שרייב צו אייך נישט נאָר אין מיין נאָמען, נאָר אויך אין נאָמען פון טויזנטער בחורים און מיידלעך פון פלמח, וועלכע האָבן ליב געהאַט אייער מאַן, ווי ער האָט עס ערלעך פאַרדינט, און אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט עס זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אפילו. פון דעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן אייך, קען איך זיך פאָרשטעלן, ווי ער האָט אייך געליבט און וואָס פאַר אַ באַטייט איר האָט געהאַט פאַר אים. אַ שמועס מיט אייך איז אַ מין אופן פון שמועסן מיט אים״.

„מיר האָבן אים געקענט אַ קורצע צייט, אָבער ער האָט געהערט צו דעם זעלטענעם סאָרט מענטשן, וואָס זייער ריינקייט ברענגט אַרויס דאָס פיינסטע און איידלסטע ביי אַנדערע גלייך פון דער ערשטער מינוט. ער איז אַהערגעקומען אונטערן נאָמען „סטאָן״, און האָט אונדז פאַרלאָזט אַלס „מיקי״ און „חביב״ — אַ באַליבטער נאָמען מיט וועלכן אונדזערע סאָלדאַטן האָבן אים געקרוינט, וואָס מיינט: ליבלינג״.

„כ׳וויל, אַז איר זאָלט עס וויסן: די סאָלדאַטן האָבן זייער ביטער געוויינט אויף מיקיס טויט. די דאָזיקע סאָלדאַטן זענען נאָך ייִנגע קינדער און דער טויט איז ביי זיי אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. זיי וויינען נישט. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי זיך נישט געקענט באַהערשן״.

„כל זמן מיר וועלן לעבן, וועט דער טאָג פון זיין טויט זיין פאַר אונדז אַ טרויער־טאָג. און אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן לערנען ווי אַזוי ליב צו האָבן דעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וואָס האָט אונדז געהאָלפן אין אונדזער פאַרצווייפלטן שווערן קאַמף. אַ סך האָבן געקענט קומען, אָבער ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געקומען, — מיר וועלן דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן״.

עפּילאָג

דער הימל איז געווען העל באַלויכטן ווען מ׳האָט מיקי מאַרקוס געבראַכט צוריק קיין וועסט־פּאָינט.

זיין קערפּער האָט מען איבערגעפירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אַ ספּעציעלן מיליטערישן טראַנספּאָרט דעם 30טן יוני, פּונקט ווי ער האָט צוגעזאָגט: „כ׳וועל זיין אין דער היים סוף יוני״.

אין די ערשטע טעג נאָך זיין טויט האָבן זיך געגאָסן טרערן און עס זענען געפלאָסן אָנערקענונגס־אויסדרוקן פון אַלע ווינקלען אויף דער ערד. אַ הספּד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ קאַפּעהויז אין נאָר־מאַנדיע, אין אַ ווילע נישט ווייט פון מאָסקווע, די ווילע פון מאַרשאַל זשוקאָוו, איז געווען איינגעטונקט אין טרויער.

דער פּאַלעסטינע קאַמף, וועלכן ס׳האָט זיינער צייט געשילדערט די ניו־יאָרקער צייטונג „העראָלד טריביון״, איז פון איצט אָן און ווייטער געשטעלט געוואָרן אין אַ ניי ליכט, צוליבן גרויסן אַמערי־קאַנער וואָס איז צו אים געקומען דורך אַ וועג, וועלכן טויזנטער פון זיינע לאַנדסלייט זענען דורכגעגאַנגען טיילוויז בלויז, פונעם ים־ברעג פון נאָרמאַנדיע ביז צו דער שאַנד פון דאַכאַו.

מיקיס לעצטער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פון יוניאָן־טעמפּל אין ברוקלין; זעכציק אויטאָמאָבילן האָבן אים באַגלייט, פאַרביי אָנגע־פילטע טראָטואַרן ביז צום ניו־יאָרקער „סיטי־האָל״. דאָרט האָט אַ צוויי טויזנט־קעפּיקער עולם דורכגעריסן די פּאָליציי־שפּאַלערן כדי אָנטייל צו נעמען צוזאַמען מיטן מעיאָר וויליאַם אָ׳דווייער און די פאָרשטייער פון פאַרשידענע שטאָט־אָפּטיילונגען אין דער פיר־מינוטיקער שווייגעניש.

די לימוזינען־ריי האָט זיך פאַרקערעוועט צום מזרח־ברעג פונעם האָדסאָן. ביי דער אַלטער קאַדעטן־קירכע, נישט ווייט פון בית־עולם, האָבן געוואַרט דער גובערנאַטאָר טאָמאַס ע. דיואי, גענעראַל מאַקסוועל ד. טיילאָר, דעמאָלטדיקער שעף פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, און הענרי מאָרגענטוי, רוזוועלטס פינאַנץ־מיניסטער אין קריגס־צייט.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקער זוניקער טאָג. אַ לייכט ווינטל האָט געשוועבט איבערן האָדסאָן. די ערד, שפּראָצנדיק מיט בלומען, האָט געשמעקט מיט באַנייונג און האָפענונג.

אַ באַטויבטע איז עמאַ געגאַנגען פאָרויס. ווי דורך אַ נעפּל האָט זי געזען די טרויעריקע געזיכטער און געהערט דאָס שטיל איינגע־האַלטענע ברומעניש פון אַרמיי־אָרקעסטער, דאָס שאָרכן פון די טריט און דאָס פּישטשעריי פון אַן איינזאַמער בלויער קוקולקע.

אַרומגערינגלט פון פריינד, האָט זי זיך נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזוי עלנט און אַליין. זי האָט נישט געקענט באַנעמען די מיסטעריע פון דעם פאַטאַלן צופאַל, וואָס האָט פאַרשניטן זיין לעבן, זיין ליכטיקע קאַריערע. מיקי, — דער לעבהאַפטיקער און מעכטיקער מיקי — איז פאַרשניטן געוואָרן „אין סאַמע בליצייט פון זיין אמתער גרויסקייט" ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט גענעראַל קלעי. ער וועט מער נישט זיין מיט איר.

די פאָנען־וואַך האָט זיך אָפּגעשטעלט. איבער דעם קבר זענען געשטאַנען די מיטה־טרעגער, מיקיס קלאַס־חברים פון יאָר 1924. ביי דער זייט פון „גרויסן מייק", זענען געשטאַנען צוויי ישראל־העלדן: משה דיין און יוסף האַמבורגער, הגנה־קאָמאַנדיר פון דער שיף „עקזאָדוס".

מ׳האָט אַראָפּגענומען די אַמעריקאַנער פאָן פון ארון. דער ראַביי סידני טעדעשע האָט אויסגעשפּרייט בלומען אויף דעם פשוטן קאַסטן פון סאָסנעהאָלץ. דער שיס סקוואָד פון צוועלף מאַן האָט אָנגעשטעלט די ביקסן. דער עכאָ פון דריי שאַרפע זאַלפן האָט אָפּגעהילכט פון די

איינזאַמע פעלדזן פון יענער זייט האָדסאָן. אַ יונגער טראָמפּייטלער האָט אויפגעשפּילט דעם טרויערמאַרש.

די לאַנגזאַמע טענער האָבן זיך געטראָגן איבערן האָדסאָן. עמאַ האָט פּלוצעם באַנומען די דערהויבנקייט פון דער סצענע און די אמתע גאַנצקייט פון מיקיס קורצן לעבנס־דויער. מיקי האָט אַ לעבן־לאַנג געקעמפט פאַר פּרינציפּן, וועלכע זענען הייליק געווען אין די אויגן פון די גרינדער פון אַמעריקע און פון די נביאים פון ישראל. דער באַרגשפּיץ אין אבו־גוש איז ווייט אַכט טויזנט מייל פון בית־עולם, אָבער מיקיס גייסט האָט זיי דערנענטערט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען איינער נעבן צווייטן.

עמאַ האָט שטאָלץ אויפגעהויבן איר קאָפּ. כל זמן די דעמאָקראַטיע לעבט וועט איר מאַן נישט פאַרגעסן ווערן. די דערשלאָגענע פּליטים און די ליכטיק־אויגיקע קינדער פונעם פאָלק, וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן פון גיהנום, „וועלן אַלע מאָל, ווי חיים לאַסקאָוו האָט געזאָגט, הערן מיקיס אייליקע טריט, וואָס היטן די בערג פון יהודה". און אין די גאָטישע זאָלן איבערן האָדסאָן, ווו עס שוועבן אַרום די גייסטער פון וואַשינגטאָן, לאַפאַיעט, און קאָשטשיושקאָ, וועלן נישט אויפהערן די טענער פאַר דער מוטיקייט, עכטקייט און פּשוטער מענטשלעכ־קייט — די אייגנשאַפטן פון מיקי מאַרקוס.

באַמערקונג פון מחבר

קיין איינער פון די וואָס האָבן מיר געהאָלפן מיט בילדער, פאָרטרעטן און פרטים וועגן דער טעטיקייט פון מיקי מאַרקוס וועט נישט דערקענען אין די דורכגעלייענטע זייטלעך פונעם דאָזיקן בוך דעם העלד זיינעם — אַזאַ ווי ער האָט פאַרגעדענקט אים. אונטערן שאַרפן פּראָזשעקטאָר פון אַן אויספאָרש־פּראָצעדור, ווערן אפילו ביים סאַמע פשוט־סטן מענטש אויפגעדעקט כסדרדיקע איבערראַשנדיקע סתי־רות. — און מיקי מאַרקוס איז דאָך געווען איין גרויס רעטעניש...

מיין אַרבעט נעמט אַרום נישט בלויז פיל צענדליקער אינטערוויוען מיט מענטשן, נאָר אויך אַ היפּשן לייען־שטאָף — און טריט ביי טריט נאָכפאָרשונגען פון די שלאַכטן אין ישראל, אין 1948, ווי אויך אַ באַזוך פאַר דעם צוועק אין נאָרמאַנדיע.

וועגן מיקיס קינדער־יאָרן און וועגן זיין וועסט־פּאָינט־תקופה בין איך שולדיק אַ חוב בעיקר זיינע ברידער: דעם „גרויסן מייק״; איזידאָר מאַרקוס און מיקיס פריינד — דעם גענעראַל־בריגאַדיר טשאַרלס ס. סטיווענסאָן, גענעראַל־אַדיוטאַנט פון ניו־יאָרק און וויצע־הויפּט פונעם שטאַב פון גאָווערנאָר.

די געשיכטע פון מיקיס יאָרן אין דער לאַ־גוואַרדיאַ־תקופה, האָב איך אַרויסגעקראָגן פון אַ גרעסערן מאַנוס־קריפּט פונעם פאַרשטאָרבענעם לאָוועל לימפּוס פון ניו־

יאָרקער „דיילי־ניוס". פרענק גראַטאַנאַ און פרוי מאַאיר סטיוועגסאָן האָבן מיר באַלויכטן וויכטיקע ווינקלען פון מיקיס לעבן און דזשאַרדזש אַרטור ה. שוואַרץ איז געווען ברייטהאַרציק ביים איבערגעבן מיר זכרונות און רעקאָרדי־רונגען פון עטלעכע מאַרקוסעס באַנקעט־דינערס.

שליסל־אינפאָרמירער וועגן מיקיס דינסט אין דער יו.עס־אַרמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען געווען: גענעראַל דזשאָן ה. הילדרינג; גענעראַל לוסיוס ד. קלעי; מאַקסוועל ד. טיילאָר און גענעראַל־מאַיאָר ס. גאַודאַרט נאַסט. אין ישראל האָב איך געניאָסן פון דער אומגעהייערער גאַסטפריינדלעכקייט קודם כל מצד דער אָנפירונג פון די אַל־על־לופט־ליניעס. גענעראַל־מאַיאָר חיים לאַסקאָוו, געוו. שטאַבהויפט פון צה"ל, האָט מיך באַגלייט אין דער געגנט פון לאַטרון — די אַרענע פון די הויפטקאַמפן אויפן ירו־שלימער פראָנט; קאָלאָנעל ישראל כרמי האָט געטאָן דאָס זעלבע אין נגב, און קאָלאָנעל עמוס חורב האָט געמאַכט מיט מיר אַ מסוכנדיקע דזשיפּ־רייזע אויפן אָריגינעלן וועגלאָזן „בורמאַ־וועג". לסוף האָט יצחק ראַבין, דעמאָלט, פאַרטרעטער פון רמטכ"ל, פון אַ קליינעם העליקאָפּטער געוויזן מיר די ערטער, וווּ עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די צענ־טראַלע שלאַכטן.

ווערטפולע איינצלהייטן פון מיקיס טעטיקייט אין ישראל, האָב איך פאַרצייכנט פון אַ כראָנאָלאָגיש־צונויפגע־שטעלטן באַריכט פונעם ישראל שרייבער נפתלי אַרבל.

אַנדערע מינים הילף האָב איך באַקומען פון פרעמיערס אָפיס, דורך טעדי קאָלעק; פון גענעראַל־מאַיאָר יגאל ידין; פונעם קאָלאָנעל דב סיני — פון צה"לס אינפאָרמאַציע־דינסט; פון קאָלאָנעל גאַבריש לוריא — פון דער צה"ל־סעקציע פאַר געשיכטע; פונעם גענעראַל־בריגאַדיר שלמה שמיר; פון די קאָלאָנעלן יהודה פריהאַר; מורלה בר־און

און פונעם געוו׳ אַפּיציר אַלעקס ברוידאַ. אָבער מיין טיפסטן דאַנק רעזערוויר איך פאַרן קאַלאָנעל גרשון רבלין פונעם צה״ל־פאַרלאַג „מערכות״ פאַר זיין אומדערמידלעכער ענער־גיע, העפלעכקייט און קלוגע איינפאַלן ביים זאַמלען די מאַטעריאַלן צו מיין בוך.

די פרייע איבערזעצונג פונעם פלמח־ליד האָב איך געמאַכט פון דער צייכענונג פון עמוס עובד און אָפּגעדרוקט עס מיט דער דערלויבעניש פון ד. זהבי און זרובבל — די מחברים פונעם ליד.

ביים אָפּקלייב פון די מאַטעריאַלן וועגן מיליטערישע פּרטים האָבן מיר געדינט די ביכער: „אַ צוזאַמענשטויס פון שיקזאַלן״ פון דזשאָן און דייוויד קמחי (פאַרלאַג: פּראַגער, ניו־יאָרק, 1960); „אַ נייער שטערן אויפן מזרח״ פון קענעט וו. בילבי (פאַרלאַג: דאַבלדעי, ניו־יאָרק, 1950); „די שאַרף פון דער שווערד״ פון נתנאל לאָרטש (פאַרלאַג: פּיטנאַם, ניו־יאָרק, 1961); און „די אַראַביש־ישראל מלחמה, 1948״, פון עדגאַר אָ׳באַלאַנס (פאַרלאַג: פאַבער, לאָנדאָן, 1950).

אינטערעסאַנטע אויסצוגן האָב איך אַרויסגענומען פון גענעראַל גלאָבס: „אַ סאָלדאַט מיט די אַראַבער״ (פאַרלאַג: האַרפּער, 1957, און פון קאָלאָנעל מיינערטצאַגענס: „מיטל־מזרח טאָגבוך 1956—1917״ (פאַרלאַג: קרעססעט, לאָנדאָן, 1960). פאַר אַ כוללדיקן הינטערגרונט האָט מיר געדינט דב יוספס: „די טרייע איבערגעגעבענע שטאָט״ (פאַרלאַג: סיימאָן און שוסטער, 1960); „אַ קורצער פּאָליטישער וועג־ווייזער צו דער אַראַבישער וועלט״ פון פּיטער פּאַרטנער (פאַר־לאַג: פּראַגער, 1960); „בן־גוריון פון ישראל״ פון באַרנעט ליטווינאָוו (פאַרלאַג: פּראַגער, 1954) און „בן־גוריון״ פון ראָבערט סיינט דזשאָן (פאַרלאַג: דאַבלדעי, 1959).

דאָס פּערסאָנאַל פון דער „יו.עס־פּאָבליק רילייישנס

אָפיס״ אין ניו־יאָרק איז געווען זייער געדולדיק צו מיינע אָנפראַגן. אַזוי אויך די אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג פונעם ישראל־קאָנסולאַט, די ביבליאָטעקאַרן פון די ציוניסטישע אַרכיוון און די אויטאָריטעטן אין יו.עס־מיליטערישער אַקאַדעמיע. איך וויל נאָך באַדאַנקען מיינע אַגענטן דניאל האָליוווּד און דזשאָרדזש ליטאָ. ועל כולם, פיל איך זיך טיף פאַרפליכטעט צו דער אלמנה פון קוירנעל מאַרקוס — מר״ס עמאַ מאַרקוס פאַר די בריוו, פאָטאָס און פאַר די אינטערע־סאַנטע אַריינבליקן אין ביאָגראַפישע פּרטים פונעם לעבן פון מיקי מאַרקוס.

דער מחבר

☆ ☆ ☆

דאָס נאָר וואָס פאַרמאַכטע בוך „ער וואַרפט אַ ריזן־שאָטן" פירט אונדז אַריין אין די סאַמע געדיכטענישן פון די פראָבלעמען פון דער ערשט־אַנטשטאַנענער יידישער מדינה: די אַראַבישע אַרומרינגלונג; די שלאַכטן אין נגב; אין גליל און אויפן ירושלימער פראָנט.

דער רוב מענטשן פונעם בוך, זייערע האַנדלונגען, נצחונות, ראַנגלענישן, נידערלאַגעס — און די אַרענע פאַר זייערע מעשים — זענען דורכאויס יידישע. פונעם זעלבן מקור און דער זעלבער ריח פון פקחותדיקער פשטות טראָגט זיך אויך פון דער שאַרפער אינטואיציע און געניאַלער אָריענטאַציע פונעם הויפטהעלד, דעם אַמעריקאַנער קוירנעל און שפעטערדיקער ערשטער ישראל־גענעראַל דוד (מיקי) מאַרקוס; זיין התלהבות און גרייטקייט צו מסירת נפש, שאַפן אינעם בוך דעם קלימאַט פונעם טיפיש־גבורהשן קידוש־השם.

אַ בוך וואָס איז אָנגעפראָפט מיט אַזויפיל אהבת־ישראל, מיט אַזוי פיל זאָרג פאַר דער שאַרית הפליטה פונעם נאַצי־גיהנום, מיט אַזוי פיל יידישן פאַטריאָטיזם האָט **באַדאַרפט**, האָט **געמוזט** לכתחילה דערשיינען אין אַ יידישן לבוש — אין איינער פון אונדזערע שפראַכן — עברית אָדער יידיש.

פאַר וואָס איז אַזוי נישט געשען?

פאַר וואָס האָט מען אָנגעהויבן אַזאַ וויכטיק היסטאָריש־

קינסטלעריש יידיש בוך דווקא מיט ענגליש און בעיקר — פאַר וואָס איז נאָך ביז איצט, שוין צען יאָר נאָכן דער־שיינען פונעם ענגליש־טעקסט און שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט זינט די דערציילטע אין אים היסטאָרישע געשעענישן נאָך אַלץ נישט דערשינען, לפּחות, די עברית־ווערסיע זיינע? דאָס אַלץ דאַרף מען פרעגן ביי די קולטור־פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער דעמאָלטדיקער ישראל־אַמבאַ־סאַדע אין וואַשינגטאָן. איז עס געווען סתּם אַ פאַרזען, אָדער פשוטע פּאָליטישע קולטור־בלינדקייט?

אַ טיילווייזן ענטפער אויף דעם וועט דער לייענער געפינען אינעם פאָרוואָרט פונעם איבערזעצער. דאָס וואָס עס האָבן נישט באַנומען די אַמבאַסאַדע־מענטשן, האָט יאָ דערפילט דער, ווי ער באַצייכנט זיך אַליין, „פּשוטער ייד פון די בראָנקס" — דער איבערזעצער. אַזוי צי אַנדערש: אויף די דיגניטאַרן, די ממונה׳ס איבערן קולטור־לעבן פון דער מדינה, באַנוצנדיק זיך מיטן אָריגינעלן נאָמען פונעם בוך, „וואַרפט עס אַ ריזיקן שאָטן"...

וועגן דער יידיש־ווערסיע פונעם בוך וועלן מיר נישט שרייבן. מיר לאָזן עס איבער צום משפּט פונעם לייענער. בסך־הכּל האָט דער חשובער איבערזעצער, מר יוסף שוואַרץ, וועלכער איז שוין איצט אַ נייער עולה, געטאָן מיטן בוך אַ חסד של אמת, אומקערנדיק דעם ספר זיין ריכטיקן יידישן פּנים. וועגן דעם שכר פאַר זיין מי און די דורכגע־ליטענע יסורים זיינע, זע אויך אינעם דערמאָנטן פאָרוואָרט. ווי עס זאָל נישט זיין, בלייבט אים דער יידיש לייענער אַ חוב — האַרציקע ברכות.

מ. ז.

ע. ש.

צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן דערשיינט דאָס בוך אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן. ס'איז צו האָפן אַז דער שנעלער אויספאַרקויף פון דער אויפלאַגע וועט דערפירן צו ווייטערדיקע אויפלאַגעס — און דערמיט וועט דער חשובער לייענער האָבן דערפילט זיין חוב לגבי דעם אי־בערזעצער, מר יוסף שוואַרץ, וואָס האָט עס כשר פאַרדינט.



ISRAEL IN THE ARAB WORLD, 1948


CITY OF JERUSALEM
— MAY 15, 1948 —
Israeli-held
Arab-held
To Neve Ya'acov and Atarot
Mt. Scopus
GUELA
MEA SHEARIM
S. HANAVI
SHEIKH JARRAH
MEA SHEARIM
BEN YEHUDA
YAFFO
S. YISRAEL
NOTRE DAME MONASTERY
NEW GATE
OLD CITY
TOWER OF DAVID
COMMERCIAL CENTER
RUPIN
MAMILLAH
KING DAVID
HEROD'S TOMB
JEWISH QUARTER
RAMBAN
REHAVIA
K. GEORGE
ZION GATE
KING DAVID'S TOMB
Mt. of Olives
JABOTINSKY
YEMIN MOSHE
TALBIEH
GAZA
R.R. STA.
ABU TOR
KATAMON
IMENU
EMEK REFAIM
GERMAN COLONY
GREEK COLONY
BAKA'A
BETLEHEM
HEBRON
MEKOR HAYIM
TALPIOT
To Ramat Rachel
N